STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06604

ESEYEN

Sch. Gorelik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמריהו גארעליק

עסייען

פארלאג „מערב"
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
1947

ESSAYS

By

SH. GORELICK

MARIV PUBLISHING CO.
406 South Main Street
Los Angeles 13, Calif.

געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט פון
Economy Typesetting Service
1 9 4 7

שמריהו גאָרעליק תל־אביב, 1937

שמריהו גאָרעליק

(1877 - 1942)

שמריהו גאָרעליק איז געבוירן געוואָרן אין לאָכוויץ, ניט ווייט פון פּאָלטאָווע. צו דרייצן יאָר איז ער, צוזאַמען מיט זיין פאָטער גמליאל, אַ איד אַ סוחר און אַ למדן, אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, וואו ער האָט שפּעטער געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער, פאַרנעמענדיק זיך גלייכצייטיק מיט זעלבסטבילדונג. ער האָט אַ סך געלערנט, געליי־ענט און איינגעזאַפּט אין זיך דאָס שענסטע אין דער אידישער, רוסי־שער און אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג, אָבער ערשט אין 1901 איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, ווען ער האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער רוסישער צייטונג „סיעוועראָזאַפּאַדני גאָלאָס" און שפּעטער אין דער „נאָוואַיאַ זאַריאַ", וואו ער האָט געשריבן אונ־טער זיין אייגענעם נאָמען ווי אויך אונטערן פסעוודאָנים „פּאָסטאָ־יאַנני".

אַ שטיקל צייט איז ער געווען אַ בונדיסט, נאָכדעם געוואָרן אַ ציוניסט און אָנגעהויבן שרייבן אידיש אין „דאָס אידישע פאָלק" אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. לוריע. אחוץ פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען האָט ער אין דער צייטונג אָפּגעדרוקט אַ סעריע „בריוו צו אַ פריינד", וועלכע זיינען אין 1908 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך פאָרם.

ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין „ראַזסוויעט", „הזמן", „העולם" און „השלח". אין 1908 האָט ער, צוזאַמען מיט ש. ניגער און א. ווייטער אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן". אין 1910 האָט ער רעדאַקטירט דעם זאַמלבוך „דער אידישער אַלמאַנאַך" (קונסט פאַרלאַג - קיעוו) און מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע אידישע זשורנאַלן און צייטונגען אין רוסלאַנד און פּוילן: „פאָלק און לאַנד",

ש מ ר י ה ו ג אָ ר ע ל י ק

„אידיש", „דאָס בוך", „לעבן און וויסנשאַפט", „אונזער לעבן", „די נייע וועלט" און „דער פריינד".

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָט ער געוואוינט אין דער שווייץ, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין אַ פּאַסיפיסטישער, טעגלעכער צייטונג מיטן איינטייל פון ראָמען ראָללאַן. דאָרטן איז ער געווען אַרעסטירט זעקס חדשים. דערנאָך געלעבט אין בערלין, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער „אידישע רונדשוי" און „אָסט און וועסט".

אין בוך פאָרם זיינען דערשינען אין אידיש: „בריוו צו אַ פריינד", ווילנע 1908; „ליטעראַטור בילדער", וואַרשע 1912; „די ליבע פראָווינץ", ווילנע 1913; „אין וואַנדער לעבן", וואַרשע 1918; „גרויסע נשמות" און „יידישע קעפּ", בערלין 1921, אויך אַ בוך איבערגעזעצטע דערציילונגען פון ראבינדראנאט טאגאר. אין בערלין האָט ער אויך ארויסגעגעבן „פינף יאָר אינם לאַנד נייטראַליאַ", אין דייטש.

אין 1933 האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין „דבר", שפּעטער אין „הארץ". אין 1937 איז אין ארץ ישראל דערשינען אין העברעאיש זיינס אַ בוך עסייען אונטערן נאָמען „מסות" אין דער איבערזעצונג פון א. שלונסקי.

נאָך אַ שווערער קראַנקהייט איז ער געשטאָרבן אין תל־אביב דעם 25־טן אָקטאָבער, 1942.

אייניקע עסייען אין דעם איצטיקן בוך, דער עיקר די, וואָס באַרירן דאָס לעבן אין אַזעלכע אידישע שטעט ווי ווילנע, אָדעס, אַנדערע שטעטלעך אין דער אוקראַינע, קלינגען איצט אַ ביסל „פאַרעלטערט", ניט צוליב דער צייט, נאָר צוליבן חורבן פון אידישן לעבן. מיר האָבן זיי אָפּגעדרוקט ווי ער האָט זיי געשריבן, אַ זכר לחורבן, דאָס גאַנצע בוך — אַן אָנדענק דעם שיינעם איד און מענטשן, דעם גייסטרייכן שרייבער, וואָס איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט.

מיכל האָרעליק.

ערשטער טייל

ד ע ר   נ ב י א

עס איז ניט נויטיק צו זאָגן, אַז אין יענע צייטן זיינען געווען אַ סך מער נביאים, ווי די וואָס זיינען אונדז באַקאַנט, אַזויווי די צאָל פילאָזאָפן און סאָפיסטן, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן פון אַטהען, אָדער וואָס האָט דעבאַטירט צווישן זיך אין די קהלשע באָדהייזער איז געווען גרעסער ווי די, וועגן וועלכער די געשיכטע פון דער גריכישער ציוויליזאַציע דערציילט אונדז. די נביאים זיינען געווען אַ באַזונדער גרופּע אינם פאָלק. ווייער אַ קליינע גרופּע, וואָס איז געווען געבענטשט צי פאַרשאָלטן מיט אַן איינגעהאַלטענעם קנאישן פייער פאַר מענטשלאַכער גערעכטיקייט. זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט איינער פונם צווייטן מיט דער מדרגה פון זייער הייליקן טאַלאַנט, מיטן כוח פון זייער שפּראַך און מיט דער מאָס פון זייער צאָרן — אָבער אַלע ווי איינער האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט מיט דער אַבסאָלוטער ניט־צוגעפּאַסטקייט צו פירן אַ פּראַקטיש לעבן און מיט דער אוממעגלאַכקייט צוצופּאַסן זיך צו זייערע מיטמענטשן, ווײַלע צו דעם דאַרף אַ מענטש פאַרמאָגן געמיטלאַכקייט, דעם טאַלאַנט צוצופּאַסן זיך און דאָס קענען זאָגן האַלבע אמתן און קיינמאָל ניט דעם גאַנצן אמת. דער נביא אָבער איז געווען אַ מרה־שחורהניק, שטענדיק אַ פאַרצאָרנטער און אַ פאַרביטערטער, שטענדיק אַן אויפגערעגטער און, וואָס איז וויכטיקער פון אַלץ, ער איז געווען אַבסאָלוט באַרויבט פונם טאַלאַנט צו פאַרשווייגן. אין די גאַסן, אין עפנטלאַכע פּלעצער, אין די הויפן פון גאָטס הויז פלעגט דערשיינען דער נביא ווי אַ מענטש פון קריג און צאָרן אַלע טעג פון יאָר. זיינע ווערטער זיינען געווען פלאַמען פייער, אַ גרויסע שנאה, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער העכסטער אויסדרוק פון ליבע, האָט אַרויסגעאָטעמט פון יעדן זאָג זיינעם, פון יעדער תוכחה, פונם שיין פון זיין פינצטערן בליק.

שמריהו גאָרעליק

אַ פֿאַרביטערטקייט און אַ שרעקלאַכע ווידערשפּעניקייט קעגן דער וועלט און קעגן זיך אַליין; אַ שטענדיקער ווילן צו אַנטלויפֿן פֿונם פֿאָלק, צו באַזעצן זיך אין אַ פֿרעמד לאַנד און צווישן פֿרעמדע מענטשן; אַ שרעקלאַכע שנאה צו די ברידער פֿון זיין שטאַם און גלייכצייטיק עפּעס אַזאַ מין צובונד, וואָס מען קען ניט צערייסן — דאָס זיינען געווען די שטימונגען פֿונם נביא, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין ביטן. אַ, ווי פֿאַרשאָלטן איז געווען באַ זיך אַליין דער נביא, צוליבן טאַלאַנט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן צו דערקענען אין זיינע ברידער זייערע באַהאַלטענע מיאוסע מחשבות, זייערע זינ־דיקע געדאַנקען, זייער יאָגעניש און קליגלעניש, וואָס אַן און פֿאַר זיך זיינען זיי גוט, אָבער זיי דינען דאָך נאָר צו יאָגן זיך נאָך דער וועלטס תענוגים און נאָך דער הנאה פֿון זיי. פֿעך און שוועבל האָבן זיך געגאָסן פֿון נביאס מויל יעדעס מאָל, ווען עמיצער פֿון זיינע באַקאַנטע, אַן אַלטער שול חבר זיינער, פֿלעגט פּרוואָון איינצוּשטילן אַביסל זיין כעס מיט אַפּאָלאָגעטישע רייד.

— זאָג מיר נאָר, אלחנן, וואו האָסטו אַמאָל געזען אין דער וועלט אַ פֿאָלק וואָס זאָל זיך אַזוי אָפּהיטן פֿון שכרות? האָסטו ווען געזען, אַז מענטשן זאָלן זיך וואַלגערן אין די גאַסן פֿון ירושלים, איבער דעם וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָרן זייער באַוואוסטזיין צוליב וויין? גיב נאָר אַ קוק אַ יום־טוב טאָג אין אשור, אין בבל און זע אונדזערן אַ יום־טוב!

— כ׳וואָלט ליבערשט געוואָלט זען שכורים זאָלן זיך וואַלגערן אין די גאַסן פֿון ירושלים און ניט צוזען אַזויפֿיל אומרעכט. ס׳וועט חרוב ווערן די שטאָט! אַ פּוסטקע וועט בלייבן די שטאָט!

— ווידערשפּעניקע רייד, אלחנן, איבעריקע רייד! לערן זיך שווייגן. גענוג דיר שוין צו זיין שטענדיק אַ מענטש פֿון קריג. יעדער דורכגייער אין יפֿו וועט דיך באַלד דערקענען, וועט ער זיך אָפּקערן פֿון דיר, און, וואָס איז נאָך ערגער, דיינע שונאים מערן זיך און דער סוף וועט זיין מען וועט דיך פֿאַרשטיינען!

— זאָל מען מיך פֿאַרשטיינען, זאָל מען מיך שלאָגן! מ׳האָט שוין געוואָרפֿן אויף מיר שטיינער, מען האָט מיך געשלאָגן, פֿאַר־

עמייען

וואונדעט ערשט נעכטן. איך האָב זיי פיינט, אפרים, איך האָב זיי זייער פיינט! הלוואי וואָלטן מיר געקענט אַנטלויפן ערגעץ.

— האָסט זיי ליב, אלחנן, האָסט זיי ליב מיט אַ גרויסער ליב־שאַפט, אלחנן, און ווייסט ניט קענען אַנטלויפן. און ווילסטו מיך פאָלגן, לאָז אָפּ דיין כעס, קריג זיך ניט מער, באַרואיק זיך, ברודער. צו וואָס זאָלסטו זיין אַ שטענדיקער נע־ונד׳ניק! נעם זיך אַ ווייבל און, אגב, זיי מיר מוחל, ברודערל, וואָס איך וועל דיך עפּעס פרעגן: טוט דיר ניט אַמאָל וויי דער בויך?

— כ׳זע, אַז דו האַלטסט שוין אויך ווי דער נאַרישער בבלישער געלערנטער, וועלכער זוכט צו דערקלערן אַלע מאַניפעסטאַציעס פון דער מענטשלאַכער נשמה און צו באַגרינדן זיי נאָר לויט די ווירקונגען פונם גוף.

— אויב אַזוי, זיי וויסן, אַז די קראַנקהייטן זיינען מערסטנס טרעפּ, אויף וועלכע דער מענטשלאַכער גייסט ווערט דערהויבן. און ניט שטענדיק געפינט זיך אַ ריינע נשמה אין אַ קרעפּטיקן גוף. אַנ־שטאָט דעם שפּראָצט גאָר אַרויס געניאַליטעט אין אַ קראַנקן גוף. אַ נאַר, אַ טפּש איז דער געלערנטער פון בבל. ער איז אַ לערער און אַ פאַסטוך פון פעטע חזירים. און איצט פאַרלאָז איך דיך. האָסט מיך אַריינגעבראַכט אין כעס.

— כ׳האָב ניט געמיינט זיך כעסן אויף דיר, אָבער דו האָסט מיך דערצאָרנט. אַ גוטן!

אין אַ געדריקטער שטימונג גייט אַוועק דער נביא פון זיין יוגנט־פריינט און וואַנדערט אַרום פאַרלאָרן און צוועקלאָז איבער די גאַסן פון יפו. עס באַלייטן אים אויגן, וואָס דריקן אויס שפּאָט און שאַנד; די וואָס האָבן זיך געפריינדעט מיט אים, קערן זיך איצט אָפּ פון אים. דער נביא פאַרלאָזט די טויערן פון שטאָט און שניידט מיט שווערי־קייט אַריין זיינע טריט אין זאַמד. פאַרמאַטערט און מיד לאָזט ער זיך אַרונטער אויפן זאַמד. אמת, דאָס האָט פּאַסירט מיט 2500 יאָר צוריק, אָבער דאָס אָרט, אויף וועלכן דער נביא איז געלעגן, געפינט זיך איצט דאָרטן, וואו עס שפּרייט זיך די אלענבי גאַס אין תל אביב. און אַזוי ליגט זיך דער נביא אין אַלענבי גאַס און טראַכט ניט וועגן די רשעות, שלעכטס און אומרעכט פון מענטשן, נאָר אויך וועגן זיך,

וועגן אייגענעם לעבן. ער פילט מיט יעדן טאָג ווי ער פאַרלירט דעם מוט, און די שולד איז זיין חברס, וואָס קומט צו אים מיט פאַרשיידע־נע עצות און וואָרנונגען. און איבערהויפּט איז אים אַריין אין קאָפּ זיין עצה „נעם זיך אַ פּרוי״ און רויבט די רו פון זיין האַרצן. די ליבלאָכע געשטאַלט פון פנינהן דערשיינט פאַר אים, זיין לעצטער שמועס מיט איר, אין פעלד הינטער זיין דערפל אינם גליל.

— זיי מיר מוחל, געליבטער, — אַזוי האָט זי אים געזאָגט דאָס לעצטע מאָל — אָבער איך קען ניט גיין אין דיינע וועגן. מיר זיינען ניט קיין פּאָר. דיין שווייגן איז אַ פינצטערניש און הויבסטו אָן צו ריידן ברענען דיינע ווערטער ווי הייסע קוילן. גאָט האָט דיך באַ־העפט מיט דער הייליקער אומרו, וואָס ברענגט אומגליק אויפן מענטשן. און איך בין דאָך אַ שטומע טויב. אין מיין נשמה ליגן שלום און רו. איך טראָג ניט קיין בייז אויף מענטשן, און זייערע זינד קאָן איך ניט אויפדעקן. עס איז מיר גוט מיט זיי, און איך האָב ליב שלום. און דו, אלחנן, ביסט פאַראומערט און פאַרביטערט, ביסט זייער אומגליקלאַך, ביסט איינזאַם ווי אַן אָדלער אין הימל. דו וואַרפסט אָן אויף מיר אַ שרעק און אַ פּחד און דאָך האָב איך דיך ליב. גיי זיך דיר, אלחנן מיין ליבער, מיין קינדהייט־חבר, גיי זיך דיר, מיין פריינט, וואָס איז מיר ליבער פון אַ ברודער. דער גורל רייסט דיך אַוועק פון מיר. איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך וועל זייער אָפט טראַכטן נאָר וועגן דיר, און מיין האַרץ וועט קלאָגן אויף דיר.

— פנינה, פנינה — האָט געשעפּטשעט דער נביא, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער רופט הויך אויפן קול, אַז ער רופט נאָך הילף, אַז ער בענקט אומצוקערן אַמאָליקע ווייטע צייטן. די זכרונות דריקן אים אַרונטער, טרערן רינען איבער זיינע באַקן, און ער ליגט אַ פון־אַלץ־פאַרלאָזענער אויף די זאַמדן, וואו עס שפּרייט זיך אין אונדזער צייט די אלענבי גאַס.

אין זעלבן דאָרף מיט פנינהן וואוינען אויך דעם נביאס עלטערן, זיינע צוויי אינגערע ברידער און זיין שוועסטער צפורה. אַ משפחה פון ערלאַכע פּויערים, וואָס באַנוגנט זיך מיט זייער ווינציק. די משפחה האָט זיך ניט צונויפגערעדט, נאָר עפּעס ווי פון זיך אַליין איז

ע ס י י ע ן

באַ זיי אַלעמען אָנגענומען געוואָרן ניט צו ריידן מער וועגן אלחנען. עס איז אַ גרויסער ווייטיק, זייער אַ גרויסער ווייטיק, און עס איז גלייכער ניט אָנצורירן די וואונד. איז געווען אַ זון און אַ ברודער מיטן נאָמען אלחנן, און ער האָט זיך אויסגעצייכנט מער פון אַלע זיינע חברים מיט זיין פעאיגקייט אין לערנען. איז אָבער עפּעס אַ דיבוק אַריין אין אים, איז ער ערגעצוואו פאַרקראָכן. האָט ער פאַר־לאָזן דעם פאָטערס הויז, דאָס פעלד פון אורעלטערן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער שטעט און דערפער אָנצונעמען זיך פרעמדע קריוודעס, אַ שטענדיקער קריג־מענטש צו יעדן איינעם. און זיין סוף איז אַ וויסטער. אַ פוסטע־פּאַסניק מיט אַ פאַרביטערטן און צעווייטיקטן פּנים.

מען רעדט קיין וואָרט ניט וועגן אים אין זיין פאָטערס הויז. נאָר דאָס שווייגן, וואָס מען שווייגט, רעדט נאָך שטאַרקער. זיבן מאָל שטאַרקער דריקט דאָס שווייגן שבתים און יום־טובים. מען קען עס שוין מער ניט פאַרטראָגן. פּלוצלונג שפּרינגט צפורה אויף פון איר אָרט, פלאַצט אַרויס אַ געוויין און זי לויפט אַרויס אין הויף צי אין פעלד. די זין ווערן אומגעדולדיק און קענען ניט אויסזיצן ביזן סוף פון מאָלצייט. זיי זוכן זיך אַרויסצודרייען פון דער ענגשאַפט, וואָס איז שווער אַריבערצוטראָגן.

און אַז די קינדער גייען אַרויס, הויבט זיך אָן דער שמועס צווישן מאַן און ווייב. די מאַמע וואַרפט פאָר דעם טאַטן פאַרוואָס ער האָט זיך איינגעע׳עקשנט און האָט פאַרשטויסן זיין זון, ווי ער וואָלט געווען אַ פלעק אויף דער משפחה. זיין נאָמען אפילו טאָר ניט דערמאָנט ווערן אין הויז פון זיינע אייגענע עלטערן — איז עס דען ווען געהערט געוואָרן אַזוינס? און וואָס איז זיין חטא? באשר ער נעמט זיך אָן פאַר די געקריוודעטע. ער קען ניט פאַרשווייגן קיין רשעות און קיין אומרעכט. אים אַרט ניט פאַר זיך, ער טראַכט ניט וועגן זיין אייגן וואוילזיין און וויל ניט בויען קיין הויז פאַר זיך. געוויס האָבן מיר ניט קיין נחת פון דעם זון אונדזערן. אָבער ער איז ניט קיין אויס־וואורף און אפשר וועט ער געפינען גראדע חן אין די אויגן פון גאָט דעם גערעכטן, וועלכער האָט דווקא ליב אַזעלכע מענטשן.

— אַ מענטש, וועמעס רייד זיינען רק שלעכט, וועמעס אויגן עס

זעען נאָר אומגליק און צאָרן אַלעמאָל, ווי אַזוי זאָל מען אים ליב האָבן, ווי אַזוי קען ער געפעלן ווערן גאָט. ניט אַנדערע קענען אים פאַרטראָגן, ניט ער קען זיך אַליין פאַרטראָגן.

— און דאָך האָט אונדזער שכנה יוכבד געהערט די גוטע בייס פון אַ יפו׳ער דיין, וועלכער איז געקומען אַהערצו צוגאַסט צו זיינעם אַ קרוב, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, און איבערהויפּט צווישן די אָרעמסטע אין שטאָט, וואָס קוקן אויף אונדזער זון מיט פאַרגעטערונג, ווי אויף אַ הייליקן? הערסט, מיט פאַרגעטערונג און ווי אויף אַ הייליקן!

— די דאָרפסלייט דאָ וועלן נאָך אין איין שיינעם טאָג פאַרטרייבן אונדז פון אונדזער הויז און פון אונדזער שטיקל ערד איבער אָטאָ דעם הייליקן דיינעם. איך וויל מער ניטריידן וועגן אים.

ליגט דער נביא אויפן זאַמד און חלומענדיק וועגן פנינהן, ברייננגען אים אַרויף די מחשבות אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיינע עלטערן. פּלוצים באַפאַלט אים אַ תשוקה אַוועקצולאָזן זיך אַהיים. ער פאַלט באַ זיך אַראָפּ אין די אויגן. „און אפשר רעדט פון אים אַרויס נאָר זיין אייגענע גאווה?‟ אַזוי פרעגט ער זיך אַליין. אין אַזאַ מאָמענט נעמט אים אַרום אַן איין איינציקער פאַרלאַנג: אַריינצוגיין אין שטאָט אַריין צו איינעם פון זיינע לאַנגיאָריקע פריינט און אויסגיסן פאַר אים זיין האַרץ.

ער הויבט זיך באַלד אויף פון זיין אָרט אויפן זאַמד־בערגל. ער קומט אַריין אין שטאָט, און אָט וואָס ער זאָגט צדקיהון ווען ער טרעפט אָן:

— אָ, ביסטו דאָס, צדקיהו, גוט וואָס איך האָב דיך דאָ באַגעגנט. לאָמיר אַריין זיך צוזעצן אין אַ מילך־רעסטאָראַן, וואָס דאַרף זיך גע־פינען ערגעץ דאָ. קום, ברודער, מירן זיך אַוועקזעצן און וועלן זיך דורכשמועסן. פּלוצים איז געוואָרן מיר שווער מיין איינזאַמקייט. איך קען מער ניט אַרומגיין איינער אַליין.

און אָט זיצן ביידע פריינט אין אַ נאָענטן מילכיקן רעסטאָראַן. זיי שווייגן און קוקן זיך צו צום פאַרבייגייענדיקן שטאָט־עולם. דעם נביאס פנים האָט זיך באַרואיקט אַביסל און אויך זיין בליק קוקט אויס אַ באַרואיקטער.

עסייען

— דער קילער אָוונט איז אַזוי אנגענעם, — זאָגט דער נביא צו זיין פריינט צדקיהון — אפילו די מענטשן קוקן אויס היינט בעסער און שענער ווי אַלעמאָל. אָן אמתער אומגליק איז די שטענדיק־ברענענדיקע זון. די טאָג־טעגלאָכע היץ, דער שווייס, וואָס פאַר־פלייצט דעם מענטשן, זידט אויף זיין בלוט און פאַראומרייניקט זיין גוף. אָ, די היץ! זי שלעפּט עס אַרויס די בייזע געדאַנקען פון די טיפסטע טיפעניש‎ן פון מענטשלאַכן האַרצן און שפּרייט זיי אויס איבער זיין פּנים. מיטן גאַנצן האַרצן בין איך מקנא די מענטשן, וואָס וואוינען אין די קאַלטע לענדער.

— דערפאַר זיינען דאָך אויך ניטאָ קיין נביאים אין די קאַלטע לענדער — זאָגט צדקיהו.

— מיינסטו צו זאָגן, אַז די מענטשן דאָרטן זיינען רייגער און ערלאַכער ווי אין די וואַרעמע לענדער און דערפאַר זיינען די נביאים פאַר זיי איבעריק?

— ניין, איך האָב אַזוינס ניט געזאָגט. די זינד דאָרטן זיינען פילע מאָל גרעסערע און שווערערע, און פונדעסטוועגן זיינען ניטאָ דאָרטן קיין נביאים.

— וואָס־זשע האָבן זיי? ווער שטראָפט זיי? ווער דערמאָנט זיי זייערע זינד און דעם טאָג פון דין וחשבון וואָס קומט אָן? — פרעגט דער נביא פאַרוואונדערט.

— ניטאָ דאָרטן קיין שטראָפער, ניטאָ דאָרטן קיין דערמאָנער פון זינד און פון טאָג פון דין וחשבון, נאָר געשיכטע שרייבער, כראָ־ניקלער און אַסטראָלאָגן, וועלכע דערציילן פאַר די שפּעטערדיקע דורות די זינד פון דעם מענטשן, און דערביי ריידן זיי געלאַסן און רואיק. און עס איז דערביי אויך ווערט צו וויסן, אַז די זינד און די פאַרברעכנס, וועגן וועלכע איר זייט מרעיש עולם מיט אייער ברע־נענדיקן צאָרן, ווערן דאָרטן אין די קאַלטע לענדער גאָרניט דערמאָנט אפילו. די וואָס פאַרכאַפּן פרעמדע גיטער, די וואָס דריקן אָרעמע־לייט און די וואָס באַרויבן אלמנות און יתומים, ווערן דאָרטן גאָר ניט פאַררעכנט פאַר זינדיקע, און אַזעלכע מעשים האַלט מען דאָרטן אפילו ניט ווערט דערמאָנט צו ווערן. די כראָניקלער אין די קאַלטע לענדער פאַרצייכענען אויפן פּאַפּיר, פאַרשרייבן אין אַ בוך, פאַרנאָטירן אין אַ

שמריהו גאָרעליק

פראַטאָקאָל — און שטיל, מיט דער רואיקייט פון שטילקייט — נאָר די גרויסע זינד, נאָר די מורא׳דיק־שרעקלאַכע זינד.

— מיינסטו, הייסט עס, אַז מיר זיינען ניט דאָס ערגסטע פון אַלע פעלקער פון דער ערד?

— פאַרקערט, דאָס בעסטע און געדולדיקסטע פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, מיין ליבער פריינט אלחנן! ניטאָ נאָך אַזאַ פאָלק ווי דאָס אידישע, וואָס זאָל האָבן די געדולד צו פאַרליידן אַזעלכע שטערער, ווי איר, נביאים זייט עס, אין וועמעס אויגן די קלענסטע זינד וואַקסן אַזוי ריזיק אויס.

— לאָז מיך אָפּ, צדקיהו, — האָט אַ זאָג געטאָן דער נביא אַ צע־רודערטער און אַ אויפגערעגטער — אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אַביסל געטרייסט. דער אָוונט איז אַזוי גוט און אַנגענעם, און אויך די מענטשן זיינען היינט ניט ווי אַלעמאָל. זיי זיינען גוט און ריין. און אין אַזאַ מאָמענט וויל מיין האַרץ גלויבן אינם מענטשן, אַז אפשר . . .

דער נביא האָט געוואָלט זאָגן „זיינען זיי באמת גוט״, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן פון אַרויסריידן די ווערטער, ווי זיין האַרץ וואָלט אים אונטערגעזאָגט, אַז אַזעלכע ווערטער איז פאַרן קלוגן בעסער צו פאַרשוויגן און ניט איילן זיך אַרויסצוריידן זיי.

און ער האָט קיין הרטה ניט געדאַרפט האָבן, וואָס זיין אינעווייניקסטער געפיל האָט זיך קעגנגעשטעלט אַרויסצוריידן די ווערטער „זיינען זיי באמת גוט״, ווייל אויף מאָרגן — און דער טאָג האָט געברענט מיט אַ זומערדיקער היץ — האָט זיך דער נביא ווידער אַריינגעמישט אין אַ פרעמדער קריגעריי. פלאַמען תוכחה האָבן זיך געגאָסן פון זיין מויל, אַ שווערע צוקונפט האָבן אויסגעדריקט זיינע לעפצן. די גאַס האָט גערוישט מיט מענטשן, דער המון איז געוואָרן אַלץ גרעסער. די געדולד פון המון האָט געפּלאַצט, און זיין כעס האָט געברענט, וועלענדיק אומברענגען דעם נביא.

און זיי האָבן אַרונטערגעריסן פון אים זיינע קליידער און האָבן פאַרוואונדעט אים ביז בלוט.

רעליגיע און סאָציאַליזם

דער געדאַנק, וואָס דערהויבט דעם סאָציאַליזם ביזן הימל צוליב זיין שטרעבן צו מתקן זיין די וועלט, צו שליכטן די מאַטעריעלע נויט, צו ברענגען מענטשן גליק; דער געדאַנק, וואָס פאַרגלייכט דעם סאָ־ציאַליזם צו רעליגיע — איז אין תוך גענומען פאַלש און דערנידעריקט דעם באַגריף, וואָס ליגט אין דעם עצם זין פון רעליגיע. ווער עס זאָגט אַזוי, נעמט דעם דערהויבענעם מענטשלאַכן געדאַנקען־גאַנג, דעם איידעלן געפיל און דערקלערט זיי לויט דער סטרא אחרא, ס׳הייסט פון דער בחינה פון ערדישן גליק, דאָס וואָס עקזיסטירט איי־ביק. אמת, די רעליגיע איז ניט סובל די עבירות פון איין מענטשן קעגן צווייטן, אָבער דאָס איז נאָר איין פרט, כאָטש אַ חשובער פרט, וואָס שעפּט ניט אויס איר אינהאַלט מער ווי אַ טראָפּן פונם ים. אַפּ־געזען וואָס דער פּראַקטישער סאָציאַליזם, וואָס אַנערקענט דאָס רעכט פון מאַכט, איז מבטל דעם מאָראַלן יסוד, וואָס געפינט זיך אין אים, זיינען זיי דאָך בכלל ווייט איינער פון דער צווייטער. די רעליגיע איז דער וועג צו דער אוּמענדלאַכקייט, זי זוכט צו לייטערן דעם מענטשן, צו פאַרפלאַנצן אין אים מענטשלאַכע מאסן דורכן באַהעפטן זיך מיטן אין־סוף, בשעת דער סאָציאַליזם שטייט נאָך ממש ערשט אין אָנהויב וועג. אין תוך ווייס ער גאָרניט וועגן מענטשן. ער וויל גאָר ניט וויסן וועגן אים, אַחוץ זיין מאַטעריעלן צושטאַנד. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע זיין דערקענטעניש פון דער וועלט בכלל. וואָס איז דער פאַרמעגן פון דער וועלט? וואָס איז דער פאַרמעגן פונם מענטשן? — דאָס איז די הויפּט פראַגע. דער סאָציאַליזם ווייס ניט פון קיין שום אַנדער ליידן, חוץ וואָס עס פעלט אַ שפּאַר־ביכעלע אין באַנק. אין דער צייט וואָס די רעליגיע קען אָנווייזן אויף אַ סך פאַלן, ווען מענטשן, וואָס דאָס ליכט פון דער רעליגיע האָט אויפגעהעלט פאַר זיי, האָבן מיט זייער אייגענעם גוטן ווילן מוותר געווען אויף

זייער גרויסן פאַרמעגן און מאַטעריעלע גיטער, האַלט דער סאָציאַליזם זיך אין זיין שיטה, אַז יעדער מענטש איז מיט אייזערנע קייטן פאַרבונדן מיט זיין מצב, און נאָר דער מאַכטיקער אָרעם, וואָס ווערט הונדערט מאָל שטאַרקער דורך שנאה, איז בכוח צו צערייסן די קייטן. די רעליגיע איז אויף יענער זייט פון לעבנס־דערפאַרונג, אין דרויסן פון דער וועלט; און נאָר דורך באַהעפטן זיך מיט דער שכינה, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פון לעבן, האָפט זי צו דערהויבן דעם מענטשן אויף אַזוי פיל, אַז די ערדישע רשעות זאָל אַליין אַרונטערפאַלן פון אים, בשעת דער סאָציאַליזם זוכט צו הערשן איבערן מענטשן מיט גוואַלט, ס׳הייסט, מיטן כוח פון רשעות און פון רויב.

דער סאָציאַליזם און איבערהויפּט דער וויסנשאַפטלאַכער, באַשר ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס דערקענטניש פון דער וועלט און פונם מענטשן, נאָר אויף איין זאַך, איז וויסנשאַפטלאַז, באַגרענעצט, שמאָל־קעפּיק. אָבער די רעליגיע ווייס אַלץ וועגן מענטשן און וועגן וועלט, און קען דערפאַר ניט צוזאָגן קיין ערדישן גליק. אַזאַ הבטחה וואָלט געמיינט פאַרפלאַכן דעם מענטשלאַכן גייסט. ווײַלע די רעליגיע ווייס פון אַ סך גרעסערע צרות און אַנערקענט אַלע נויטן, קען זי ניט זען דעם איינציקן גליק, נאָר אינם אָפּשאָפן פון די מאַטעריעלע נויטן. זי ווייס, אַז צרות הויבן זיך אָן דוקא ווען מען מיינט אַז מען איז פון זיי פטור געוואָרן. די רעליגיע ווייזט אָן און לערנט מיט איר נאָבעלן גייסט וועגן די שאָטן־זייטן און דעם טרויער, וואָס עס איז דאָ אין דעם מענטשנס קיום בכלל. בכלל, און דערפאַר במילא אַ חוצן אויסגלייכן די גרויסע מאַטעריעלע פאַרשיידנאַרטיקייטן. דער סאָציאַליזם ווייס נאָר דעם ביליקן גלאַנץ, דעם גלאַנץ און פוץ פון אַלומינום און פון צעללאָיד, אָבער די רעליגיע פאַרמאָגט דעם טרויער פון אַלטן שווערן גאָלד. דעם סאָציאַליזם און די אַלע, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אים, פעלט דער „טראַגישער געפיל פון לעבן״. דער באַנאַלער אָפּטימיזם, וואָס באַצייכנט די לערע, פאַרוואַנדלט די סאָציאַליסטן — איבערהויפּט זינט זיי האָבן פאַרביטן די מאָראַלע און התפעלות׳דיקע סענטימענטאַליטעט פון דעם אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם אויפן גראָבן פאַנצער פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם — אין מענטשן אומאינטערעסאַנטע, אויבערפלעכלאַכע אין

זייער גייסטיקייט און באַגרענעצטע אין זייער נשמה׳דיקייט. איבער־הויפּט אַנטפּלעקן זיך די אייגנשאַפטן אויף דער עלטער. דער סאָ־ציאַליסט, צו וועמעס אויערן עס האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט דער פליגל־געוויש פונם געדאַנק, וואָס פליט אַרויפצוצו, ווערט אויף דער עלטער נאָר אַ טרוקענער פּאָזיטיוויסט און אַ דאַרוויניסט, וואָס פאַר־מאָגט קיין שום פרישקייט ניט. ווען ער קומט אַריין אין דער על־טער, ברענגט ער גאָר ניט פאַר זיין נשמה. צו לאַנג האָט ער געלעבט אַ לעבן פון גייסטיקן און נשמה׳דיקן דלות, האָט ער ניט געהאַט דערפאַר וואָס אָפּצושפּאָרן אויפן האַרבסט און אויפן ווינטער פונם לעבן, די צייט, ווען מען פאַרטיפט זיך אין דערהויבענע געדאַנקען און איידעלע באַטראַכטונגען. דאָס איז די נקמה, וואָס ווערט גע־נומען פאַרן אויבערפלעכלאַכן און אַזוי אָפּשטויסנדיקן אָפּטימיזם, דאָס איז די נקמה פאַר דער פוסטער גאווה און פאַרן האַס, דאָס איז די נקמה פאַר די פאַלשע הבטחות פון גליק, וואָס איז ניטאָ און וואָס קען ניט זיין.

פון דעם שטאַנדפּונקט קען ניט באַטראַכט ווערן די שטאַרקע פאַרבינדונג מיטן סאָציאַליזם און מיט פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע טעאָריעס מצד אַ גרויסער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ, ווי אַ באַווייז, אַז דער סאָציאַלער געוויסן איז וואָך באַ זיי אין האַרצן, נאָר ווי אַ סימן דלות פון זייערע גייסטיקע און נשמה׳דיקע אייגנ־שאַפטן. פאַר אַ וואַכן סאָציאַלן געוויסן דאַרף מען ניט האָבן דוקא אָרגאַניזירטע פּאַרטייען פון סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַריער. אין דער „סאַלוויישן אַרמיי״ צום ביישפּיל, — די גרעסטע אינטערנאַצי־אָנאַלע רעליגיעז־פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע — געפינט מען מער ליבע צום מין מענטש, מער וואַכן סאָציאַלן געוויסן ווי אין אַלע סאָ־ציאַליסטישע גרופּירונגען. די דערשיינונג, וואָס אידישע יונגעלייט, די אידישע אינטעליגענציע, געפינען ניט פאַר זייער וואַכן סאָציאַלן געוויסן קיין אַנדער פאָרמע ווי נאָר דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, באַווייזט אונדז, אַז מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט סתם אַ סאָציאַלן געוויסן, מיט סתם ליבע צום מין מענטש, נאָר מיט דער גוואַלט־הערשאַפט און מיט קאַמף־געפילן, וואָס געפינען ניט פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר אויף אַטאַ דעם שלאַכטפעלד און אין אַטאַ

דער פּאָרמע. אין די קאַמף־שיטות און אין די דעמאַגאָגיע־וועגן — אפילו פון די אידישע סאָציאַליסטן — קען מען ניט זען דוקא אַן אַנטפּלעקונג פון גוטהאַרציקייט און ליבשאַפט.

אָן דעם ווערטל „מה אנו ומה חיינו", ניט ווי אַ מליצה־ווערטל, נאָר ווי אַ געפיל, מיט וועלכן מען איז דורכגעדרונגען דורך און דורך, אָן דעם „טראַגישן געפיל פון לעבן" איז דער מענטש אומגעהויער ווייט פון דערהויבנקייט. אָבער פון דעם דרינגט אויך ניט, אַז צוליב דעם „טראַגישן געפיל פון לעבן" מוז דער מענטש אַרומגיין שטענדיק פאַרפינצטערט. ניין, אַ דערהויבענער שמייכל שוועבט אויפן מענטשנס פּנים, און ער דערוואַרט ניט קיין ישועה פון דער אָרגאַניזאַציע און אַ מאַסן־מענטש ווערט ניט פאַרוואַנדלט אין אַ אָפּגאָט, נאָר ווייל ער איז איינער פון דער מאַסע. די באַדינונג פון קערפּער פילט מען אויס ווי אַ נויטווענדיקייט און ניט מער.

דער סאָציאַליזם איז אַזוי אַרום נאָר אַ שאָטן פון דער לעבנס־לערע, ווייל ער קען און אַנערקענט נאָר אַ טייל פון דער מענטשהייט און אַ טייל פון דער וועלט. באַ אַ טיבעטישן לאַמאַ, וועלכער וואוינט ערגעץ אין די הויכע פעלזן־שפּאַלטן פון טיבעט, קען מען געפינען מער וויסן וועגן מענטש און וועלט, ווי באַ קאַרל מאַרקסן. סוף כל סוף אַנטפּלעקט זיך דער סאָציאַליזם ווי אַן אומפּרוכטבאַרער בוים. דער פּרואוו אָוועקצושטעלן אים אויף איין שטופע מיט דער רעליגיע צוליב זיין מאָראַלישן גרונט, צוליב דעם גרונט פון גערעכטיקייט צווישן מענטשן איז אַ חילול השם. די רעליגיע קען אָנווייזן אויפן בן־מלך, וואָס האָט מיטן גוטן ווילן אָנגענומען דעם פּיין פון אָרעמקייט און האָט אַרונטערגעבראַכט אונטער די פליגל פון דעם בודאַ־גלויבן הונדערטער מיליאָנען מענטשן, בשעת דער סאָציאַליזם פאַרשרייט די וועלט נאָר מיט קאַמף לידער פול מיט שנאה. טרוקן און אָן נשמה־זאַפט איז דער סאָציאַליזם. ער פאַרמאָגט ניט קיין לעגענדע־געשטאַלטן. די שנאה איז לעגענדעלאָז און דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם איז אַ סאָציאַליזם פון שנאה.

די געדאַנקען, וואָס זיינען דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן נאָר אין דער פּאָרמע פון ראשי פּרקים, זיינען געצילט אָנצואווייזן אויף די גייסטיקע און אויף די פּסיכישע קוואַלן, פון וועלכע עס שטראָמט אין

עסייען

די הערצער פון אַ צאָל מענטשן דאָ אין לאַנד, די קעגנערשאַפט צו אונדזער סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט און האָט דערגרייכט צו ווערן אַ הערשנדיקע גרופּע און וואָס גרייט זיך צו ווערן דער אייג־ציקער דערציער פאַרן אויפקומענדיקן דור און, ווי באַוואוסט, אויך דער איינציקער בויער פון לאַנד. אין דעם האַרץ פון אַ צאָל מענטשן, אין דעם האַרץ פון יחידים, אין די אויגן פון אַ צאָל יחידים איז עס די גרעסטע אַנטוישונג, וואָס די אויסערגעוויינלאַכע היסטאָרישע גע־שעעניש, דער קיבוץ פון אידן, די צעזייטע און צעשפּרייטע אין דער גאַנצער וועלט און זייער ווידער־פאַראייניקונג אויפן באָדן פון זייער היסטאָרישן פאָטערלאַנד נאָך אַ פּעריאָד פון צוויי טויזנט יאָר — גע־פינט דאָ דעם אומפּרוכטבאַרן סאָציאַליסטישן מאַרקסיזם. די אידי־שע יוגנט, די אידישע אינטעליגענציע האָט ניט געפונען דאָ קיין אַנ־דער פאָרמע פאַר אירע שטרעבונגען און בענקשאַפטן. אויף אָטאָ דעם באָדן, אויף וועלכן רעליגיעס זיינען אויסגעוואַקסן, אויף דעם באָדן, אויף וועלכן עס זיינען געבראַכט געוואָרן דער וועלט די דער־הויבנסטע און טרויעריקסטע בשורות, וואו עס זיינען געזונגען געוואָרן לידער פול מיט התלהבות ווי אויך לידער אָנגעזאָפּטע מיט יאוש, — אויף אָטאָ דעם באָדן פאַרפלאַנצט מען איצט ניהיליסטישע וועלט־אַנשויאונגען. עס איז דאָך די גרעסטע אַנטוישונג צו זען פאַר די אויגן ווי „דער וואַכער סאָציאַלער געוויסן און דער סאָציאַלער געפיל״ געפינען זייער אויסדרוק נאָר אין דער אָרגאַניזירונג פון סאָציאַליס־טישער שנאה. און אַזוי זעען מיר ניט פאַר זיך קיין נייע אידישע אינטעליגענציע, ניט קיין באַנייטע דורך דער גרויסער געשיכטלאַכער געשעעניש, נאָר אַן אינטעליגענציע, וועמעס אונטערדריקטער שטרעבן צו כוח און הערשאַפט, האָט זי געבראַכט צום פּראָלעטאַריש־רעוואָ־לוציאָנערן סאָציאַליזם.

⚜

ברוך שפינאָזאַ און קאַרל מאַרקס

דעם נאָמען פונם אידיש־אַמעריקאַנעם שרייבער וואלדא פראנק האָב איך געהערט צום ערשטן מאָל אין פאַרבינדונג מיט אַ שמועס, וואָס עס האָט פאַרעפנטלאַכט אונדזער גאַסט פון אַמעריקע, חיים גרינבערג, אין וועלכן עס איז אויסגעמאָלט געוואָרן אַ בילד פונם גייסטיקן, געזעלשאַפטלאַכן און פאָליטישן געמיט־צושטאַנד צווישן די פאַרשטייער פון דער אידישער אינטעליגענץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָט דער נאָמען וואלדא פראַנק, פון וועמעס פען איך האָב קיינמאָל קיין שורה ניט געלייענט, איז געבליבן שטעקן אין מיין זכרון צוליב די זייער אינטערעסאַנטע זאַכן, זאַכן זעלטענע און וואונדער־לאַכע, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין יענעם שמועס.

אָטאָ דער וואַלדאַ פראַנק איז געטריי צום געמיט־צושטאַנד פון זיין לאַנד, וואָס געפינט זיך איצט אין אַ מין גייסטיקן אויפברויז צו געפינען אַן אמתן און גלייכצייטיק אַ מאָדערנעם סאָציאַלן יושר, און איז, פאַרשטענדלאַך, נוטה צום עקסטרעמען סאָציאַליזם. אָבער פון דער אַנדער זייט אַלס שרייבער און שיין־גייסט פילט ער זיך באַגרע־נעצט און, אין דער טיף, אפשר אויך פאַרשעמט איבער דעם היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם — די שיטה, וואָס איז אַ מין געזעלשאַפטלאַכע „תורה" פאַרן פראָלעטאַריש־מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם.

וואָס־זשע איז דאָ צו טאָן? וואָס טוט וואַלדאַ פראַנק?

ער פרוווט מאַכן אַ צענויפגוס, אַ מין גייסטיקן קאָקטייל. ער זוכט צונויפצופאָרן עפעס ערדישעס און עראָטישעס מיט אַ העכערער רואיקייט און אַ גרעסערן פאַרשטאַנד. דעם רעוואָלוציאָנער מיטן פילאָזאָף. ברוך שפינאָזאַן מיט קאַרל מאַרקסן. דורך אָט דעם שידוך וויל ער פאַרפיינערן דעם מאַרקסיזם און צופאַסן אים צום סאַלאָן. דאָס איז דער געדאַנק פון אַן אַריסטאָקראַטישן שרייבער, און איז מער ענלאַך צו די פרוכט פון די געדאַנקען־שפריצער, וואָס פאַרברענגען

עסייען

די צייט נאָך זייער אַרבעט אין די אַמעריקאַנער סאַלאָנען, וואו מען איז מתקן די וועלט צווישן איין קאַקטייל און דעם צווייטן דורך סתם רייד, פלאַפּלעריי און פּוסטע פראַזן.

אַ קאַקטייל איז ניט שייך אָפּצופרעגן. וואָס מער דער שר המשקים מישט צונויף פאַרשיידענערליי „קעגנגעזעצטע״ געטראַנקען, אַלץ גרעסער איז זיין ספּעציאַליטעט. עפּעס וואָס קומט אַלעמאָל פון דעם אַרויס און אָפטמאָל עטוואָס זייער שאַרפס. אָבער דער ענין פון גייסטיקע צוזאַמענגוסן פאָדערט אַ גרעסערע אָפּגעהיטקייט. דאָ קען אַ ניט־קיין־פּאַסיקער־שידוך ווערן אַ חילול השם. יעדנפאַלס איז פאַראַן אין דעם אַ געשמאַקלאָזיקייט. וואָס קען מען האָפן אַרויסצובאַקומען פון אַזאַ גייסטיקן „כלאים״, ווי דער נזיר, וואָס לעבט אָפּגעזונדערט פון דעם טומל און תאוות פון דער וועלט, ברוך שפינאָזאַ, מיט דעם מענטשן, וואָס צילט נאָר צו אַן עקאָנאָמיש־פּראָ־לעטאַרישן צוזאַמענשטויס — קאַרל מאַרקסן? וואָס פאַר אַ סמיכת הפרשה איז דען דאָ צווישן „גייסטיקע ליבע צו גאָט״ פון דעם פּי־לאָזאָף פון האַאַג און צווישן „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַר־אייניקט זיך״ פונם מחבר פונם קאָמוניסטישן מאַניפעסט? געוויס האָט שפינאָזאַ אַריינגעקוקט פון זיין אויבערשטיבל אין וועלט און אין מענטשן. ער האָט געהאַט באַשטימטע געדאַנקען וועגן דער ראָליע און די פליכטן פון דער מלוכה, וועגן די צווישן־אַנאַנדער־באַ־ציאונגען פונם בירגער מיט דער מדינה; געוויס האָט ער געוואוסט, אַז די רעגונגען, די עפעקטן זיינען עס דער כוח, וואָס הויערט איבערן מענטשן און פּולסירט אין אים, און אַז די נאַטירלאַכע שטרעבונג פונם מענטשן איז נאָך גליק און אַז זיין נאַטירלאַכע קעגנערשאַפט איז צו יסורים. אָבער שפינאָזאַ דערווייזט און לערנט אונדז אויך די נישטיקייט און די אויסזיכטלאָזיקייט פון אָט די אַלע רעגונגען, ער באַווייזט אונדז דעם מענטשנס באַגרענעצטקייט, זיין אַרונטער־זינקען צו דער מדרגה פון אַ קליין אומוויכטיק קערנדל, נאָר איינס פון די רינגעלאַך אין דער וועלט־אָרדענונג, וואָס שניידט זיך איין מיט אַ זייער האַרבער געזעצלאַכקייט און אין וועלכער איין רינגעלע שטויסט זיך און קעמפט מיטן צווייטן. מיר זיינען ניט פריי. און אפילו גאָט כביכול איז ניט פריי. ער קען זיך ניט מצמצם זיין, און

ווערט איבערגוואלד פארקערפערט אין דער נאטור און שיינט ארויס דורך דער גאנצער נאטור. אלץ וואס מיר טוען און אלץ וואס עס טוט זיך מיט אונדז, דרינגט ארויס פון דער אייזערנער בויטוועגדיקייט. אונדזער פרייהייט און דער איינציקער מקור פון אונדזער גליק איז נאר אין דעם, אז מיר זאלן אנערקענען אטא די בויטוועגדיקייט מיט אונדזער גוטן ווילן.

אפשר האט געשוועבט פארן אויבנדערמאנטן אמעריקאנעם־אידישן שרייבער א באשטימטער פארגלייך צווישן דער הארבער געזעצלאכקייט פון שפינאזאס לערע און צווישן דעם היסטארישן מאטעריאליזם פון מארקסן, פון וועלכן, ווי עס איז באוואוסט, איז ניטא קיין אנטרינונג. אבער אויב עס איז דא צווישן די צוויי א געוויסע ענלאכקייט, ווערט זי באלד איבערגעריסן. די וועגן צעגייען זיך דא. שפינאזאס וועג פירט ארויף אויף א הויכן בארג, אויף וועלכן עס וואגן ארויפצוקריכן נאר אזעלכע, וואס זיינען פארזיכערט פון קאפפארדרייעניש און ליבהאבער פון איינזאמקייט־רו, בעת מארקסעס וועג פירט אין די ערטער, וואו עס קומט זיך צונויף דער פשוטער המון אויסצודריקן זיינע געפילן און זיינע האפענונגען און צו קעמפן פאר זיי. ארום שפינאזאן הערשט א גזירדיקע רואיקייט, אן ארעמקייט פון ווערלן און א באנוגענען זיך, און ארום מארקסן הערשט אן אויפשטאנד קעגן דער אומגלייכער צעטיילונג פון ערדישע ווערטן, און אלע איבעריקע פראבלעמען, אינטערעסן, באגריפן זיינען הפקר און נאר די אומגלייכקייט ווערט באטאנט אלס איינציקער צענטער. וואס האט א סאציאליסט, א פראלעטארישער מארקסיסט צו טאן מיט שפינאזאן?

מען האט פארגליכן שפינאזאס לערע מיט דער לופט פון בערג: אריסטאקראטיש, הויך, געטלאך, קלאר און ריין, אבער . . . קאלט. און אין דער אמתן קען מען ניט לייקענען, אז עס בלאזט א ווינטערקעלט פונם צודעק, מיט וועלכן שפינאזא האט איינגעוויקלט זיין לערע. אבער וואס טיפער מען דרינגט אריין אין זיינע רייד און מיין פון זיין עטיק, דערפילט מען אלץ מער די ווארעמע אטמאספערע און די רעליגיעזע באגייסטערונג, וואס מען טרעפט נאר בא גרויסע מיסטיקער, וואס זיינען פארכאפט פון א בענקשאפט נאך געטלאכקייט.

עסייען

און וואָס גיט שפּינאָזאַ דעם, וואָס האָט געוואָגט אַרויפצוגיין צו אים אויפן שפּיץ באַרג? וואָס גיט ער אים אָנשטאָט די פּילע אילו־זיעס, וואָס ער האָט צעשטערט? ער גיט אים זייער ווייניק פונם שטאַנדפּונקט פון אַ קעמפנדיקן פּראָלעטאַרישן מאַרקסיסט. ער גיט אים נאָר די פרייד פון דערקענטעניש, די פרייד אַרונטערצוזינקען אין די כוואַליעס פון דעם אין־סוף, די פרייד פון דער אומבאַגרענעצטער באַהעפטונג און באַטראַכטונג מיט און וועגן דער געטלאַכקייט, די פרייד פון גייסטיקער ליבע צו גאָט, וואָס פאָדערט גאָרניט פאַר זיך אַליין. „ווער עס האָט ליב גאָט וועט ניט פאָדערן, אַז גאָט זאָל אים אומקערן דערפאַר מיט ליבע“. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ מער־אוממאַרקסיסטישע זאַך ווי שפּינאָזאָס וועלט פון געדאַנק און געפיל, וואָס איז געבויט אויפן געבן אָן קיין שום שכר־פאָדערונג; עס איז שווער מסביר צו זיין אַזאַ שיטה צו אַ וועבער, צי צו אַ מינען־גרעבער; עס איז אוממעגלאַך צו טראָגן אים טרייסט אינם גליק פון אַבסטראַקטער דערקענטעניש. אָבער מען טאָר זיך אויך ניט שפּילן מיט גייסטיקע צאַצקעס און צוזאַמענגיסן זאַכן, וואָס זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי הימל איז ווייט פון דער ערד.

שפּינאָזאַ איז אַ הויכער גייסטיקער אַריסטאָקראַט. ער פאַרמאָגט נאָר אַ בוידעם־שטיבל אָן באַקוועמלאַכקייט, אַ שטעקן, אַ ירושה פון טאַטן און אַ ביכער־שראַנק, וואָס אנטהאַלט אַ וואַסערע צוואַנציק ביכלאַך, זיין מאָלצייט באַשטייט נאָר פון אַ ביסל גרויפּן־זופּ, אָבער דורך זיין פענצטער שיינט אַריין די זון, און ער איז רייכער פון אַ מלך, צי קען דען זיין אַ וואָסער ניט איז געמיינשאַפטלאַכקייט צווישן מאַרקסעס ווענדונג צו רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפטן כדי צו פאַרווירקלאַכן דעם סאָציאַליזם און צווישן דער „פּראַקטישער“ פי־לאָסאָפיע פון שפּינאָזאַן, וואָס זוכט צו דערפירן דעם מענטשן צו דער בענקשאַפט נאָך לעבן־חכמה אויפן וועג פון אַנגעהויכטער גייסטיקייט, אויפן דרך פון איבערווייניקסטער פאַרפאַלקאָמונג? וואָס מאַרקס איז אויסן האָט שפּינאָזאַ קיינמאָל ניט געקענט מיינען, און זייערע מיט־לען צו דערגרייכן דעם גליק פאַרן מענטשן ווי אויך זייערע באַגריפן וועגן דעם ענין זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע פון אָנהויב ביזן סוף. דער מוט, וואָס עס פאָדערט זיך צו גיין מיט שפּינאָזאָס שיטה

שמריהו גאָרעליק

איז אָסך אַ גרעסערער ווי דער מוט פונם המון וואָס די רעוואָלוציע פּאָדערט. שפּינאָזאַ האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ גבורה עס איז נויטיק כדי אַריינצוטעמען די שניי־שפּיצן־לופט פון זיין חכמה און פון זיין לעבנס־לערע. האָט ער דאָך טאַקע אַזוי געזאָגט: „דעם וועג, וואָס איך האָב אָנגעוויזן איז מעגלאַך אַ שווערער, אָבער וויכטיק איז וואָס דער וועג איז פאַראַן און וואָס מען קען אים געפינען. על כל פנים איז אוממעגלאַך, אַז אַ זעלטענע זאַך זאָל ניט זיין שווער. אויב די רעטונג איז אַזוי גרינג און פשוט און עס איז אַזוי לייכט צו געפינען זי, פאַרוואָס־זשע איז ניטאָ כמעט קיין מענטש, וואָס זאָל זי באַגרייפן און דערפילן זי?" און זיין עטיק פאַרענדיקט ער מיט די ווערטער: „יעדע דערהויבנקייט איז שווער אויף וויפיל זי איז אַ זעלטנהייט".

ווען אַזאַ לערע ווי די מאַרקסיסטישע וואָלט זיך באַוויזן אין שפּינאָזאָס צייטן, וואָלט דער גרויסער איינזאַמער פילאָסאָף אָפּגעשטויסן זי פון זיך בלתי ספק, און מען וואָלט געקענט נאָר אַ שמייכל טאָן ווען אַ האָלענדיש־אידישער שרייבער פון האַאַג, צי פון אַמסטערדאַם אין דעם 17־טן יאָרהונדערט וואָלט געוואָלט באַווייזן אַ געמיינשאַפטלאכקייט צווישן אים (שפּינאָזאַן) און דעם קאַרל מאַרקסן פון יענעם דור. שפּינאָזאַ און קלאַסן־קאַמף? שפּינאָזאַ און דאָס אַנרייצן פונם המון צוליב דער צווייפלהאַפטער תורה פון מערוועדט?

אַ טייל פון שפּינאָזאָס הויפּט ווערק אַנטהאַלט אין זיך אַן אַנאַליז פון מענטשלאַכע רעגונגען. עס זיינען פאַראַן רעגונגען פון אַ נידעריקער שטופע און פון אַ העכערע שטופע, און שפּינאָזאַ לערנט אונדז ווי צו באַפרייען זיך פון די נידעריקע רעגונגען און ווי צו דערגרייכן די העכערע. דער צוזאַמענגיסער פון די גייסטיקע קאַקטיילס, דער אידיש־אַמעריקאַנער שרייבער וואַלדאָ פראַנק, האָט געוויס געקענט שפּינאָזאַן אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל דערפילן, אַז די שנאה־געפילן וועגן וועלכע עס לערנט דער מאַרקסיזם, קענען ניט פאַררעכנט ווערן צווישן די גוטע אַטריבוטן, אויף וועלכע שפּינאָזאַ האָט געקוקט אַלס די איינציקע, צו וואָס דער מענטש דאַרף שטרעבן.

⚜

„טשעפּע מיך ניט"

קענט איר זיך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך באַ אידן, און איז אַזוינס בכלל מעגלאַך, אַז אַ איד זאָל זיך אַוועקשטעלן און זאָגן: איר ווייסט גאָר־ניט, אַז איך און מיר אַלע געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון אומבאַ־רירלאַכקייט, אַז איר טאָרט מיך ניט אַנרירן, מחמת איך בין אַ קדוש; און איר טאָרט בשום אופן ניט זוכן אין מיר קיין חטא און קיין מום (און דאָס איז דאָך אַזוי מענטשלאַך!); פאָדערן, אַז איך זאָל ווערן גוט און פרום אין אַלע וויכטיקע הינזיכטן; אַז איר מוזט איינהאַלטן אייער כעס ביז עס וועט זיך ענדיקן מיין צושטאַנד פון אומבאַריר־לאַכקייט אָדער ביז מען וועט עס בטל מאַכן?

ס'איז אַ פאַקט, אַז עס עקזיסטירט באַ אונדז אַזאַ אומבאַרירלאַכ־קייט, אַזאַ „טשעפּע מיך ניט" אַ אידישער, און ער איז וואונדערלאַך און פּאַראַדאָקסאַל אין זיין כאַראַקטער. ווײַלע ערשטנס, איז אַטאַ די אומבאַרירלאַכקייט חל נאָר אויף אידן אַליין, ס'הייסט, נאָר אַ איד טאָר ניט אַריינקומען צו אַ צווייטן אים אַנלערנען, אָדער אַנרירן אים, אָבער אויף די אומות העולם, פאָרשטייט זיך, איז ניט חל אַזאַ געזעץ. פאַרקערט, זיי רירן שוין גאָר אָן אייגע די אַנדערע מיט כוח, מיט קראַפט, און עס ווערט קלאָר, (און דאָ איז דער פּאַראַדאָקס!), אַז די אידישע אומבאַרירלאַכקייט איז ניט קיין פועל יוצא פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס, פון העכערן רעכט, ווי אַ שטייגער די, וואָס פּאַרלאַ־מענט־דעפּוטאַטן געניסן, נאָר איז אַ רעזולטאַט פון דעם צושטאַנד פון רעכטלאָזיקייט, אָדער פון מערערע באַגרעניצונגען, פון פאַרמינערן פריערדיקע רעכט; און וואָס מער די גזרות און די צרות פאַרמערן זיך, און וואָס אָפטער זיי קומען פאָר, אַלץ גרעסער ווערט די ספּעציפישע אידישע אומבאַרירלאַכקייט, דער „טשעפּע מיך ניט", די פאַרהייליקונג דורך יסורים. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ צושטאַנד פון ספּעציעלע רעכט, וואָס ס'געניסט אַ חולה, מיט וועלכן מען מוז על פּי נויט זיך

פירן מיט חסד און מיט רחמים, מ׳טאָר ניט אויפהויבן אויף אים קיין הויך קולביים ריידן, אַזוי, אַז אפילו דער שטרענגסטער מוסר־זאָגער, און דער קריטיקער, וואָס האָט פאַרשאַרפט זיין פען און האָט זיך צו־געגרייט צו פאַרעפנטלאַכן אָן רחמנות יעדע עוולה און יעדן מיאוסן שטריך — לאָזט אַרונטער די הענט און פאַרלירט דעם מוט צו ריידן שטרענג. ניט ווילנדיק ווערט מען אַ מקונן און דערנאָך גאָר אַ מליץ־יושר. פון כעסדיקער פאַרביטערונג ווערט מען גאָר אַן „אתה בחרתנו״ זינגער, און ניט מחמת מען וויל אַזוי, נאָר צוליב די געשע־ענישן.

ווילכן אידישן שרייבער איז ניט באַקאַנט אָט דער ספּעציעלער צושטאַנד, וואָס די גויאישע שרייבער וויסן פון אים גאָר זעלטן אין אויסנאַמס־פאַלן ווי מלחמות חס ושלום אָדער שרעקלאַכע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס? ניט אַזוי איז דער אידישער שרייבער. פאַר אים איז אָטאָ דער צושטאַנד אַ שטענדיקער. זייער אָפט מוז ער אַראָפּ־נעמען זיין געווער, דאָס געווער פון דער בויטיקער און היילנדיקער קריטיק און ווערן אַ קלאָגער אויף זיין פאָלקס ליידן, אָדער אַ נחמו־נחמו זאָגער לויטן טראָפ פון אתה בחרתנו. צו יעדער צייט קענען אים צווינגען צו דעם אַ צוויי־דריי טעלעגראַמעס אין אַ פרימאָרגן־צייטונג.

איז זיך געזעסן דער באַרימטער ערנסטער אידישער שרייבער ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים שרייבטיש און האָט אָנגעשריבן עפּעס אַ שאַרפס און אַ שמייסנדיקס און האָט זיך געטראַכט: איז דאָך געווען באַ אידן אַ מענדעלע מוכר ספרים, אַ קפדן און אַ כעסן, וואָס האָט אויסגעגאָסן זיין כעס און זיין שפּאָט און זיין גאַל אויף גלופּסק און באַטלאָנסק און קאַבצאַנסק פון אַמאָל, איצט איז אויך נויטיק צו טאָן אַזוינס פון צייט צו צייט. אויך איצט איז נויטיק אויסצוגיסן דעם כעס און שפּאָט אויף די פאַרשיידענע פאַרדאַרבער, וואָס געפינען זיך אויך צווישן אונדז, ווי אומעטום אין דער וועלט, פונקט ווי מענדעלע, דער מחמיר און דער כעסן, האָט עס געטאָן אין זיין צייט.

און אָט דער געפיל, אָט די נויטווענדיקייט צו טאָן אַזוי האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין אים, באַכדעם ווי ער האָט זיך פריער אַביסל געפונען צווישן גייסטיקע אידישע פירער, וואו מען האָט זיך

באַקלאָגט אויף דער גרויסער מאָס אַפּאַלאָגיע, וואָס עקזיסטירט באַ אונדז; וואָס מיר פאַרמאַכן אָפּט אונדזערע ביידע אויגן און מאַכן זיך ניט זעענדיק און ניט הערנדיק מכוח זאַכן, וועגן וועלכע מען דאַרף ריידן קלאָר און אָפן.

הקיצור, דער שרייבער איז אַרויס אין דרויסן „אָנגעגורט צו מלחמה", און זיין אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין אַ גייסט פון אָנ־גריף. האָט ער פּובליקירט דעם אַרטיקל? ניין. ער האָט ניט גע־וואָלט אים פּובליקירן. עס האָט אים אָפּגענומען דער חשק. פּלוצים איז בטל געוואָרן די גאַנצע וויכטיקייט פונם ענין. מחמת דערוויילע האָט זיך געטראָפן עפּעס פיל וויכטיקערעס. ער האָט צעריסן זיין אַרטיקל אויף פּיץ־פּיצלאַך. די טעלעגראַמעס אין איין מאָרגן־ציי־טונג האָבן גורם געווען דעם בייט אין דער שטימונג. פון אַן ערלאַכן אומברחמנותדיקן קריטיקער איז ער גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מליץ־יושר. פּלוצים איז דערשינען פאַר אים זיין פאָלק רעכטלאָז, אויפן ראַנד פונם אָפּגרונט, דערדריקט פון אכזריות, דערנידעריקט ווי דאָס סאַמע נידעריקסטע. דאָ פּרואווט אַ המון מאַכן אַ פּאָגראָם, דאָרט באַפאַלט אַ באַנדע סטודענטן זייערע אידישע חברים, אַ שריי־בער, פון וועמען מ׳האָט גאָרניט געריכט זיך צו הערן אַזעלכע רייד, באַרימט זיך ווי ער איז געוואָרן אַן אַנטיסעמיט, אין אַ פאַרלאַמענט פון אַ זייער דעמאָקראַטישער מדינה האָט זיך אַראָפּגעגאָסן אַ מבול רייד אויף אידישע קעפּ.

דאָס איז אַ פּעקל ידיעות פון צייטונגען אין איין פרימאָרגן. און דער שרייבער, כאָטש ער פילט באַ זיך, אַז ער איז באַרעכטיקט און איז באַרופן צו דערפילן אַ פליכט צו זיין פאָלקס מוכיח, זאָגט זיך אָפּ פון דער ראָליע. און ווידער ווערט געגעבן דעם פאָלק ישראל אַן אויס־דרוק פון מיטגעפיל. ניטאָ קיין ווילן אויפצוהויבן די בייטש פון קריטיק, צו ריידן מיט באַקציינער. די זינד, וואָס זיינען אָדער וואָס האָבן געזאָלט געטאָן ווערן, זיינען ווי פאַרגעבן געוואָרן. און ווידער זיינען שוין ניטאָ קיין זינדער און קיין פאַרדאַרבער דאָרט, וואו עס איז פאַר אָט די דאָזיקע פאַראַן אַ סכנה זיי זאָלן ווערן קרבנות פון פרעמדער אכזריות אָדער גאָר מאַרטירער. אין אַזעלכע פאַלן קומט אַריין די אידישע נעבאַכדיקע און רחמנות־וועקנדיקע אומבאַרירלאַכ־

קייט. און ווידער גייט אַרום דער איד, באַצירט מיט די יסורים פון „טשעפּע מיך ניט“, מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום“.

און ווירקלאַך איז דער איד אַ מין יתום אין דער וועלט. די אומות העולם באַציען זיך צו אים ווי צו אַ יתום. אַפילו אַ קיילעכדיקער יתום געניסט אויך אַמאָל מינוטן פון גוטסקייט און פון גוטמוטיקייט, אָבער ער איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זייער דויער. דער געפיל פון פאַרלאָזנקייט און איינזאַמקייט ליגט אין זיין אָפּגעשוואַכטן מעמד, אין דער ניט־זיכערקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין צושטאַנד. דער צאַרטער בליק און דאָס גוט וואָרט, מיט וועלכע מענטשן זיינען אים מזכה היינט, ווען זייער נשמה געפינט זיך אונ־טערן „שיינעם וועטער“, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, זיינען גאָר קיין גאַראַנטיע ניט, קיין אָפּהאַלט קעגן קלעפּ און זידל־ווערטער, וואָס קענען זיך אויסגיסן אויף אים מאָרגן צי איבערמאָרגן. די אומ־זיכערקייט, די אָפּטע וואַרשיינלאַכקייט אַריבערגעשליידערט צו ווערן פונם ביסל וואַרעמקייט אין דער קעלט און פראָסט פון ווייטן צפון — מאַכן אויך דעם יתום פאַר אַ פּריווילעגירטן. דער מוסר־זאָגער, ווי גערעכט ער זאָל ניט זיין, מוז זיך דערפילן שוואַך, מוז ווערן אַ מליץ־יושר, אַ קלאָגער, אַ טרייסטער, מוז דערפילן אין האַרצן דעם „הבן יקיר לי אפרים“, כאָטש ער איז לכתחילה גאָר אויסן געווען ריידן וועגן „זרע מרעים בנים משחיתים“. דאָס איז די אומבאַריר־לאַכקייט פונם יתום, דאָס איז אפּנים דער מיין פונם אויסדרוק, וואָס פאַרמאָגט גלייכצייטיק אי טרויער, אי שטיפערישקייט, „ס'איז מיר גוט, איך בין אַ יתום“. און אויף אַזאַ אופן איז אויפגעקומען אויך די אומבאַרירלאַכקייט פונם גאַנצן אידישן פאָלק. זי פאַרוועדט די שאַרפדיקע קריטיק, זי דערלאָזט ניט, אַז די פּאַסיקע קינדער פונם פאָלק זאָלן אויסראַמען מיט אַ פאַרניכטנדיקן בעזים וואָס עס דאַרף אויסגעראַמט ווערן אין עטישן הינזיכט.

שטייט אויף אַ איד אינדערפרי, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, כאַפּט אַ ביס אין מויל אַריין און לאָזט זיך אַוועק אין מאַרק. עס קען געמאָלט זיין, אַז אַלע זיינע מעשים זיינען יושרדיק, מיושבדיק, עטיש און לאַ־גיש. אָבער עס קען דאָך געמאָלט זיין אויך פאַרקערט (און עס איז

עסייען

דאָך אַזוי מענטשלאַך!). עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז אויב ניט אין מעשים איז כאָטש אין מחשבה זיין אויפפיר ניט געווען קיין פּאָסיקער, און עס איז כדאי ער זאָל חרטה האָבן, אַז ער זאָל חוזר בתשובה זיין — אָבער עס קומט ניט דערצו, ווײלע פון אינדערפרי ביזן אָוונט ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ געפּייניקטן און אפשר גאָר אין אַ קרבן, און — ער איז פּטור פון תשובה. כוואַליעס וואַסער שטורמישע האָבן פאַרכאַפּט דעם אידן, לויפנדיק און פליענדיק איבער גאַסן, האָבן אים אויף אַ גזלנישן אופן אַנידערגעשליידערט און האָבן פאַרוואַנדלט זיין מיאוסן, פאַרמאַטערטן, פאַרהאַוועטן פּנים אין אַ שיינעם; האָבן אים געמאַכט פאַר אַ יחסן, האָבן אים באַשמירט מיטן אייל־זאַלב פון אידישער אומבאַרירלאַכקייט.

היינע דערציילט ערגעץ וועגן זיינעם אַ באַזוך אויפן לייפּציגער יריד. ער האָט געזען דאָרטן אַ אידישן סוחר פון פּוילן, וועלכער איז געזעסן אויף אַ ליידיקן קאַסטן, פאַרזונקען אין זיינע מחשבות. מאָלט היינע יענעם אידנס גייסטיקן פּנים, וואָס דריקט אויס אָן אַ שיר טרוי־ער און ער ווענדעט זיך צו די קינסטלער זיי זאָלן קומען אויסמאָלן די „דניאל אויגן”. מיט פילע פון אונדז האָט געוויס אַ סך מאָל שוין פּאַסירט, גייענדיק דורכן רויש און טומל פון אַ אידישער גאַס, אין אַ מאַרק אָדער אויף אַ וואָקזאַל פון אַ וואָסער ניט איז קליין שטעטל, האָבן מיר זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און האָבן באַוואונדערט אַזאַ מין אַריסטאָקראַטיש פּנים, אַ פּנים פון אַ אידן מיט „דניאל אויגן”. דאָס איז אַן אויסטערליש פּנים, אין וועלכן עס נעמען זיך צונויף און פון וועלכן עס קוקן אַרויס אַלע יסורים פונם פאָלק.

פריינט פון קריסטלאַכן לאַגער בייזערן זיך אָפּט אויף אונדז, פאַר־וואָס אונדזערע שרייבער און רעדנער זיינען מער געניוגט צו ריידן וועגן די יסורים פון אידישן פאָלק און טרייבן איבער צו פאַרענטפערן עס. נאָר אָטאָ די פריינט פאַרגעסן, אַז ווען די אידן זיינען געזעסן אויף זייער אייגן לאַנד, האָבן זיי געהאַט שטראָפער און באַשולדיקער מער פון וואָסער ניט איז אַנדער פאָלק אין דער וועלט. די אידן זיי־נען דאַן גערופן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדער גרינ־גער און האַרבער עברה, און די ביטערסטע תוכחה איז געוואָרן אויס־געגאָסן אויף זייערע קעפּ. און איך געדענק אַ שמועס, וואָס איך

שמריהו גאָרעליק

האָב געהאַט מיט אַ רוסישן פּראָגרעסיוון גלח מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

— מיר האָבן, — האָט מיין מיטשמועסער געזאָגט — טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן, מענער און פרויען, רייכע און אָרעמע, וואָס דערפילן פלוצים די שווערע זינד פון מענטש און פון וועלט, זאָגן זיי זיך אָפּ פון דעם און פון יענעם און גייען אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר. מיט זייער אָפּגעזונדערטקייט זוכן זיי ווי אַזוי אויס־צובעסערן די וועלט און געבן איר אַ תיקון. מיר האָבן אויך אַן אָרדן פון טראַפּיסטן. די נעמען אויף זיך די שווערסטע נדרים, אויך דעם נדר צו שווייגן. ווי זיי טרעטן אַריבער די שוועל פונם מאָנאַסטיר ווערן זיי שוין אַנטשוויגן ביז זייער טויט. מיט זייער שווייגן ווילן זיי ווי מכפּר זיין אויף דעם טומל און רויש פונם אַרום. פאַרוואָס זיינען באַ אייך אידן ניטאָ אַזעלכע דערשיינונגען? פאַרוואָס גייט איר אַרום אין דער וועלט און מאַכט דעם אַנשטעל, ווי מענטשן, וואָס זינדיקן קיינמאָל ניט?

— אונדזערע זינד, — האָב איך אים געענטפערט — ווערן גע־רייניקט און געהייליקט דורך אייער שרעקלאַכער שנאה און דורכן כוח פון די פאַרפאָלגונגען, וואָס איר פאַרפאָלגט אונדז. ווען מיר זיינען געזעסן אויף אונדזער ערד און זיינען געווען באַלעבאַטים פאַר זיך, האָבן מיר אויך געהאַט שווייגער, נזירים און אָפּגעשיידטע פון דער וועלט פון טומל און רעש.

איך געדענק ניט די אַלע דעטאַלן פון מיינע אויספירן אין יענעם שמועס און צי עס איז מיר באמת געלונגען צו פאַרענטפערן אַלע קשיות פון מיין קריסטלאַכן פראַגע־שטעלער. אָבער מיט דער צייט איז מיר קלאָר געוואָרן איינגאַנצן דער האַרבער און ערנסטער ענין, ווען איך פלעג פרעגן זיך אַליין פון צייט־צו־צייט: פאַרוואָס האָבן מיר אַזוי פיל פאַרטיידיקטער און מליץ־יושרס און אַזוי ווינציק בעל־תשובהס, פאַרוואָס? ווײַלע די שנאה פון דער וועלט צווינגט אַרויף אויף אונדז די פאַרטיידיקונג, וואָס איז אונדזער איינציקע טרייסט און וואָס אָן איר וואָלטן מיר בכלל ניט געקאָנט עקזיסטירן.

לאָזט אָפּ אייער שנאה, איר פעלקער פון דער וועלט! גיט דעם אידן אַ מעגלאַכקייט צו לעבן אַ נאַטירלאַך לעבן! לאָזט אים צורו — וועט דער איד אַרויסגיין פון דעם צושטאַנד פון אומבאַרירלאַכקייט,

ע ס י י ע ן

פון דער ספּעציעלער פּריווילעגיע פון „טשעפּע מיך ניט" און פונם יחוס „עס איז מיר גוט, איך בין אַ יתום" . . .

אפשר וועט דעמאָלט זיך שוין ניט ווייזן אויפן לייפּציקער יריד אַ איד, וואָס וועט זיצן אויף אַ ליידיקן קאַסטן מיט זיינע אויגן „דניאל אויגן", וואָס דריקן אויס דעם גרויסן טרויער, צו וועמען היינע האָט גערופן די מאָלער פון דער וועלט זיי זאָלן קומען אים מאָלן.

ריידנדיקע און שווייגנדיקע פעלקער

אין די גרענעצן פֿון יעדן פֿאָלק טרעפֿט מען פֿאַרשיידענע שיכטן מענטשן, וואָס זיינען געניגט אין אַ גרעסערער מאָס אָדער צום שווייגן אָדער צום ריידן. די סביבה און די מלאכה זיינען די סיבות פֿון דער דערשיינונג.

דער פּויער שטייט אין זיין פֿעלד. איבער זיין קאָפּ ליגט אויס־געשפּרייט דער הימל, און אַרום איז אַזאַ שטילקייט און רואיקייט, און נאָר פֿונדערווייטנס אויף אַ ברייטער לאָנקע שטייט נאָך אַ פּויער. ער איז אויך איינזאַם און איז אַדורכגעדרונגען מיט שטילקייט. אָט דער פּויער ווערט געוואוינט צו זיין קאַרג אויפֿן וואָרט און צו שווייגן. און מחמת ער פֿאַרברענגט אין פֿעלד אַ היפּשן טייל פֿון זיין לעבן, און ווײַלע זיין אַרבעט פֿאָדערט באַטראַכטע קאָנצענטרירונג, דערפֿאַר רעדט ער ווינציק אויך אין זיין הויז. קוקט זיך נאָר צו צו אַ גרופּע פּויערים־שכנים, וואָס זיצן אין אַ פֿאַרנאַכט אויפֿן שוועל פֿון אַ הויז אין אַ דאָרף; זיי שמועסן צווישן זיך מיט קנאַפּע ווערטער, אַ צמצום שבצמצום, מערסטנס זיינען דאָס האַלבע ווערטער, אָנדייטונגען, און נאָכדעם ווי זיי ענדיקן זייער „שמועס״, צעגייען זיי זיך לאַנגזאַם און שטיל.

פֿישער זיינען ספּעציאַליסטן אין שווייגן. זיי האָבן אַ הנאה פֿון זייער שווייגן, אַ עס ברענגט זיי נוצן; און דאָס ריידן פֿאַרקערט שאַדט זיי: עס שרעקט אָפּ די פֿיש און צעטרייבט זיי. די פֿישער זיינען די באַגייסטערטסטע שוויגער. ביים פֿישער ווי ביים פּויער באַפֿרייט זיך די צונג נאָר בשעת אַ שמחה און ביים ביסעלע בראַנפֿן. דעמאָלט „ריידן״ זיי; אָבער אָט דאָס „ריידן״ איז נאָר געוויינלאַך אַן אומאויפֿהערלאַכע איבערחזרונג פֿון אַ וואָסערע עטלאַכע צענדליק ווערטער, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אייניקע באַגריפֿן און אַ וואָסערע צוויי־דריי בילדער.

עסיען

עס איז נאָך ניט קלאָר פאַרוואָס שניידער, למשל, וואָס זיצן מיט די פיס אונטער זיך און ציען שנעל דעם פאָדעם, זיינען דווקא גרויסע פלאַפּלער, בשעת די שוסטער, וואָס זיצן פאַרטיפט אין רעיונות, איבער געבויגן איבער זייער געצייג און איבערן שטיקל לעדער אין האַנט, זיינען מערסטנטייל קליינע פילאָזאָפן פון לעבן. פון די שוסטער זיינען באַרימט רב יוחנן הסנדלר און האַנס זאַקס, דער פילאָזאָף און פּאָעט; אָבער מיר האָבן קיינמאָל ניט געהערט, אַז שניידער זאָלן זיך האָבן אויסגעצייכנט אַ חוץ זייער אַרבעט.

אַזוי איז אויך באַקאַנט, אַז די שערער זיינען געבענטשט געוואָרן מיט ניין מאָס רייד. פאַר זיי דאַרף מען זיך מורא האָבן ווי פאַר פייער. די בעסטע תרופה צו ראַטעווען זיך פון זיי, איז אָנצושטעלן אַ טרויעריק פּנים, און אויף זייער ערשטער פראַגע: „איז היינט ניט קילער אַביסל?" אָדער „מען האָט דעם הער ניט געזען דאָ שוין אַ היפּשע צייט", בעסער גאָרניט ענטפערן, אַניט איז מען אַ פאַר־פאַלענער.

דאָקטוירים זיינען זייער קאַרג אויפן וואָרט בשעת זייער אַרבעט. אַ רענדל אַ וואָרט, צום גרויסן באַדויערן פון די חלאים. דעם דאָק־טערס שוויַגן איז אַ פּסיכיש־היגיענישע מעטאָדע, און חוץ דעם איז עס אויך זייער נויטיק, כדי ניט צו צעשטערן זייער קאָנצענטרירן זיך. דער דאָקטאָר הערט אויס אַפּריער אַלץ רואיק, אָפּט הערט ער אויך אויס לאַנגווייליק דעם חולהס טענות, רייסט זיי איבער מיט עפּעס אַ פראַגע און נאָכדעם הויבט ער אָן אונטערצוזוכן דעם חולהס גוף, קלאַפּן מיט די פינגער איבערן רוקן, צוהערן זיך צו זיין עטעמען, דריקן זיין ברוסט. די פּראָצעדורע איז אַ פאַרשלעפּטע, און עס דאַכט זיך, אַז זי ציט זיך צו לאַנג, מחמת דער דאָקטאָר פאַרלירט דערביי קיין וואָרט ניט. ער רעדט ניט, ער איז זייער ערנסט; אָבער — אַ מאָדנע זאַך! — וואָס ערנסטער עס איז דער דאָקטאָר, אַלץ אָפּטער ענדיקט זיך זיין אונטערזוך מיט אָטאָ די דריי ווערטער: ע ס א י ז ג אָ ר־נ י ט , און באַלד טאַקע פאַרשרייבט ער דאָ גלייך עפּעס אַ רעצעפּטל.

דאָס איז נאָר אַ קליינער אויסוואַל פון מלאכות, וואָס זיינען גורם צו אַ גרעסערער מאָס שוויַגן אָדער ריידן. אָבער חוץ דעם געפינט מען אויך גאַנצע פעלקער, וואָס זיינען אָדער שוויַגער, אָדער ריידער.

פעלקער, למשל, וואָס זיינען באַשטימט פונם שיקזאַל, צי דורך דער פּאָלקס ענערגיע, אָדער פּאָלקס שאַפונג פאַר אַ משך פון פילע דורות צו פאָרן איבער ימען, צו הערשן אויפן ים, צו דערוועמבן דורכן באַהערשן פון ים אויך די הערשאַפט איבער גרויסע וועלט־טיילן — אַזעלכע פעלקער זיינען געניגט צום שווייגן. דער ענגלענדער האָט ליב דאָס שווייגן. דערפאַר געפעלט אים די ליולקע בעסער פונם פּאַפּיראָס. ווי גוט און ווי זיס איז דאָס שווייגן מיט דער ליולקע אין מויל! אָבער דאָס נערוועז, פלאַפלענדיק פּאַפּיראָסל איז ווי זיין כאַראַקטער. אַלע אַנגלאָ־זאַקסן ריידן ווייניקער פון אַלע אַנדערע מענטשן אין דער וועלט, און מחמת דעם טאַקע זיינען זיי נאָענט צו דער ליולקע מיט אַ באַזונדער אינטימער נאָענטקייט. אויך דער קאַלטער ווינטער און די שניי־באַדעקטע פעלדער געוואוינען דאָס פאָלק, וואָס איז נאָענט צו דער נאַטור־דערשיינונג, צום שווייגן מער ווי צום ריידן. די מענטשן דאָרטן זיינען אַנגעטאָן אין וואַרעמע קליידער, איינגעוויקלט אין פעלצן און ווילן ניט פאַרלירן זייער אינעווייניקסטע וואַרעמקייט דורך פלאַמענדיקע רייד. עס איז זיי באַקוועמער צו זיצן אַרום אַ וואַרעמען אויוון, זיצן זיי און וואַרעמען זיך ביים פייערס ליכט און קוקן זיך איין אין די זיך לעשנדיקע קוילן אָדער אין די קוליעס שטרוי, וואָס ווערן פאַרצערט פון די פייער־צונגען, שווייגן אינאיינעם, אַריינגעטאָן אין זייער אייגענער וועלט, אָפּטמאָל פאַרזונקען אין אַ טרויער. גרויסע רעדנער, פלאַפלער מיט הנאה זיינען די פעלקער, וואָס וואוינען אין די דרום־לענדער. דער פראַנצויז האָט דערהויבן דאָס ריידן צו אַ קונסט, און דער איטאַליענער באַגלייט זיין פּאַטאָס מיט שיינע פּלאַסטישע באַוועגונגען. פאַרקערט, די זין פון די טראָפּישע לענדער ווערן פאַרהאַלטן אין דעם שטראָם פון זייער רייד דורך די היץ־כוואַליעס. זיי קענען ריידן, נאָר זיי פוילן זיך, זיי ווערן פאַרמשפּט פונם קלימאַט צו זיין פלעגמאַטיש. דעם אַראַבער האָט דער מדבר אויסגעלערנט די קונסט פון שווייגן, זיין טרויער און מליצה׳שן אויסדרוק־פאָרם. זיין הייסער ווילדער כאַראַקטער באַשאַפט אין אים דווקא אַ רייכן איבערפלוס פון ווערטער, אָבער ווי נאָר ער גייט אַדורך איינמאָל דעם וועג פונם מדבר אין אַ קעמל־קאַראַוואַן, לערנט ער זיך אויס די קונסט פון שווייגן. אַ

ע ס י י ע ן

שטאַרקן און טיפן איינדרוק לאָזן איבער די גרופּעס אַראָבער, וואָס זיצן ביים וועג און וואַרטן אין אַ טיפן שווייגן. זיי קענען שווייגן שיין אין זייערע קאַווע־הייזער, און די נאַרגילע קומט צו הילף זיי, ווי די ליולקע דעם אַנגלאָ־זאַקס.

צו וואָסער מין פעלקער ווערן מיר אידן פאַררעכנט? דער ענטפער אויף אָט דער פראַגע איז אַ גאַנץ קלאָרער. מיר זיינען הפּנים דאָס באַריידעוודיקסט פאָלק אין דער וועלט. געוויס, האָבן מיר דערהויבן דאָס ריידן צו אַ גאָונישער שטופע. מיר גיבן אַרויס גלענצנדע רעדנער און נאָך מער שאַרפע און פעפערדיקע מיטשמועסער. דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס האָט ליב צו ריידן אַ סך, צו ריידן מיט הנאה, אויסצוגיסן זיין האַרץ און צו אַנטפּלעקן זיין נשמה. די פאָלקסהעלדן אין אונדזער ליטעראַטור זיינען מאָנאָלאָגיסטן. טביה דער מילכיקער רעדט אָן אַ שיעור, אָן אַן איבעררייס, כאָטש זיינע רייד זיינען פול מיט השתפכות הנפש און קומען אַרויס פונם האַרצן. מיר ווייסן ניט פון שווייגן, מיר פאַרשטייען עס ניט. גאַנדי, למשל, איז אונדז פרעמד לויט זיין גאַנצן מהות, אָבער נאָך פרעמדער איז אונדז זיין שווייגן איין טאָג אין וואָך. אָפּטמאָל ציט ער אויס זיין שווייגן אויף נאָך לענגער, און יעדן טאָג פאַרטיפט ער זיך דורך שווייגן עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אין זיין אינעווייניקסטער וועלט. פאַר אונדז איז דאָס שווייגן ניט קיין גייסטיקער גורם, וואָס רייניקט און לייטערט די נשמה. מיר פאַרבינדן גאָר דאָס שווייגן מיט איינעם וועמען עס האָט געטראָפן אַן אומגליק, אָדער מיט איינעם, וואָס איז ברוגז. דער שווייגער איז באַ אונדז אין די אויגן, לויט אונדזער געפיל, אָן אומגליקלאַכער מענטש, צי אַ צאַרנדיקער, צי אַ ברוגזער, אָדער ער איז סתם אַ רשע. דער צדיק איז אין אונדזערע אויגן אַ פּזרן פון רייד, וועמעס ווערטער עס שטראָמען אַרויס פונם טיפן האַרצן, פאַרקערט, דער רשע איז אַ שווייגער. אַזוי פילן מיר. אונדזערע מאַמעס זיינען גליקלאַך, ווען די קינדער ריידן אַ סך און פּלאַפּלען ווי דערוואקסענע, און זיי ווייסן גאָר ניט, ווי שעדלאַך עס איז צום געזונט און ווי מיאוס עס איז. זיי ווייסן ניט, אַז אַזעלכע קינדער וועלן לסוף ווערן דעבאַטאַנטן, דעמאַגאָגן, און זייער זעלטן ווערן זיי מעסיקע מענטשן, מיושבדיקע און שווייגער.

שמריהו גאָרעליק

זיינען אונדז וואויל באַקאַנט די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען אַז מיר זאָלן דערגרייכן די מדרגה צו ווערן דאָס באַריידעוודיקסט פאָלק אין דער וועלט: מען האָט אונדז פאַרטריבן פון דער נאַטור, פון יענעם אָרט, וואו דער מענטש זאָפּט אַריין אין זיך די שטילקייט, מען האָט אונדז איבער גוואַלד אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק, אין אַן אָרט, וואו מען מוז ריידן, שרייען קולי־קולות, אויב מען וויל ניט שטאַרבן פון הונגער; מען האָט אונדז געצוואונגען וואוינען אין שטעט, אין אַן אַטמאָספערע פון טומל און פון בהלה. דורות לאַנג האָבן מיר געוואוינט אין די ענגע געסלאַך פון געטאָס און האָבן זיך געטרייסט מיט פלוס פון רייד. אונדזער טבע צו ריידן הויך אויפן קול קומט מסתמא פון דעם, וואָס מיר זיינען אָפט געווען געצוואונגען צו שרייען און רופן צו הילף. אַ איד, וואָס רעדט הויך, האָט שוין באַקומען די געוואוינהייט בירושה פון די פריערדיקע דורות, וואָס פלעגן שרייען „הושיעה נא“.

וואויל באַקאַנט זיינען אונדז די סיבות און זיי קענען דינען אַלס אַפּאָלאָגיע פאַר פרעמדע, אָבער די אנערקענונג פון די סיבות באַפרייט אונדז נאָך ניט פונם געפיל, אַז די קללה פונם שווערסטן גלות האָט אונדז געמאַכט פאַרן באַריידעוודיקסט פאָלק אין דער וועלט. צוליב דער מידה אונדזערער האָט מען אונדז ניט ליב, כאָטש מען האָט אונדז צו דעם געצוואונגען. מען האָט אונדז ניט ליב אפילו ווען מיר ווייזן אַרויס די קונסט פון ריידן אין דער סאַמע דינסטער און איידלסטער פאָרמע. ווען מען איז עס דען ניט באַקאַנט, אַז אין די אייראָפּעאישע ליטעראַרישע קאַווע־הייזער דינט דער אידישער גייסטרייכער מענטש אַלס דער שאַרפסטער און פעפערדיקסטער מיטשמועסער, וועלכער פאַרבלענדעט און שיסט מיט בליצן. עס קומען אַ סך צוהערער, און די ניט־אידן קומען אַריין אין התפעלות און דערפילן זיך מינדערווערטיק; אָבער אַ ווייליקע שפּעטער כאַפּט זיי אָן אַ געפיל פון איבל. אָט אַ דער מענטש, וואָס שפּילט זיך מיט ווערטער און מיט גייסטיקע געווירצן; אָט אַ דער זשאָנגליאָר, וואָס שיסט מיט פייער און מיט בליצנדיקע געדאַנקען — ער מאַכט זיי מיד. וואָס עס שטויסט זיי אָפּ איז דאָס צופיל איבערטרייבן, די פוסטע באַרימערייַ צו ריידן אַ סך און צו זיין דער איינציקער רעדנער, און צוליב דעם פאַרנעמען

שוין ניט די צוהערער אפילו דאָס גוטע און דאָס שיינע, וואָס עס איז דאָ אין דעם ריידן.

געאָרג בראַנדעס קומט איינמאָל אין פּאַריז, וואו ער פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט, און וואו ער האָט געהאַט אַ סך פריינט. דער מיניסטער אריסטיאַד בריאַן, וואָס צייכנט זיך אַליין אויס אַלס פיינער רעדנער, גרייט צו אַ מאָלצייט לכבוד דעם באַרימטן גאַסט. צו דעם מאָלצייט ווערט איינגעלאַדן אַ גרופּע גדולים און באַרימטהייטן. בראַנדעס געפינט זיך אין אַ געהויבענער שטימונג; ער דערפילט זיך זייער גוט און ער רעדט גלענצנד: עס שיטן זיך אים פּערל פונם מויל, ער בליצט אויף אַלע זייטן — אָבער בראַנדעס פאַרגעסט זיך. ער רעדט און רעדט. ער איז דער איינציקער, וואָס רעדט די גאַנצע צייט, די לאַנגע צייט פון דער סעודה. ער רעדט איינער אַליין אין דער גרופּע פון אָט די פאַרנעמע מענטשן, וועלכע זיינען אַליין געהויבענע גייסטיקע פירער און באַרימט אין קונסט פון ריידן. אָבער קיין איינער פון זיי איז ניט זוכה צו לאָזן הערן זיינע ווערטער, און נאָר צום סוף, ביים געזעגענען זיך, כאַפּט זיך בראַנדעס ווי אומטאַקטיש עס איז געווען פון זיין זייט צו זיין דער איינציקער רעדנער; ער אַנטשולדיקט זיך, אָבער ער קען שוין ניט אָפּמעקן דעם שלעכטן שווערן און אומאַנגענעמען איינדרוק. די שטימונג איז שוין געפּאַטערט געוואָרן. וואָס איז געשען מיט בראַנדעסן? די גלות־קללה צו זיין דאָס באַריידעוודיקסט פאָלק אין דער וועלט, האָט באַווירקט אָטאָ דעם אַסימילירטן אידן און האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ לעכערלאַכער לאַגע.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וואָס מען דאַרף פאַרווירקלאַכן אין דעם נייעם לעבן אין ארץ ישראל איז צו פאַרוואַנדלען דאָס באַריידעוודיקסט פאָלק אין אַ שווייגנדיקס. אין אונדזערע נאָרמאַלע, נאַטירלאַכע דערפער, וואָס מיר וועלן האָבן אין אַ היפּשער צאָל, וועלן די אידישע מאַסן דערקענען די לייטערנדיקע און רייניקנדיקע רואיגקייט פון שווייגן ווי אויך איר שיינקייט. דערווייל זיינען מיר נאָך מיילן ווייט פון דעם. דערווייל זיינען מיר נאָך אויפן שפּיץ פון באַרעדעוודיקייט אפילו דאָ אין לאַנד. דורך די אָפענע פענצטער פון די תל־אביבער הייזער פליסן און שטראָמען אין דרויסן אַ מבול ווערטער. דער שווייגנדיקער פויער, וואָס האַלט אין מויל די לאַנגע ליולקע,

שמריהו גאָרעליק

וועלכער קען זיך באַנוגענען מיטן ברומען פון אַ צוויי־דריי ווערטער, און איז מיט דעם אַלעמען דער האַרציקסטער מענטש — דער פויער איז נאָך באַ אונדז ניטאָ. אָבער ער וועט זיין, ער מוז זיין. די נאַטור וועט אונדז אויסלערנען די מידה פון שווייגן, און אפשר וועט עס אונדז מיט דער צייט אויך אויסלערנען די נאָענטקייט צום מדבר . . . און ניט נאָר וועלן מיר זיך אויסלערנען שווייגן, נאָר מיר׳ן זיך אויך אויסלערנען עס ליב צו האָבן. מיר האָבן געענוג גערעדט אין די גלות־דורות אונדזערע; מיר זיינען גרייט צו הערן ווי אַנדערע ריידן. נאָר דאַן וועלן מיר קענען זאָגן, אַז מיר האָבן אָרונטערגענומען פון זיך אַ שווערן יאָך, אַז מיר זיינען פטור געוואָרן פון דער קללה. ווייל עס איז געלעגן אויף אונדז די קללה צו זיין דאָס באַריידעוודיקסט פאָלק אין דער וועלט.

דער מענטש אין 1950 *)
אָדער די אַנטצויבערטע וועלט.

די וואָס קומען איצט אַרויס צו זאָגן נביאות, זאָגן פאַראויס מערס־טענס נאָר שלעכטס, פינסטערעס. די בילדער וועלכע זיי מאָלן זיינען אין האָפנונגסלאָזע, גרויע פאַרבן, און וואָלטן פאַרן לעבן ניט געווען קיין אַנדערע מעכטיקע פאַרטיידיקער ווי דער אור־אינסטינקט צו ז י י ן , הנאה צו האָבן אפילו אין די לעצטע פינף מינוט פאַר דעם אונטערגאַנג, און דאָס פרימיטיווע גליק פון ניט וויסן וועגן דעם וואָס אָט די נביאים זאָגן, ווען דאָס אַלץ וואָלט ניט געווען, איז באמת זיך ניט פאַרצושטעלן ווי מ׳וואָלט זיך געקענט האַלטן אויף דער וועלט.

אין דעם פּרט, ווי אויך אין אַ סך אַנדערע, העכסט וויכטיקע פּרטים איז אונדזער פריערדיקן דור געווען אַ סך בעסער: די נביאים זיינען געווען אנגענעמע, גוטע. אונדזער פריערדיקע וועלט, ניט קוקנדיק אויף אַ סך חסרונות, איז דאָך געווען אַ וואונדערבאַר שיינע וועלט, אַ וועלט — אַ היים, אַ אינטימע, אַ וואַרימע, אַ סטאַבילע, אַ וועלט מיט אַ סך פרייהייטן, ממילא זיינען אויך די צוקונפטס מאָלער געווען פריילעכע, אָפּטימיסטישע, זיי האָבן אויסגעמאָלן פאַר אונדז ניט קיין פינסטערקייטן, ווי די היינטיקע מאָלער, נאָר העלקייטן, ליכטיגקייטן. אונדזער פריערדיקער דור, די מענטשן פון נעכטן, האָבן געלייענט מיט פרייד און באַגייסטערונג דאָס בוך פונם אַמעריקאַנעם ע. בעללאַמי „אין הונדערט יאָר אַרום" און האָבן הנאה געהאַט. זיי האָבן זיך געפרייט וואָס זייערע אייניקלעך, אוראייניקלעך וועלן דערלעבן אַזוינע שיינע זאַכן. און בעללאַמי האָט געמאָלן פאַר דער וועלט נאָר שיינע זאַכן, דאָס הייסט, נאָר די שיינע זייט פון די אַלע זאַכן, וואָס וועלן

---

*) לודוויג באַוער: „די וועלט אים שטורעם".

שמריהו גאָרעליק

קומען אַלס פּועל יוצא פֿון די גוואַלדיקע דערפֿינדונגען. זיי זייַנען אַלע מקוים געוואָרן מיט אַ סך, אַ סך יאָרן פֿריער ווי דער סענטימענטאַלער אַמעריקאַנער סאָציאַליסט בעללאַמי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט און אונדז דערציילט. ניט אין הונדערט, נאָר אין פֿופֿציק יאָר אַרום זייַנען די מענטשן געזעסן אין זייערע הייזער און האָבן געהערט קאָנצערטן, וואָס מ'האָט געגעבן אין אַן אַנדער עק וועלט. ניט אין הונדערט, נאָר אין פֿופֿציק יאָר אַרום זייַנען מענטשן געפֿלויגן אין דער לופֿטן. אָבער די אַנדערע, די גאָר ניט שיינע, די שרעקלאַכע זייַט האָט דער אוטאָפּיסט בעללאַמי ניט געזען. ער האָט גאָרניט געטראַכט וועגן דעם אַז אויפֿן עראָפּלאַן וועלן ניט נאָר יונגע פּאָרלעך מאַכן זייערע חתונה רייזעס, אַז מענטשן וועלן ניט נאָר זיך וויגן אין דער סטראַטאָספֿער, נאָר אַז פֿון דאָרטן, פֿון אָט די הויכקייטן וועט מען אויך קענען וועלטן צעשטערן, וועלטן און אַלץ וואָס געפֿינט זיך אויף זיי פֿאַרניכטן ביזן סוף. בעללאַמי איז געווען אַ גוטער האַלבער נביא און אַ גאַנצער נאַר. אָבער, אַך, ווי אַנגענעם אָט דער נאַר איז געווען! . . . הייַנטיקע נביאים זייַנען קלוג, אָבער עס כאַפּט אָן אַ שרעק פֿון זייער חכמה. עס איז שווער אויסצוהאַלטן זייער שטרייַנגן, אומרחמנות'דיקן בליק, זייער קאַלטן דיאַגנאָז פֿון אונדזער הייַנט כדי צו קענען אויסמאָלן פֿאַר אונדז דעם מאָרגן.

לודוויג באַוער, איינער פֿון די הייַנטיקע גרויזאַם־ניכטערע נביאים, רעדט ניט אין זייַן שטאַרקן, פֿאַר שטאַרקע נערוון געשריבענעם בוך „די וועלט אים שטורעם", וועגן דעם קומענדיקן קריג און וועגן די רוּאינען וועלכע ער וועט לאָזן נאָך זיך. ער האַלט דעם קריג סוף כל סוף פֿאַר אומפֿאַרמיידליך, אָבער ער רעדט וועגן דעם כמעט ניט. זייַן טעמע איז אַן אַנדערע — די אומוואַנדלונג פֿון מענטשן און זייַן וועלט. ער דערציילט פֿון דעם נעכטן, באַטראַכט אונדזער הייַנט, וואָס איז נאָר אַן איבערגאַנג צום מאָרגן, און מיט אַ קאַלטער, גרויזאַמער אָביעקטיוויטעט מאַכט ער מיט דעם לייענער אַ געדאַנקליכן שפּאַצירגאַנג דורך אָט דעם מאָרגן, דורך דעם לעבן אין אָט דעם מאָרגן, און באַווייזט וואָס אָט דער מאָרגן וועט מאַכן פֿון דעם מענטשן, פֿון דעם הייליקן, איינמאָליקן פֿאַל מענטש.

לייענער, אויב דו האָסט ניט גענוג שטאַרקע נערוון, בלעטער ניט

ע ס י י ע ן

דאָס בוך פון לודוויג באַוער! דער מחבר אַליין וואָרנט זיין לייענער אַז ער האָט פאַר אים ניט קיינע אילוזיעס — ער האָט פאַר אים נאָר אויפריכטיגקייט, און די אויפריכטיגקייט צווינגט אים צו דער דערקענטניש: מאָרגן וועט זיין אַ גיהינום. דער מענטש וועט זיין פאַרשקלאַפט, די נשמה וועט ביי אים אַרויסגענומען ווערן, ער וועט דערנידעריקט ווערן צו אַ ווערקצייג אין די הענט פון דעם מולך — דעם שטאַט. דער מחבר איז ניט קיין מליץ־יושר פונם נעכטן און זינגט ניט קיין לויב געזאַנגען דעם נעכטן. אפילו די ראַדיקאַלסטע פען וועט ניט קענען זיין אַזוי שאַרף ווי ער איז עס אין פאַראורטיילן דאָס פוילע, דאָס שלעכטע, דאָס ניט שיינע, וואָס דער נעכטן האָט אין זיך געהאַט, אָבער נאָכדעם ווי דער לייענער האָט פאַרזוכט די לופט פון דעם מאָרגן אין וועלכן ער ווערט אַריינגעפירט וועט דער נעכטן אים פאָרקומען ווי אַ גן עדן. נאָר דעם לייענער? ניין, מסתמא אויך דעם שרייבער גופא. אַזוי שרעקלאַך איז עס. זיין משפט איבער דעם נעכטן ענדיקט ער דאָך מיט די ווערטער: עס איז געווען אַ גרויסע צייט. אָבער, עס איז ג ע װ ע ן. זי איז מער ניטאָ און וועט מער ניט זיין.

וואָס וועט זיין? אַ גרויזאַמער, קאַלטער, אומרחמנות׳דיקער מאָרגן.

(2)

דעם טויטנדיקן אָטעם פון דעם מאָרגן פילן מיר שוין היינט. עס זיינען שוין דאָ צוויי ביישפילן פון דער מענטשליכער פאַרשקלאַפונג, פון מבטל מאַכן די מענטשליכע נשמה. צוויי הונדערט מיט דרייסיק מיליאָן מענטשן, די באַפעלקערונג פון צוויי גרויסע, שטאַרקע מלוכות דעמאָנסטרירן שוין היינט יענעם גרויען מאָרגן וועגן וועלכן לודוויג באַוער שרייבט אין זיין בוך. אין דעם באָלשעוויסטישן שטאַט פון איין זייט און אין דעם פאַשיסטיש־נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן פון דער צווייטער זייט, וואו עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן די אָפּגעטער קלאַס און נאַציע, קענען מיר באַאָבאַכטן דעם פאַרניכטנדיקן פּראָצעס פון דער פולשטענדיקער פאַרטיליקונג פון דער מענטשלאַכער פער־

זענלעכקייט, פון דעם אינדיווידועלן, דעם איינמאָליקן, דעם אינטימען. דער אָפּגאָט קלאַס און דער אָפּגאָט נאַציע פאָדערן אַלץ פאַר זיך, זיי זעען דעם זין פון מענטשנס לעבן נאָר אין דינען זיי. לודוויג באָוער זעט ווי אומעטום פאַרשפרייט זיך די טענדענץ פון דער אַבסאָלוטער מאַכט פון שטאַט איבער דעם מענטשן צו קאָנטראָלירן אים אויף יעדן שריט און טריט. ער שטעלט זיך אָפּ אויף אָט דער טענדענץ, זעט ווי איר הערשאַפט קומט אָן אויף דער וועלט, ווען אפילו וואו ניט וואו אין אַ מאַסקירטער פאָרם. וואָס מאַכט דאָס אויס ווי, ווען דער רעזולטאַט איז דער אייגענער — דער מענטש, דער איינצעלנער מענטש מיט זיינע קאַפּריזן, פרייהייטן, איינפאַלן, גליק, מיט זיינע בייגקשאַפטן, זיין ליבע צו קונסט, ליטעראַטור, מיט איין וואָרט, אָט דער אינדיווידועלער מענטש איז מער ניטאָ. דער שטאַט האָט פון אים אַרויסגענומען די נשמה, האָט אים געמאַכט פאַר אַ שטומען סטאַטיסט, וואָס דאַרף נאָר וויסן איין זאַך — פאָלגן. מ׳לערנט דעם מענטשן צו אַנטלויפן פון זיך אַליין דורך דעם, וואָס מ׳האַלט אים אין איין אַרייננקלאַפּן אין קאָפּ אַז ער אַלס איינצעלנער איז גאָרניט, נאָר די געמיינשאַפט, דער כלל איז אַלץ. ווי באַלד דער מענטש איז אָן און פאַר זיך אומבאַדייטנד, ער איז בלויז אַ מיטל צום צוועק, טאָ וואָס דאַרף מען מאַכן פון אים אַזאַ ווערן, אָדער טראַכטן אַ סך ווען מ׳דאַרף אים באַשטראָפן? דערפאַר טאַקע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרפאָלגן דעם אַנדערש דיינקענדיקן, דעם קעגנער, קומען אַרויס די גרויזאַמקייטן אין די שרעקלאַכסטע פאָרמען. ווי זעלטן זיי ווערן, אָט די אַנדערש דיינקענדיקע!

לודוויג באָוער נעמט ממש אָן דעם לייענער פאַר דער האַנט און גייט מיט אים שפּאַצירן דורך דעם גיהינום־מאָרגן. עס איז אַ מלחמה. ניט מיט דעם אויסערליכן שונא, נאָר מיט דעם שונא — מענטשלאַכע פערזענלעכקייט. דער פּאַראָל פון מאָרגן איז — אויסראָטן דעם א י ך. אָנשטאָט מענטש — מענטשן־מאַטעריאַל. דער מאָרגן, דער אַבסאָליוטער שטאַט, צי אין זיין באָלשעוויסטישער פאָרם מיט דעם אָפּגאָט קלאַס, צי אין זיין פאַשיסטישער פאָרם מיט דעם אָפּגאָט נאַציע, קען ניט פאַרטראָגן די געוואוינהייטן, די זעעלישע אינטימקייטן, די גייסטיקע באַדערפנישן פון דעם מענטשן, וועלכע זיינען אין אים איינגע־

ע ס י י ע ן

פלאַנצט געוואָרן פון דער אינדיווידואַליסטישער פּרייהייטס קולטור פון נעכטן און וועלכע — אויב מ׳זאָל זיי אים איבערלאָזן — זיינען אַ שטענדיקע געפאַר פאַר דעם אַבסאָליוטן שטאַט, וואָס קען נאָר זיך און פאָדערט אַלץ פאַר זיך. זיין הויפּט ציל וועט דאַריבער זיין — אויסליידיקן, אַזוי צו זאָגן, דעם מענטשן, אַנטזעליקן אים, אָפּגעוואוי־נען פון דעם „איך״. דער פריערדיקער שטאַט פלעגט אויך, אין צייט פון קריזיס, ווען ניט וועגן פאָדערן פון דעם מענטשן: גיי און שטאַרב פאַר מיר. און דער מענטש איז געגאַנגען און אָוועקגעגעבן זיין לעבן. אָבער חוץ אַזוינע זעלטענע פאַלן האָט דער מענטש איינגעאָרדנט זיין לעבן ווי ער האָט געקענט און געוואָלט. דער איצטיקער אַבסאָליוטער שטאַט זאָגט דעם מענטשן: דו מוזט ניט נאָר שטאַרבן פאַר מיר, דו מוזט אויך ל ע ב ן פאַר מיר. אַלע דיינע מחשבות, פון פרי ביז גאָר שפּעט, מוזן געהערן מיר. מיר, דעם אָפּגאָט קלאַס, אָדער מיר, דעם אָפּגאָט נאַציע . . . ביטע, וואָס ווייניקער פּריוואַטעס, אינטימעס, אייגנס. אַ צו ליידנשאַפטלעכע, שטאַרקע ליבע צו אַ פרוי איז — ווייל צו פּריוואַט — אַ מין בגידה אין דעם שטאַט. פאַרליבט זיין איז, פאַרשטייט זיך, אַן ענין און אין אַ גאַנץ זאַכלעכער פאָרם, אַזוי צו זאָגן, קען מען עס ערלויבן, אָבער נאָר ניט קיין טראַגעדיעס. יעדע טראַגעדיע רופט אַרויס אַ צו שטאַרקע קאָנצענטרירונג אויף דעם „איך״. חוץ דעם איז עס בכלל ניט אַזוי וויכטיק. עס איז וויכטיק, פאַרשטייט זיך, אָבער נאָר פון ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, בפירוש ניט מער. אַ מיידל קען זיך אָנפּודערן אַ ביסל און אפשר מער געפעלן ווערן, אָבער מ׳קען אויסקומען אָן דעם „מער״. די בחורים און די מיידלעך אין דעם „מאָרגן״ ווייסן אַלץ, ריידן אָפן וועגן אַלץ, ביטאָ קיינע איבעררּאַשונגען. דער אָפענער קערפּער רויבט די אינטימיטעט פון זיך וואונדערן, זיך חידושן. די ליבע מיט אירע טויזנטער אינטי־מיטעטן, מיט איר ראָמאַנטיק, מיט אַלע אירע שטימונגען, מיט דעם ציטערן פון דער נשמה, מיט דעם האַרץ קלאַפעניש הערט אויף, איז מער ניטאָ. מ׳איז בלויז ק אַ מ ע ר אַ ד ן , ח ב ר י ם . מ׳איז קיל, אויסגערעכנט, מיט אַ מינימום פון געפילן אַלס איללוזיע, אָן אַנציאונגס קראַפט מיטל, אָבער מ׳איז בלויז קאַמעראַדן.

זייער זעלטן פאַרברייינגט מען אין דערהיים. דער אַבסאָליוטער

שטאַט טראַכט אויס די פאַרשיידענסטע זאַכן אַבי צו לאָזן דעם מענטשן וואָס ווינציקער אין דערהיים. היים איז אינטימקייט, היים איז אַן אייגן ווינקעלע, היים מיינט פאַרטראַכטן זיך, היים איז דעראינערונג, און דאָס קען זיין אַ געפאַר פאַר דעם אַבסאָליוטן שטאַט. אַ מענטש קען זיך נאָך דערמאָנען אין זיין פאַרלוירענעם „איך", די פאַרלאָרענע פרייהייטן. אַלזאָ, נאָר ניט זיצן אין דערהיים. דער אַבסאָליוטער שטאַט בויט דאַריבער גוואַלדיקע ספּאָרט פּלעצער, ער מאָביליזירט זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטן, שטעלט אויף זיינע הויך־ריידערס אין די גאַסן, אָרגאַניזירט מאַסן שפּייזונגען אין ריזיקע זאַלן. צוליב וואָס זיצן אין דערהיים, עסן דאָרטן מיט ווייב און קינד ביים טיש, ווען מ׳קען עסן מיט פינף טויזנט מענטשן אינאיינעם? ווייב און קינד? דאָס קינד איז איבערהויפּט קיינמאָל ניטאָ אין דערהיים. דער שטאַט נעמט אַריין דאָס קינד אין זיינע גראַמע דערציאונגס קינדער אַנ־שטאַלטן, דאָרטן ווערט עס באַוואָרנט פון די שעדלעכע טאַטע־מאַמע ווירקונגען און סענטימענטאַליטעטן. דאָס קינד מוז דערצויגן ווערן פאָרן מולך־שטאַט, פאַר אים לעבן. אָט אַזוי ווערט ליבע אומגע־וואַנדלט, דאָס הייסט, צעשטערט, אַזוי ווערט צעשטערט די פאַמיליע. די קינדער קענען די עלטערן זייער ווייניק, זיי זיינען קאַלט צו זיי. „אין מאָרגן, אפילו ווען די עלטערן לעבן, זיינען דאָ נאָר יתומים".

(3)

ווען אַזוינע אינטימע ספערן פון זעלישן לעבן פונם מענטשן, ווי היים, ליבע, פאַמיליע, קינדער ווערט אומגעוואַנדלט, און היים איז נאָר אַזוי פיל קוביק מעטער קאַלטער רוים, ליבע נאָר זאַכלעכע, קילע קאַמעראַדשאַפט, פאָטער נאָר פיזיאָלאָגישע אורזאַך און ניט קיין טאַטע מיט דער גאַנצער האַרציגקייט, וואָס אָט דאָס וואָרט פאַרמאָגט, ווען אַזאַ אינטימע וועלט פאַרשווינדט, בלייבט דען פלאַץ פאַר קונסט, ליטעראַטור, טעאַטער? זיי שטאַרבן אויס, די קונסטן, זייער אָרט פאַרנעמט ראַדיאָ, קינאָ, מאַסן כאָרן. דער גייסט, אין אַלע זיינע פאָרמען און שאַטירונגען, ווערט אומגעשטעלט, אומגעוואַנדלט. „פון אַ פרייהייט אינסטרומענט ווערט ער אַ קנעכטשאַפט אינסטרומענט".

ע ס י י ע ן

די ליטעראַטור, די קונסט, דער טעאַטער זיינען ניט אינטימע טעמפּלען, ניט קיין טרייסטער און דערציער, ניט קיין אַנטדעקער פון זעלישע לאַנדשאַפטן, נאָר אינסטרומענטן פון פּראָפּאַגאַנדע. זיי מוזן דינען דעם אַבסאָליוטן שטאַט מיט דעם אָפּגאָט קלאַס אָדער נאַציע. זיי מוזן באַזינגען און פאַרהערליכן די סיסטעם, דעם פירער, דעם דיקטאַטאָר. די מאלעריי שטאַרבט אויס. קיינער דאַרף זי ניט. דער מעצענאַט פון נעכטן איז געשטאָרבן. אָט דער פיינשמעקער, וועלכער האָט געקענט אין משך פון דער קליינער אייביגקייט, וואָס הייסט לעבן, באַטראַכטן די עטלעכע בילדער, וואָס האָבן גערעדט צו אים פון דער וואַנט אַרונטער מיט זייערע וואונדערבאַרע פאַרבן, איז מער ניטאָ אין דערהיים. נאָר אין אַ היים האָבן בילדער אַ זין. אויב די היים איז אָבער ניט מער ווי אַ פּאָר קוביק מעטער כדי דאָרטן אויסצורוען די ביינער אויף אַ שמאָלער בעט עטלעכע שעה, נאָכוואָס דאַרף מען דאָרט בילדער? די איבעריקע צייט איז מען דאָך אין פאַבריק, אין דעם אַלגעמיינעם לייען צימער, אינם קאַזאַרמע־רעסטאָראַן, אויף די מאַסנפאַרזאַמלונגען, אויף דער גאַס, וואו ראַדיאָ שטימען, רעקלאַמע בילדער, טעמפּאָ־טעמפּאָ, אין אַלע פאָרמען, פאַרהילכן, פאַרטומלען, פאַרהוקען און פאַרשרייען דעם מענטשן, דעם מענטשן פון מאָרגן ביי וועמען מ׳נעמט אַלץ צו, אפילו די . . . ש ט י ל ק י י ט . דער אַבסאָליוטער שטאַט האָט דעם גרעסטן אינטערעס אַז זיין מענטש זאָל לעבן נאָר אין גערויש און אין טומל. שטילקייט קען ווערן, א י ז געפערלעך. שטילקייט איז דער פאָטער פון געדאַנקען. שטילקייט, דאָס איז די וועלט פון דעם פילאָסאָף. אַ העכסט געפערלעכע וועלט.

וואָס לאָזט פאָרט איבער דער אַבסאָליוטער שטאַט פאַר דעם מינימום אינדיווידועלן, פאַרן געפיל פון כבוד, פאַרן ווילן זיך אויסצייכענען, זיך אויספּיינען, דאָס הייסט, שטיין העכער פונם אַנדערן? דעם ס פּ אָ ר ט . דאָס איז ניט געפערלעך. ווילסט זיין אַ העלד? שווים, שפּרינג, לויף, רייט, באקס. מ׳וועט דיר געבן מעדאַלן, אויסרופן דיין נאָמען. ספּאָרט? יאָ. דאָס איז די וועלט פון פיזיק, און שטאַרקע, קערפּערלעך געזונטע מענטשן דאַרף דער שטאַט. און דאָס וועלן די מענטשן זיין. זיי וועלן אויך זיין אויסערלעך שענער. — „אָבער“, לייענען מיר אין דעם בוך — „גלייכצייטיק ווערן די געזיכ־

טער פּוסטער, די אויגן אויסדרוקלאָזער, די קעפּ טעמפּער. וואָס דער אינדיווידואום האָט פאַרלאָרן, האָט דער מין געוואונען".

דער גרעסטער טייל פון לודוויג באַוערס בוך איז געווידמעט דער וואַנדערונג דורך דער וועלט פון מאָרגן. אַלע ווינקעלעך פון אָט דער וועלט ווערן באַלויכטן, דורכגעזיפּט און אויסגעפּאָרשט. כדי אָבער צו טרייסטן דעם אומעטיקן לייענער, און אפשר אויך זיך אַליין, גיט ער אָפּ אַ קליינע צאָל זייטן פאַר דער וויזיע פון דער וויטער צוקונפט, וועלכע די היינטיקע מענטשן וועלן ניט דערלעבן. ד י צ ו ק ו נ פ ט פ ו ן א י ב ע ר מ אָ ר ג ן . זי וועט זיין אַן אַנדערע, אַ שענערע. דער מחבר באַווייזט ווי אַזוי די וועלט פון מאָרגן וועט סוף כל סוף צוזאַמענברעכן. דער מענטש איז דאָך ניט צעשטערט געוואָרן אינגאַנצן, עס זיינען געבליבן רעשטלעך פון אינדיווידועלן ווילן, בייַנקשאַפטן, און זיי וועלן זיך אָנזאַמלען, שטומערהייד אונטערגראָבן דעם קאָלאָס — שטאַט. דער אומהיימלעכער גוואַלד הערשער, דער נשמה־לאָזער גולם וועט אַ צעשמעטערטער פאַלן. ער וועט אויך מוזן פאַלן צוליב אַ סך אַנדערע סתירות. די מענטשן וועלן זיך פּשוט אָפּזאָגן ברייגנען אַ נייעם דור, זיי וועלן מער ניט וועלן האָבן קיין קינדער. די מוטער האָט דערקלערט דעם גרעסטן סטרייק, זי וויל מער ניט געבוירן קיין קינדער. האָט מען ביי איר צוגענומען איר הייליקסטע פרייד צו האָבן די קינדער פאַר זיך, טאָ זאָל דער שטאַט אַליין זען ווי ער קען דאָס שאַפן. דער גולם — אַבסאָליוטער שטאַט רייבט זיך די אויגן פון איבערראַשונג און פאַרוואונדערונג: וואָס טוט מען? דאָ איז שווער צו באַפעלן. מ'פּרואווט פונדעסטוועגן, אָבער אומזיסט. אויסזיכטלאָז. דער שטאַט ווערט געטראָפן, אַטאַקירט פון גאָר אַ געפערלעכער זייט. האַ־האַ־האַ! דער מענטש פון מאָרגן, דער סוף כל סוף עמפּערטער, ערוואַכטער מענטש זאָגט זיך אָפּ צו זיין דער ליפעראַנט פון מענטשן מאַטעריאַל פאַרן שטאַט.

דער גולם פאַלט אַנידער אַ צעשמעטערטער.

. . . און אין דעם איבערמאָרגן, וואָס וועט אַמאָל קומען, וועט זיך די מענטשהייט אויסרוען פון איר לאַנגן פּיין, און דער אָפּגאָט פון איבערמאָרגן וועט זיין — דאָס איינצעלנע, דאָס אינדיווידועלע.

ד ע ר מ ע נ ט ש .

אַ לויבגעזאַנג דער העפליכקייט.

ווען דער ציל פון די שורות וואָס פאָלגן דאָ וואָלט געווען קריטיק, דאַן וואָלט די רייד באַדאַרפט זיין וועגן דער אומהעפליכקייט אויף וועלכער מ'הערט זיך אָפּט באַקלאָגן. אָבער דער קריטיקער גופא ווערט אָפּט מיד פון דער העכסט אומאַנגענעמער באַשעפטיקונג צו קריטיקירן. ער וויל זיך אָפּרוען. ער גלויבט אַז צו זיין אַ פּעדאַגאָג איז לייכטער, און אַלס פּעדאַגאָג געפעלט אים בעסער צו ריידן וועגן העפליכקייט, זי לויבן איידער קריטיקירן די אומהעפליכקייט. דער ציל איז סוף כל סוף דער זעלבער, נאָר דער וועג איז אַן אַנדערער. מ'לויבט עטוואָס כדי דאָס קעגנזעצלעכע פון דעם וואָס מ'לויבט מיאוס מאַכן אין די אויגן פון דעם צוהערער אָדער לייענער. מ'רעדט ניט פון די שלעכטע, גראָבע מאַניערן וואָס איינער האָט, מ'לויבט נאָר די שיינע, קולטורעלע מאַניערן פון דעם אַנדערן. דאָס איז ניט מער ווי אַן אומוועג צוליב פּעדאַגאָגישע צוועקן. טאָ זאָל דאָס זיין אַ לויבגעזאַנג דער העפליכקייט.

קודם כל מוז מען שעצן די העפליכקייט וואָס מער זי איז ניט אויפריכטיק, וואָס מער זי ווערט פּראַקטיצירט פון מענטשן, וועלכע האָבן צו אייך קיין שום באַציאונג, צו וועלכע איר זייט פולשטענדיק גלייכגילטיק. העפליכקייט פון אַן אמתן גוטן פריינט, פון אַ פאַרוואַנדטער נשמה איז אַ נאַטירליכקייט, עס איז ניט העפליכקייט, נאָר האַרציגקייט און וואַרעמקייט. עס קומט דערפאַר ניט קיין דאַנק, עס ווערט צוליב דעם ניט פאַרוועגדעט קיין אנשטריינגונג. די אמתע העפליכקייט, וואָס איז אַ צייכן פון קולטור און פיינעם טאַקט איז די, וואָס איז נאָר אויסערלעכע פאָרם אָן וועלכע ניט איז התחייבותן. זי איז אַ קאָנווענציאָנעלער אָפּמאַך צווישן מענטשן, וואָס געהערן צו קולטור פעלקער צו מאַכן אַנגענעמער דאָס לעבן, די באַציאונג פון מענטש צו מענטש, דורך דעם שיינעם אויסערלעכן פאַסאַד. דער

שמריהו גאָרעליק

העפּליכער שמייכל איז די מאַסקע, וואָס ווערט איבערגעצויגן איבער אונדזער אמתן פּרצוף, וואָס דריקט מערסטנטייל אויס פּרימיטיוון עגאָאיזם און העכסטע גלייכגילטיקייט צום צווייטן. די העפליכקייט פאַרדעקט עס. זי שאַפט אַ באַגליקנדע אילוזיע, זי איז אַ פאַרביקער זייפנבלאָז. מ׳ווייסט אַז קיין גרויסע ממשות האָט עס ניט, אַז דאָס איז אַ צאַרטער אָפּנאַר, וואָס וועט באַלד פונאַנדערגיין, אָבער עס איז אנגענעם צו קוקן אויף דעם. דער קאָנווענציאָנאַלער העפליכקייט אָפּמאַך נעמט אין זיך אַריין אַ מין אומעטיקע ווידוי.

מ׳הערט אַ טרויעריקע שטימע וואָס זאָגט: ווייל עס איז אוממעג־לעך יענער אָפּטימיסטישער געבאָט — ואהבת לרעך כמוך, ווייל די נאַטור האָט, פאַרקערט, אונדז געבענטשט מיט גראָבע אינסטינקטן פון האַס, ניט פאַרגינען, פון רכילות זאָגן, טאָ לאָמיר אין אונדזער אומגליק און גרעסטער אומבאַהאָלפנקייט לכל הפּחות אָנציען אויף זיך די מאַס־קע פון העפליכקייט, לאָמיר זיך אַליין אנגענעם אָפּנאַרן און זיך איינ־ריידן אַז מיר זיינען באמת אַנדערע. העפליכקייט האָט אין זיך עפּעס פון פ ר ײ נ ט ל ע כ ן פ ע ס י מ י ז ם. ניט אומזיסט איז דער קולט פון העפליכקייט באַזונדערס פאַרשפּרייט אין יענע לענדער, ווי כינע און יאַפּאַן, וואָס זיינען אנהייגער פון דעם בודדיזם, די רעליגיע פון רעזיגנאַציע. די העפליכקייט זאָגט אייך גאַרניט צו חוץ . . . פאַרבאָרגן די אמתע געפילן. דער העפליכער מענטש וועט אייך קיינ־מאָל ניט לאָזן באַמערקן, אַז מיט פינף מינוט פריער, איידער איר זייט זיך צוזאַמענגעקומען מיט אים, האָט מיט אים פּאַסירט עפּעס שווערעס אָדער אומאַנגענעמעס. מעגלעך, אַז גלייך נאָכדעם ווי איר גייט אַוועק, באַלד ווי די טיר ווערט נאָך אייך צוגעשלאָסן, וועט ער אַן אויפגערעגטער לויפן צום טעלעפאָן, ער וועט אַראָפּזינקען אין דעם טיפן שטול, נעמען דעם קאָפּ אין די הענט און טיף אומגליקלעך זיין, אָבער בעת איר זייט געווען מיט אים צוזאַמען האָט איר דאָס ניט געזען, ער האָט עס אייך ניט געלאָזט מערקן.

דאָס איז העפליכקייט, דאָס איז זעלישע ציכטיגקייט, אמתע הויכע קולטור. ווייל דער מענטש דאַרף וויסן, אַז די ליידן, וואָס אים פאַלט אויס צו טראָגן, מוז ער טראָגן אַליין, קיינער וועט אים ניט דערלייכ־טערן. יעדער איינער מוז זיך אויסלערנען „שלינגען זיין אייגענעם

רויך“. אָבער העפליכקייט פאַרבאָרגט ניט נאָר דאָס אַליין, זי איז פאַרפליכטעט צו פאַרבאָרגן די אמתע געפילן, וואָס איך האָב צו אייך און איר צו מיר. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך וועגן געפילן פון אַנטיפאַטיע, ווייל אין פאַרקערטן פאַל איז העפליכקייט קיין קונץ ניט און אויך ניט קיין פאַרדינסט. איך געפעל אייך ניט? באַלד ווי איר האָט מיך נאָר דערבליקט, האָט איר אַ פאַרלאַנג תיכף אָנהויבן צו געניצן, איך בין אייך איבערהויפט אין העכסטן גראַד גלייכגילטיק? מילא, איך קען אייך ניט צווינגען איר זאָלט האָבן בעסערע געפילן צו מיר, אָבער איך האָב אַ רעכט אייך דערמאָנען אָן דעם קאָנווענציאָנעלן אָפּמאַך, וואָס מיר אַלס קולטורעלע מענטשן האָבן צווישן זיך, איך פאָדער פון אייך איר זאָלט אויף זיך אָנציען די מאַסקע פון העפליכקייט און איר זאָלט פאַרבאָרגן אייערע אמתע געפילן. געגעצן קענט איר שפעטער ווען איך וועל ניט זיין, איר קענט מיך באַריידן, איר קענט זאָגן: אוף! ענדלעך פטור געוואָרן, אָבער שפעטער, ווען איך וועל ניט זיין.

אַ מיטגליד פון ענגלישן פאַרלאַמענט וויל שטירצן זיינעם אַ פאָליטישן קעגנער, ער וויל צונישט מאַכן זיין איינפלוס. בפירוש ניט קיין פריינטלעכער אַקט, מעגלעך אַז ער האָט צו זיין קעגנער פיינטלעכע געפילן, דער עיקר, ווען ער האַלט אַז די קעגנערישע פאָליטיק איז שעדלעך פאַרן לאַנד, אָבער זיינע רייד וועט ער אַרויסברייגנען אין דער אויסגעזוכטסטער פאָרם פון העפליכקייט. צ ו ו י ש ן די שורות איז דאָ דער ברענענדיקער וואונטש דעם קעגנער וואָס גיכער צו שטירצן, אָבער די שורות אַליין ריידן נאָר „וועגן דעם ערנווערטן און ביז גאָר איידעלן זשענטלמאַן, וואָס וועט האָפענטליך אַנטשולדיקן פאַר דער ניט מעגלעכקייט צו האָבן דיזעלבע מיינונג וואָס ער“. אָדער: „וועט דער זייער געשעצטער און זייער ערנווערטער זשענטלמאַן, וועמעס גלענצענדע פאַרדינסטן קענען באַטראַכט ווערן נאָר מיט דעם געפיל פון העכסטער אַנערקענונג, באַגרייפן ווי טיף איך באַדויער צו זיין געצוואונגען אין דער פראַגע, וואָס ווערט ביי דער היינטיקער זיצונג פאַרהאַנדלט, אים ע נ ע ר ג י ש ו ו י ד ע ר ש פ ר ע כ ן“. דער אמת׳ער פאַרלאַנג, די איינציקע כונה — שטירצן דעם קעגנער — ווערט אויסגעדריקט אין די צוויי ווערטער „ענערגיש ווידערשפרעכן“,

שמריהו גאָרעליק

דאָס איבעריקע איז העפליכקייט, איז יענע וואונדערבאַרע קולטור מאַסקע. צוליב אָט דער העפליכקייט איז עס אַ פּאַרגניגן צו לייענען וועגן די זיצונגען אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. דער, וואָס ביינקט נאָך אויפריכטיגקייט, אומבאַהערשטקייט, אָפנקייט, דער זאָל זיך דערמאָנען אָן די זיצונגען פון די אַנדערע אייראָפּייאישע פּאַרלאַמענטן, וואו דער קעגנער ווערט אָפּט געזידלט מיט די לעצטע ווערטער, וואו ער ווערט אויסגעלאַכט, פאַרניכטעט פון אַ דעמאַגאָגישן רעדנער. ניט זעלטן ווערט אויף אַזוינע זיצונגען נאָך לעבעדיקער, איינער דעם צווייטן וואַרפן זיך טינטערס אין די קעפּ, מ'שלאָגט זיך מיט שטעקנס. דאָרט איז מען אויפריכטיק, מ'איז מוותר אויף דער מאַסקע און מען באַווייזט דעם אמתן פּרצוף. אויפריכטיגקייט איז אַ גרויסער ענין אין וויכטיקע ענינים. אַן אַרכיטעקט וואָס בויט אַ הויז מוז ביים בויען זיין אויפריכטיק, אַניט וועט דאָס הויז זיכער איינפאַלן, אָבער אין מענטשלעכע באַציאונגען פון איינעם צום צווייטן איז אויפריכטיגקייט אָפט — גראָבקייט, האַרצלאָזיגקייט. אַלע אומהעפליכע מענטשן קענען זיך פאַרטיידיקן דערמיט, וואָס זיי ווילן זאָגן זיי זיינען אויפריכטיק. דער קעלנער וואָס דערלאַנגט אייך דעם טעלער זופּ און קוקט דערביי אַן אַ זייט; דער קרעמער וואָס פאַרקויפט אייך זייף און איז אויף אייך ווי ברוגז, זאָגט קיינמאָל קיין דאַנק, פּאַקט איין דאָס פאַרקויפטע נאַכלעסיק, געלאַנגווייליקט, שלעכט, אומגעלומפּערט; דער בריווטרעגער, וואָס ברענגט אייך די בריוו אין שטוב אַריין און זאָגט ניט שלום, זיי זיינען אַלע נאָר אויפריכטיקע מענטשן. דער קרעמער פאַרבאָרגט פון אייך ניט אַז ער מיינט איר זייט אפשר נאָר אַ צופעליקער קונה און צוליב דעם אפשר ווייזט ער אייך זיין אמתן געפיל, דעם געפיל פון אומהעפליכקייט און גלייכגילטיגקייט. אַ רוסיש ווערטל לויטעט: „יאַ טשעלאָוויעק פּראָסטאָי”. איבערגעזעצט אויף אידיש הייסט עס: איך בין אַן אָפענער איין און דרייסיק, ביי מיר איז ניטאָ קיין קונצן, וואָס אויפן לונג, דאָס אויפן צונג. באַשיצט זאָל מען ווערן פון אַזוינע אָפענע מענטשן. זיי טוען אַמאָל אָן די גרעסטע צרות. אין זיין דראַמע „די ווילדע קאַטשקע” האָט איבסען באַוויזן אַזאַ העלד פון אויפריכטיגקייט, וואָס האָט מיט זיין אמת און אָפנקייט געבראַכט אומבאַשרייבלעכן אומגליק.

ע ס י י ע ן

נעמליך, דאָס גליק פון אַ גאַנצער פאַמיליע איז געווען באַגרינדעט אויף דעם, וואָס אַן אמת איז געווען פאַרבאָרגן, קומט אַ מענטש וואָס וויל נאָר דעם אומבאַדינגטן אמת, אַ מענטש אָן יענער „העפליכקייט פון האַרצן", און אָט דער אויפריכטיקער מענטש צעשטערט דאָס גליק פון פרידלעכע מענטשן דורך דעם, וואָס ער דעקט אויף דעם אמת, דעם אמת, וואָס איז מיט זיין גרויזאַמקייט נידעריקער, אוממענטשלעכער, ווי יענער זיסער, הומאַנער ליגן, וועלכער איז געווען אַ מין צאַרטע מאַסקע און האָט מעגלעך געמאַכט דעם פרידן און דאָס באַשיידענע גליק פון אַ גאַנצער פאַמיליע. אין יענער דראַמע איז דער קאַנזע־קווענטער, אָפענער, א ו מ ה ע פ ל י כ ע ר אמת זוכער דער אומ־סימפּאַטישסטער פון אַלע העלדן, ריכטיקער, דער איינציקער אומסימ־פּאַטישער.

אין עצם אַנטלויפן מיר פון דער אָפענער אויפריכטיגקייט און ווילן פון איר אינסטינקטיוו ניט וויסן. דער קראַנקער וויל זיך ניט דער־וויסן פון זיין דאָקטאָר דעם אמת וועגן זיין קראַנקהייט, פאַרשטייט זיך, ווען די קראַנקהייט איז אַ געפערלעכע. ער איז אים דאַנקבאַר פאַר אַ ליגן, פאַר אַ אילוזיע, פאַר אַ זייפנבלאָז. די דאַמע, וועמען די נאַטור האָט ניט אַזוי מילד באַהאַנדלט און זי אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט אַ העסלעכע, ווייסט זייער גוט אַז איר טיש שכן ביי דער יום־טוב׳דיקער סעודה וואָלט אודאי בעסער געוואָלט זיצן מיט אַ שיינ־הייט, אָבער זי איז אים אומענדלעך דאַנקבאַר וואָס מ׳קען דאָס אויף אים גאָרניט באַמערקן, וואָס זיין אויפמערקזאַמקייט צו איר, זיין אינ־טערעס אין איר איז פונקט ווי זי וואָלט געווען די באַגערטסטע שיינ־הייט. זי דאַנקט אים פאַר זיין איידעלער העפליכקייט, פאַר דער מאַסקע, וואָס ער טראָגט, פאַר פאַרנעמער מענטשלעכער אומאויפ־ריכטיגקייט . . .

דער געזאַלצענער הערינג

די טעג האָב איך געלייענט אין אונדזערע צייטונגען, אַז די גרויסע פיש־האַנדל הייזער אין ענגלאַנד האָבן באַשלאָסן אָנהויבן שיקן קיין ארץ ישראל געזאַלצענע הערינג. אַ ספּעציעלער ענגלישער זשורנאַל, איינגאַנצן געווידמעט די אינטערעסן פון פיש האַנדל, דערמוטיקט דער־צו מיט אַ פּסיכאָלאָגישן קאָמענטאַר. ער דערציילט דעם ענגלישן עולם וועגן דער באַזונדערער שוואַכקייט און ליבע פון די אידישע מאַסן צום געזאַלצענעם הערינג.

דער ענגלישער פיש זשורנאַליסט האָט געהערט עפּעס ריכטיקעס און האָט געטאָן זיין חוב דאָס איבערצוגעבן זיינע לייענער, אין מיר אָבער האָט די קורצע ידיעה — איך מוז זיך מודה זיין — אַריינגע־בראַכט אַ גאַנצן טומל. זי האָט אויפגעוועקט זכרונות אָן אַ שיעור, לעבעדיק געמאַכט פאַרשידענע וועלטן און געלאָזט פאַרבייגיין פאַר מיין אויג מענטשן, שטעטלעך און שטעט, אידישן לעבנס שטייגער פון דורות. דער געזאַלצענער הערינג! דער, וואָס פלעגט אָנקומען פון ליבאַווע אין קליינע פעסעלעך, צוזאַמענגעפּרעסט, איבערגעשאָטן מיט געלן ראָסל־זאַלץ, געדיכט, ענג געפּאַקט, קאָלעקטיוויסטיש ביז דער אומהיימלעכסטער קאָנזעקווענץ, אָבער, אַרויסגענומען, באַפרייט און אויסגעשפּרייט אַליין אויפן טעלער, איז יעדער הערינג געווען אַ וועלט פאַר זיך, אַ שאַרפע, געזאַלצענע וועלט מיט אַ ערנסטן אינהאַלט. איז עס מעגלעך, אַז מיר זאָלן אים ווידער זען דאָ, דעם שמאָלן, שאַרפן מתנגד מיט דעם ניט זעלטן פעטן רוקן, וואָס האָט באַצירט דעם אידישן טיש, דעם טיש פונם רייכן ווי פונם אָרימען אידן? יענעם וואונדער־באַרן, הערלעכן הערינג, וועמען דאָס פאַציפיסטישע אידיש פאָלק אין אוקראַינע, ליטע און פוילן האָט גערופן, — איך ווייס ניט פאַרוואָס — דער „געקוילעטער“ הערינג, וועלן מיר ווידער זען אין אונזער לעבן,

ע ס י י ע ן

אין אונדזער נ י י ע ם לעבן אַלס דערציִער צו באַשיידנקייט, צו אינערער פרומקייט, צו ערנסט און דרך ארץ?

— גיי וואַש זיך און נעם אַ ביסן אין מויל, — דאָס איז די שטימע פון אַ אידישער פרוי, וואָס רעדט צו איר מאַן אָדער עלטערן פאַרהאַ־רעוועטן זון, וואָס איז געקומען פונם יאַריד. דער „ביסן אין מויל" איז געווען דער הערינג. אין גוטע צייטן איז ער נאָר געווען ווי אַן הקדמה צו נאָך אַ הויפט געריכט, אין שלעכטע צייטן — ה ק ד מ ה א ו ן ס ו ף, מיט דער הילף פון דעם וואונדערבאַרן אידישן „לעבל ברויט", יענעם ברויט, וועלכן דער אידישער ישוב דאָ האָט אין זיין טומל און ליבלאָזיגקייט פאַרגעסן ווי מ'באַקט אים. קענען און ו ו ע ל ן אויסבאַקן אַ גוט לעבל ברויט איז אַ גאַנצע קולטור פון האַרצן, דאָס איז זעלישע העפליכקייט. דאָס לעבל ברויט, אין זיין פאַרענדיגטקייט, די היילִיקסטע שפייז, האָט באַצירט און אַרויסגע־האָלפן דעם הערינג וועלכער, צעטיילט אין גלייכע חלקים, האָט פאַר־נומען אַ שמאָלן וועג אויפן ווייסן טעלער, באַגלייט פון ביידע זייטן מיט ציבעלע, אוגערקע און אַמאָל מיט שוואַרצע מאַסלינעס.

אינ'ם אידישן הויז פון אַמאָל האָט מען ליב געהאַט דעם הערינג און, צי ער איז געווען אַן הקדמה אָדער הקדמה און הויפט אינהאַלט, האָט מען אויסגעשפרייט אויפן טיש אַ ווייסן טישטוך ווי פאַר דער בעסטער סעודה. דער הערינג איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט, אָפט עטלעכע מאָל אין טאָג, פונדעסטוועגן האָט מען אים קיינמאָל ניט מבייש געווען, דוקא צוליב זיין אָפטקייט איז ער געווען זייער אנגע־לייגט. אָרום די געפילטע פיש איז געווען אַ געוויסע פייערלעכקייט, פּאָמפּע, זמירות, אינטים אָבער, אמת אינטים, דערביי ניט וואולגאַר חלילה, איז מען אין אידישן הויז געווען נאָר מיט דעם הערינג. דער ליבלינגס מאכל פונם לאָסט טרעגער ווי פונם מתנגדישן רב, פון משכיל ווי פון דעם וואָלד הענדלער. די אידישע פרוי איז קיינמאָל ניט געווען אין קיין פאַרלעגנהייט אויב זי האָט נאָר געהאַט אַ הערינג אין שטוב. אין די באַקאַליינע קראָמען, וואו עס האָט געשמעקט מיט מאַכאָרקע, דזיעגעכץ און ביליקן האָניק האָט מען די הויפט זאַך זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, אויפן הערינג. די באַלעבאָסטעס, די טעכטער, וואָס זיינען געגאַנגען איינקויפן האָבן געוואָרפן בליקן צום פּעסעלע,

די קיילעכדיקע טעריטאָריע פאַר דעם איינגעפּרעסטן, געזאַלצענעם קאָלעקטיוו. איינס נאָך דאָס אַנדערע האָט מען זיי אַרויסבאַפּרייט און, איינגעפּאַקט אין דיקן פּאַפּיר, געטראָגן זיי אַהיים וואו מ'האָט שוין געוואַרט אויף זיי ווי אויף טרייסט און אַפּעטיט ברייגער, ווי אויף דעם סטאַבילסטן מאכל וואָס נאָרט קיינמאָל ניט אָפּ, וואָס זאָגט קיינמאָל ניט צו מער ווי ער קען ווירקלעך געבן, אָבער וואָס ער גיט איז זייער אַ סך. דער הערינג, דער הערינג! און דעם הערינג האָט אַרויסגעהאָלפן דאָס ווייצן אָדער קאָרן ברויט, וואָס דאָס גלות אידנ־טום, ליידנד אָבער רייך אין טראַדיציע, אין אינערלעכער פעסטקייט, האָט געקענט און געוואָלט באַקן מיט ל י ב ע.

הגם דער „געקוילעטער" געזאַלצענער הערינג איז געווען אומ־גלויבלעך באַליבט אין הויז פונם אוקראַינישן אידן און האָט כמעט ניט געפעלט ביי קיין מאָלצייט, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז אין זיין גאַנ־צער באַדייטונג, ווי אַ סואווערעניטעט, איז ער אויפגעטראָטן נאָר אין דער ליטע. דער הערינג איז אַ ליטוואַק, אויף וויפיל ער איז די פאַרקערפּערונג פון באַשיידנקייט, פון זיין אַ שמח בחלקו, פון נ אָ ר א י י ן ט ע ל ע ר, פון אינערלעכער דיסציפּלין. אַמבעסטן האָט דער הערינג זיך געפּאַסט אינם שטיבל פון דעם פּרוש, אויף דעם פּרו־מען טיש פונם אָרימען ראש הישיבה. אין אוקראַינע, וואו דאָס אי־דענטום איז געווען פאַרמעגלעכער און וואו דאָס לאַנד איז פעטער, זאַטער, האָט דער הערינג ניט געקענט אַנטוויקלען זיין גאַנצן איב־האָלט, זיין פולע באַדייטונג. לאָמיר ריידן אָפן! וואָס דעם הערינג האָט אָפּט געפעלט אין דער אוקראַאינישער אידישער שטוב איז — א י י נ ז אַ מ ק י י ט. ד ע ר ה ע ר י נ ג ו ו י ל ז י י ן אַ ל י י ן. דאָס הייסט, ער וויל זיין דאָס ה ו י פּ ט ג ע ר י כ ט. העכסטנס קען ער נאָך צולאָזן אַ טעלער גריפּן זופּ, אָבער, ביטע, ניט מער. דער הערינג האָלט זייער שטאַרק פון זיך, ער נעמט זיך איבער, איז פול מיט חשיבות און פילט זיך ווי דעגראַדירט, געלעסטערט דורך אַ צופיל בייטן פון געריכטן, דורכן געקלאָפּעריי פון לעפל־גאָפּל, דורכן געקלינגעריי פון טעלער און גלעזער. דער הערינג איז אַ וועלט פאַר זיך און קען אַליין אויספילן אַ טיש, אָן דער שכנהשאַפט פון אַנדערע מאכלים. און אַ וועלט פאַר זיך, אַליין, אין זיין גאַנצער וויכטיגקייט

עסיען

אַלס איינציקער און הויפּט מאכל, האָט ער געקענט זיין נאָר אין דער אָרעמער, פאַרטראַכטער, בכבודיקער, איידעלער, גייסטיקער ליטע. איך זאָג אָרעמער און מיין דערביי ניט פּראָלעטאַרישער. דער הערינג איז לויט זיין גאַנצן מהות נאָך ניט קיין אָביעקט פאַר סאָציאַלע פאַר־גלייכן. מ׳וואָלט אונטערשאַצט און פאַרביליקט דעם הערינג ווען מ׳זאָל אים אויסנוצן צוליב בונטאַרסקע, רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און זאָגן למשל: אָט איך עס בלויז הערינג מיט ברויט און דער שכן מיינער ווערט פעט פון געבראָטענע גענז. אין פאַרגלייך מיט עפּעס אַ געבראָטן שטיקל גאַנז איז דער הערינג, אין אמתן, אַן אַריסטאָקראַט. דער הערינג איז די שפּייז פון דעם איינזאַמען, דעריבער איז ער איינער וואָס שטעלט העכער פון אַלץ זיין גייסטיקע אומאָפּהייגיגקייט. צו פאַרזיכערן זיך מיט אַזאַ אומאָפּהייגיגקייט איז שווערער ווען מען ווייסט, אַז עס זיינען דאָ געבראָטענע גענז אויף דער וועלט, זי איז אָבער אַלע מאָל מעגלעך, ווען מ׳האַלט זיך ביים הערינג, ווען מ׳ווייסט זיין געטריישאַפט, ווען מ׳ווייסט, אַז דער הערינג, מיט דער הילף פון גוטן ברויט, קען גאַנץ גוט באַפרידיקן דעם קערפּער. ניט די געבראָטענע גענז גיבן די אינערע פריהייט, נאָר דער באַשיידענער שטומער הערינג. ער איז עס געלעגן אויף שפּינאָזאַס טיש, די בלינדע אויגעלעך פון דעם שמאָלן הערינג זיינען עס געווען די וואָס האָבן גע־סטאַרטשעט אויף דער ביכער שאַפע מיט די אַכצן אָדער צוואַנציק ביכער אין דעם אָרימען אָבער זויבער מעבלירטן צימער. אין דער קעגנוואַרט פונם הערינג האָט שפּינאָזאַ געטראַכט זיינע הויכע געדאַנ־קען, געשאַפן יענע רעליגיעזע שטימונגען, יענעם אַ מ אָ ר ד ע י א י נ ט ע ל ע ק ט ו אַ ל י ס , וועלכן איינער האָט מיט רעכט באַ־צייכנט אַלס „איבערזעצעקונג מיט גאָטהייט״. און וויפיל רבנים, לומדים און סתם פיינע אידן זיינען געבליבן זיצן פאַרטראַכט אַרום דעם ווייס געדעקטן טיש אויף וועלכן עס איז נאָר געשטאַנען איין טע־לער מיט סימנים פון אַ הערינג, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר אַ חשובן, הויכן סאָרט מענטש? איז עס ניט געווען דער הערינג, וואָס האָט דעם גמרא לערנער, דעם ישיבה בחור געגעבן די קראַפט פאַר זיין קלינגענדיקן און אומעטיקן „אמר רבא״, וואָס האָט זיך געטראָגן

שמריהו גאָרעליק

פון די ישיבה פענסטער און אָנגעפּילט די פאַרבייגייער מיט פּיינעם, איידעלן נאָכדיינקען?

און אָט קריגן די צייטונגען די ידיעה, אַז די ענגלישע סוחרים, געשטיצט פונם פּסיכאָלאָגישן וויסן, ווילן ווידער איינפירן, ברייגנען דעם געזאַלצענעם, „געקוילעטן" הערינג. איבערפולט פון אַמאָליקע זכרונות, באַגריס איך דיין קומען, טייערער הערינג. אָבער קומסטו ניט צו שפּעט, צו אַ ישוב, וואָס אַרבעט מיט אַ ווילדן טעמפּ, וואָס איז אַמעריקאַניזירט, וואָס עסט שנעל, וואָס אַרבעט שווער און צופיל? דיר, הערינג, לויט דיין גאַנצער נאַטור, דער נאַטור פון ווייניק, איז פרעמד יעדער צו פיל, יעדער איבערטריבענקייט, יעדע זולל וסובא'ריי, אַפילו אין אַרבעט. און דאָך, און פונדעסטוועגן, זיי געגריסט, און אין אַ גוטער שעה! פּונקט ווי ביי מיר האָט די ידיעה פון דיין נאָענטן קומען אויפגעוועקט פאַרגאַנגענע וועלטן, אַלטן, וואונדערבאַרן אידישן לעבנסשטייגער, אַזוי וועט עס אויך פּאַסירן מסתמא מיט אַ סך תל אביבער בירגער. מ'וועט פייערן דאָס ווידערזען זיך מיט דיר, שטאָלצער און צוגלייך באַשיידענער הערינג, מ'וועט דערציילן די קינדער ווער דו ביסט געווען אין די טויזנטער גלות שטעטלעך, וואָס פאַר אַ באַדייטונג דו האָסט געהאַט אין אידישן לעבן און אַז מיט דיר, הערינג, אין דער צייט פון דיין אומבאַשריינקטער, אַבסאָליוטער הערשאַפט איבער דעם אידישן שפּייז טיש, זיינען אויסגעוואקסן גאונים, לומדים, שטיקלעך סטעארינענע ליכט און רויכערנדיקע לעמפּלעך האָבן באַלויכטן די סטענדערס פון די הונדערטער ישיבה בחורים אין וואָלאָזשין, מיר און טעלז, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אויף הערינג. טרעט אַריין אין דיין ביימעם אַמט, הערינג, און ווירק, און דערצי, ווי דו האָסט אַמאָל געווירקט און דערצויגן. דערצי צו אַ פאַראיידעלערונג פון מאַניערן, צום שטילער ריידן, צו מער העפליכקייט, צו ווייניקער האַסטיגקייט. לערן דו, איינציקע שפּייז פון אַזוי פיל אידישע דיינקער, די מענטשן צו דיינקען און נאָכדיינקען.

די משוגע־געוואָרענע מוראַשקע

אַנומעלט האָב איך איבערגעלייענט אין אַ צייטונגס נאָטיץ — אין דעם רובריק פון קוריאָזע געשיכטעס — אַ העכסט אינטערעסאַנטע און מערקווירדיקע פּאַסירונג מיט אַ מוראַשקע. וועגן דעם לעבנסשטייגער פון אָט די האָרעפּאַשנע באַשעפענישן זיינען שוין געשריבן געוואָרן זייער אַ סך ביכער פון געלערנטע און באַדייטנדע קינסטלער. פּונקט ווי די שילדערונגען פונם לעבן און שאַפן פון די בינען, אַזוי האָט מען אויך די שילדערונגען פונם לעבן און אַרבעטן פון די מוראַשקעס אָפט באַנוצט פאַר פּעדאַגאָגישע צוועקן און מ'האָט איינגעלאַדן די מענטשן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל. די פּעדאַגאָגישע אָנצוהערענישן, די ביכער זיינען באַקאַנט, אָבער אַזוינס ווי די אויבנדערמאָנטע נאָטיץ איז נאָך ניט געווען.

פּאַסירט האָט אָט וואָס: אויף איינעם פון זיינע טעגלעכע רעגלמעסיקע שפּאַצירן האָט אַ געלערנטער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצער מוראַשקע מלוכה. דער גאַנצער מוראַשקע קאָלעקטיוו איז געווען פאַרטאָן אין אַרבעט, אַ ביסל אָן אַ זייט פון וועג, אויף וועלכן די מוראַשקעס זיינען אַרומגעגאַנגען איז אומרואיק, שנעל און פאַרטראָגן אַרומגעלאָפן איין איינציקע מוראַשקע הין און צוריק, אָן וועלכער עס איז אויפגאַבע, אָן וועלכער עס איז שליחות לטובת הכלל. סתם אַזוי און ביז גאָר מעלאַנכאָליש איז זי אַרומגעלאָפן אַ צעטומעלטע, אַ צעטראָגענע, ניט קימערנדיק זיך וועגן די מאַסן חברים, וואָס האָבן איצט, ווי אַלע מאָל, באַפּעלקערט דעם שמאָלן וועג אין צוויי שוואַרצע, אַהין און אַהער גייענדיקע רייען. די סאָלאָ־מוראַשקע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס האָט־גענומען אפשייד פון דער געזעלשאַפט, אָדער ווי איינער, וואָס איז פאַר וועלכע עס איז זינד אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער געזעלשאַפט ווי אַ ניט פּאַסיקער, וואָס פאַרדינט ניט צו זיצן ביים אַלגעמיינעם טיש.

שמריהו גאָרעליק

דער געלערנטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. לאַנג און אויפמערקזאַם האָט ער באַטראַכט די צעטומלטע, אַרומלויפנדיקע מוראַשקע, האָפנדיק אַז אפשר וועט ער פאָרט קענען אַנטדעקן וועלכן ס׳ניט איז צוזאַמענהאַנג מיטן כלל, אפשר האָט די מוראַשקע פאַר וועלכע ס׳ניט איז באַזונדערע פאַרדינסטן געקראָגן אַ ספּעציעלן, אויסערגעוויינלעכן אורלויב, אָבער, אויב אַזוי, פון וואַנען אַזאַ צעטראָגנקייט, אַזוי פיל סימנים פון שמערץ און מעלאַנכאָליע?

דער געלערנטער האָט באַשלאָסן ער׳ט כאַפּן אָט די מוראַשקע, אָט דעם פּענאָמען פון דער מוראַשקע וועלט, זי נעמען אַהיים און דאָרט אונטערזוכן ווי עס דאַרף צו זיין. גאָכדעם ווי ער האָט זי אונטערזוכט האָט דער געלערנטער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג — די מוראַשקע איז משוגע געוואָרן. איין טייל פון איר מיקראָסקאָפּישן מאַרך איז געווען אָנגעשוואָלן.

מיט אָט דער מעדיצינישער פעסטשטעלונג ענדיקט זיך יענע קורצע צייטונגס נאָטיץ, בעת לויט מיין מיינונג דאַרף זי זיך ערשט אָנהויבן. ערשט איצט, נאָך דער עקספּערטיזע פון דעם געלערנטן, הויבט די זאַך אָן ווערן אינטערעסאַנט ביז גאָר.

אָט די משוגע געוואָרענע מוראַשקע, איז זי ניט געווען די איינציקע אינטערעסאַנטע צווישן אירע מיליאָנען חברטעס, וועלכע זיינען שטילע, האָרעפּאַשנע קנעכט פון דעם קאָלעקטיוו אינסטינקט? איז דער געשוואָלענער פלאַץ אויף איר מיקראָסקאָפּישן מאַרך ניט געווען אַ פלאַץ פון באַזונדערער אויסצייכענונג, מיט וועלכער די נאַטור האָט זי באַשאָנקען, דער פלאַץ וואו עס האָבן זיך געזאַמלט געדאַנקען? האָבן מיר אפשר פאַר זיך אַ פאַל פון אַן אָריגינעלער מוראַשקע, פון אַ פרעגער, אַ גריבלער, פון איינער וואָס איז ניט צופרידן פון איר גורל? איז זי ניט די ערשטע אינדיווידואַליסטין אינם קעניגרייך פון יענע קליינע באַשעפענישן, וואָס זיינען אונטערטעניק דער סיסטעם פון דער שטרענגסטער אַלגעמיינקייט? די עקספּערטיזע פון דעם געלערנטן, אַרויסגעזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע, דערקלערט אין דער ווירקליכקייט גאָרניט. זי איז גיכער פון אַלץ אַן אומבאַהאָלפנקייט, אַן אויסוועג ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אַן אומאַנגענעמען אָריגינאַל. מיט אויסערגעוויינלעכע מענטשלעכע נאַטורן, וואָס האָבן געהאַט

ע ס י י ע ן

זייער אייגענע נשמה געשטאַלט איז מען גאַנץ אָפט זיך אויך באַגאַנגען אַזוי. ווען מ׳האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי, ווי אַזוי צו דערקלערן זייער זיין טשיקאַווע, דאָס הייסט זייער אָריגינאַליטעט, האָט מען זיי פשוט איינגעשפאַרט אין אַ משוגעים הויז. געווען צייטן ווען אָט דער מיטל איז זייער שטאַרק אָנגעווענדעט געוואָרן. הערצאָגן, ווען זייערע הויף דיכטער האָבן, אין אַ אויפברויז פון טיפן שמערץ, געזאָגט אַ צו אָפן וואָרט; דער עלטסטער פון אַ אנגעזעענער פאַמיליע, ווען אַ צו אָריגינעלער זון אָדער זעלבסטשטענדיקע טאָכטער האָבן בוגד געווען אין דער אָנגענומענער פאַמיליע טראַדיציע, האָט זיך באַנוצט מיט דעם מיטל. וויפיל באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן זיינען אומגעקומען, מיטנעמענדיק זייערע פיינע געדאַנקען אין קבר בלויז דערפאַר, ווייל די געזעלשאַפט עקספערטן האָבן זיך פאַרלייכטערט זייער אַרבעט און אָנשטאָט זיך אַריינטראַכטן טיפער, מענטשלעכער, האָבן זיי געזוכט געשוואָלענע פלעצער אויף די מאַרכעס.

די אומגליקלעכע מוראַשקע, די מוראַשקע־אינדיווידואַליסטקע, די אַליין־גייערין, וואָס האָט מורד געווען אין דער קנעכטשאַפט פון קאָלעקטיוו אינסטינקט, איז אַריינגעפאַלן אין שלעכטע הענט. עס איז זייער צו באַדויערן וואָס אין יענעם פרימאָרגן אָדער נאָכמיטיק, ווען די „משוגע״ געוואָרענע מוראַשקע איז אַרומגעלאָפן אין פאַרצווייפלונג אָדער גאָר אין באַגליקנדיקער איינזאַמקייט, איז גראָדע געגאַנגען שפאַצירן אַ פעדאַנטישער געלערנטער, וואָס איז פאַרזונקען אין זיין טרוקענער פאַך־וויסנשאַפט און ניט קיין דיכטער. אַ דיכטער ווי מאָריס מעטערלינק, למשל, וואָס האָט געשריבן אַזוינע וואונדערבאַרע ביכער וועגן די בינען און טערמיטן, ער וואָלט זיך געדאַרפט אָנשטויסן אויף דער מוראַשקע, וואָס האָט זיך אָפגעשיידט פון דער געזעלשאַפט. ווי אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש וואָלט אַרויסגעקומען די עקספערטיזע. פון אונטער דער פיינער און טיפער פען פון אַ מעטערלינק וואָלט זיך פאַר אונדזערע אויגן פונאַנדערגעוויקלט אַ טראַגעדיע פון דעם איינצעלנעם, אַ קאַמף פון דעם אינדיווידועלן קעגן דעם כלל, דעם המון, קעגן דעם ריין אינסטינקטמעסיקן, וואָס לעבט, האָרעוועט און טראַכט גאָר קיינמאָל ניט צי דאָס האָט װעלכן ס׳ניט איז זין. מ׳דאַרף ניט פאַרמאָגן קיין צו גרויסע פאַנטאַזיע זיך פאָרצושטעלן די שיינע קאַ־

פיטלעך, סצענעס און פילאָזאָפיש־מענטשלעכע באַטראַכטונגען, וואָס מעטערלינק וואָלט זיכער אָנגעשריבן ווען ער, און ניט יענער לאַנג־ווייליקער, טרוקענער געלערנטער וואָלט געגאַנגען שפּאַצירן יענעם פרימאָרגן אָדער נאָכמיטיק און ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אויף דער מוראַשקע, וואָס האָט רעבעלירט קעגן דעם מאַסן אינסטינקט, קעגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די פאַרשקלאָפּטע מאַסן.

אָט די לעבנס ביאָגראַפיע, אָנגעשריבן פון אַ גרויסן קינסטלער, וואָלט אונדז ניט ווייניקער דערשיטערט מסתמא ווי דער שיקזאַל פון איבסענס בראַנדט אָדער ווי די טראַגעדיע פון אוריאל אַקאָסטאַ. צום אַלעם ערשטן וואָלט מעטערלינק מסתמא געגעבן אונדז אַ בילד פון דעם מוראַשקע המון, דאַן וואָלט ער פאַר אונדז געמאָלן ווי איינע פון אָט די האָרעפּאַשנע מיליאָנען, וואָס קענען גאָר קיין אַנדער לעבן ווי נאָר זיין אינאיינעם, אין איין נאָרע, האָט זיך פלוצלונג באַטראַכט און איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. שווערע מחשבות, ספקות זיינען באַפאַלן אָט דער מוראַשקע, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון כלל. די אַרבעט איז אַ ביטערע נויטווענדיגקייט, אַ שווערער חוב, אָבער פאַר־וואָס צווינגט מען עס אַרויף אויף איר ווי אַ הייליקן אידעאַל? איך גלויב ניט אַז דאָס איז הייליק, איך גלויב נאָר אַז מ׳מוז עס, און די צייט ווען מ׳וועט עס מער ניט מוזן וועט זיין אַ שענערע ווי די ווען מ׳מוז עס יאָ. אויך דאָס לעבן אינאיינעם, אין איין קוטשע, קען ניט זיין קיין אידעאַל. אָ! איך וויל זיין אַליין. איך קען נאָך ווי עס איז פאַרטראָגן דאָס געמיינזאַמע עסן ביי דעם איינעם מוראַשקע טיש, אָבער דיינקען, דיינקען! אַ העכערן געדאַנק קען מען זיך קיינמאָל ניט דערטראַכטן אין אַ . . . קאַזאַרמע.

דאָס איז אומגעפער געווען דאָס טענהן, דאָס פאַרטראַכטן זיך פון דער אומגליקלעך־גליקלעכער מוראַשקע. און אין דעם בוך, וואָס מעטערלינק וואָלט געוויס אָנגעשריבן ווען . . . א. א. וו. וואָלטן מיר געלייענט די באַשרייבונג פון דעם ווי אַזוי דער כלל, די נאָרע, די מאַסע הויבט זיך אויף קעגן דער איינער וואָס איז באַגאַנגען דעם מוראַדיקן חטא זיך צו פאַרטראַכטן אין אַלגעמיין און דער עיקר, זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם לעבן פון די מוראַשקעס. אַלע האָבן זיך אויפ־געהויבן קעגן איר, אַלע קעגן איינער. מ׳האָט ביי איר צוגענומען אַלע

ע ס י י ע ן

פריווילעגיעס, אַוועקגערויבט ביי איר איר טעגלעכע נאַרונגס פּאַרציע און מ׳האָט זי אַרויסגעוואָרפן, אַרויסגעשמיסן.

דער לאַנגווייליקער געלערנטער, פון יענעם מין וואָס ווייסן אַ סך איינצלהייטן, אָבער קיינמאָל ניט דאָס וויכטיקסטע, איז בעת זיין שפּאַציר גאַנג גראַדע אָנגעקומען אין דעם מאָמענט, ווען מ׳האָט די אינדיווידואַליסטישע מוראַשקע אַרויסגעשמיסן פון קהלשן לעבן. ער האָט געזען ווי די מוראַשקע איז אַרומגעלאָפן אַ צעטומלטע, אַן אויפ־געגרעגטע. אַ מענטש אין דערזעלבער לאַגע וואָלט אויך ניט געווען רואיקער אויף דעם מאָמענט. דערנאָך מסתמא יאָ. אָבער אויך די מוראַשקע וואָלט דערנאָך זיך באַרואיקט אין איר נייעם לעבן, ווען זי וואָלט זיך איינגעאָרדענט מחוץ פון קהל, פון קאַזאַרמע. דער גע־שוואָלענער טייל פון איר מאַרך וואָלט איר געהאָלפן אויסטראַכטן אַ נייע סיסטעם מיט מער פרייהייט, ווייניקער אינסטינקט, ווייניקער פאַרשקלאַפונג. אָבער די מוראַשקע האָט ניט געהאַט קיין מזל, זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ געלערנטן און ניט פון קיין דיכטער, און דער געלערנטער האָט עס אַרויסגעגעבן די גוט באַקאַנטע עקספּער־טיזע: אַ שווערער פאַל פון פּאַראַנאַיאַ, גרעסענוואהן.

מיט איין וואָרט:

אַ משוגע געוואָרענע מוראַשקע . . .

אַן שאָפּענהויערן איז ניט אויסצוקומען.

ווען אַלע מיינע זאַכן זיינען שוין געווען איינגעפּאַקט האָב איך געמאַכט עטלעכע אָפּשייד באַזוכן ביי באַקאַנטע און אַ פּאָר פריינט. צו איינעם פון זיי האָב איך געבראַכט עטלעכע ביכער, וועלכע איך האָב ניט געוואָלט מיטנעמען. דאָס זיינען געווען ניט קיין שלעכטע ביכער. אדרבא, דאָס זיינען געווען ביכער, וועלכע איך האָב אַלע מאָל ליב געהאַט האָבן צו דער האַנט. וואָס פאַר ערגערניש איך זאָל ניט האָבן געהאַט דורכן טאָג — פאַראורזאַכט פון מענטשן, פון שיקזאַל, פון אייגענער שולד — אַלץ איינס, ווען איך בין אריינגעגאַנגען אין צימער, אַ קוק געטאָן אויף די ביכער, צו וועלכע איך האָב זיך צוגעבונדן, וועלכע איך האָב ליב געהאַט, איז מיר שוין געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. דורכגעלייענט עטלעכע בלעטלעך, אויב אפילו צום ווייפילטן מאָל, האָט עס געהאַט אַ זעלטענע באַרויִקנדיקע ווירקונג. דער ווייטיק האָט זיך איינגעשטילט, דאָס וואָס האָט אויסגעזען גרויס און וויכטיק איז געוואָרן קליין און ניט וויכטיק. אַ וואונדערבאַרע ווירקונג. פונדעסטוועגן האָב איך זיי ניט געוואָלט מיטנעמען.

— ווי קומט עס? — האָט מען מיך געפרעגט אין מיין פריינטס הויז, — איר נעמט מיט אייער ביבליאָטעק, און שאָפּענהויערן, וועמעס ביכער, ווי אונדז איז באַקאַנט, איר ליבט און שעצט, דוקא אים לאָזט איר איבער.

— איך פאָר אין אַ לאַנד וואָס מ'האַלט אין אויפבויען, — האָב איך געענטפערט, — און אין אַ לאַנד וואָס האַלט זיך אין בויען, אין אַזאַ לאַנד, אויב מ'וויל ניט זיין קיין שטערער, אַ שפּיל פאַרדאַרבער, איז אַ חוב צו זיין אַן אָפּטימיסט. עס איז אַ חוב. עס קען טאַקע זיין מי יודע ווי שווער, אָבער איר מוזט. איר מוזט. שאָפּענהויער איז אָבער אַ צעשטערער פון אילוזיעס, מוז איך אים לאָזן דאָ, אים און אַלע אַנדערע פּעסימיסטן, מענטשן קענער און מענטשן פאַראַכטער.

ע ס י י ע ן

דערביי דערצייל איך אַן אַנעקדאָט וועגן אַ זשורנאַליסט וועמען מ׳האָט איינגעלאַדן צו שרייבן לייט אַרטיקלען פאַר אַ ניי געגרינדעטער טעג־לעכער צייטונג. דער זשורנאַליסט האָט אָנגעשריבן דעם אַרטיקל פאַרן ערשטן נומער און דער שעף רעדאַקטאָר האָט גענומען אים לייע־נען. ווי גרויס איז אָבער געווען דעם רעדאַקטאָרס אַנטוישונג ווען ער האָט גענומען לייענען די ערשטע ווערטער פון דעם אַרטיקל:

„וועגן וואָס זאָל מען שרייבן? דער דרום און דער מזרח זיינען שוין לאַנג באַשריבן און באַזונגען.“

— מיין הער! — האָט דער שעף רעדאַקטאָר אַ זאָג געטאָן צום מערקווירדיקן לייט־אַרטיקלער, — פילאָזאָפיש גערעדט איז עס אפשר ריכטיק, און ווען אונדזער צייטונג וואָלט געפייערט איר הונדערט־יאָריקן יובילײ, וואָלט מען אָט דעם פילאָזאָפישן אמת מסתמא געקענט דערלויבן, אָבער מיר גיבן אַרויס, מיר בויען אויף, מיר גרינדן אַ נ י י ע צייטונג, און איר קומט און רעזיגנירט גלייךביים ערשטן אַרטיקל, פאַרן ע ר ש ט ן נומער. אויב דער דרום און דער מזרח זיינען שוין לאַנג באַשריבן און באַזונגען, טאָ צוליב וואָס, צו וועלכע שוואַרץ יאָר, גיבן מיר אַרויס אַ נייע צייטונג?

דער לייט אַרטיקלער האָט, פאַרשטייט זיך, גלייך פאַרלאָרן זיין שטעלע. ער האָט עס כשר פאַרדינט, ווייל ער איז געקומען מיט רע־זיגנאַציע מאָטיוון ניט אין דער פאַסיקער צייט און ניט אין פאַסיקן אָרט . . . ווען מ׳בויט עפּעס אויף מוז מען א ל ץ א ו י פ ׳ ס נ י י באַ ש ר י י ב ן א ו ן ב אַ ז י נ ג ע ן. ווען איר זעט ווי אַ מענטש בויט אַ הויז פאַר זיך און ער געפינט זיך דערביי אין אַ זייער געהויי־בענער שטימונג איז עס, מילד גערעדט, אַ טאַקטלאָזיגקייט ווען איר זאָלט פאַרבייגיין מיט אַ פאַרטראַכט, אומעטיק פנים און דעקלאַמירן אַזעלכע האָפנונגסלאָזיגקייטן ווי למשל:

איז אַ וועלט פון פאַרמעגן פאַר דיר צערונען,
זיי ניט טרויעריק דעריבער, עס איז גאָרנישט.
און האָסטו אַ וועלט פון פאַרגניגן געוואונען
פריי זיך ניט דעריבער, עס איז גאָרנישט.
פאַרביי גייען די שמערצן און די וואוילטאָגן,
גיי פאַרביי אָט די וועלט, עס איז גאָרנישט.

שמריהו גאָרעליק

איר דאַרפֿט קיין פּאַראַיבל ניט האָבן אויב דער וואָס בויט זאָל אַרונטערגיין פֿון לייטער און אייך פֿאַרטרייבן ווי אַ שוואַרצע וואָראָנע.

— אָבער, — האָבן מיינע פֿריינט ניט געוואָלט נאָכגעבן, — שאָפּענהויער און זיין גלייכן זיינען דאָך סוף כל סוף די גייסטיקע קולטור פֿון דער מענטשהייט, על כל הדעות זיינען זיי אַ באַדייטנדער טייל פֿון אָט דער קולטור. באַזייטיקט איר זיי, מוזט איר דאָן בלייבן מיט אויבערפֿלאַכליכקייטן, ווייל אויף די הויכע בערג פֿון גייסט איז אַלע מאָל רואיק, אָבער אויך זייער טרויעריק.

— אין אַ לאַנד וואָס האַלט זיך אין בויען, — האָב איך ווידער פֿון מיין זייט געענטפֿערט, — איז שווער צו דערוואַרטן אמתע קולטור. די הייזער, די מענטשן, די געזעלשאַפֿט מוז אַפֿריער אַלט ווערן, עס דאַרף פֿאַרקומען אַ שטאַרקע דיפֿערענצירונג. די דאגה פֿון קיום הנאציע ווערט אַרונטערגענומען פֿון די פּלייצעס פֿון די דיכטער און שרייבער און ווערט אַרויפֿגעלייגט נאָר אויף די קערפּערשאַפֿטן וועלכע די נאַציע קלויבט אויס צוליב דעם. אין קולטור לענדער, צווישן אַלטע פֿעלקער וועט איר קיינמאָל ניט באַגעגענען אַ דיכטער, אַ פֿילאָזאָף, וואָס זאָל אַרומגיין מיט אַ פֿאַרדאגהטן פּנים וועגן קיום הצרפֿתיות, אָדער קיום הספרדיות. אויף דערויף איז דאָ אַ רעגירונג, אַ פּאַרלאַמענט, אַ גענעראַל שטאַב און בכלל אַן אַרמיי. דער דיכטער, דער פֿילאָזאָף, דער שרייבער זיינען פֿ ר י י, זיי קענען טראַכטן וואָס זיי ווילן, שרייבן וועגן וואָס זיי ווילן, זיי קענען אָנשרייבן פּעסימיסטישע ביכער, זיי קענען פֿאַרעפֿנטלעכן לידער וועגן דעם, אַז די גאַנצע וועלט איז גאָרנישט, דאָס לעבן איז גאָרנישט ווערט, אָבער אויף דעם גרויסן גרינצייג מאַרק פֿון פּאַריז וועלן פֿונדעסטוועגן יעדן פֿרימאָרגן אָנקומען הונדערטער וואָגנס מיט קאַרטאָפֿל, ציבעלעס, אַרטיטשאָקן, בלומענקרויט און קירבעסן, און אינם גענעראַל שטאַב וועלן אָפּיצערן זיצן איבער גרויסע לאַנד קאַרטעס. דאָס לעבן וועט זיך גיין זיין גאַנג, און אַלע וועלן פֿונדעסטוועגן וויסן אַז דער קהלת ניגון פֿון דעם דיכטער איז אויך אַן אויסדרוק פֿון קולטור, אפֿשר פֿון דער העכסטער קולטור.

— סליחה, — האָט מען מיך אונטערבראָכן, — גוט וואָס איר

עסייען

האָט דערמאָנט קהלת. וואָס טוט מען טאַקע מיט קהלת אין אַזאַ שטאָט, למשל, ווי תל אביב? קהלת און תל אביב, און בכלל דער גאַנצער אויפבוי פון לאַנד, עפּעס גראַמט זיך דאָס ניט, אַ ווידער־שפּרוך. די פרייד פון אויפבוי מוז דאָך געשטערט ווערן ווען מ׳דערהערט מיט אַמאָל אַזאַ יאוש שטימע.

— עס פּאַסט טאַקע ניט, — האָב איך געענטפערט, — קהלת קען מען אָבער ניט אַרויסוואַרפן. קהלת איז ניט אַרויסגעגאַנגען פון דרוק, איינגעבונדן געוואָרן אין אַ באַזונדערן ספר, ער איז צוזאַמען מיט אַנדערע, ער איז איינגעשלאָסן אין אונדזער וואונדערבאַרן תנכל. גלויבט אָבער ניט, אַז מ׳זאָגט קהלת אין תל אביב ווי מען זאָגט אים אין דער אַכט הונדערט יאָריקער שול אין ווילנע. אין תל אביב שלינגט מען ווי עס איז שנעל אַרונטער די אומאַנגענעמע ווערטער פון קהלת, וועלכע פּאַסן זיך ניט באַין אופן צום גאַנצן כאַ־ראַקטער און לעבנס געפּיל פון דער שטאָט, וואָס האַלט זיך אין בויען. ווען די הייזער וועלן שוואַרץ ווערן, ניט פון שמוץ אָדער שלעכטן מאַ־טעריאַל, נאָר פון אַלטקייט, ווען יעדע גאַס וועט שוין האָבן איר גע־שיכטע, דאַן וועט זיין קולטור, דאַן וועט מען שוין אויך קענען „זאָגן“ קהלת מיט אַן אַנדער טעם, דאַן וועט מען שוין אויך קענען לייענען שאָפּענהויערן, ווייל וואָס שלמה המלך האָט דעקלאַמירט, ריכטיקער, דעקרעטירט, האָט אין אַ פּאָר טויזנט יאָר אַרום שאָפּענהויער זייער אויספירלעך באַגרינדעט, באַוויזן.

מיר האָבן לאַנג זיך געפּלפּולט אין דעם נוסח. פאַרן אַוועקגיין פון אַט דער פריינטלעכער הויז האָט דער באַלעבאָס, ווי ער האָט עס גע־זאָגט, צוליב מיין אייגענער טובה, מיך שטאַרק געבעטן איך זאָל פון שאָפּענהויערס ווערק לכל הפּחות מיטנעמען דאָס ביכל „אַפאָריזמען צו לעבנס חכמה“.

— גלויבט מיר, — האָט ער געטענהט, — עס איז פּונקט דאָס אייגענע ווי איך וואָלט אייך געעצהט איר זאָלט מיטנעמען אַ קליין אַפּטייקל לאַזנדיק זיך אויף אַ ווייטער נסיעה. אויפבוי היינט, אויפ־בוי מאָרגן, מיין ליבער פריינט, ווער בויט? דאָך מענטשן! ברידער אידן, אָבער פאַרט מענטשן, און דווקא מענטשן פון אַ באַ־זונדערן מין. ווען אַ איד בויט איז ער ניט נאָר פריילעך, ער איז אויך

קאָכעדיק, ליידענשאַפטלעך, ער וועט אייך אָנטרעטן אויפן פוס און וועט זיך וואונדערן וואָס איר באַמערקט עס גאָר, אין צייט פון בויען איז ער ריקזיכטלאָז ביז דער העכסטער מדרגה. איר וועט ליידן פון אַ סך וואָס איר וועט זען און פילן. איר האַלט זיך פאַר אַן אויסגע־פּרובירטן פון לעבן, פונדעסטוועגן פאָרט איר מיט די שטימונגען פון אַ ציוניסטישן אידיליקער. איר וועט אָבער קיין אידיליעס ניט זען, איר׳ט זען פאַנאַטישע, פּרימיטיווע, אינדיווידואַליסטישע, אַנאַרכיס־טישע בויער און אויפבויער. איר וועט זען צעהיצטע, צעקאָכטע, צעפלאַמטע, אין האַלב און פערטל דונאַס פאַרטועגע, פאַרטראָגענע אידן. איר וועט זען שטופּעגישן, שטאַרקע עלנבויגנס, ניט שיינע, זודיקע, באַגערנדיקע, זולל וסובא׳דיקע בליקן. ווען דאָס ווערט זיך איבערקאָכן ווערט עס, אין לעצטן רעזולטאַט, פאַר אייך אויך זיין אויפבוי, דערווייל אָבער וועט איר ליידן פון דעם וואָס עס וועט אייך פעלן יעדער סימן פון דעם, וואָס זאָל אייך דערמאָנען אָן דעם גרויסן אידישן אידעאַל. דאַריבער, מיין ליבער פריינט, פאָלגט מיך, נעמט מיט דאָס קליינע אַפּטייקל, נעמט אָט דאָס ביכל מיט זיך. עס וועט אייך אָפּהיטן פון אַל דאָס ניט גוטע, באַליידיקענדע, באַלעס־טיקנדע, וואָס וועט אייך באַגעגענען אין לעבן און אַלס פועל יוצא פון האָבן צו טאָן מיט מענטשן. און באַגעגענען וועט עס אייך באַשטימט, אומבאַדינגט, וואו איר זאָלט ניט זיין און וואוהין איר זאָלט ניט פאָרן, אַפילו אַהיים... ווי אַזוי און פאַרוואָס אָט דאָס ביכל וועט אייך אָפּהיטן פון די ניט שיינע זאַכן און פון דעם פאַרדרוס וואָס זיי רופן אַרויס פאַרשפאָר איך אייך זאָגן. איר ווייסט עס אַזוי גוט ווי איך. שאָפּענהויער דעקט אויף, באַלויכט דעם מענטשן, מער ווי ניינציק פראָצענט פון דעם מענטשן, פן אַלע זייטן, דערנאָך גיט ער אייך פאמעליך אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע און זאָגט אייך: ניטאָ אויף וועמען זיך פאַרלאָזן, און וואָס ווייניקער איר וועט האָפן אַלץ געזונטער פאַר אייך. בעסער איז, פאַרשטייט זיך, בכלל אויסמיידן, אָבער אַזוי ווי דאָס איז ניט מעגלעך, טאָ האָט איר דאָ אַ פאָר טוצן זעלישע און גייסטיקע רעצעפּטן ווי אַזוי איר דאַרפט זיך אויפפירן אין די און די פאַלן. דער גרונט פרינציפּ אָבער איז — וואָס

ע ס י י ע ן

וויינ<del></del>יקער האָפן, וואָס וויי‏ניקער איללוזיעס. אָט דאָס איז עס, און איר ווייסט עס אַליין. טאָ נעמט דאָס ביכל, איך בעט אייך.

אז מיין גוטער פריינט האָט געהאַט די בעסטע כונה האָב איך גע־וואוסט, איך האָב אויך געוואוסט און געפילט, אַז ער איז בכלל גע־רעכט, אָבער אַ מאָדנע, ביז היינט אומפאַרשטענדלעכע עקשנות האָט זיך דערוועקט אין מיר — ניין און ניין. איך האָב אָבער צוגעזאָגט אַז אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז איך דאַרף עס נויטיק האָבן, וועל איך שרייבן. בכלל האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון שרייבן בריוו, סיידן עס וועט נויטיק זיין די קורצע ידיעה — אַז שאָפּענהויערן איז ניט אויסצוקומען.

עס איז געוועזן נויטיק. זייער נויטיק. איך האָב די עטלעכע ווערטער געשריבן, און דאָס ביכל ליגט שוין לאַנג ביי מיר אויפן שרייב טיש. עס קומט מיר זייער צונוץ. עס טרייסט מיך אין שווערע שעהן, דערקלערט מיר אַ סך און באַרואיקט כעמט אַלע זעלישע שמערצן.

רחובות׳ער אידיליעס.

אין אַ וואַרימען נאָכמיטיק, בעת איך בין אַרונטערגעגאַנגען פון אויטאָבאָס און האָב זיך געלאָזט גיין צו אַ רחובותער באַקאַנטער פאַמיליע, האָב איך פון דעם הויז וואו אָט די פאַמיליע וואוינט, דערהערט אַ פרויען שטימע זינגען. געזונגען האָט מען אַ באַקאַנטן רוסישן ראָמאַנס, וואָס מ׳האָט אַמאָל געזונגען אויף אַלע קאָנצערטן און וועלכער איז באַזונדערס באַליבט געווען אין די רוסישע, און נאָך מער, אין די אוקראַינישע קרייז שטעט, וואו דער סאָלאָוויי צעגיסט זיך אין די שמעקנדיקע מאַי אָוונטן, און וואו עס זיינען געוואקסן די שענסטע אידישע טעכטער אפשר פון דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען דער ראָמאַנס „שוואַרצע אויגן, קלאָרע אויגן, ווי ליב האָב איך אייך“. דאָס הויז פון וואַנען די זיסע פרויען שטימע האָט זיך געטראָגן איז געווען ווייס געקאַלכט, אַרום הויז בוימער, די לאָדנס פאַרמאַכט, זייער וואַרים.

איך בין געבליבן שטיין אַ ווײַלע און געפרעגט זיך: וואו בין איך? ניט אין סאראטשינצי? אין יענעם באַרימטן גאָגאָלס סאראטשינצי, וואו עס פליסט דער שיינער טייך פּסיאל, וואו עס בליען וואונדערבאַרע סעדער, און וואו עס האָבן, אין רחבות און אָן זאָרגן, געלעבט עטלעכע צענדליקער אידישע פאַמיליעס. דאָרטן האָבן אויך געחלומט, געזונגען ראָמאַנסן, געלייענט ביכער און פאַרליבטע בריוו געשריבן די אַלע אידישע מאַניאַס, סאָניאַס, האַליאַס. איז עס ניט מיט פערציק יאָר צוריק געווען, אין דעמזעלבן חודש, אין אַ וואַרימען נאָכמיטיק, ווען איך בין מיט פּאָסט פערד (דריי פערד, אַ ברייטער פאַיעטאָן, ביי די פערד אויף די העלדזער גלעקער), צוגעפאָרן צו אַ באַקאַנט אידיש הויז און דורך די פענסטער האָט זיך געטראָגן דערזעלבער, דערזעלבער ראָמאַנס — „שוואַרצע אויגן, קלאָרע אויגן, ווי ליב האָב איך אייך“? געזונגען האָט אים פריילין אָרלאָוו, אַ זעלטענע שיינהייט און דערצו זייער קלוג און גייסטרייך. אין אָוונט (פערציק יאָר צוריק), האָט זיך

עסייען

צענויפגעקליבן די יוגנט. שפעטער צו האָט אַ יונגע סאראטשינצער מיידל אַריינגעפירט אין זאַל אַריין אַ הויכן מאַן, מיט אַ לאַנגער רויטלעכער באָרד, מיט בלויע ברילן. גייענדיק איבערן זאַל האָט ער אַלעמען געגריסט, און זיין שטימע האָט געהאַט זייער אַ ווייכן, אַנגענעמען קלאַנג. דאָס איז געווען דער בלינדער מאַרגאָלין. איך געדיינק ניט צי איז ער שוין געהאַט געווען אין ארץ ישראל אָדער ער האָט זיך ערשט געקליבן צו פאָרן אַהין, וואו זיינע נאָענטסטע קרובים האָבן געלעבט. איך געדיינק נאָר אַז מ׳האָט לאַנג גערעדט וועגן ארץ ישראל. באַזונדערס לאַנג האָט גערעדט מאַרגאָלין, און מ׳האָט צוגערוקט די שטולן צו זיין שטול. דערנאָך האָט פריילין אָרלאָוו געזונגען פרוגס רוסישע לידער, און נאָך די ווערטער:

Два состоянья дала нам судьба;
Жажду свободы и долю раба,

האָבן פון אירע שיינע, שוואַרצע אויגן גערונען טרערן. זי האָט זיי שנעל אָפּגעווישט, איז צוגעגאַנגען צו מאַרגאָלינען, האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ אין אירע ביידע הענט און אים אַ קוש געטאָן, זאָגנדיק: „אַך, דיאַדיאַ! דיאַדיאַ!“

דאָס איז זייער סענטימענטאַל, אָבער גענוי אַזוי איז מען געווען אין סאראטשינצי מיט פערציק יאָר צוריק. צי מ׳איז עס איצט אין רחובות ווייס איך ניט, גיכער מסתמא ניט, אָבער אַז איך האָב שפּאַצירט איבער די רחובותער גאַסן, באַטראַכט די ווייסע הייזער, די בוימער, האָב איך אומעטום באַגעגנט ענלעכקייטן מיט סאראטשינצי און מיט אַנדערע אידישע שטעטלעך פון אוקראַינע. ניט אַנדערש, אַז די גרינדער פון דער קאָלאָניע און דער גרעסטער טייל פון אירע איינוואוינער זיינען געוועזענע אוקראַינישע אידן. מ׳דאַרף זיך נאָכפרעגן. אין יענעם ערשטן נאָכמיטיק האָב איך קאָנסטאַטירט איין זאַך — מ׳זינגט אַ סך רוסישע ראָמאַנסן אין רחובות. מערקווירדיק איז וואָס די ראָמאַנסן האָבן ווי אָפּגערוקט אָן אַ זייט, פאַרשטעלט די באַזונדערע ארץ ישראלדיקע לאַנדשאַפט, די קעמלען און די אייזלען, די אַראַבישע געשטאַלטן. טאַקע אין רחובות, אידן זיינען אָבער פאָרט ענלעך צו די אוקראַינישע אידן און פון די פענסטער קלינגט פאָרט דערזעלבער

שמריהו גאָרעליק

זיסער, נאָגנדיקער ראָמאַנס „שוואַרצע אויגן, קלאָרע אויגן, ווי ליב האָב איך אייך“.

* * *

ווען מ׳גייט דורך רחוב יעקב קומט מען צום פּונקט, וואו צוויי בערגיקע גאַסן הויבן זיך אָן. זיי האָבן פיינע נעמען און דער פּוסגייער קען, לויט זיין געשמאַק נאָך, אויסקלייבן וואוהין ער וויל בעסער גיין, אויף רחוב מנוחה ונחלה, וואו דער בית המדרש געפינט זיך און אַ אַכט־צען הייזער פון ביידע זייטן, אָדער אויף רחוב המיליאָנערים, מיט די פּאָר געשמאַקפולע, אַנגענעם ווירקנדיקע, פּאַטריאַרכאַליש גבירישע דאָרף פּאַלאַצן. אין עצם איז דאָס איין גאַס צו וועלכער מ׳דאַרף אַ ביסעלע אַרויפשטייגן. אינמיטן ליגט דער טאָל, רחוב יעקב, פון ביידע זייטן, אַ ביסל העכער, ציען זיך די צוויי גאַסן, וואָס איז אין עצם איין גאַס. זיי האָבן צוויי נעמען, אָבער איינער וואָלט אויך געווען גענוג. דאָ, אויף רחוב המיליאָנערים איז שטיל און רויִק. איין חסרון האָט זי — זי איז אומגלויבליך קורץ. פון טאָל, בעת מ׳גרייט זיך אַרויפקלעטערן אויף דער באַרגיקער גאַס, האָט מען די אילוזיע פון אַ זייער לאַנגן וועג, מ׳שטעלט זיך פאָר אַז ווען מ׳וועט אַרויפקומען וועט זיך עפענען אַ פּאַנאָראַמע פון וואונדערבאַרע מאַרמאָר פּאַלאַצן, שאָטנדיקע סעדער, שפּריצנדיקע פאָנטאַנען, האַרפן שפּילעריי דורך די אָפענע פענסטער. מ׳איז אַ ביסל אַנטוישט. אַ שטאַרקער פוסגייער, וואָס האָט זיך געקליבן מאַכן אַ לאַנגן, דערפרישנדיקן מאָרגן שפּאַציר גאַנג, מוז גלייך ביים סאַמע אָנהויב זיך צוריקהאַלטן: *ניטאָ וואוהין צו גיין*. די גאַס ענדיקט זיך ביים סאַמע אָנהויב. אַ קליינע גאַס און זייער ווייניק מיליאָנערן. עס איז געווען נאָר אַ אילוזיע, אַ מין פאַטאַ מאָרגאַנאַ. ווי געזאָגט, שטייען דאָרטן נאָר עטלעכע דאָרף פּאַלאַצן, אָבער פון זייער פיינעם געשמאַקפולן אויסזען, פיינע, רויטע ציגל, פילפאַרביקע געוויקסן, ברייטע באַלקאָנען, פון די הייזער, די הויפן ווייעט אַלטע פאַרמעגלעכקייט, שטילע גבירהשאַפט. אין אַזעלכע הייזער וואָלטן געקענט וואוינען אַלטע, אַ ביסל יורדישע אַריסטאָקראַטן. אַזוינע הייזער האָב איך געזען אין אַלטע, צוריקגעצויגענע, שטילע, קליינע שטעטלעך אין דרום פראַנקרייך. זיי געפעלן מיר מיט זייער איינפאַכער בכבוד־

דיגקייט פון די ליניעס אַ סך מער ווי די מאָדערנע געביידעס, וואָס האָבן אין זיך עפּעס גרימאַסנהאַפטעס און, מיט זייער כּלומרשדיקער אָפּגעשלאָסנקייט, דאָך עפּעס שרייענדיקס, רעקלאַמעדיגקייט. אַזוי ווי שפּאַצירן אויף דער רחוב המיליאָנערים איז אוממעגלעך: דער אָנהויב פון דער גאַס איז אויך איר סוף, קען איך נאָר שטיין דאָרטן גאַנץ אָפּט און באַטראַכטן די עטלעכע דאָרף פּאַלאַצן. מיין אויג רוט זיך אויס דערביי און איך דערמאָן זיך אָן דזשאָהן ראַסקינס ווערטער אין זיין בוך „די זיבן לויכטער פון דער בוי קונסט״: „יעדע בוי קונסט באַצוועקט ניט נאָר אַ שוץ פאַרן קערפּער, נאָר אויך די איינווירקונג אויפן גייסט״.

* * *

אויף רחוב מנוחה ונחלה, דער גאַס קעגנאיבער, שטייט דער ווייסער בית המדרש פון רחובות. אין אָוונט, נאָך מעריב, בלייבט דער בית המדרש באַלויכטן אויף נאָך עטלעכע שעה מיט אַ שוואַכן ליכט. ביי דער פינסטערניש און שטילקייט פון דער גאַס, ביי די צוגעמאַכטע לאָדן פון די הייזער, וועקט אויף דאָס מאַטע ליכט פון די הויכע בית המדרש פענסטער אַ זעלטענע, שיר ניט מיסטישע שטימונג. מ׳פילט זיך מיט אַמאָל ווי אַריבערגעטראָגן אין דער אידישער וועלט פון עטלעכע הונדערט יאָר צוריק און מ׳קען זיך גאָר אַנדערש ניט פאָרשטעלן ווי אַז הינטער די הויכע בית מדרש פענסטער זיצט ביי אַ וואַקסענער ליכט אַ בעל מקובל, אָדער אַ פלאַמנדיקער אנהייגער און שטילער אַגענט פון שבתי צבי, וואָס שרייבט אויף פאַרגעלטן פּאַרמעט הייסע, אומקלאָרע, אָבער שטאַרקע האָפנונג וועקנדיקע בריוו צו די ווייטסטע אידישע קהילות פון דייטשלאַנד, בעהמען און פּוילן וועגן דעם, אַז עס איז געקומען דער סוף צו די ליידן, די לאַנג דערוואַרטעטע צייט איז געקומען, לכן זאָלן אידן זיך גרייטן . . .

אינמיטן דרינען — אַ שטאַרקער אומאַנגענעמער גערויש פון אַ מאָטאָרציקלעט, וואָס האָט אָוועקגעטומלט צום כביש צו. אַ יונג פּאָרל באַווייזט זיך פון אַ זייטיקער גאַס און זיי זינגען דאָס באַקאַנטע רוסיש ליד, וואָס אַלע דינסטמיידלעך, שטאָטישע בעל מלאכות און טיר היטער זינגען אין סענטימענטאַלער פאַרציקונג:

שמריהו גאָרעליק

אַך, פאַרוואָס איז די נאַכט
געוועזן אַזוי ש־י־י־ן,

איינער פון די ניט ווייניקע פאָלק ראָמאַנסן פאַרטראָגן אַהער קיין רחובות. אין דעמזעלבן אויגנבליק פאַרשווינדט, פאַרשטייט זיך, די פאַטאַ מאָרגאַנאַ. הינטער די הויכע בית מדרש פענסטער זיצט ניט קיין מקובל, קיין שבתי צבי אנהייגער. דאָרטן זיצט איבערהויפּט קיינער, און ניט קיין ליכט פון געלן וואַקס, נאָר אַ מאַט עלעקטריש לעמפּל באַלויכט שוואַך דעם רוים.

* * *

דער כביש, בייטאָג אַ בילד פון דער גרעסטער באַוועגלעכקייט, פון איילנדיקע, פייפנדיקע אויטאָבאָסן, טענצלענדיקע אייזלען, באַריטענע און באַלאָדענע קעמלען, איז אין דער פאַרנאַכטיקער שעה אַ פאַר־חלומטער לאַנגער וועג, איבער וועלכן מ׳זעט גרופּן אידישע אַרבעטער, גייענדיק אַהיים, אַראָבער, וואָס פאָרן אַהיים מיטן אומעטיקן זמרל אויף די ליפּן. שבת נאָכמיטיק, ווידער, איז דער כביש אַ פאַרנעמע פּראָמענאַדע, מיט צוויי גרויסע מחנות שפּאַצירער, איינע גייט אויף דער זייט וואָס פירט קיין נס ציונה, די אַנדערע אויף דער זייט צו עקרון צו. דער וועג צו עקרון איז אַ סך אַ שענערער. דעם לעצטן פונקט פון רחובות גייט מען פאַרביי דאָרט וואו אַ סך תימנער אידן וואוינען. איידעלע געשטאַלטן. אָרימע קליידונג, אָבער פון די אָרי־בערהייגנענדיקע טליתים איז זי געוואָרן פייערלעך, שבתדיק. די פּנימער פון די תימנער אידן זיינען פאַרגייסטיקט, צאַרטע ליניעס ווי פון על־פאַנט ביין געשניצט, דאָס איז אַ באַזונדער מין פאַרגייסטיקונג. לויטן אויסזען האָט יעדער תימנער איד באַדאַרפט זיין אַ מחבר פון אַ צען פילאָזאָפישע ביכער, כאָטש ווער ווייסט צי אַלע פון זיי קענען גאָר שרייבן. עס איז נאָר אַ שטעמפּל, דער שטעמפּל פון ליידן אָן אונטער־ברעכונג, אָן רו. דער פּנים פונם תימנער אידן איז אַ לאַנדשאַפט פון ליידן און צרות. די אונטערדריקונג אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט ניט פאַרגרעבט, ניט פאַרקריפּלט דעם פּנים, נאָר אויסגעאיידלט ביז גאָר. אויף שריט און טריט דוכט זיך עס גייען פּרושים, רבנים, שפּינאָזאָס, און דאָס זיינען גאָר איינפאַכע, ווייניק קולטיווירטע, אָבער

ע ס י י ע ן

ערלעכע אַרבעטער. די תימנער אידן האָבן די איידלסטע, צאַרטסטע, פאַרגייסטיקסטע פּנימער פון די אַרבעטער איבער דער גאָרער וועלט. קינדער האָבן זיי אַ סך, די תימנער אידן, אָן עין הרע!

שפּאַצירנדיק אַזוי איבער דעם כביש, טראַכטנדיק וועגן די אייגנ־אַרטיקע פּנימער פון די תימנער אידן, דערזעט מען דערווייל אַז מ׳איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך, און אָט שטייט שוין עקרון פאַר דיר. ליב, באַשיידן דאָרף! מיר דוכט אַז אין די אַכט און צוואַנציק יאָר, זינט איך האָב די קאָלאָניע צום ערשטן מאָל געזען, האָט זיך עס ניט שטאַרק פאַרענדערט. דערפאַר אָבער רחובות! ניט צו דערקענען. איך זוך דאָס אָרט וואו די אכסניא איז געווען, אין וועלכער איך האָב מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק געוואוינט, און איך געפין עס ניט. ווי האָט פאָרט געהייסן יענער באַלעבאָס אָדער די באַלעבאָסטע, וואָס האָט געהאַלטן די אכסניא? איך געדיינק נאָר אַז דאָס איז געווען אַ כאָכלאַצקער נאָמען, פון גאָגאָלס העלדן אין זיין דערציילונג „טאַראַס בולבאַ“ אָדער „סאָראָטשינסקאַיאַ יאַרמאַרקאַ“. (די פאַרבינדונג צווישן רחובות און סאָראָטשינצי ווערט אַלץ שטאַרקער). רחובות מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק! אַ קליין אידיליש דאָרף געווען. ווייניק דעראינערונגען געבליבן פון יענע פאָר וואָכן, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט. איך געדיינק נאָר — טיי מיט וואַרעניע, געטרונקען ביי משה סמיליאַנסקין, וועלכער האָט מיך נאָכדעם געפירט זען זיינע מאַנדל בוימער; געגאַנגען שפּאַצירן אַ שבת אינדערפרי מיט רחובותער יונגע לייט און מיידלעך פאַרביי בלומיקע פעלדער (געווען פרילינג), און אין איין קילן פרימאָרגן אַוועקגעריטן מיט דער פאַמיליע שייבקין אויף אייזעלעך דורך די קאָלאָניעס פון יהודה. מ׳האָט אונדז פיין אויפגענומען, אָבער אומעטום דערזעלבער כיבוד: אַ טעלער אָליוון און געזאַלצענע אייער קוכנס. אין קאַסטיניה, דער לעצטער קאָלאָניע, האָב איך, פון ברענענדיקן דורשט, אויסגעטרונקען אַ גאַנצן סאַמאָוואַר טיי. ווייניק זכרונות.

* * *

אידן רייטן ניט אויף קעמלען, זיי פאָרן אָבער אויך ניט אויף אייזלען. איך האָב געזען דאָ אין רחובות גוטע פערד רייטער. די זאָטלען

ש מ ר י ה ו   ג אָ ר ע ל י ק

פון גוטן לעדער, דאָסזעלבע די שטיוול פון די רייטער. גאָר, גאָר אויף דעם פעאָדאַלן שטייגער. דאָס זיינען יונגע זין פון פאַרמעגלעכע קאָ־לאָניסטן. אויף זייערע שיינע פערד זעען זיי אויס גאַנץ גוט. זיי זיצן און גאַלאָפּירן מיט דער גרעסטער זיכערקייט. וואַקסט דאָס אויף אַ דור, וואָס וועט פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן? אַ אידישער ריי־טער פליט אויף זיין וואונדערשיינעם פערד ווי אַ פייל פון בויגן. צו איינעם, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענסטער, וואַרפט דער רייטער צו עטלעכע ווערטער. איך כאַפּ נאָר איין וואָרט — ב ט ח . . .

* * *

ווען איך קום קיין תל אביב פרעגן מיך באַקאַנטע: איר וואוינט אין רחובות? קענט איר דעם און דעם? האַלב פאַרשעמט מוז איך מודה זיין אַז איך קען כמעט קיינעם ניט. ניט אַנדערש דאָס איז אַ סימן פון אַלט ווערן. ביי יעדן מענטשן קומט אָן אַ צייט ווען עס ווערט אים שווער צו שרייבן בריוו און מאַכן נייע באַקאַנטשאַפטן. אין די יונגע יאָרן זיינען די בריוו וואָס מ׳האָט געשריבן אָדער געקראָגן געווען זייער לאַנג און דאָס קעשענע ביכל איז געווען פול מיט אַדרעסן פון אַלטע און נייע באַקאַנטע. מיט די יאָרן פאַלט דאָס אַלץ אָפּ ווי בלעטער פון אַ בוים. אָן שום פאַרביטערונג חלילה כאַפּט מען זיך, אַז צום גרעסטן טייל איז דאָס געווען איבעריק, ניט נויטיק, אומזיסט פאַרשווענדעטער געפיל און געמיט. ווי גרויס איז די צאָל באַקאַנטע וועלכע מ׳פלעגט אַמאָל באַגעגענען מיט אַ שטורמישן „אָ! וואָס־זשע מאַכט איר?״ און איצט באַגריסט מען זיך אפילו ניט. מיט די יאָרן פאַרשטייט מען אַז מ׳קען נאָך רעדן פון גליק ווען עס זיינען פאַרבליבן אַ צוויי־דריי אמתע, געטרייע פריינט. אָן ד י דאַרף מען זיך האַלטן, פון ז י י , אַז מ׳קריגט איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר אַ ידיעה דאַרף מען זיך פרייען . . . איך קען כמעט קיינעם ניט אין רחובות, איך קען אָבער די וואונדערבאַרע פרימאַרגנס און פאַרנאַכטן פון רחובות, די פּורפּור זוימען פון דער אונטערגייענדיקער זון, די צאַרטע וואָלקן ליניעס. איך קען דאָס קלאַנג פון די שאַקאַלן, דאָס הייזעריקע טענהן פונם אייזל, דעם גאוהדיקן, דאָן קיכאָטישן טראָט פונם קעמל. און איך

ע ס י י ע ן

קען די שטימע פון אַ מוטער פון דעם הויז קעגנאיבער מיינעם, וואָס רופט אַלע פאַרנאַכט אירע שפּילנדיקע קינדער:—ח־נ־ן ! ח־נ־ה־ל־ע ! — הער איך זי רופן.

דאַן איז אָוונט אין רחובות. מ׳מאַכט צו די לאָדן, און ביים בלויען פייער פונם ווינטער אייוועלע קען מען אומבאַשריינקט זיך אָפּגעבן דער וועלט פון זכרונות.

שיינע זכרונות פון אַ אַמאָליקער, שיינער וועלט . . .

די קונסט אַלט צו זיין.

און שיינט די זון נאָך אַזוי ריין
איינמאָל מוז עס אָוונט זיין.

אַלט ווערן איז קיין קונסט, עס איז אַ אומפאַרמיידלעכער גורל. רואיקע נאַטורן זעען ווי די עלטער דערנענטערט זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, און קלאַפּט זי אָן, עפנט מען די טיר אָן איבעררעשונג, אָן פאַרוואונדערונג און אויך ניט איבעריק דערפרייט. עס זיינען אָבער דאָ פאַרהאַוועטע, באַשעפטיקטע מענטשן, וואָס האָבן פשוט קיין צייט ניט צו טראַכטן וועגן דעם, אָדער אפשר מאַכן זיי זיך מיט אַ כיוון ניט וויסנדיק און מיינען אַז דאָס וועט העלפן. די צייט אָבער ווייסט. זי פירט דעם חשבון, און איין פרימאָרגן קלאַפּט מען אָן. אַ שטרייגער אורח פאָדערט מ׳זאָל אים אַריינלאָזן און מ׳מוז עפענען אָן שום תירוצים. די סימנים פון עלטער, פון אַלט ווערן זיינען זייער פיל, גרעבערע, איידעלע און גאָר איידעלע. אַמאָל איז דאָס ווערן גרוי גע־ווען דער הויפט אָנזאָגער, דער הויפט עדות, איצט שפּילט דאָס גרוי ווערן כמעט קיין ראָלע. ווייסע האָר האָבן אויפגעהערט צו זיין דער סינאָנים פון עלטער, ווייל זיי זיינען אויך ניט מער דער סינאָנים פון כבוד און חשובער אויפפירונג. מיר באַגעגענען איצטער אין גאַס, אין דער געזעלשאַפט, יונגע מענטשן מיט ווייסע קעפּ און זייער פרעכע פנימער. פון אַלע פסיכאָלאָגישע און זעלישע סימנים פון אַלט ווערן איז דער איידלסטער און זיכערסטער סימן דער, ווען באַקאַנטע, זייענ־דיק אין געזעלשאַפט, טוען אַ פרעג: דעם און דעם האָט מען עפּעס אויפגעהערט צו זען לעצטנס, וואָס איז מיט אים, איז ער קראַנק? דער און דער איז ניט קראַנק. לויט זיינע יאָרן קען ער זיך אפילו באַרימען מיט זיין גוטן געזונט, באמת, עס פעלט אים גאָרניט, מער ניט אין דער לעצטער צייט האָט ער ניט געקענט ניט באַמערקן אַ ענדערונג, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען: ער האָט אָנגעהויבן שטאַרקער ליב האָבן

ע ס י י ע ן

זיין פּריוואַטע היים, זיינע עטלעכע צימערן, זיין ביבליאָטעק. פּאַסקאַלס באַרימט ווערטל, אַז דער גרעסטער אומגליק וואָס פּאַסירט מיט מענטשן קומט דערפון וואָס זיי האָבן ניט געלערנט די חכמה פון זיצן אין דערהיים, האָט ער אויך פריער געוואוסט, די ריכטיקייט דערפון האָט ער אָבער קיינמאָל ניט געפילט ווי איצטער. ער האָט ליב געקראָגן זיצן וואָס מער אין שטוב. ער לייגט אָפּ וויזיטן צו באַקאַנטע, וואָס ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט מאַכן. דעם בילעט צו דער אָפּערע „טריסטאַן און איזאָלדע" גיט ער אָפּ זיין פּלימעניק, הגם דאָס איז ד י אָפּערע וועגן וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט זי שטענדיק געקענט הערן. ער רעדט אויך ווייניקער ווי פריער. ער האָט ניט מער קיין חשק צו גלאַנצן אין ריידן ווי ער האָט עס געהאַט פריער. טרעפט אַמאָל און ער פאַלט אריין אין זיין פריערדיקן תענוג און רעדט צופיל, פאַרדריסט עס אים זייער. פריער האָט עס אים ניט פאַרדראָסן, פריער האָט ער נאָר געטראַכט פון דעם איינדרוק וואָס זיין רעדן האָט געמאַכט אויף מענטשן, איצט אָבער פאַרדריסט עס אים. — צופיל גערעדט. ניט שיין, — זאָגט ער זיך אַליין. קורץ, ער הויבט אָן אַלט ווערן.

וואָס ער איז ג ע וו אָ ר ן אַלט, היינגט ניט אָפּ אָן אים, ווי אָבער ער וועט ז י י ן אַלט, ווי אַזוי ער וועט טראָגן אויף זיך די זילבערנע יאָרן פון עלטער, דאָס היינגט שוין אָפּ אין אַ גרויסער מאָס אָן אים אַליין. דאָס דאַרף מען קענען, ווי אַ סך אַנדערע זאַכן אין לעבן. דאָס איז אַ קונסט, ווי אַ סך אַנדערע קונסטן. דער וואָס באַזיצט די קונסט צו זיין אַלט וועט אויף זיין נייעם צושטאַנד ניט קוקן ווי אויף אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס גיט אים דאָס רעכט זיך צו באַקלאָגן, נאָר ווי אויף אַ קוואַל פון נייע תענוגים, אמת, פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער ווי די וואָס ער האָט געקענט אין זיין יוגנט און אין זיינע מיטעלע יאָרן. וואָס איז אייגנטליך פאַרגעקומען? עס איז געקומען דער משרת, האָט אַרונטערגענומען פון טיש די פעפערדיקע, געווירצטע מאכלים און האָט אַרויפגעשטעלט נייע, וואָס פאַרשאַפן אויך אַ גענוס, אָבער אַן אַנדערן, אַ רואיקערן. דאָס אַלט ווערן האָט אייך, אמת, באַרויבט, באַגזלט, עס האָט אָבער אויך געגעבן אייך אומשעצבאַרע פרייהייטן. איר ווייסט אַז אפילו די טיפסטע פריינטשאַפטן געדויערן זעלטן מער ווי פופצן יאָר. איר דאַרפט מער ניט אַרומלויפן ווי אַ

שמריהו גארעליק

משוגענער צוליב דעם, וואָס אייער איינציקע, אייער געטרייע ענטפערט ניט אויף אייערע פלאַמיקע בריוו מיטן זעלבן פייער. אַמאָל וואָלט איר שיר ניט משוגע געוואָרן ווען איר וואָלט זיך דערוואוסט וואָס אייער געטרייע האָט געטאָן מיט אַלע אייערע בריוו: ווען זי איז אַוועקגעפאָרן פון דעם פּאַנסיאָן וואו זי איז איינגעשטאַנען האָט דאָס דינסטמיידל געפונען אַלע אייערע בריוו אויף דער ערד, פאַרגעסן. דאָס אַלט ווערן לערנט אייך קוקן רואיקער אויף אנגעלעגנהייטן איבער וועלכע איר האָט פריער געקענט זיך ערגערן צום טויט.

דער קינסטלער אין ענין אַלט זיין ווער, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל זיך ניט דערלויבן די געשמאַקלאָזיגקייט גאַליק און פאַרדראָסיק אויס־לאַכן, באַשפּאָטן די וואונדערבאַרע אילוזיעס פון דער יוגנט, פון דער אַנדערער זייט אָבער וועט ער זיך אויסהיטן פון באַקלאָגן זיך, באַוויי־נען זיין נייע לאַגע. אדרבא, ער וועט פּרואוון זיין אַ רואיקער, קלוגער געניסער פון די אַלע פרייהייטן און אומגעבונדנקייטן וואָס אַט דער צושטאַנד פון אַלט זיין פאַרשאַפט אים. און עס פאַרשאַפט זייער אַ סך ביז גאָר וויכטיקע פּריווילעגיעס. שוין די מעלה אַליין וואָס איר דאַרפט ניט ברעכן דעם קאָפּ מיט דער פראַגע: וואָס זאָל פון מיר ווערן, וועלכן וועג זאָל איך גיין, וואָס פאַר אַ קאַריערע זאָל איך מאַכן, האָט דאָך אויך עפּעס די ווערט. דריי פערטל פון דעם וועג, אויב ניט מער, זייט איר דורכגעגאַנגען, איר האָט זיך געשטופּט אויף אַזוי פיל ווי אייערע כוחות און לעבנס חוצפּה האָבן אייך דערלויבט. איצט, ביי די לעצטע פּאָר מייל, ווילט איר גיין פּאַמעליכקע, זיך פאַרטראַכטן, זיך אָפּשטעלן, די בערג, די וואָלקנס, דעם זונען אונטערגאַנג, דעם וואַלד ווילט איר זען, אָנקוקן מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. און עס דוכט זיך אייך אפילו אַז איר זעט די נאַטור ריכטיק צום ערשטן מאָל. פריער איז די נאַטור געווען אַ מין דעקאָראַציע פאַר אייערע דברים שבלב, אַ מין סצענאַריום בלויז, וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן עפעקט ווען איר האָט אָדער מ'האָט זיך אייך דערקלערט אין אייביקער ליבע. אין יענער וואונדערבאַרער צייט האָט איר אויפגערופן די נאַטור ווי אַן עדות. די בוימער פון וואַלד האָבן געוואָרפן אַ קילן שאָטן אויף אייער צעהיצטער פאַנטאַזיע, די לבנה האָט אַרונטערגעקוקט אויף אייך ביידן בעת איר זייט געגאַנגען שפּאַצירן, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. אַז די נאַטור

איז גלייכגילטיק בנוגע אייערע ענינים איז אייך גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, ערשט איצט, ביים אַלט ווערן, זעט איר עס איין, און איר זעט ריכטיק. און די איינזאַמקייט. ווען מ׳איז יונג און לעבנסדורש־טיק איז עס אַ קללה, אַ אומערטרעגלעכע ביטערקייט, אויף די עלטערע יאָרן איז זי די טייערסטע, וואוילשמעקנדיקע פּרוכט צו וועלכער מ׳נויגט זיך צו מיט פרייד. מען אַנטלויפט ניט פון איר, מ׳זוכט זי.

דאָס אַלט זיין פאַרשאַפט אַ סך פּריווילעגיעס, עס פאַרשאַפט מער פרייהייט, רואיגקייט, אָבער אינגאַנצן אָן התחייבותן איז עס אויך ניט מעגלעך. דאָס זיינען אַלץ התחייבותן בנוגע זיך אַליין, בנוגע דער נייער חשיבות וועלכע דער גורל האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן מענטשן, אַין עצם זיינען דאָס התחייבותן ווי אַזוי אַם שענסטן צו דערפילן די קונסט אין אַלט זיין. דער ערשטער און הויפּט תנאי איז: ניט זיין לעכערלעך, זיך ניט מאַכן נאַריש און ניט וועלן זיין יונג איבערגעוואַלד, ניט גיין ווי אַ „יונגער“ צווישן די יונגע. דער זקן דאַרף וואַרטן ביז די יונגע וועלן קומען צו אים, דאַן וועט דאָס באַדייטן אַז זיי ווילן ביי אים עפּעס לערנען, הערן עפּעס ערנסטעס; גייט ער צו זיי צווינגט ער אַרויף זיין געזעלשאַפט אויף זיי און זיי פאַרטראָגן עס בלויז פון העפ־ליכקייט וועגן, טראַכטנדיק דערביי: ווען ווערט מען שוין פּטור פון אים. דאָ אַזוינע פּאַרטאַטשעס, קאַליקעס אין דער קונסט פון זיין אַלט, וואָס מיינען אַז פאַר אַ יונגער דאַמע איז דער קאָמפּלימענט פון אַן אַלטן מאַן געוויס דאָס אייגענע ווי דער קאָמפּלימענט פון אַ יונגן. די פּראָנצויזן האָבן אַ שיין וואָרט פאַר דער חשיבות און דער דיסטאַנץ פון עלטער, און ווער עס רעדט זיך איין זאַכן וועלכע די נאַטור האָט דורך אירע געזעצן געמאַכט פאַר אוממעגלעך, דער פאַרשוועכט אָט די חשיבות. דער נאָרוועגישער שריפטשטעלער ביערנסאָן־ביערנסטען, דערציילט מען, האָט אין זיינע אַלטע יאָרן זיך פאַרליבט אין אַ יונגער פרוי. ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרליבט, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך שיידן פון זיין אַלטער פרוי, מיט וועמען ער האָט אָפּגעלעבט צו־זאַמען אַ קליינע אייביגקייט. איין מאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט דאָס איר צו זאָגן. געווען האָט ער מסתמא וועגן פרייהייט, וועגן דעם אַז פאַר שרייבער, פאַר גייסטיקע מענטשן זיינען אָנגע־שריבן אַנדערע געזעצן, וכדומה. די אַלטע פרוי האָט פאַרנויגט איר

קאָפּ, זיך איינגעהערט, פאַרשטאַנען האָט זי אָבער ניט אַ וואָרט. די פילאָזאָפיע פון איר מאַן איז ניט דערגאַנגען צו איר טויבן אויער. — זאָג עס נאָכאַמאָל, מיין ליבער, און אַ ביסל העכער, איך הער שלעכט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן. אין דעמזעלבן מאָמענט איז ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען עפּעס פאַרן זקן ביערנסאָן. ער האָט אַרומגענומען זיין ליבע אַלטע פרוי און האָט באַשלאָסן, אַז דאָס פאַרבליבענע ביסל לעבן וועט ער שוין אָפּלעבן מיט איר. אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען. ער האָט ניט געוואָלט זיין לעכערלעך. ער האָט שוין מער ניט געטראַכט וועגן אַ נייער ליבע אויף די אַלטע יאָרן, ער האָט זיך ווידער צוריקגעקערט צו דער קונסט זיין אַלט. אַמבעסטן האָט די קונסט אַלט צו זיין פאַרשטאַנען אַנאַטאָל פראַנס. אַזוי ווי ער האָט געלעבט זייער לאַנג איז ער אויך געווען אַלט גאַנץ לאַנג. ער האָט אָבער זיין ברייטן, באַקוועמען שלאָפראָק אין וועלכן ער פלעגט אויפנעמען זיינע געסט געטראָגן מיט מער חשיבות און עלעגאַנץ ווי דער רוימישער סענאַטאָר פון אַמאָל האָט געטראָגן זיין טאָגע. ער האָט פאַרשפּאָרט אויפזוכן די געזעלשאַפט, אפילו ווען ער וואָלט געהאַט אַ פאַרלאַנג דערצו, די געזעלשאַפט איז געקומען צו אים. אודאי איז מען געגאַנגען צו אים, ווייל ער איז געווען דער לויכטענדיקסטער שטערן אויף פראַנקרייכס ליטעראַרישן הימל, און ווייל זיין גייסט האָט ניט באַוויזן קיינע סימנים פון שוואַכקייט. ווען אַנאַטאָל פראַנס וואָלט געקלאָגט, געאַכצט און געקרעכצט וועגן אַלט זיין וואָלט מען צו אים געקומען ווייניקער. מ׳האָט ניט ליב ווען איינער קלאָגט זיך צופיל. אַנאַטאָל פראַנס האָט אָבער מער גערעדט וועגן די פּריווילעגיעס פון אַלט זיין. ער האָט ניט ליב געהאַט ווען מ׳האָט אים געפרעגט וואָס ער מאַכט אין געזונט. אין דעם עלטער אין וועלכן ער האָט זיך געפונען דאַרף מען אַזוינע פראַגן ניט שטעלן. מ׳איז צופרידן וואָס מ׳איז נאָך בכלל דאָ, וואָס מ׳קען מיט די הענט גלעטן אַ שיינעם קאַלטן מאַרמאָר אָדער בלעטערן אַ בוך.

— איז דאָס ניט רייצנד און מלא חן? — האָט אַנאַטאָל פראַנס געזאָגט צו זיינעם אַ פריינט, אַרויסבאַגלייטנדיק אים, דערביי אים אָנגעוויזן אויפן פאָנטאַן אין הויף. — ר. האָט אים אויפגעשטעלט. דער מענטש האָט געשמאַק. איך האָב ליב דעם גרויסן פלאַכן בעקן אין

ע ס י י ע ן

וועלכן דאָס וואַסער פאַלט צוריק אַריין, ער פאַרשענערט דעם גאָרטן. דער איינטאָניקער וואַסער געֶרויש האָט אין זיך עפּעס אַנטציקנדיקס.

אַזוי רעדט און געניסט דער זייער אַלטער אַנאַטאָל פראַנס, איינגעוויקלט אין אַ ברייטן פּעלץ מאַנטל. אין סאַלאָן אָבער זיצט ער שטענדיק אין שלאָף ראָק, אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ רויטע יאַרמעלקע, די פיס וואַרימט ער אין באַקוועמע פּאַנטאָפּעל, און קיינער איז ניט אַזוי עלעגאַנט ווי ער.

ריידנדיק וועגן דער קונסט צו זיין אַלט מוז מען ניט פאַרגעסן אַז נאָך צוויי תנאים זיינען נויטיק דערצו: קיינע שטאַרקע פיזישע ווייטיקן און קיין מאַטעריעלע נויט. מ׳דאַרף ניט זיין רייך, אָבער אויך ניט צו אָרעם.

אין אַ מושב זקנים, אין אַט דעם קאָלעקטיוו פון טרויעריגקייט, איז שווער צו זיין אַ קינסטלער.

די פילאָזאָפיע און די עסטעטיק פון אַ גלאָז טיי.

ניט נאָר וועגן בייע, אָקאָרשט דערשינענע ביכער דאַרף מען רעדן, נאָר אויך פון אַזוינע וואָס האָבן שוין לאַנג דערזען די ליכטיקע וועלט, וועגן פאַרגעסענע ביכער און וועגן ביכער וואָס זיינען געבליבן אומ־באַקאַנט פאַר אַ באַשטימטן לייענער פובליקום, אָדער וועלכע מ׳האָט פאַרגעסן איבערזעצן פון אַ פרעמדער שפּראַך. מ׳האָט פאַרגעסן, כאָטש אַזאַ בוך, אויב אפילו קליין אין כמות, איז דאָך אימשטאַנד צו בילדן דעם לייענער אינערלעך, פאַרפיינערן זיין געשמאַק און זיינע געדאַנקען, דערצו נאָך פאַרשאַפן אַ מין טרייסט איבער די ביטערקייטן און אַנטוישונגען אין לעבן.

אַזאַ בוך, קליין אין כמות, אָבער רייך אין איכות, איז די באַרימטע דיכטערישע און פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג פון דעם יאַפּאַנעזישן שריפטשטעלער קאַקוצאָ אָקאָקורא וועגן דער באַדייטונג פון טיי אינם לעבן פונם יאַפּאַנעזישן פאָלק, אין דעם לעבן פון וייטן מזרח בכלל. עס וואָלט געווען אַ חילול הקודש צו באַצייכענען אָט די באַדייטונג מיט דעם וואָרט פאָלקס־געטראַנק און ניט מער, ווייל מיט דעם איז פאַר־בונדן אַ גאַנצער קולט. עס איז אַ יום טוב פון דער נשמה, אַ שטילע, הייליקע האַנדלונג, ביי וועלכער עס קומען צום אויסדרוק די איידלסטע געפילן, די פאַראייניקונג מיט אַ העכערער וועלט, דאָס אויפגעלייזט ווערן אין דעם וועלטאַל. אין דעם טעפּעלע טיי, אין אָט דעם „שוים פון פליסיקן געפריט״, ווי די דיכטער רופן עס, געפינט דער מזרח מענטש די אומזיכטבאַרע פליגל וועלכע טראָגן אים אַוועק אין אומ־ענדלעכע ווייטקייטן, דאָרטן פאַרזינקט ער זיינע אומבאַפרידיקטע באַגערן און ער לערנט די ערהאַבנקייט פון פארציכט און רעזיגנאַציע.

„דאָס בוך וועגן טיי״ — אַזוי הייסט די וואונדערבאַרע עסעי פון דעם הויכקולטיווירטן יאַפּאַנישן שריפטשטעלער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין דיכטערישער און עסייאיסטישער באַגאַבונג, אַ גרוי־

ע ס י י ע ן

סער קענער פֿון דער אייראָפּייאישער וועלט מיט אירע ליטעראַטורן און אַ גייסטרייכער דערציילער פֿון די מיסטעריעס און דער פּאָעזיע פֿון דעם יאַפּאַנעזישן לעבן. מיר קענען זייער ווייניק דאָס דאָזיקע לעבן ווען מיר אורטיילן עס לויט דער אויסערלעכער ענערגיע וואָס די יאַפּאַנעזער ווייזן אַרויס, לויט די מיליטערישע לעגיאָנען וואָס נעמען איין שטיקער כינא און לויט זייער אַרויסוואַרפֿן סחורות אויפֿן וועלט מאַרק. דאָס איז בלויז איין זייט. גלייכצייטיק מיט דעם עקזיסטירט אויך פּאָעזיע, ראָמאַנטיק, אויב אפילו ניט פֿון דעם סאָרט ווי זי איז אַמאָל באַוויזן געוואָרן אין דער געישע אָפּערעטע. נאָך דער וועלט מלחמה מיט אַלע אירע אַנטוישונגען, ווען, אַלס רעאַקציע קעגן דעם באַנקראָטירטן אייראָפּייערטום, איז געשטיגן דער אינטערעס צו אַלץ וואָס איז אָריענטאַליש, איז „דאָס בוך וועגן טיי“ געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע אין די קרייזן פֿון די געבילדעטע, פֿיינפֿילנדיקע לייענער. די באַגייסטערונג פֿאַר דער דיכטונג און פּראָזע פֿון ראבינדראנאט טאגארע איז באַלד אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער דאָס ביכעלע וועגן טיי האָט ניט אויפֿגעהערט צו קלינגען ווי דער צאַרטסטער, איידלסטער און טיפֿסטער געזאַנג. באמת, עס איז אַ מייסטערווערק פֿון דער עסייאיסטיק, אַ זעלטענער פֿאַל פֿון האַרמאָנישער פֿאַראייניקונג פֿון פֿאָרם און אינהאַלט. הייַנט וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם, און וואָס פֿאַר אַן אינהאַלט!

אַ שאָד, אַ שאָד וואָס דאָס ביכעלע איז ניט איבערזעצט געוואָרן אויף אידיש. עס איז פּשוט פֿאַרבאָרגן געוואָרן אַ קוואַל פֿונם פֿיינסטן עסטעטישן פֿאַרגניגן, עס איז ניט געגעבן געוואָרן דער ביישפּיל ווי מ׳קען בילדן דעם גייסט און די נשמה דורך אַ קליינער צאָל געדרוקטע זייטלעך. און אונדזער אידישער לייענער וואָלט, דוכט זיך, גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען אַזאַ פּאָעטיש ריידן פֿון אַזאַ נאַטירלעכן ענין וואָס קומט פֿאָר שיר ניט דריי מאָל אַ טאָג. איז דאָך ביי אונדז אידן דאָס גלעזל טיי אויך עפּעס מער ווי אַ פֿאָלקס געטראַנק. מיטן גלעזל טיי איז פֿאַרבונדן פֿיל אינטימיטעט, זעלישע געמיטלעכקייט, אַזוי איז געווען אַמאָל אין שטעטל, אַזוי איז נאָך הייַנט. דער טיש געדעקט פֿאַרן גלעזל טיי (מיט לימענע און אייַנגעמאַכטס) איז פֿייערלעכער ווי דער טיש געגרייט פֿאַרן וואַרמעס אָדער וועטשערע. ערשט ביי דער

שמריהו גאָרעליק

טיי האָט די אידישע פאַמיליע געטרוימט אירע טרוימען, ביי דער טיי האָט זיך אַרויסגעוויזן איר גאַסטפריינדלעכקייט, ביי דער טיי זיינען לויז געוואָרן די צינגער אין אַ פריינדלעכסטן פלוידער. אין אָנהויב פון זיין בוך שרייבט דער יאַפּאַנעזישער מחבר:

„דער טיי־איזם איז אַ קולט, באַזירט אויף דער פאַרערונג פונם שיינעם אינמיטן פון דער אַלטעגלעכער גרויקייט פון די זאַכן ווי זיי זיינען. דער זין פון טיי־איזם האַלט זיך אויף ריינקייט און האַרמאָניע, אויף דער מיסטעריע פון קעגנזייטיקער דערבאַרעמונג, אויף דער ראָ־מאַנטיק אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. לויט זיין וועזן נאָך איז דער טיי־איזם אַ רעליגיע פון דעם אומפאַלקאָמענעם, אַ צאַרטער פּרואוו מתקן צו זיין דאָס מעגלעכע אין דעם אוממעגלעכן וואָס מיר רופן אָן לעבן".

ווען דער יאַפּאַנעזישער דיכטער שרייבט אָט די שיינע שורות פילן מיר אַז זיי פּאַסן זיך זייער גוט אויך פאַרן אידישן הויז. אויך ביי אונדז האָט די טיי געהאַט אַ עסטעטיש דערציערישע ווירקונג, זי האָט דערמונטערט ריינלעכקייט, האַרמאָניע, פריינטליכקייט. אפילו ביי דעם אָרימען דאָרפס אידן איז פיר אַ זייגער, די צייט צו טרינקען טיי, געווען די שענסטע, פאַעטישסטע צייט. די שטוב איז אויסגעקערט, די פרוי טוט געוויינליך אָן אַ ציכטיק ריין קלייד. מ'כאַפּט ניט, ווי עס פּאַסירט ביים עסן, ווען אפילו די זופּ איז הייס. טיי טרינקט מען פּאַמעליך, „מ'דערקוויקט די נשמה" מיט אַ גלעזל טיי. (מיט מילך).

אין יאַפּאַן אָבער, ווי בכלל אין ווייטן מזרח, באַאיינפלוסט דער טיי קולט אַלע געביטן פון לעבן, דאָס אויסערליכע ווי דאָס אינערליכע. דאָס לעבן פון דעם נידעריקסטן און אָרימסטן איז פאַראיידלט געוואָרן אַ דאַנק דער טיי. עס האָט געלערנט דעם פּויער ווי זיך צו באַגיין מיט בלומען, ווי זיי אַוועקצושטעלן אויפן טיש. פון אַ מענטשן וואָס איז ניט צו עמפּינדליך צו דער טראַגיקאָמישער זייט פון פּערזענליכן לעבן רעדט מען דאָרט ווי וועגן איינעם וואָס האָט „ווייניק טיי אין זיך", פאַרקערט ווידער, איינער וואָס לאָזט זיך צו שטאַרק באַרוישן פון געפילן, ווערט באַצייכנט ווי איינער מיט „צופיל טיי אין זיך".

עס פאַרשטייט זיך אַז ביי דער דורכדרינגענדיקער ראָלע וואָס טיי האָט, ביי אַזאַ לעבנס סואווערעניטעט, וואו קליידונג, מעבל, פאַרבן

זיינען נאָר ווי אַ צוגאָב צום הויפּט אינהאַלט—טיי, מוז די צוגרייטונג פון אָט דער טיי זיין זייער און זייער אַ שווערער ענין, אַ פאַראַנטוואָרט־ליכער, אַ קינסטלערישער. אפילו ביי אונדז איז דאָס ווערטל „שטעל אָקאָרשט דעם סאַמאָוואַר" ניט געווען אַזאַ פשוטער ענין. מער ניט, ביי אונדז האָט עס געוויינליך געמאַכט די גויאישע פאַראַסקע, אין יאַפּאַן אָבער פאָדערט זיך דערצו קונסט, מייסטערשאַפט. אין דעם קאַפּיטל „די טיי שולן" ווערט גערעדט וועגן דער קונסט צו מאַכן טיי ווי וועגן דער קונסט צו מאָלן בילדער. וועגן דעם דיכטער ליי־כי־לאי דערציילט מען אַז ער האָט געזאָגט: „אויף דריי זאַכן אין דער וועלט איז דאָ זיך צו באַקלאָגן: וואָס די בעסטע יוגנט ווערט פאַרדאָרבן דורך פאַלשער דערציאונג, וואָס די בעסטע בילדער ווערן געשענדעט דורך געמיינעם באַגלאָצן מיט פאַרגאַפּטע אויגן און וואָס די בעסטע טיי ווערט פאַרשווענדט דורך ניט ריכטיקער באַהאַנדלונג".

האָט מען אָבער די טיי ריכטיק באַהאַנדלט און זי איז צוגעגרייט געוואָרן לויט אַלע פּינקטליכקייטן, דאַן קומט דער מאָמענט ווען „דאָס דופטיקע בלעטל הייבט ווי אַ שימערירנדיקער וואָלקן אין דעם קלאָרן הימל אָדער שווימט ווי אַ וואַסער רויז אויף דעם שמאראגדן טייך". דאַן איז די צייט פאַר דער העכסטער אַנטציקונג, דאַן מוז מען אויך זיין אַ מייסטער, אַ קינסטלער, צו געניסן פון דער טיי, מ'מוז פאַר־שטיין ווי אַזוי הנאה צו האָבן פון איר. אויך דאָס הנאה האָבן שטייגט איבער די פאָרשטעלונגען וואָס מיר האָבן דערפון. עס איז ניט דער עקסטאַז פונם אידישן טיי טרינקער, וועלכער, ביים דריטן אָדער פערטן גלעזל, טוט אויס דעם קאָלנער, שפּיליעט אָפּ די קאַמזויל; עס איז ניט דער לאַנגער האַנטוך מיט וועלכן דער צעכראַסטעטער פּאָניע — אַליידנשאַפּטליכער טיי־טרינקער — וויקלט אַרום זיין פאַרשוויצטן האַלז, עס איז אַ סך מער, גאַנץ אַנדערש. נאָר דער דיכטער לאָ־טונג האָט דעם הימלישן תענוג געקענט באַשרייבן. — דאָס ערשטע טעפּעלע, — לייענען מיר, — באַנעצט מיר די ליפּן און דעם האַלז; דאָס צווייטע צעברעכט מיין איינזאַמקייט; דאָס דריטע דרינגט אַריין אין מיינע אומפּרוכטבאַרע געדערים כדי דאָרטן גאָרניט געפינען חוץ אַ פינף טויזנט בענדער פון וואונדערליכע אידעאָגראַמען; דאָס פערטע טעפּע־לע ברייגנט מיך לייכט אַריין אין אַ שווייס — די גאַנצע אומגערעכ־

טיגקייט פון לעבן פאַרשווינדט דורך די פאָרן; ביים פינפטן טעפּעלע איז די רייניקונג פאַרענדיקט; דאָס זעקסטע טעפּעלע רופט מיך אין די ספערן פון דער אומשטערבליכקייט; דאָס זיבעטע טעפּעלע — אַך, איך קען מער ניט טרינקען. איך ליב גאָרנישט חוץ דעם קילן ווינטל, וואָס הויבט מיינע אָרבל. וואו איז דער האָרייזאָן? (דער כינעזישער גן עדן). לאָזט מיך שוועבן אויף דעם ליבליכן ווינטל און אַוועקפליען אַהין.

פון די זיבן קאַפּיטלעך, אין וועלכע אקאקוראס וואונדערבאַרער בוך איז איינגעטיילט, איז גוואַלדיק אינטערעסאַנט דאָס קאַפּיטל וועגן דעם טיי רוים, דעם פּלאַץ פאַר דער טיי, וואָס מוז אַזוי איינגע־ריכטעט ווערן עס זאָל קענען סימבאָליש אויסדריקן די גאַנצע פילאָזאָ־פיע און עסטעטיק פון דער טיי. דאָס איז אַן אָרט, וואו יעדע באַפּר־צעכץ איז פאַרבאָטן ווי אַ געשמאַקלאָזיגקייט, עס איז אַן אָרט פאַר פאַנטאַזיע און דיכטערישע געפילן. עפּעס גרעלעס, שרייענדיקס מוז אויסגעמיטן ווערן. דאָס ליכט דאָרט איז אפילו בייטאָג פאַרטושירט. „די פאַרב, פון דער סטעליע ביז צום פוסבאָדן, איז אַ רואיקע. די געסט קלייבן פאַרזיכטיק אויס זייערע קליידער, אויסמיידנדיק שרייענ־דיקע פאַרבן. רייפע מילדקייט פון עלטער רוט איבער אַלעס".

דער מחבר, דיכטער און דיינקער צוגלייך, אַנטוויקלט פאַר אונדז אַ בילד ווי אין זיין לאַנד, ביי זיין פאָלק ווערט אַנטוויקלט דער חוש צו פילן דאָס אומבאַגרעניצטע אין דעם באַגרעניצטן, צו פאַרוואַנדלען דאָס טעגליכסטע אין די איידלסטע סימבאָלן. אין דעם בוך באַגעגענען מיר אַ הערלעכע באַשרייבונג פון דער טיי צערעמאָניע, ווי אַזוי די געסט וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פירן זיך אויף, און וועגן אויסערגע־וויינליכער זויבערקייט וואָס הערשט אפילו אין דעם ווייטסטן, פאַר־באָרגנסטן ווינקל פונם טיי צימער. דערביי ווערט אויך דעם באַגריף „ריינקייט" געגעבן אַ טיפער אינהאַלט. דאָס איז מער ווי סתם ציכ־טיגקייט. פאַרגיסט מען אַ ביסל וואַסער אויף דער ערד, דאַרף מען עס, פאַרשטייט זיך, גלייך אָפּווישן, אָבער די וואַסער טראָפּן פון דער בלומען וואַזע, זיי מוזן בלייבן, ווייל זיי העלפן אונדזער פאַנטאַזיע, זיי העלפן אונדז קריגן די פאַרשטעלונג פון טוי און קילקייט.

דאָס שענסטע קאַפּיטל פון דעם בוך איז אָבער וועגן בלומען. דער

ע ס י י ע ן

גייסטרייכער שריפטשטעלער טרעט דאָ אויף נאָר אַלס דיכטער, ווי אַ באַזינגער פון שיינקייט און אַ באַקלאָגער פון טרויעריקן שיקזאַל. „פאַרוואָס זיינען בלומען אַזוי שיין און אַזוי אָן גליק געבוירן?״ פרעגט ער. אַלע נאַטירליכע באַשעפענישן איז געגעבן געוואָרן די מעגליכקייט זיך צו פאַרטיידיקן, נאָר דער בלום ניט.

די באַרימטסטע טיי מייסטער אין יאַפּאַן זיינען אויך די גרעסטע בלומען קענער און פאַרערער. אין דעם טיי צימער ווערט די בלומען אָפּגעגעבן דער שענסטער, ערשטער פּלאַץ און קיין אַנדער קעגנשטאַנד טאָר מיט זיין קעגנוואַרט ניט שטערן די מאַיעסטעטישע שיינקייט פון דער בלום.

אין דעם קליינעם אָבער זייער אינהאַלטסרייכן ביכעלע ווערט מער אַנטפּלעקט די נשמה פון וייטן מזרח ווי אין די אויספירליכע רייזע בילדער פון רייזנדע און פאָרשער, אפילו ווען זיי זיינען גוט געשריבן. אקאקוראס בוך באַוואונדערן מיר פאַר זיין עספּרי, פאַר זיין פיינעם דיינקען, פאַר זיין גרויסן וויסן, ניט נאָר וועגן דער קולטור פון ווייטן מזרח נאָר אויך וועגן דער אייראָפּייאישער קולטור.

מ׳דאַרף אויך קענען פאַרגעסן.

בכלל זיינען מיר אידן באַקאַנט אַלס אַ פאָלק וואָס איז גענייגט צו סקעפּטיציזם, צו איראָניע. דאָס איז אַ פּועל יוצא פון דעם וואָס מיר זיינען אַן אַלט פאָלק, אַ פאָלק וואָס איז אין פאַרלויף פון אַ לאַנגן לעבן דורכגעוואָרפן און דורכגעשליידערט געוואָרן. צווישן זיך באַקלאָגן מיר זיך אָפט אויף אונדזער שוואַכקייט צו ביטול א.א.וו. עס איז דאריבער אַ גרויסער חידוש וואָס אויף איין געביט, וואו פאָרזיכטיגקייט איז ממש אַ נויטווענדיגקייט, זאָלן מיר אַרויסווייזן אַ נאַאיוויטעט ממש צום דערשטוינט ווערן, אַ גלויבן פון כשרע קינדערלעך. דאָס איז דער געביט פון ליטעראַטור, פון יעדער קונסט בכלל, נאָר דער עיקר אויפן געביט פון ליטעראַטור. דאָ עפּנט מען ביי אונדז די ברייטסטע אָרעמס, דאָ באַווייזט מען אַזאַ ברייטהאַרציגקייט, וואָס מ׳זעט עס ניט אין ערגעץ אין דער וועלט. מענטשן, וואָס אין אַנדערע ענינים זיינען זיי זייער אויף דער וואַך און לאָזן זיך ניט איינריידן אָדער אָפּנאַרן, נאַרן זיך אַליין אָפּ אויפן געביט פון ליטעראַטור און קונסט. אויף דעם באַגריף „שרייבער״ אָדער „ליטעראַטור״ ווערן אָנגעווענדט פּרינציפּן, וואָס מ׳פאַרשטייט אין ערגעץ ניט חוץ ביי אונדז. דאָס איז די סיבה וואָס ביי אונדז זעט אויס אַן ענציקלאָפּעדיע ווי אַן אַדרעסן בוך, אָדער גאָר ווי אַ מין לונאַ פּאַרק — יעדער איינער קען אַריין. די אומשטערבליכקייט פאַרלירט כמעט יעדן זין, ווייל *צו לייכט* און פאַר צו פילע ווערט זי געגעבן. דאָרטן וואו עס דאַרף הערשן גרויסע שטרייגקייט און אויסקלייבערישקייט, צוליבן כבוד פאַרן חשובן און הויכן ענין, פּראַקטיצירט מען אַ סענטימענטאַלע נאכגיביגקייט, באַווייזט מען אַ ברייטע האַנט. דער טיטול שרייבער ווערט געגעבן צו אָן אַ צאָל מענטשן. לויט דער צאָל שרייבער האָבן מיר בלי ספק איינע פון די רייכסטע ליטעראַטורן, אָבער וואָס צו לייענען איז ניטאָ קיין סך.

עסייען

— קומט אַרײַן, — זאָגט מיר איין מאָל אַ שרײַבער, — עס איז אָנגעקומען פון פּוילן אַ נײַ ביכל.

צי דאָס אָנגעקומענע ביכל האָט עפּעס די ווערט, וועגן דער קליי־ניגקייט קימערט ער זיך ניט, דער עיקר איז אַ נ י י ב י כ ל. דאָס הייסט, נ אָ ך אַ ב י כ ל.

איך זע ווי אַ מיטגליד און קאָרעספּאָנדענט פון אידישן וויסנ־שאַפטליכן אינסטיטוט איז אויפגערעגט פון פרייד. וואָס איז געשען? ער האָט זיך אָקאָרשט דערוואוסט אַז אין ריגע געפינט זיך ביי איינעם אַ פּאָסט קאַרטל פון אַ פאַרשטאָרבענעם שרייבער, וועגן וועמען עס ווערט אַלץ געזאַמלט אין דעם ווילנער אַרכיוו פון אידישן וויסנשאַפט־ליכן אינסטיטוט. ער איז אַזוי אויפגערעגט אַז ער וואָלט בדאי גע־נומען דעם ערשטן צוג וואָס גייט קיין ריגע כדי גיכער צו זען, האַלטן אין האַנט יענע טייערע פּאָסט קאַרטל, פון יענעם טייערן שרייבער, וועלכער איז . . . אַ נול, אַ בוכשטעבליכער נול. אין אַלע הינזיכטן, פון אַלע שטאַנדפּונקטן אַ גאָרנישט. אמת, ער האָט אַמאָל געשריבן, און ניט ווייניק, אָבער דאָס וואָס ער האָט געשריבן איז לויטן קינסט־לערישן און גייסטיקן אינהאַלט אַזוי לייכט, אַז עס איז ממש אַ פליכט אים צו פאַרגעסן און עס איז פּשוט אַן אומזין צו זאַמלען זכרונות פון אים און וועגן אים. ביי אַזאַ פענאָמענאַלן זכרון און אַזאַ דערשרעקנ־דיקער, ברייטהאַרציקער „ליבע״ צו ליטעראַטור פילט מען כמעט די נויטווענדיקייט אַרויסצוגעבן אַ פּאַראָל: לערנט זיך פאַרגעסן! האָט אַ ביסל ווייניקער ליב די ליטעראַטור, וועט דאָס ו ו י י נ י ק ע ז י י ן מ ע ר, אין איכות. מאַכט ניט די אומשטערבליכקייט אַזוי ביליק. אומשטערבליכקייט דאַרף מען פאַרדינען דורך ערנסטע ביי־טראַגן, דורך בלייבנדיקע זאַכן. אַ פאַנטעאָן איז ניט קיין אכסניא, וואו עס איז אַלע מאָל דאָ פּלאַץ פאַר נאָך עמיצן פּשוט דערפאַר ווייל מ׳איז אַלע מאָל גרייט אַריינשטעלן אין צימער נאָך אַ בעט, נאָך צוויי, דריי בעטן . . . דער באַלעבאָס פון אַזאַ אכסניא — וועמען מ׳דאַרף אויסמיידן — גייט שטענדיק אַרום מיט אַ גליקליך שמייכעלע, ער רייבט זיך די הענט און ווערט ממש ברוגז ווען מ׳פרעגט אים צי עס איז דאָ נאָך אַ פּלאַץ. — וואָס הייסט ניטאָ קיין פּלאַץ, — פרעגט ער צוריק מיט כעס. — מ׳שטעלט צו נאָך אַ בעט, איז שוין דאָ פּלאַץ. —

ש מ ר י ה ו ג אָ ר ע ל י ק

אַזעלכע אכסניות זיינען אויך דאָ אויפן ליטעראַרישן געביט. דאָרטן איז אַלע מאָל דאָ פּלאַץ, און פאַר אַלעמען, קיינער ווערט חלילה ניט צוריקגעשיקט. קומט אַריין! קומט אַריין! וואָס מער אַלץ בעסער. אַ „פּריש" ביכל, נאָך אַ ביכל, אַ „פרישער" שרייבער, נאָך אַ שרייבער. עס איז שוין אַזוי ווייט אַוועקגעגאַנגען, אַז ווען מיר זאָלן זיך אויסמאָלן דעם אומגעוויינליכן פאַל פון אַ שרייבער, וואָס האָט איינגעזעען מיטן פולן באַוואוסטזיין אַז אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו ווערן אין דער ליטעראַטור וואָס ער האָט געוואָלט זיין און ער וויל, דערפאַר, בלייבן אַ פאַרבאָרגענער, אַ פאַרגעסענער, וועט ער עס ניט קענען באַווייזן. איך פאַרשטיי זייער גוט די אומגעוויינליכקייט פון אַזאַ פאַל. בדרך כלל וויל קיינער ניט פאַרשווינדן, יעדער איינער וויל ווי עס איז און מיט וואָס עס איז זיך איינקריצן, זיך איינבייסן אין דער אייביגקייט. דאָך שטעל איך מיר פאָר אַזאַ זאַך. עס זיינען אויך דאָ ש ט אָ ל צ ע נאַטורן, וואָס אפילו פון זיך אַליין פאַדערן זיי נאָר העכטעס, באַדייטנדיקס. זיי ווייסן אַז אומפאַרגעסן בלייבט נאָר דאָס, וואָס האָט ווירקליך אַ באַדייטונג און, זעענדיק אַז אָט דאָס גליק איז זיי ניט באַשערט געוועזן, ווילן זיי פאַרקריכן אין אַנאָנימיטעט, זיי ווילן מוותר זיין אויף אַ מ י נ ד ע ר ו ו ע ר ט י ק ע ר אומשטערבליכקייט, אַן אומשטערבליכקייט וואָס ברייטהאַרציקע, באַרמהערציקע מענטשן שייבקען סתם אין דער וועלט אַריין. דאָס וועט זיי אָבער ניט העלפן. מ׳וועט זיי אויסזוכן, אויסשפּירן, אויסגראָבן, מ׳וועט מיט גוואַלד זיי אַריינשלעפּן אין פאַנטעאָן. פון אַ זלמן רייזען, וועמעס ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור איז, צוליב איר גרענעצלאָזיגקייט, הייסקייט און ליידנשאַפטליכקייט, ממש געפערליך; פון זלמן רייזען, דעם אַרויסגעבער פון „לעקסיקאָן פאַר אידישער ליטעראַטור" איז ניטאָ קיין אַנטרינען ווערן. ער לויפט אייך נאָך, ער יאָגט אייך נאָך. איר קענט זיך פון אים ניט אויסבאַהאַלטן. זאַכן פון אייער לעבן, פון אייער ליטעראַרישן שאַפן, וואָס איר אַליין האָט שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן פון זינען, איר ווילט זיך גאָר אַן דעם ניט דערמאָנען, ז ל מ ן ר י י ז ע ן ג ע ד י י נ ק ט ז י י.

זלמן רייזען קען בכלל ניט דאָס וואָרט „פאַרגעסן". ער זאַמלט אַלץ — גוטס, מיטלמעסיקס און גאָר מינדערווערטיקס. זיין ליטעראַ־

ע ס י י ע ן

רישע ענציקלאָפּעדיע דערמאָנט אָן יענע אַלטוואַרג געשעפטן, וואו איר קענט אַלץ געפינען, וואו אַלץ ליגט צוזאַמען: אַ יאַפּאַנעזישע סומאַראַי שווערד און מעשענע קנעפּלעך פון אַ רוסישן גאָראָדאָוואָי, אַ טאַמבאַ־ווער סאַמאָוואַר און אַ הילצערנע לעפל. דאָ ווי דאָרט איז דערזעל־בער פּרינציפּ — מ׳קען ניט וויסן, אַלץ קען צונוץ קומען. די ליטעראַ־טור וואָס זלמן רייזען האָט צענויפגעזאַמלט אין זיינע דריי ענציקלאָ־פּעדיע בענדער איז אַ אומגעזונט אָנגעשוואָלענע. פון וויטן מיינט איר אַז איר זעט פאַר זיך אַ ריזיקן באַרג, קומט איר אָבער צו נעענטער, זעט איר — אומגעזונט אָנגעשוואָלן.

זלמן רייזען האָט צו שטאַרק ליב געהאַט די אידישע ליטעראַטור און דערפאַר איז אַרויסגעקומען עפּעס אומגעזונטעס. צוליב זיין ענ־טוזיאַסטישער ליבע האָט ער קיינעם ניט געוואָלט צוריקשיקן, און זיין ענציקלאָפּעדיע איז אַ מין לונאַ פּאַרק. וועמען זעט איר דאָרט ניט? יעדער איינער וואָס האָט ווען עס איז אַ טונק געטון די פּען אין טינטער איז דאָרטן באַצייכנט, זיין ביאָגראַפּיע איז אָנגעגעבן מיט אַלע פּרטים. געוויינליך איז דער סדר העולם, אַז אַן אמתער קבצן ווערט מען ערשט ווען מ׳ווערט אַ שרייבער. די העלדן פון רייזענס ליטעראַרישער ענ־ציקלאָפּעדיע ווערן פריער קבצנים, דאָס הייסט, זיי „פּטרן זייער ביסל געלט" (אַן אויסדרוק וואָס מ׳טרעפט אָפט אין רייזענס לעבנסבאַשריי־בונגען) און, ניט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, באַשליסן זיי צו ווערן שרייבער. און מיט וועלכע פּרטים ווערט עס געשילדערט זייער לעבנס־וואַנדל! אָט איז למשל דאָ איינער אַ חיים בונין, וואָס האָט אָנגע־שריבן עטליכע מאמרים וועגן חסידות און ציוניזם. ער איז, פאַרשטייט זיך, אין פאַנטעאָן. מילא, זאָל ער זיין. אָבער פאַרוואָס בין איך עס מחויב צו וויסן אַז אָט דער בונין האָט געלערנט אין ישיבות, געקענט חסידות, נאָך זיין חתונה פלעגט ער יעדן יאָר פאָרן צום קאַפּישטשער רבין, אַז אין זיין תבואה האַנדל האָט ער ניט געהאַט קיין הצלחה, גע־פּטרט דאָס ביסל געלט און זיך ווידער גענומען צו ש״ס און פּוסקים? דאָס אַלעס דערציילט מען מיר בלויז דערפאַר, וואָס אָט דער חיים בונין האָט אָנגעשריבן עטליכע מאמרים. ביי רייזענען שטויסט מען זיך ניט זעלטן אָן אויף שרייבער, וואָס זיינען געוואָרן שרייבער נאָר דערפאַר ווייל זיי האָט געפעלט אויף הוצאות הדרך. פּאַרט, למשל,

ש מ ר י ה ו ג אָ ר ע ל י ק

אַ איד אַלטשול, אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, קיין אַמעריקע. אין קאָפּענהאַגען כאַפּט ער זיך אַז עס פעלט אים געלט צו פאָרן ווייטער, איז ער זיך מישב און הויבט אָן שרייבן תיכף ומיד אין די קאָפּענהאַגענער אידישע צייטונגען, דאָס הייסט, אין בלעטלעך. אָט דעם אַלטשול איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן ווערן אַ שרייבער, ער איז גאָר געווען אַ סטאָליער, אַן אַגענט פון זינגערס ניי מאַשינען, ער איז געווען אַלץ, נאָר ניט קיין שרייבער, אָבער אַז עס פעלט געלט ווייטער צו פאָרן איז דאָך ניט שייך, ווערט אַלטשול אַ שרייבער, און רייזען זוכט אים אויס און שלעפּט אים אַריין מיט גוואַלד אין פאַנטעאָן טאַקע מיט גוואַלד, ווייל דער אַלטשול האָט אפילו ניט געחלומט פון אומשטערבליכקייט.

אין רייזענס ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע געפינען זיך אַזוי פיל קוריאָזן אַז עס איז ממש שטאָף צום לאַכן, אָפּט ווערט מען אָבער אויך אין כעס, מ׳פאַרלירט פשוט די געדולד. וועגן איינעם אַ שמואל אַדלער זאָגט רייזען אַליין, אַז זיין פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן „צ װ ו י ה ו נ ד ע ר ט ק י נ ס ט ל ע ר י ש א ו מ ב אַ ד י י ט נ ד ע ס ק י צ ן“. ווען רייזען, דער באַרמהערציקער, דער ווייכער זאָגט עס שוין, מיינט עס אין דער ווירקליכקייט צוויי הונדערט ט אַ ל ע נ ט ל אָ ז ע סקיצן. איך קען זיך נאָר פאַרשטעלן אָט דעם אַדלער ווי אַ פּלאָגער און פּייניקער פון די רעדאַקציעס, ער איז אַ אומפאַרבעסערליכער גראַפאָמאַן, און אויב ער האָט אָפּגעדרוקט צוויי הונדערט שלעכטע סקיצן, האָט ער געמוזט אָנשרייבן טויזנט. אַ געפערליכער מענטש! פאַר דער ליטעראַטור, מיין איך, ווי יעדער גראַפאָמאַן, אָבער רייזען קען זיך פון אים ניט שיידן. ער פאַרשטייט אפשר אַז אַ מענטש וואָס האָט אָנגעשריבן צוויי הונדערט שלעכטע סקיצן איז ראוי אַ ר ו י ס ג ע װ ו אָ ר פ ן און ניט אַ ר י י נ ג ע נ ו מ ע ן ווערן, אָבער דער באַרמהערציקער ברודער זלמן רייזען נעמט אים פונדעסטוועגן אַריין. דאָ נאָך אַ דיכטער, אליהו איזגור. אַז ער איז אַ גאָרנישט און אויך זיין ביכל „שלאָפלאָזע נעכט“ איז גאָרנישט זעט מען דערפון, וואָס רייזען גיט אים אָפּ נאָר זיבעצן שורות, אָבער דערנאָך, ווייזט אויס, פאַרדריסט אים די האַרטקייט און ער טרייסט זיך, דעם דיכטער און די אידישע וועלט מיט דער

עסייען

קורצער באַמערקונג: אין אַנהויב פון וועלטקריג פאַרעפענטליכט אַ פּאָעמע. ווי אַזוי הייסט די פּאָע־מע, מיט וואָס פאַר מאָטיוון איז זי דורכגעדרונגען איז אומבאַקאַנט, מיר ווייסן נאָר אָט וואָס: עס האָט אויסגעבראָכן אַ וועלט קריג, אַר־מייען מאַרשירן, פעלקער געפינען זיך אין טרויער, זשאַרעס איז דער־מאָרדעט געוואָרן און . . . אליהו איזגור דרוקט זיין פּאָמעע.

געזונג! מיט דעם לעכערליכן מאַטעריאַל וואָס געפינט זיך אין רייזענס לעקסיקאָן פאַר אידישער ליטעראַטור קען מען אין משך פון צוויי חדשים יעדן טאָג אָנפילן אַ גאַנצע צייטונג. ווי אַזאַ לעקסיקאָן וואָלט אויסגעזען ווען מ׳גיט אים אַרויס פאַר דער העברעאישער ליטע־ראַטור ווייס איך ניט. בעמענדיק אין אנבאטראַכט די צו סענטימענ־טאַלע, באַרמהערציקע באַגריפן וואָס הערשן ביי אונדז איבער ליטעראַ־טור און קונסט בכלל און די ווייכהאַרציגקייט, די ברייטע האַנט, וואו קמצנות און שטרייגקייט וואָלטן געדראַפּט אָנגעווענדעט ווערן, איז דאָ ווייניק גרונט צו זיין צו אָפּטימיסטיש. מסתמא וואָלט מען דאָ אויך אַריינגעשלעפּט מיט גוואַלד מענטשן אין פּאַנטעאָן, וואָס, אַלס שרייבער, וואָלטן זיי געדאַרפט פאַרזינקען, פאַרגעסן ווערן. מ׳האָט ביי אונדז צופיל ליב די ליטעראַטור, אמת, אָפט מיט דער ליבע פון ביליקן האָניק.

אגב, ריידנדיק וועגן ענציקלאָפּעדיעס, לוינט זיך דערמאָנען אַז קיין זיכערער מיטל אויף אומשטערבליכקייט איז עס נאָך ניט. אַריינגעגנו־מען ווערן אין דער ענציקלאָפּעדיע איז נאָך ניט געזונג, עס דאַרפן זיך נאָך געפינען בעלנים וואָס זאָלן וועלן אים זוכן אין דער ענציקלאָפּעדיע. וואָס טויג למשל יענעם מחבר פון די צוויי הונדערט שלעכטע סקיצן, וועגן וועלכן עס איז גערעדט געוואָרן פריער, וואָס מ׳האָט אים אריינ־גענומען אין פּאַנטעאָן, אין דער ענציקלאָפּעדיע, אַז עס פעלן בעלנים וואָס זאָלן זיך אויף אים באַכפּרעגן, זאָלן וועלן אויסגעפינען זיין אַד־רעס . . . נאָר איין שאַנס האָבן אַזוינע אומגליקליכע „אומשטערבלי־כע": על פּי צופאַל קען מען אַמאָל זיך אָנשטויסן אויף זיי. איר בלע־טערט, למשל, כדי צו געפינען דעם רמבם און, בלעטערנדיק, פאַלט אייער אויג גראָדע אויף דעם מחבר פון די צוויי הונדערט . . . א.א.וו.

שמריהו גאָרעליק

דעם אמת געזאָגט, קען אפילו די ענציקלאָפּעדיע ניט געבן קיין בעסערע גאַראַנטיע צו די טאַלאַנטלאָזע. בלויז דאָס ארײַנכאַפּן זיך אַהין איז נאָך ווײניק . . .

זאָרגן איבער שיילאָק.

די פאַרטרעטער פון ענגלישן אידנטום האָבן זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו די געהעריקע אינסטאַנצן, בעטנדיק אַז אין ענגלישע שולן זאָל מען פאַר די קינדער, לערנענדיק שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעציע", אויסטייטשן שיילאָקן אין דעם ריכטיקן טראַגישן זין, לויט וועלכן עס זאָל ניט בלייבן קיין אַנטיסעמיטישע ווירקונג.

אָט די זאָרג איבער דער ריכטיקער אָדער פאַלשער אויסטייטשונג פון שיילאָק איז מער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט ווי סער מאָזליס אָנפאַל אויף דיזראַעלי־ביקאָנספילד, אָדער ווי די געשיכטע מיטן ענגלישן רעסטאָראַטאָר וואָס האָט זיך אַנטזאַגט סערווירן אַ מאָלצייט ראָטשילדן. דער פאַל שיילאָק זאָגט עדות אַז עס איז דאָ אַ מין אומרו, אומזיכערקייט. אונדזער גלויבן אין דער טראַדיציאָנעלער טאָלעראַנץ, אין דער גרויסקייט פון ענגלישן פאָלק שטויסט אָפּ יעדן געדאַנק אַז די אַנטיסעמיטישע קראַנקהייט, דער גיפט פון אידנהאַס זאָל ווירקליך אַמאָל האָבן די שליטה איבער די נשמות פון אַ סך ענגלענדער. מיר ווילן עס ניט גלויבן, און גלויבן עס ניט. אָבער פריער האָבן די פאַרטרעטער פון ענגלישן אידנטום זיך ניט געדאַרפט קימערן וועגן דער ריכטיקער אויסטייטשונג פון שיילאָק. דער פאַקט וואָס איצט קימערן זיי זיך יאָ, וואָס זיי ווענדן זיך אפילו צוליב דעם מיט אַ בקשה צו די געהעריקע אינסטאַנצן, איז גאָר ניט אַזאַ גוטער סימן און מאַכט אונדז העכסט טרויעריק. פריער האָט מען וועגן דעם ענין שיילאָק זיך געקענט פאַרלאָזן אויף דעם גוטן אינסטינקט פון לייענער אָדער טעאַטער באַזוכער און דעם טאַלאַנט פון דעם שוישפּילער. שפּילט די ראָלע אַ מענטש מיט טאַלאַנט, און אויב ער איז ניט קיין אויסגעשפּראָכענער אידנפיינד, מוז שיילאָק, אָט די פינסטערע, פאַרביטערטע געשטאַלט, מיט זיינע ליידן, פאַרפאָלגונגען און נידערלאַגעס, אַרויסרופן דעם גרעסטן מיטגעפיל. ווער עס זאָל ניט האָבן געשפּילט שיילאָק,

שמריהו גאָרעליק

צי דאָס זיינען געווען אונדזערע קלאַסישע שוישפּילער ווי זאָנענטהאַל, פּאָסאַרט, באַרנאַי, אָדער די פון דעם לעצטן דור, ווי שילדקרויט, פּריץ קאָרטנער, גראַנאַך און אַנדערע, איז מען אַלע מאָל דערשיטערט געוואָרן פון דעם מוראדיקן שיקזאַל אונטער וועלכן עס וויינט און קרעכצט דער פּראָצענטניק שיילאָק. עס ווערט פאַרגעסן זיין נקמה דורשט וואָס גיט זיך אים, אגב, ניט איין, וואָס האָט זיך אים ניט געקענט איינגעבן אין יענע אומשטענדן אונטער וועלכע די אידן אין ווענעציע, אין איטאַליע, אין דער גאַנצער וועלט בכלל האָבן דאַן געלעבט. דערפאַר אָבער האָבן זיינע דערשיטערנדיקע מאָנאָלאָגן, געווירקט אומפאַרגעסליך. אין זכרון זיינען פאַרבליבן זיינע ווילדע, אָנמעכטיקע, וויינענדיקע געשרייען: „און אַ איד, האָט ער נישט קיין אויגן? האָט ער נישט קיין הענט, נייגונגען, ליידנשאַפטן? ווען איר שטעכט אונדז בלוטיקן מיר נישט? ווען איר פאַרגיפטעט אונדז שטאַרבן מיר נישט? און ווען איר באַליידיקט אונדז זאָלן מיר ניט נעמען קיין נקמה?“

שיילאָק האָט איין מאָל געוואָלט נעמען נקמה פון זיינעם אַ שונא, וואָס פלעגט אים שפּייען אין פּנים, באַוואָרפן אים מיט די נידעריקסטע באַליידיקונגען, ניט נאָר אים אַליין, נאָר אויך זיין פאָלק, זיין גלויבן. אָט דער שונא, סיניאָר אַנטאָניאָ, געפינט זיך אין אַ געדריקטער פינאַנציעלער לאַגע און ער קומט צום אידן לייען געלט. ער גיט אים די נויטיקע צאָל דוקאַטן, נאָר מיטן תנאי אַז אויב ער קריגט ניט צוריק דאָס געלט אין דעם באַשטימטן טערמין, האָט ער אַ רעכט צו פאָדערן פון אַנטאָניאָן אַ שטיק פלייש פון זיין קערפּער, אַ שטיק לעבעדיק פלייש נאָענט צום האַרצן. אָט דער תנאי איז אודאי אַ שרעקליכער, אָבער שיילאָק וואָלט באַדאַרפט זיין נאַריש ווי אַ קינד צו גלויבן אַז ער קען ווירקליך נעמען אַזאַ נקמה פון זיין שונא, אפילו ווען דאָס געזעץ איז אויף זיין זייט. ווי? אידן וואוינען אין דער ווענעציער געטאָ, אויף דער ריאַלטאָ, און זיי וועלן פאַר דריי טויזנט דוקאַטן שניידן שטיקער פלייש פון אַזוינע אַדל לייט ווי אַנטאָניאָ, באָסניא, גראַציאנא? אַ קינד, אַ נאַריש און נאַאיוו קינד דאַרף זיין דער פינסטערער שיילאָק אויב ער גלויבט אַז מיטן וועקסל אין האַנט קען ער קריגן זיין אָפיציעל רעכט, קען ער שטילן זיין נקמה דורשט. שעקספּיר האָט בכיוון געלאָזט זיין שיילאָקן אויסטראַכטן אַזאַ פאַנ־

טאַסטישע נקמה כדי נאָך בולטער אונטערשטרייכן זיין אָנמעכטיגקייט. און עס ענדיקט זיך דאָך מיט אָנ־מאַכט, מיט אַ קאַטאַסטראָפאַלער נידערלאַגע פאַר שיילאָקן. די איידע־לע פאָרשיאַ טרעט אויף אויף דער סצענע, דאָס געריכט קומט און מיר ווייסן ווי עס ענדיקט זיך. שיילאָק פאַרלירט אַלץ, זיינע דוקאַטן און אויך זיין איינציקע טאָכטער דזשעסיקאַ, וואָס אַנטלויפט פון אים מיט און צו זיינע שונאים.

וואָלט שעקספּיר געהאַט איגזינען אָנצושרייבן אַ אידנפיינטליכעס טעאַטער שטיק, וואָלט ער קיינמאָל ניט דערלאָזט אַז פון דער סצענע זאָל שיילאָק וואַרפן אַזעלכע קלאגווערטער וועגן די אידישע אונטער־דריקער. ער וואָלט אים ניט געלאָזט זיך ווענדן צו אַנטאָניאָן מיט אַזעלכע רייד, ווען יענער קומט לייען געלט:

סיניאָר אַנטאָניאָ! פיל און אָפטמאָל
האָט איר אויף דער ריאַלטאָ מיך געזידלט
צוליב מיינע געלטער און מיינע צינזן.
איך האָב עס איבערגעטראָגן מיט געדולדיקן אַקסלצוק,
ווייל דולדן איז די ירושה פון מיין שטאַם.

ער דערמאָנט אַנטאָניאָן ווי ער פלעגט אים שפייען אין פנים, אים רופן „הונט", און ער פרעגט:

האָט אַ הונט געלט?

אין אָט דעם מאָמענט פילט מיט דאָס גאַנצע טעאַטער פובליקום מיט שיילאָקן. נאָך מער פילט עס מיט מיט אים ווען פון דער גרויזאַמער און נאַריש אויסגעטראַכטער נקמה לאָזט זיך אויס גאָרנישט און עס געשעט דאָס פאַרקערטע — שיילאָקס פולשטענדיקער צוזאַ־מענברוך, זיין נידערלאַגע. ווי אַ פאַרוואונדעטע, געהעצטע חיה פאַר־לאָזט ער די סצענע אונטער דעם שפּאָט פון זיינע זיגער, מיטן ווייטיק אין האַרצן וואָס זיין אייגענע טאָכטער באַרויבט אים און אַנטלויפט צו זיינע שונאים. פרעגט זיך, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן פאַר אַ ריכטיקער אָדער ניט ריכטיקער אויסטייטשונג? איז דען ניט גענוג זיך פאַרלאָזן אויף דעם נאַטירליכן געפיל פונם מענטשן? בכלל איז עס, פאַרשטייט זיך, גענוג.

אין היינריך היינעס „שעקספּירס מיידלעך און פרויען" איז אויך

דאָ אַ קאַפּיטל וועגן שיילאָק. דאָס קאַפּיטל הויבט זיך אָן מיט פאָלגנ־
דער דעראַינערונג: „בעת איך האָב געזען אויפפירן דאָס שטיק אין
דרורי לעין איז הינטער מיר, אין דער לאָזשע, געשטאַנען אַ שיינע,
בלייכע בריטין. צום סוף פון פערטן אַקט האָט זי זיך שטאַרק צעווײנט
און עטליכע מאָל אויסגערופן:

„די פּור מען איז וורא̇נגד".

מ'באַגייט אַן עולה קעגן דעם אָרימען מענטש. איר געזיכט איז
געווען פון איידלסטן גריכישן שניט, און די אויגן זיינען געווען גרויס
און שוואַרץ. איך האָב זיי קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן, אָט די
גרויסע שוואַרצע אויגן וואָס האָבן אַזוי געוויינט צוליב שיילאָקן".

דאָס זיינען געווען די נאַטירליכע געפילן וואָס מוזן אַרויסגערופן
ווערן ביי יעדן איינעם וואָס זעט אין טעאַטער שעקספּירס טרויער־
שפּיל. ווייל עס איז אַ טרויער שפּיל. וואָס פאַר אַ כוונות שעקספּיר
האָט געהאַט מיט אָט דעם טעאַטערשטיק ווייסן מיר ניט, עס איז אָבער
קלאָר אַז ער האָט עס געשריבן, פאַרלאָזנדיק זיך אויף די נאַטירליכע
מענטשליכע געפילן. די צרה איז אָבער וואָס מיר לעבן איצט אין אַ
עפּאָכע וועו אָנשטאָט די נאַטירליכע געפילן קומען אויף געפילן אַרויס־
גערופן דורך דעמאַגאָגיע, מענטשן האַס, אָבערגלויבן און אידנפיינט־
שאַפט. די וואָס זיינען געבענטשט, אָדער, ריכטיקער, געשטראָפט,
מיט אָט די אומגליקליכע געפילן, וועלן אין שיילאָקן זען נאָר דעם
פּראָצענטניק, דעם בלוטזויגער, וואָס באַשטייט אויף זיין וועקסל, וואָס
וויל זיך זעטיקן מיט נקמה. און ווייל אָט די אומנאַטירליכע, אויפגע־
העצטע געפילן האָבן איצט געפונען אַזאַ שטאַרקע פאַרברייטונג איבער
דער גאָרער וועלט, זאָרגן זיך די ענגלישע אידן איבער דער ריכטיקער
אָדער פאַלשער אויסטייטשונג פון שעקספּירס שיילאָק.

ווי מ'גיט איבער פאַרטיידיקן די ענגלישע צייטונגען דעם שטאַנד־
פּונקט פון די ענגלישע אידן. אין ענגלאַנד זיינען מסתמא דאָ גענוג
שעקספּיר פאָרשער, וואָס האָבן אין פאָרשידענע צייטן זיך פאַרטיפט
אין שיילאָקס טראַגעדיע. וואָלט נאָר געווען דער גוטער ווילן וואָלט
מען, מיט דער הילף פון אָט די ליטעראַטור און טעאַטער קריטיקער,
געקענט זייער לייכט געבן אַן אמתן באַגריף וועגן שיילאָקן. עס
וואָלט זיכער ניט געשאַדט ביי דער געלעגנהייט זיך דערמאָנען אָן

ע ס י י ע ן

היינעס סקיצע איבער דעם „סוחר פון ווענעציע". דער עיקר אין יענער סצענע וואו ער שילדערט ווי אַזוי, זייענדיק אין ווענעציע, האָט ער אויף דער ריאַלטאָ אומעטום געזוכט שיילאָקן און, ניט געפינענדיק אים, איז ער אַוועק אין איינעם פון די בתי מדרשים אין דער אידישער געטאָ. דאָס איז געווען יום כפור, פאַר נעילה. צווישן די פילע מתפללים איז זיין אויג געפאַלן אויף איינעם אין וועמען ער האָט אַזוי ווי דערקענט שיילאָקן. דער איד האָט זייער הויך און ביטער געוויינט ביים דאַוונען. אין זיין יאָמערן האָט היינע דערהערט אויך דעם אומגלויבליכן שמערץ פון אַן אומגליקליכן פאָטער. עס האָט זיך אים אַליץ געדוכט אַז אָט דער שיילאָק זוכט און רופט זיין טאָכטער, ער האָט ווי געהערט די ווערטער: דזשעסיקאַ, מיין קינד!

אגב, ווער וואָלט עס געגלויבט אַז אין 1788, ווען מ'האָט אין בערלינער טעאַטער אויפגעפירט דעם „סוחר פון ווענעציע", האָט מען אין אַ ספּעציעל פאַרפאַסטן פּראָלאָג געמאַכט קאָמפּלימענטן די אידן און אויסגעדריקט אַנטשולדיקונג. די אַנטשולדיקונג איז געווען פאַר די ניט אידישע באַזוכער, וואָס וועלן אפשר אויסטייטשן שיילאָקן ניט אין דעם זין ווי ער דאַרף ווירקליך אויסגעטייטשט ווערן.

יאָ, דאָס איז געווען מיט הונדערט און זעקס און פערציק יאָר צוריק, אין צייט פון פרידריך דעם גרויסן, לעסינג, אין דער צייט פון וואָלטעיר'ס און רוסאָ'ס השפעה, בלויז איין יאָר פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ווייל מען אָפּשאַצן דעם מערקווירדיקן וועג פון דער מענטשליכער קולטור, דאַרף מען בלויז אַנטקעגן שטעלן די צוויי דאַטן: אין 1788 קומען אַרויף די אַרטיסטן אויף דער בינע און איידער זיי נעמען זיך שפּילן דעם „סוחר פון ווענעציע" האַלטן זיי אַ ספּעציעל פאַרפאַסטן פּראָלאָג, דריקן אויס זייער סימפּאַטיע צו אידן און ווילן דערמיט זיך אַנטשולדיקן פאַר די פאַלשע, אומנאַטירליכע געפילן וואָס די שיילאָק פיגור קען אַרויסרופן ביי דעם אָדער יענעם טעאַטער באַזוכער. אין 1934 קומען די ענגלישע אידן מיט אַ ספּעציעלער בקשה אָפּצואווענדן די געפאַר וועלכע קען אַרויסקומען פון דעם וואָס מ'וועט אין די שולן אויסטייטשן ניט ריכטיק די טראַגישע געשטאַלט פון שיילאָקן, דעם פּראָצענטניק פון דער ריאַלטאָ.

צווייטער טייל.

די העלדן און די קרבנות פון פּאָלעמיק.

אָנהויב פאַריקן יאָרהונדערט, מעגליך נאָך פריער, אַלנפאַלס, אין אַ עפּאָכע אין וועלכער קולטור און גייסטיגקייט האָט געבליט, האָט אַ פּאַריזער זשורנאַל איין פרימאָרגן אָפּגעדרוקט אַ מודעה פון איינעם וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען אין דער וועלט פון ליטעראַטור און קונסט, אַ געשעצטע פּערזענליכקייט, מיט דעם פאָלגענדן, זייער לאַ־פּידאַרן, אינטערעסאַנטן אינהאַלט:

„דער פריינטליכער לייענער ווערט געבעטן ניט צו גלויבן אַלץ וואָס איך וועל שרייבן וועגן דעם און דעם גראַף און אויך ניט גלויבן אַלץ וואָס דער גראַף וועט שרייבן וועגן מיר, ווייל מיר זיינען צע־קריגט“.

דאָס האָט געקענט שרייבן נאָר אַ מענטש פון גרויסער, חשובער אָביעקטיוויטעט, פון טיפער בילדונג און אַ זייער ווייטן האָריזאָנט, אַ מענטש וואָס האָט געגאָסן פון דער טאָלעראַנץ און אויפגעקלערטקייט מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט די צייט פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן.

„גלויבט ניט, ניט אים און ניט מיר, ווייל מיר זיינען צעקריגט“. דאָס הייסט, גלויבט ניט אין דעם וואָס טרעט אַריבער דעם זאַכליכן, פאַקטישן טייל פון דער פּאָלעמיק, גלויבט ניט דעם בייזוויליקן שטאָך, גיט אַכטונג ווען דער שרייבער גליטשט זיך אַראָפּ פון דעם זאַכליכן געביט אויפן פּערזענליכן. מיט אַנדערע ווערטער: האָט הנאה פון דער איראָניע, פון דעם וויץ, פון דער דיאַלעקטישער שאַרפקייט, פון דעם פּאַטהאָס, נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפיל דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות צום אינהאַלט, פאַרדאַמט אָבער דעמזעלבן וויץ, דיזעלבע שאַרפקייט ווי אַ ניט אַנשטענדיגקייט, אויב דער פּאָלעמיסט באַנוגנט זיך ניט מיט דעם נצחון איבער אַ פאַלשער אידייע און שליידערט נאָך דערצו גיפטיקע פיילן אינם טרעגער פון אָט דער אידייע.

מיט יענער וואונדערבאַרער התראה ניט צו גלויבן קיין צד איז

פעסטגעשטעלט געוואָרן די אידעאַלע און בעסטיאַלע זייט פון דער פּאָ־לעמיק. דער אידעאַלער פּאָלעמיקער איז דער וואָס האָט צו טאָן נאָר מיטן שטרייט קעגנשטאַנד, מיט דעם ענין, דער פּערזענליכקייט לאָזט ער איבער אַלע רעכט פון העכסטער אימוניטעט. די אַנשויאונגען, די אידייען פון זיין קעגנער וועט ער אומברחמנותדיק צעשמעטערן, אָבער פאַר דעם קעגנערס פּערזענליכקייט וועט ער האָבן די געהעריקע אַכ־טונג, און וואָס מער די אידייע האָט געקראָגן אַ מפּלה, אַלץ מער איז מען פאַרפּליכטעט אַרויסווייזן מענטשליכע העפליכקייט דעם טרעגער פון דער אידייע.

אין לעבן טרעפט מען זעלטן אָט דעם אידעאַלן פּאָלעמיקער, ער דערשיינט אָבער גאַנץ אָפט צווישן די פילאָזאָפן, ביי מאָדערנע טעאָ־לאָגן, מ׳זעט אים אויך אויפן געביט פון דער פּעדאַגאָגיע און אין די פּאַרלאַמענטן, ביי אַזעלכע פּאָליטיש הויך שטייענדיקע פעלקער ווי דאָס ענגלישע פאָלק. דאָס זיינען די ריינע, בכבודיקע העלדן פון פּאָ־לעמיק. זיי האָבן ניט אויף זייער געוויסן קיינע פּאָלעמישע קרבנות, ווייל זיי נוצן ניט אויס זייער טאַלאַנט צו פאַרניכטן דעם קעגנער, אים מאַכן לעכערליך פאַר דער גאָרער וועלט. זיי האָבן די צופרידנקייט פון אַ דערגרייכטן זיג, אָבער ווייל דער זיג איז זיכער, ווערט די שפּראַך אַלץ לאַיאַלער, העפליכער און שוינענדער. די שטימונג איז ניט אי־בערגעפּירט, די מענטשליכע באַציאונגען זיינען ניט איבערגעריסן, און פונאַנדערגייענדיק זיך, דערלאַנגט מען זיך די הענט.

פונקט דעם היפוך פון אָט דעם אידעאַלן טיפּ פּאָלעמיקער שטעלט מיט זיך פאַר דער האָס ערפילטער, דער נאַרציסאַרטיקער, אין זיך פאַרליבטער מענטש, וואָס באַטראַכט זיך שטענדיק אין שפּיגל פון זיי־נע בייזוויליקע חכמות, וואָס וויל זען זיין קעגנער ניט אַנדערש ווי אויסגעצויגן אויף דער ערד, וואָס טרעט איבער אַלע גרענעצן פון ער־לויבטן און פאַרפאָלגט דעם וועמעס אידייען און אַנשויאונגען ער וויל באַקעמפן.

ביים דיאַלעקטישן פעכטן זיינען דערלויבט עלעגאַנטע שפּרונגען, וויץ, סאַטירע. עס איז אַ ביסל צו שאַרף, אָבער קיין זאַך וואָס איז ניט דערלויבט. למשל, ווען וואָלטעיר וויל אויסלאַכן די נאַטור אידיי־לישע פילאָזאָפיע פון רוסאָ, טוט ער אַ זאָג דאָס איצט באַקאַנטע

ווערטל אַז „לייענענדיק רוסאָן ווילט זיך אים קריכן אויף אַלע פיר״. אַן אַנצוהערעניש אַז דאָס איבערטריבענע רופן צוריק צו דער נאַטור מיינט צוריקגעשטופּט ווערן צו אַ האַלב חיהשן צושטאַנד. וואָלטעירס ווערטל, בייז ביז גאָר, איז געבליבן אין זכרון פון דורות ווי אַ שאַרפער אויסדרוק, אָבער ניט קיין אומבכבודיקער, ער קען צוגעלאָזן ווערן אין די גרענעצן פון אַנשטענדיקער פּאָלעמיק. געמיין, פאַלש, נידערט־רעכטיק זיינען געווען יענע קעגנער פון רוסאָ וואָס האָבן אויסגענוצט זיין אינטים פּערזענליך לעבן פאַר דער פּאָלעמיק. און די נידערטרעכ־טיגקייט שרייט ממש צום הימל ווען מ׳דערמאָנט זיך אַז רוסאָ אַליין האָט זיי צוגעשטעלט דעם מאַטעריאַל פאַר די אָנפאַלן אויף אים פּער־זענליך. פון אים אַליין, פון זיין ערשיטערנדיקער ווידוי, פון זיין אויי־טאָביאָגראַפיע האָבן זיי זיך דערוואוסט אַז ער האָט זיינע פינף קינדער אַוועקגעגעבן קליינערהייד אין אַ יתומים הויז און האָט זיך וועגן זיי מער ניט געקימערט. פון אים אַליין האָבן זיי זיך דערוואוסט אַלע איינצעלהייטן פון זיין אינטימען לעבן, פון אים האָבן זיי זיך דער־וואוסט וועגן אַ סך אוממאָראַלישע האַנדלונגען אין זיינע יוגנט יאָרן. איז וואָס קען נאָך זיין געמיינער ווי אויסהערן די ווידוי פון אַ גרויסן, ליידנדיקן מענטשן און נאָכדעם זיך באַנוצן מיט די חסרונות אַלס פּאָ־לעמישן מאַטעריאַל צו העצן קעגן אים?

אין רוסאָס פאַל איז, אגב, באַזונדערס אינטערעסאַנט וואָס ער האָט זיך באַשולדיקט אין חטאים וועלכע ער איז . . . קיינמאָל ניט באַגאַנגען. אמת, די פינף קינדער האָט ער טאַקע אַוועקגעגעבן אין אַ יתומים הויז, אָבער דאָס זיינען געווען ניט זיינע קינדער. ער האָט זיי ניט געקענט האָבן. און דער גרויסער רוסאָ, דער אָפּנהאַרציקסטער פון אַלע זיינע מיטברידער אין גייסט, דער אומערשראָקענסטער, דער אויפריכטיקסטער, האָט דווקא דאָ זיך באַוויזן ווי אַ שוואַכער, קליינ־ליכער מענטש. אים איז לייכטער געווען זיך באַשולדיקן אין דעם אַז ער איז געווען אַן אכזריותדיקער פאָטער איידער זיך מודה זיין אַז ער איז איבערהויפּט קיין פאָטער ניט געווען . . .

מ׳הערט ניט זייער אָפט פון העלדן און זשענטלמען אין דער פּאָ־לעמיק ווייל בכבודיגקייט, זשענטלמענישקייט איז ניט קיין מאַרק אַר־טיקל, דער נסיון זיך אַרונטערגליטשן אין דער פּאָלעמיק אויף אַ

שלעכטן אונערלויבטן וועג איז אָפּט צו גרויס. דאָ מישט זיך אַריין ליטעראַרישער ערגייץ, דאָס ניט וועלן מוותר זיין אויף אַ שאַרפן אָבער גוטן אויסדרוק, אויף אַ וויץ, אַן איינפאַל, אויב אפילו דאָס קען דעם קעגנער פּערזענליך וויי טאָן זייער שטאַרק. אַמאָל מאַכט איינער אַזוי לעכערליך זיין קעגנער אַז עס קומט אַרויס ממש אַ פאַרניכטונג.

פון געאָרג בראַנדעס דערציילט מען אַז ווען פאַר אים איז געשטאַנען די ברירה אָדער זשאַלעווען זיינעם אַ פריינט, אָדער זאָגן אַ גוטן וויץ, אַ סאַטירישן אויסדרוק און דערמיט באַליידיקן אַ נאָענטן פריינט, אים לעכערליך מאַכן אין די אויגן פון די אַנוועזנדע, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט, ער האָט געזאָגט זיין וויץ, אַרויסגעשיקט זיין שאַרפּע פייל און וואָס מיט דעם גוטן פריינט האָט פּאַסירט האָט אים ניט געאַרט. די תאווה צו געניסן דעם בייפּאַל פון פּובליקום, דער דערפּאָלג, אויב אַפילו אַ פאַרבייגייענדיקער, האָט גובר געווען אַלע אַנדערע געפילן, האָט גובר געווען אפילו די עלעמענטאַרע פליכטן.

אין דער אוממאָראַלישקייט פון אומגערעכטער פּאָלעמיק איז, אויף אַזאַ אופן, שולדיק ניט נאָר די בייזוויליגקייט אַליין, דאָס ווילן נעמען נקמה, נאָר אויך דאָס ווילן געפעלן ווערן דעם פּובליקום. דער פּאָלעמיקער איז גלייכצייטיק אַ שוישפּילער וואָס וואַרט זשעדנע אויף די אַפּלאָדיסמענטן פון פּובליקום. דאָס פּובליקום, אין דעם פּאַל דער לעזער, טראָגט אַזוי אַרום טיילווייז די שולד דערפּאַר וואָס פּאָלעמיק טרעט אָפּטמאָל איבער אַלע גרענעצן פון ערלויבטן. דער לייענער איז אַזוי פאַרטאָן אין דעם ריין קינסטלערישן גענוס פון אַ גוטער פּאָלעמישער שפּיל אַז ער פאַרגעסט אינגאַנצן אינם קרבן וואָס בלייבט ליגן דערביי. דער פּאָלעמיקער האָט אַ מיטפאַרשווערער, זיין נאָמען איז
— פּ ו ב ל י ק ו ם ,   ל י י ע נ ע ר .

ווען היינריך היינע האָט אָנגעשריבן זיין באַליידיקנדיקן בוך קעגן לודוויג בערנע; ווען ער האָט מיטן נידעריקסטן סאָרט סאַרקאַזם פאַרפּאָלגט דעם הויכשטייענדיקן פאַרטרעטער פון דער דייטשער ראָמאַנטיק, אויגוסט פאָן שלעגעל; ווען ער האָט דעם סענסאַציע זשעדנעם המון אונטערגעטראָגן דאָס אינטימע לעבן פון אָט דעם שריפטשטעלער און געלערנטן, כדי צופרידנשטעלן זייערע נידעריקסטע אינסטינקטן; ווען ער האָט דעם זייער באַדייטנדיקן דיכטער פּלאַטען גע־

ע ס י י ע ן

געבן פֿאַרניכטנדיקע פֿאָלעמישע קלעפּ, דערביי אַנטפּלעקט פֿאַר די אויגן פֿון דער וועלט דאָס אינטימע לעבן פֿון דעם דיכטער, האָט ער דאָס געטאָן ניט נאָר ווייל ער האָט אַזוי אכזריותדיק געהאַסט זיינע שונאים, ער האָט דאָס געטאָן אויך דערפֿאַר ווייל ער האָט געזען פֿאַר זיך אַ לייענער פּובליקום וואָס האָט הנאה פֿון אָט די פּאָלעמישע געווירצן, פֿון די שאַרפֿע פֿיילן, פֿאַרגעסנדיק די בלוטיקע וואונדן וועלכע זיי פֿאַראורזאַכן. היינע האָט זיך ניט געקימערט וועגן דעם וואָס די קומנדיקע דורות וועלן, ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער ליבע און באַוואונדערונג פֿאַר זיין טאַלאַנט, זיין אויפֿגעבראַכט אויף אים פֿאַר זיין מיאוסער פּאָלעמיק, פֿאַר אים איז געווען וויכטיק אַז זיינע צייט־גענאָסן, דער לייענער בכלל, אפֿילו פֿון די שפּעטערדיקע דורות, זאָל הנאה האָבן פֿון זיין בייזן וויץ. ער האָט געהאָפֿט אַז זיין קינסטלערישאַפֿן, זיין טאַלאַנט וועט זיין אַ מין תשובה פֿאַר דער באַגאַנגענער עולה, מעג זי זיין ווי גרויס. מוותר זיין אויף אַ וויץ, אַן איינפֿאַל? דאַרויף איז ער קיינמאָל ניט געווען פֿייאיק. בשעתו האָט מען געעצהט היינען ער זאָל פֿון זיין פּאַמפֿלעט קעגן בערנען אַרויסוואַרפֿן עטליכע באַזונדערס מיאוסע שטעלן. היינע האָט עס ניט געוואָלט טאָן און האָט געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע: אָבער איז עס ניט שיין אויסגעדריקט? דאָס פֿאַרליבט זיין אין דער אייגענער מייסטערשאַפֿט איז ניט ווייניקער מיטפֿאַרשווערער אין דעם פּאָלעמישן קאָמפּלאַט ווי דער לייענער, דאָס פּובליקום וואָס זוכט פּאָלעמישן פֿאַרגניגן.

די קרבנות פֿון טאַלאַנטפֿולער אָבער בייזוויליקער, אומגערעכטער פּאָלעמיק זיינען פֿילע. עס פֿאַלן, פֿאַרשטייט זיך, נאָר די צאַרטע, סענסיטיווע, צו מעלאַנכאָליע גענייגטע נאַטורן. דיכטער ליידן שטאַרקער ווי פֿילאָזאָפֿן אָדער פּאָליטיקער. סאָקראַטעס האָט קיינמאָל ניט פֿאַרלאָרן זיין געמיטס־רו אויף איין רגע אפֿילו ווען אַריסטאָפֿאַנעס האָט אויסגעשאָטן פֿאַרן אַטהענער עולם זיינע בייזיקייטן. פֿון אַ באַקאַנטן ענגלישן פּאָליטיקער דערציילט מען אַז אַמגעשמאַקסטן פֿלעגט ער איינדרעמלען ווען זיינער אַ קעגנער איז געשטאַנען אויף דער פּאַרלאַמענט טריבונע און געשאָטן אויף אים פּעך און שוועבל.

פּאָלעמיק קען געפֿירט ווערן ריטערליך, בכבודיק, קעמפֿנדיק קעגן אַ אידייע, אַן אַנשויאונג, אָבער ניט קעגן פּערזאָנען. ווען אַזאַ פּאָ־

שמריהו גאָרעליק

לעמיק ווערט נאָך געפירט מיט גייסט, מיט טאַלאַנט, איז עס אַ גוואַל־דיקע הנאה נאָכצופאָלגן, מ׳קען דערפון אַ סך לערנען, עס שאַרפט דעם גייסט. דערפאַר אָבער בייזוויליקע פּאָלעמיק, וואָס שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו טרעפן דעם מענטשן פערזענליך איז די געמיינסטע פאָרמע פון ליטעראַטור, און אויך די געפערליכסטע צוליב די צוויי אויבנדער־מאָנטע פּאַרשווערער — דער לייענער און דער קינסטלער, בעסער גע־זאָגט, די קינסטלערישע מייסטערשאַפט פון דעם בייזוויליקן פּאָלע־מיקער.

פֿאַרגעסן און . . . מ׳לייענט אים ניט מער.

די פֿראַנצויזישע צייטונג „פֿיגאַראָ״, וועלכע איז, נאָך אָן אינע־וויינעקסטער רעאָרגאַניזאַציע, געוואָרן אַ צייטונג פֿון אַ הויכן גייסטיקן ניוואָ, האָט געמאַכט אַן אַנפֿראַגע ביים פֿראַנצויזישן לייענער, בעסער געזאָגט, ביי אירע לייענער, צי לייענט מען נאָך אַנאַטאָל פֿראַנס. דער ענטפֿער איז געווען זייער ניט קיין גינסטיקער: מ׳לייענט אים ניט מער. מ׳הויבט אים אָן פֿאַרגעסן, מ׳האָט אים שוין פֿאַרגעסן. די טרייסט אַז די „פֿיגאַראָ״ איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין די קאַטוילישע קרייזן, און די פֿרומע קאַטאָליקן האָבן פּשוט זיך נוקם געווען אָן אַנאַטאָל פֿראַנס דערפֿאַר וואָס ער האָט ניט געגלויבט אין אומשטערבליכקייט, האַלט ניט אויס, ווייל, ווי מ׳גיט איבער, האָט אויך די פּאַריזער „ליטערער נואוועל״ פֿעסטגעשטעלט — און אָן באַזונדערן פֿאַרדרוס — אַז דער זכרון פֿון פֿראַנצויזישן לייענער ווערט בנוגע אַנאַטאָל פֿראַנס אַלץ שוואַכער און שוואַכער . . .

די איינציקע ווירקונג וואָס די ידיעה פֿון אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט דאַרף האָבן איז — זיך אַליין אַ לאָז טאָן צו דער ביכער שאַפֿע, אַרויס־נעמען זיינעם אַ באַנד שריפֿטן, זיך אַוועקזעצן ביים שרייב טיש און זיך ווידער פֿאַרטיפֿן אין די ערליכע בלעטער, וואָס אָט דער וואונדער־באַרער קלאָרער, גרויסער גייסט האָט געשריבן. נעמענדיק אַלס עדות זיינע ווערק, דאַרף מען שטיל פֿרעגן: „טהאַיס״, אָט דער ראָמאַן וואָס צויבערט אויס פֿאַר אונדז דאָס לעבן און די קולטור אין דער אַלטער אַלעקסאַנדריע, אָט דער ראָמאַן מיט זיין פֿאַרביקער פּראַכט, מיט דער גלַענצענדער גאַלעריע פֿון מענטשליכע פֿיגורן, אָט דער ראָמאַן האָט פֿאַרלאָרן זיין דערציאונגס קראַפֿט? און „פּראָפֿעסאָר בערזשערע אין פּאַריז״, דער אומפֿאַרגלייכליכער פּלוידערער איבער די וויכטיקסטע ענינים, איז מיט אַמאָל געוואָרן לאַנגווייליק? אויב ע ר געפֿעלט ניט מער, מיט וועמען זאָל מען נאָך פֿאַרברייגען? אויב די מענטש־

ליכע טפשות פאַרדינט אויסגעלאַכט צו ווערן, ווער האָט זי נאָך אַזוי פיין אויסגעלאַכט ווי אַנאַטאָל פראַנס אין זיין „פּענגווין אינזעל", אין „די נוצליכע און ערבויליכע מיינונגען פון דעם הער אַבע זשעראָם"? די „רויטע ליליע" איז פאַרוועלקט געוואָרן? „דער אַמעטיסטענער רינג" ליגט פאַררוקט אין אַ ווינקל? און וואָס פאַר אַ מייסטער פון דער קורצער נאָוועלע! מ׳בלעטערט די ביכער, מ׳דערמאָנט זיך אָן פילע וואָס זיינען ניטאָ צו דער האַנט, אָבער פון וועלכע מ׳ווייסט אַז מ׳וועט אַלע מאָל שטאַרק הנאה האָבן פון זיי, און מ׳דאַנקט שטיל און פון טיפן האַרצן פאַר דעם פאַרגניגן וואָס מ׳האָט געהאַט אַמאָל אין די לאַנגע ווינטער אָוונטן ווען מ׳האָט געלייענט אַנאַטאָל פראַנס.

לויט דער אַנקעטע פון די צייטונגען וויל מען אים איצט ניט לייענען אין זיין אייגן לאַנד. דאָס קלינגט ווי פראַנקרייך וואָלט מער ניט געוואָלט זיין פראַנקרייך, ווייל אַנאַטאָל פראַנס איז דער אמתער פּראָדוקט פון דעם באָדן פון פראַנקרייך פונקט ווי עס איז דער בעסטער פערלדיקער שאַמפּאַניער. אַנאַטאָל פראַנס איז דער המשך פון ראבלע, מאָנטען, וואָלטעיר און ערנסט רענאַן. זיין פריינטליכע איראָניע איז אַן אויסדרוק פון דער טאָלעראַנץ און דעם רייץ וואָס געהערט צו די שענסטע אייגנשאַפטן פון פראַנקרייך. זיין בקיאות אין דער אַלטער וועלט און זיין אַנטציקט ווערן פאַר איר איז דאָס גייסטיקע און זע־לישע אייגנטום פון אַלע באַדייטנדיקע פראַנצויזן. אין אַנאַטאָל פראַנס איז ניטאָ קיין איין שטריך, קיין איין פּינטעלע, וואָס זאָל ניט קענען דינען ווי אַ דערקענונג צייכן פאַר דעם גאַנצן פראַנצויזישן פאָלק. — וואָס הייסט מ׳לייענט ניט מער אַנאַטאָל פראַנס? — פרעגט מען זיך נאָכאַמאָל פאַרוואונדערט. און דאָך איז עס ניט אוממ־מעגליך. עס איז כדאי זיך צו דערמאָנען אַז אויף דעם פראַנצויזישן באָדן געדייעט ניט נאָר דער שוימענדיקער, שפּילעוודיקער, שאַמפּאַ־ניער, נאָר אויך דער שווערער, געדיכטער בורגונדער ווייַן . . . נאָך דער מלחמה איז ביי די פראַנצויזישע שרייבער געוואָרן אַ מאָדע אַרומ־צוגיין מיט פאַרקנייטשטע שטערנס, אַ גרויסע צאָל פון זיי ווילן דוקא זיין טיף, טרעטן שווער געפּעלט זיי בעסער ווי דער לייכטער גראַציע־זער גאַנג. קיין פראַגע ניט אַז דאָס איז אַ מאָמענט פון אומזיכערקייט, פון ווייניקער גלויבן אין זיך. איצט האָט דערפאָלג אַנדרע זשיד, דער

שווערער, זיך גריבלענדיקער גייסט, וואָס איז לויט זיין וועזן, דוכט מיר, מער דייטש ווי פראַנצויז. — מיין גאַנץ פאַרמעגן, — זאָגט ער, — טראָג איך אין זיך, ווי די פרויען פון בלויליכן מזרח וואָס טראָגן אין זיך זייער גאַנצע האָב און גוטס. — שווער.

אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור זיינען איצט דאָ אַזוינע וואָס ווילן פאַרקערפערן די סאָציאַלע טענדענץ, די פראָבלעמאַטיק פון דער צייט. פאַר זיי איז דער „אפשר" און „בעסער זיין פאַרזיכטיק" פון דעם סקעפּטיקער אַנאַטאָל פראַנס אַ מין חילול הקודש. מ'דאַרף ניט פאַרגעסן וויפיל צאָרנדיקע בלעטער קעגן אַנאַטאָל פראַנס האָט שוין געשריבן ראָמען ראָלאַן אין זיין „זשאַן קריסטאָף". פון דער אַנדע־רער זייט, איז דאָס לייענער פּובליקום פון דעם פרומען קלאָודעל זייער אַ שלעכטער קונה פון אַנאַטאָל פראַנס' ביכער. אין אַ מאָמענט פון ווייניק גלויבן אין זיך פאַרגעסן אַ טייל פון די גייסטיקע מענטשן וואָס פראַנקרייך האָט שוין געגעבן דער וועלט, זיי פילן זיך ווי אַ ביסל פאַרשפּעטיקט און קענען זיך ניט מוחל זיין וואָס זיי פאַרמאָגן דעם העלן, קלאָרן אויסדרוק, דאָס שיינע וואָרט. זיי ווילן דוקא זיין ט ו נ ק ל, ט י ף, ש ו ו ע ר, און זיי ווייסן ניט אַז די גרעסטע מתנה וואָס זיי וואָלטן געקענט געבן דער וועלט איז — בלייבן ווי פריער: פראַנקרייך, לאָזן שפּילן דעם פראַנצויזישן חן. חן און שפּילעוודיגקייט מיינט ניט דוקא אָרימער אין אינהאַלט. לויטן אינ־האַלט קען עס זיין אויסערגעוויינליך רייך. אין אַלץ וואָס אַנאַטאָל פראַנס האָט געשריבן איז דאָ גאָר אַ סך אינהאַלט, די גראַציעזע, שפּילעוודיקע פאָרם מאַכט דעם אינהאַלט נאָך געשמאַקער. און ווען איז נאָך געווען אַ פאַסיקערע צייט צו לייענען אַנאַטאָל פראַנס ווי איצט? ער האָט אונדז געוואָרנט פאַרן מענטשן, געזאָגט אונדז: פאַרלאָזט זיך ניט אויף אים.

די פרומע אָנהענגער פון דעם געדאַנק פון „שטענדיקן פאָרטשריט" האָט ער געלערנט אַז מ'האָט דעם וואָרט געגעבן אַ פאַלשע אויסטייט־שונג. לויט דעם טייטש פון דעם וואָרט „פאָרשריט" קומט אויס אַז מ'גייט אומבאַדינגט פאָראויס. אַ טעות. דער אמתער טייטש פון פאָרשריט, ווי מ'האָט אים אַמאָל פאַרשטאַנען, איז ב אַ ו ו ע ג ו נ ג. באַוועגונג מיינט אָבער ניט דוקא גיין פאָראויס, מ'קען זיך אויך באַ־

שמריהו גאָרעליק

וועגן אויף צוריק... גוואַלדיקע טיילן פון דער מענטשהייט וואָס האָבן צוגעזאָגט צו געבן זייער אַ סך באַוועגן זיך טאַקע אין דעם זין — אויף צוריק, צוריק צו באַרבאַריזם.

לויט דער לאַגע אין דער וועלט וואָלט אַנאַטאָל פראַנס באַדאַרפט זיין דער מאָדערנסטער, דער אַממייסטן געליעבטער שריפטשטעלער. אויב ער איז דאָס ניט, ווי עס האָבן דאָס פעסטגעשטעלט די „פיגאַראָ" און די „ליטערער נאָוועל", ווייזט עס ניט מער אַז עס איז אַ טרויעריקע מיספאַרשטענדעניש וואָס קומט פון גייסטיקן וואַקלען זיך אין אַ מאָמענט פון אומזיכערקייט. אַ פראַנצויזישע ליטעראַטור וואָס וויל זיך אָפּטרייסלען פון אַ אַנאַטאָל פראַנס, וואָס וויל מיט אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט פאַרגעסן איינעם פון אירע פרוכטבאַרסטע, גלענצנדיקסטע פאַרשטייער, איז ווי זי וואָלט זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט פון דעם אויבנאָן וואָס זי פאַרנעמט מיט רעכט אין דער וועלט ליטעראַטור.

ווי געזאָגט, עס איז מעגליך אַז אין פראַנקרייך לייענט מען מער ניט אַנאַטאָל פראַנס. דער היינטיקער לייענער בכלל, באַלאַגערט פון אָפּלייקענונגען, געריסן אין אַלע זייטן פון אויטאָ, ראַדיאָ, קינאָ, ספּאָרט און ביליקע פאַרווייַלונגען, וויל זיין קאָפּ און האַרץ זאָל זיין ליידיק, פריי, און פאַרטראַגט זייער שלעכט דעראינערונגען. אָט די גייסטיקע בגידה איז ניט דוקא אַ רעזולטאַט פון פאַרדאַרבנקייט, עס איז גיכער אַ רעזולטאַט פון „שנעלער", „ניטאָ קיין צייט" און פון „גוואַלד! אַז מ׳רייסט מיך פון אַלע זייטן!"

עס איז אַלזאָ מעגליך אַז מ׳לייענט טאַקע ניט אַנאַטאָל פראַנסן. עס איז אָבער אויך דאָ אַן אַנדער מעגליכקייט: ליטעראַרישע קרייזן און קלייזלעך, צוליב זייער ערגייץ, אַ צייטונג פון אַ באַשטימטן גייסטיקן כאַראַקטער, זיינען פאַראינטערעסירט אַז דעם אָדער יענעם שרייבער זאָל מען מער ניט לייענען, מ׳זאָל אים פאַרגעסן. מאַכט מען אַן אַנקעטע ניט ביי די לייענער סתם, נאָר ביי אַ באַשטימטן לייענער, און מ׳קריגט דעם ענטפער וואָס מ׳וויל קריגן. אויך דאָס קומט פאָר. זיכער איז אָבער אַז אויף אַ סך לייענער וועט די ידיעה פון דער „פיגאַראָ" האָבן פונקט די פאַרקערטע ווירקונג. זייער לייענער געוויסן וועט דערוואַכן, זייער הייסע דאַנקבאַרקייט וועט זיי באַוועגן זיך ווידער פאַרטיפן אין די ערליכע ביכער פון דעם ערליכסטן

ע ס י י ע ן

שרייבער. אַ פֿאָררעדע צו אַ בוך איבער אַנאַטאָל פֿראַנס ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„ווירקליך, ער דאַרף מער ניט מורא האָבן צי וועט ער לעבן נאָך זיין טויט. די ווערק פֿון אָט דעם לויכטנדיקן גייסט האָבן אים שוין געבראַכט אומשטערבליכקייט ניט נאָר אין דער פֿראַנצויזישער, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור פֿון דער גאָרער וועלט“.

דאָס ניט לייענען אַנאַטאָל פֿראַנס קען זיין נאָר אַ פּויזע, מ׳וועט זיך נאָך אומקערן צו אים.

דאָס שענסטע בוך איבער נאַפּאָלעאָן.

פאַר מיר ליגט די אָקאָרשט דערשינענע דייטשע אויסגאַבע פון דעם פראַנצויזישן שריפטשטעלער אָקטאַוו אוברי, אַ בוך וועגן נאַפּאָ־לעאָנען. אין דעם צוויי־בענדיקן היסטאָרישן בוך האָט דער שרייבער געשריבן ניט וועגן נאַפּאָלעאָנען דעם זיגער, נאָר דעם באַזיגטן. אין דעם בוך געפינט מען די פאַרכאַפּנדיקסטע, דעטאַלירטסטע כראָניק, די דערשיטערנדיקסטע שילדערונג פון די לעצטע זעקס יאָר פון נאַפּאָ־לעאָנס לעבן אויפן ווייטן און טרויעריקן אינזל סט. העלענאַ. פאַר אונדז ווערט אויסגעשפּרייט דאָס לעבנסבילד מיט אַלע מעגליכע פּרטים פון דעם מאָמענט אָן ווען ער מיט זיינע גענעראַלן וואָס זיינען אים געבליבן געטריי, ווי אויך זיינע דינער, זיינען אַרויף אויף דער ענגלישער שיף „בעלערפאָן״, גלויבנדיק אַז ענגלאַנד, אונטער וועמעס שוץ ער האָט זיך איבערגעגעבן, וועט אים לאָזן רואיק לעבן ווי אַ פּריי־וואַטן מענטשן ערגעץ וואו אויף אַ גוט אין ענגלאַנד גופא. מיט אַמאָל דערוויסט ער זיך אַז ער וועט אייראָפּע שוין מער ניט זען, מ׳וועט אים איבערפירן אויף אַן אַנדער שיף און אים אַוועקפירן אויף דעם אינזל סט. העלענאַ. פון דעם מאָמענט אָן ביז נאָך זיין טויט, זעקס יאָר אויף דעם אינזל, ווערט אַלץ גענוי באַשריבן, מיט אַ מאַסע איינצלהייטן, און עס איז איינער פון די דראַמאַטישסטע באַריכטן. דאָס איז ניט סתם אַנגעוואָרפן דעטאַלן איינער נאָכן צווייטן, די אַלע איינצלהייטן ווערן געגעבן מיטן צוועק צו דערציילן וועגן נאַפּאָלעאָנען, וועגן זיין אומגעבונג, וועגן די געטרייע וואָס זיינען מיטגעגאַנגען מיט אים און אויך וועגן די וועמען די ענגלישע רעגירונג האָט געגעבן די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן אויף אים. און דער שרייבער דערגרייכט זיין צוועק.

פון די צוויי בענדער דערוויסן מיר זיך ווי ער האָט פאַרבראַכט די לאַנגע וואָכן אויף דער שיף ביז ער איז אָנגעקומען אויפן אינזל; ווי

ע ס י י ע ן

ער האָט, אָנקומענדיק אַהין, פּראָוויזאָריש געלעבט ביי דער ענגלישער פאַמיליע מאַלקאָמב, זיך געשפּילט מיט די קינדער; ווי ער איז דערנאָך אַריבערגעגאַנגען אין זיין פּערמאַנענטער וואוינונג אין לאָנגוואוד, וואו ער און זיין סוויטע האָבן זיך איינגעאָרדענט אין אייניקע אייבשטאָקיקע הייזער; מיר דערוויסן זיך ווי ער האָט פאַרבראַכט זיינע לאַנגע טעג און נעכט, ווי ער האָט געגעסן, וואָס ער האָט געלייענט, ווי ער האָט געשפּילט שאַך, ווי ער האָט דיקטירט זיינע מעמואַרן, ווי ער האָט געקעמפט, אַ לאַנגן, ביטערן קאַמף, מיטן ענגלישן גאָווערנאָר האָדסאָן לאָו; ווי ער האָט געקעמפט מיט דער איינטאָניגקייט, לאַנגווייליגקייט פון לעבן; ווי ער האָט געטרייסט זיינע פ ר י י וו י ל י ק ע מיטגעפאַנגענע; ווי ער האָט צוגעזען אַז זיי ווערן אַנטמוטיקט; ווי אין שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן קרעכצן און זיפצן, און ווי ער האָט זיך געשלעפּט פון איין פעלד בעט צו דער צווייטער. מיר דערוויסן זיך פון זיין קאַמף מיט דער שווערער אומהיילבאַרער קראַנקהייט — קאַנסער, פון זיין העראָאישער האַלטונג, פון זיין שטאַרבן, און מיר זעען אויך זיין גרויסן טריאומף, ווען מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער קומט אַ פראַנצויזישע פלאָטילע נעמען דעם ט ו י ט ן נאַפּאָלעאָן קיין פראַנקרייך, אין זיין פאָטערלאַנד.

וואָס מער מיר פאַרטיפן זיך אין דער גראַנדיעזער כראָניק זעען מיר אַז בעת נאַפּאָלעאָן האָט געלעבט אויפן אינזל אַן אָפּגעריסענער פון דער וועלט, אַ פאַרגעסענער, האָט זיך שוין דאַן גענומען וועבן די לעגענדע וועגן דעם העלד און געניע נאַפּאָלעאָן. ז י י ן ג ר ע ס ט ע נ י ד ע ר ל אַ ג ע וו ע ר ט ס ו ף כ ל ס ו ף פ אַ ר וו אַ נ ד ל ט א י ן ד ע ם ג ר ע ס ט ן ט ר י א ו מ ף. ניט די גוואַלדיקע זיגן, ניט דאָס הערשן איבער גאַנץ אייראָפּע האָבן געשאַפן די לעגענדע אַרום נאַפּאָלעאָנען, נאָר זיין זעקס־יאָריק מאַרטירערטום אויפן פייכטן אינזל, זיין לאַנגזאַמעס וועלקן דאָרטן, זיין האַלטונג ווי פון אַן אַלטוועלטיקן העלד און, לסוף, זיין טויט האָט געשאַפן די לעגענדע. נאַפּאָלעאָן האָט דאָס אַליין געפילט און געוואוסט. ער האָט דאָס געזאָגט, אַז ניט די גאָלדענע און ניט די אייזערנע קרוין וואָס ער האָט געטראָגן וועלן אים מאַכן טייער און אומפאַרגעסליך פאַר זיין פאָלק און אויך

פאַר דער מענטשהייט, נאָר די דערנער קרוין אויף דעם אינזל סט. העלענאַ.

ווי שוין באַמערקט איז אָקטאַוו אובריס בוך אַ היסטאָריש בוך, אַ בוך פון אַ געלערנטן. עס פאַרדינט דעם טיטול צוליב דער וויסנ־שאַפטליכער גרינטליכקייט, סאָלידקייט און צוליב דער מאַסע מאַטע־ריאַל, אויף וועלכן דער מחבר פאַררופט זיך. צו דערזעלבער צייט האַלט ער דעם לייענער געשפאַנט, און דאָס איז צו פאַרדאַנקען אובריס אויסערגעוויינליכער געשטאַלטונגסקראַפט. ער איז שטריינג אָביעק־טיוו, אויב אפילו זעליש איז ער פאַרבונדן מיט זיין העלד. ער פאַר־שווייגט ניט די אל צו מענטשליכע שוואַכקייטן, דאָך קלינגט דאָס גאַנצע בוך ווי אַ העלדן געזאַנג. דער לעזער, פונקט ווי דער מחבר, ווערט הינגעריסן, און די הינגעריסנקייט שטייגט אַלץ מער און מער, ביז צו דערשיטערונג. די אויסערגעוויינליך גרויסע און רייכע ליטע־ראַטור וואָס באַשעפטיקט זיך מיט דעם לעצטן פעריאָד פון נאַפּאָלע־אָנס לעבן האָט דער מחבר מייסטערהאַפט באַהערשט. ער האָט נאָך אַנטדעקט נייע קוואַלן. פאַרשטויבטע, פון קיינעם ניט געבלעטערטע אַרכיוו דאָקומענטן אין לאָנדאָן און פאַריז, האָט ער צום ערשטן מאָל דורכגעלייענט, און אין די טרוקענע אַמטליכע באַריכטן אריינגעגעבן ניי ליכט און לעבן. דערצו נאָך פאַרמאָגט דער שרייבער די פייאיג־קייט אַריינצודרינגען פסיכאָלאָגיש אין דער מענטשליכער נשמה, טרעפליך כאַראַקטעריזירן אַלע באַטייליקטע פערזאָנען אין דער דראַ־מע פון דעם העלד נאַפּאָלעאָן.

די וואָך אויף דעם אינזל איז געווען זייער אַ שטריינגע. אַ קליינע פלאָטילע מיט אַן אַדמיראַל בראש, אַ קאָנטינגענט מיליטער, און, פאַרשטייט זיך, דער גאָווערנאָר פון אינזל, וועלכער איז געווען דער הויפּט טרעגער פון דער ענגלישער מאַכט. סיי די ענגלענדער וואָס האָבן אים געבראַכט אויפן אינזל און אים באַוואַכט, סיי די פראַנצוי־זישע גענעראַלן מיט זייערע פאַמיליעס, די אָפיצערן און באַדינער, וואָס האָבן פריוויליק נאָכגעפאָלגט נאַפּאָלעאָנען אין גלות און גע־טיילט מיט אים זיין ביטערן גורל, אַלע האָבן געפונען אין דעם היס־טאָריקער אַ פראַכטפולן מענטשן שילדערער, דעם אָביעקטיווסטן דער־ציילער פון זייער לעבן און שיקזאַל.

ע ס י י ע ן

זיין אָביעקטיוועפען האָט צעשטערט אייניקע ראָמאַנטישע לעגענדעס, סיי פון גוטן, סיי פון בייזן. אַזוי, למשל, איז דער ענגלישער גאָווערנאָר פון אינזל, וועמען נאַפּאָלעאָן האָט ביטער געהאַסט, ניט די ריינע פאַרקערפּערונג פון אַל דאָס בייז, ווי אייניקע היסטאָריקער ווילן עס האָבן. זיין אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם וואָס אים האָט פּשוט געפעלט דער געפיל און דער טאַקט ווי אומצוגיין מיט אַ גרויסער היסטאָרישער פּערזענליכקייט, וועלכע איז פון דער גרעסטער הויך אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן אַזוי נידעריק. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַז דאָס אַרונטערפאַלן אַליין איז שוין געווען גענוג, און דאָס ווייטערדיקע מוז געטאָן ווערן מיטן העכסטן מאַקסימום פון ריקזיכט, מ׳דאַרף אַנטקעגנקומען, נאָכגעבן, מילדערן דעם שווערן גורל פון דעם קייסער. די ענגלישע אַדמיראַלן, די הויכע מיליטערישע באַאַמטע האָבן דעם טאַקט, דעם געפיל פאַר דער גרויסקייט פון דעם אומגליק פאַרמאָגט, און נאַפּאָלעאָן איז זיי דאַנקבאַר געווען. האָדסאָן לאָו אָבער, אין אַלגעמיין ניט קיין שלעכטער מענטש, איז געווען אַ שרעקליכער פּעדאַנט, וואָס האָט די אינסטרוקציעס פון לאָנדאָן אויסגעפירט מיט דער שטרייינגסטער פּינקטליכקייט. דערצו האָט ער געהאַט אַ פּאַטאָלאָגישע מורא אַז נאַפּאָלעאָן וועט אַנטלויפן פון אינזל. דעם געפאַנגענעם קייסער האָט ער געפייניקט און שיקאַנירט אויף פאַרשיידענע אופנים, האָט באַגרעניצט זיין פרייהייט אויפן אינזל, האָט אים רק גערופן ג ע נ ע ר אַ ל ב אָ נ אַ פּ אַ ר ט ע, און ניט געוואָלט גלויבן אַז נאַפּאָלעאָן איז שטערבליך קראַנק. דער געפאַנגענער קייסער האָט אים געצאָלט דערפאַר מיט ביטערן האַס און גוואַלדיקע זילזולים, וואָס ער האָט אים געוואָרפן אין פּנים אַריין ביי די ווייניקע באַגעגענישן אין דער ערשטער צייט. נאָך איינעם אַזאַ שאַרפן אויפטריט האָט נאַפּאָלעאָן באַשלאָסן ער זאָל קיינמאָל מער ניט זען דעם גאָווערנאָר ביי זיך. האָדסאָן לאָו האָט ניט איין מאָל געמאַכט אַ פאַרזוך זיך דערנעענטערן צו דעם גרויסן געפאַנגענעם, אָבער דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. ערשט ווען נאַפּאָלעאָן איז געלעגן אַ טויטער אויף זיין פעלד בעט האָט דער גאָווערנאָר איבערגעטראָטן די שוועל פון לאָנגוואָוד, אָפּצוגעבן אים דעם לעצטן כבוד.

אויב האָדסאָן לאָו איז, לויט דער שילדערונג פון אָקטאַוו אוברי,

שמריהו גאָרעליק

ניט די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַל דאָס בייזע, זיינען, פֿון דער אַנדערער זייט, די גענעראַלן וואָס האָבן פּרייוויליק געטיילט מיט זייער אָפּגאָט דעם גלות ניט קיין בילד פֿון לויטער טוגנד. זייער הויפּט מאָטיוו איז ניט געווען ראָמאַנטיק אָדער העלדן פֿאַרערונג. נאָך נאַפּאָלעאָנס שטורץ זיינען זיי אויך געווען געשטירצטע, זיי האָבן, אייגנטליך, ניט געוואוסט וואוהין זיך צו ווענדן. זיי זיינען געווען גענוג אינטעליגענט צו פֿאַרשטיין אַז טיילן די געפֿאַנגנשאַפֿט מיט נאַפּאָלעאָנען מיינט אַריינשרייבן זיך אין דער וועלט געשיכטע. זיי האָבן געוואוסט אַז צו אַלץ וואָס זיי וועלן שרייבן, פֿאַרצייכענען, דערציילן וועט די וועלט זיך צוהערן מיט פֿיבערישן אינטערעס און וועט זיי דאַנקבאַר זיין. נאָך מער, נאַפּאָלעאָן האָט מיטגעבראַכט אויפֿן אינזל גאַנצע רייכטימער אין גאָלד, זילבער, בריליאַנטן, ביי דעם באַנקיר לאַפֿיט אין פּאַריז איז געלעגן איבער פֿינף מיליאָן פֿראַנצויזישע פֿראַנק, און נאַפּאָלעאָן וועט זיינע אָרימע גענעראַלן און זייערע פֿאַמיליעס באַלוינען אויף אַ גרויסן אופֿן. אַזוי איז טאַקע געשען. די גענעראַלן מאָנטהאָלאָן, גורגאָ, בערטראַן און דער גראַף לאַס קאַז, זיינען זיכער ניט געווען מוסטערן פֿון טוגנד, זייער באַוואונדערן נאַפּאָלעאָנען, זייער געטריישאַפֿט צו אים האָט אויך געהאַט אַ מאַטעריעלן באָדן. זיי האָבן אים געדינט, געליטן מיט אים און ניט זעלטן אויך פֿון אים, ווייל לעבן צוזאַמען מיט אַ געניע איז ניט לייכט. דער געניע איז שווער פֿון דער נאַטור.

דער מחבר האָט זיך ניט באַנוגנט מיט פֿאָרשן און שטודירן די ריזיקע נאַפּאָלעאָן ליטעראַטור, ער האָט אויך געמאַכט די ווייטע און זייער שווערע נסיעה אויף דעם אינזל סט. העלענאַ. ער האָט דאָרטן געלעבט אַ שטיק צייט, געפֿאָרשט דעם אינזל, זיך באַקענט מיט די איינוואוינער און אַזוי אַרום געקראָגן די אויבערהאַנט איבער אַלע היסטאָריקער און נאַפּאָלעאָן פֿאָרשער, וועלכע האָבן זיך באַנוצט אין זייער אַרבעט נאָר מיט דאָקומענטן און ביכער. די נסיעה אויפֿן אינזל האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער וויכטיק פֿאַרן אמת און פֿאַר דער ווירקונג פֿון דעם בוך. נאַפּאָלעאָן האָט זיך אַזוי פֿיל באַקלאָגט אויפֿן קלימאַט, אויף דער פֿייכטקייט, אויף דער אָרימקייט אין פֿלאַנצן, אויף דעם שטענדיקן וואויענדיקן ווינט, אויף דער טרייסטלאָזער, שטרייב־

גער, אײנטאָניקער לאַנדשאַפט, איז דאָריבער זײער צונויף געקומען דאָס וואָס דער שרײבער איז געפאָרן אַהין, אַלײן זען אַלץ און נאָכדעם באַשרײבן. אָקטאַוו אוברי האָט ניט נאָר געלײענט וועגן דעם פּײַכטן קלימאַט, ער האָט אים אַלײן געפילט, ער האָט געהערט דאָס וואָיען פון ווינט, ער האָט אַלײן געזען די טרײסטלאָזע לאַנדשאַפט. ער איז אַ סך מאָל דורכגעגאַנגען יענע עטליכע מײל, וואָס זײַנען אָפּגעמאָסטן געוואָרן פאַר נאַפּאָלעאָנען, דעם באַהערשער פון דער וועלט, אַז ער מעג זיך דאָרט באַוועגן. די לעצטע פאָר יאָר פון זײַן לעבן האָט ער פון יאוש און פאַרביטערונג זיך אָפּגעזאָגט אפילו פון די פאָר מײל און זיך צופרידנגעשטעלט מיט זײַנע עטליכע צימערן.

באַרײַכערט מיט פערזענליכער דערפאַרונג, געשעפּט גלײַך אויפן פּלאַץ, געבענטשט מיט דער פײאיגקײט צו באַהערשן זעלבסטשטענדיק דעם געוואַלדיקן נאַפּאָלעאָן מאַטעריאַל, און באַשאָנקען מיט אַ שטאַרקער ליטעראַרישער באַגאַבונג, איז דעם היסטאָריקער געלונגען צו פאַרוואַנדלען די גרויסע מאַסע אײנצלהײטן אין אַ דראַמאַטישער באַשרײַבונג פונעם לעבן און שטאַרבן פון אײנער פון די גראַנדיעזסטע פיגורן אין דער וועלט געשיכטע. פאַר אונדזערע אויגן שטײט אַ גרויס בילד מיט נאַפּאָלעאָנען אין צענטער. ער איז מאַכטלאָז, געפאַנגען, אָפּהענגיק פון יענעמס ווילן און דאָך, אין יעדן מאָמענט, אין יעדער סיטואַציע, ווי ביטער זי זאָל ניט זײַן, איז ער פון קאָפּ ביז די פיס אימפּעראַטאָר. אַ צויבער מאַכט שטראַלט אַרויס פון אים. די ענגלישע סאָלדאַטן וואָס באַוואַכן אים באַקומען טרערן אין די אויגן ווען זײ דערבליקן אים פון ווײַטן. זײער הויכע ענגלישע באַאַמטע, ווען זײ פאָרן אַהײם פון כינע, שטעלן זײ זיך אָפּ אויף דעם אינזל און פילן זיך גליקלעך ווען זײ קענען אָפּשטאַטן אַ וויזיט נאַפּאָלעאָנען. זײ טראָגן מיט זיך אַוועק אַ דעראינערונג אויף זײער גאַנצן לעבן. פון קאָפּ ביז די פיס אַ קײסער, אָבער אויך אַ לײַדנדיקער מענטש פול מיט קאַפּריזן און קלײנלעכע טיראַנישקײטן, צו דערזעלבער צײַט פול מיט פאָטערליכער מילדקײט און צערטליכקײט צו די עטלעכע געטרײַע, וואָס טײלן מיט אים זײַן שווערן שיקזאַל.

אין די עטלעכע צימערן וואָס מ'האָט אים אָפּגעגעבן אין לאָנגוואוד האָט ער געפּרואווט שאַפן די אילוזיע פון אַ פּאַלאַץ. דינער

שמריהו גאָרעליק

מיט גאָלד געהעפטע מונדירן זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין די איינגע דורכגאַנגען פון צימער צו צימער און ביי די טירן, געעסן האָט מען פון גאָלדענע און זילבערנע טעלער און נאָך די מאָלצייטן האָט מען געטרונקען קאַווע אין טעפעלעך פון זעלטענעם פאָרצעליי. שטרייגגע עטיקעט האָט געמוזט אָפּגעהיט ווערן. ער האָט געוואוסט אַז אויגן באַוואַכן אים שטענדיק, אַז נאָך ביין אַזייגער אין אָוונט איז זיין הויז אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן, וואָס שטייען אויף דער וואַך. אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט ער געהערט ניט נאָר דאָס וואָיען פון ווינט, נאָר אויך ווי שטשורעס זיינען אַרומגעלאָפן איבער די צימערן. הערשער און באַלעבאָס איבער די גענעראַלן וואָס זיינען אָפּהייִנגיק פון אים אויך מאַטעריעל, קען ער פונדעסטוועגן ניט קוקן זיי אין די אויגן און ער ציטערט ווען ער באַמערקט אין זיי אַ מידקייט פון דעם לאַנגווייליקן לעבן, ווען ער דערשפּירט אַז ביי זיי ווערט רייף דער באַשלוס צו פאַרלאָזן דעם אינזל. ביסלעכווייז, איינציקווייז, אונטער פאַרשיידענע תירוצים גייען זיי פון אים אַוועק. דער ערשטער פאַר־לאָזט אים גראַף לאס קאז, זיין סעקרעטאַר, וועמען ער האָט דיקטירט די געשיכטע פון זיינע מלחמות און וועלכער האָט געפירט אַ געגויעם טאָג בוך וועגן דעם לעבן מיט נאַפּאָלעאָנען אויף סט. העלענאַ. ער איז געווען געטריי נאַפּאָלעאָנען, אודאי, אָבער פונקט ווי אַלע אַנדערע האָט ער אויך געהאַט זייטיקע כוונות און פאַרבאָרגענע געדאַנקען. ער איז געווען ערגייציק, געהאָפט ער וועט ווערן וועלט באַרימט, ער האָט אויך געהאַט די איידעלע האָפענונג אַז ער וועט העלפן נאַפּאָלעאָנען דערמיט, וואָס ער וועט זיין טאָג בוך, די טרויעריקע געשיכטע פון נאַפּאָלעאָנס לעצטע יאָרן, פאַרעפנטליכן. ווען די בלעטער פון דעם טאָג בוך האָבן זיך פאַרמערט האָט דער אַלטער הויף־מאַן געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג — פאַרלאָזן דעם אינזל, אַוועקפאָרן. ווען מ׳האָט אים אַרעסטירט פאַר אַ קליינעם חטא וואָס ער איז באַגאַנגען — ער האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו קיין אייראָפּע, ניט ווייזנדיק אים פריער דער צענזור — האָט ער געבעטן דעם גאָווערנאָר מ׳זאָל אים אַרויסשיקן צוריק קיין אייראָפּע און ניט אַהין אויבן קיין לאָנגוואוד, צו נאַפּאָלע־אָנען. ער גיט אָן אַ תירוץ אַז נאָכדעם ווי ער האָט געליטן אַזאַ חרפּת פּנים אַרעסטירט צו ווערן שעמט ער זיך באַווייזן פאַר נאַפּאָ־

לעאָנען. דער גוטער אַלטער לייגט. ער וויל אַרויספּאָרן קיין אייראָפּע צוליב זיין טאָג בוך. נאַפּאָלעאָן ווייסט דאָס אַלץ. ער ווייסט אויך אַז עס איז גענוג פאַר אים צו זאָגן איין וואָרט און לאס קאז וועט בלייבן, דאָס איינע וואָרט זאָגט ער אָבער ניט. פאַרוואָס? ווי שמערצליך אים זאָל ניט זיין יעדנס אָפּפאָר איז דאָך פאַרבונדן מיט דעם אַ האָפענונג: ווען ער וועט קומען קיין אייראָפּע וועט ער האָבן אינזינען איין זאַך — אויפקלערן די עפנטלעכע מיינונג פון אייראָפּע, דער עיקר פון ענגלאַנד, דערציילן וועגן זיינע ליידן אויף סט. העלענאַ, וועגן דער שלעכטער באַהאַנדלונג, וועגן די צרות וואָס ער האָט אויסצושטיין פון גאָווערנאָר. צוליב דערזעלבער סיבה לאָזט ער אויך שפּעטער אַוועקפאָרן דעם גענעראַל גורגא. דער גורגא! דער געטרייסטער און איבערגעבנסטער, אָבער אַ שווערער מענטש. ער לײדט שרעקלעך פיזיש און מאָראַליש. ער איז אַ בחור, יונג און קרעפטיק, אָבער האָט ווייניק חן ביי פרויען, עטלעכע מאָל פרואווט ער זיך פאַרליבן אין ענגלענדערינס וואָס געפינען זיך אויפן אינזל, אָבער ער קריגט אָפּגעזאָגט. די איינזאַמקייט, דאָס ניט האָבן וואָס צו טאָן פאַלט זייער שווער אויף דעם געזונטן, נאָך ווייניק פאַרברויכטן מענטשן. צוליב זיין אייגענער אומצופרידנקייט וואַקסט ביי אים דער געפיל פון חשד, אים דוכט זיך אַז נאַפּאָלעאָן דערווייטערט אים פון זיך, גיט אים ווייניק שליחותן. וואָס פאַר אַן אַרבעט גיט מען אים? אויפהויבן די אַרונטערגעפאַלענע שאַך פיגורן, אַנוועזענד זיין ביים שאַך שפּילן, אָפּשניידן די קנויטן פון די ליכט. עס קומט צו העפטיקע געשפּרעכן צווישן אים און זיין הערשער. נאַפּאָלעאָן רעדט מיט אים אין אַ שאַרפן, באַליידיקנדיקן טאָן. גורגא ציטערט פון ווייטיק איבערן גאַנצן לייב, נאַפּאָלעאָנען פאַרדריסט די העפטיגקייט, ער בעט דעם יונגן גענעראַל ער זאָל פאַרגעסן, ער לאָזט אים אַוועקפאָרן. גורגא שרייבט אָן אַ רירנדיקן בריוו צו נאַפּאָלעאָנען.

ווען גענעראַל מאנטהאלאנ׳ס פרוי מיט די קינדער פאַרלאָזן אויך דעם אינזל איז נאַפּאָלעאָן געבראָכן. עס ווערט איינזאַמער און שטילער אַרום אים. ער נעמט אַרום די אָפּפאָרנדיקע און איז שטאַרק גערירט. די גרעפין מאנטהאלאן און די קינדער וויינען. נאַפּאָלעאָן גייט צוריק אין זיינע צימערן און צו זיין טרייסטן דינער מארשאַן,

ווען ער האָט שטענדיק גערופן מיין זון, זאָגט ער: די טרערן טוען מיר וויי. ער פאַררוקט דעם פאַרהאַנג אָן אַ זייט און מיט אַ בלייכן פּנים פאָלגט ער נאָך דעם פאַעטאָן וואָס פירט אַוועק די רייזנדע צום האַפן. שפּעטער אַביסל, זיצנדיק אין וואַנע, זאָגט ער צו זיין דינער: איר וועט זיך אַלע אומקערן קיין אייראָפּע, איר וועט ווידער זען אייערע פאַמיליעס, מאנטהאלאָן וועט זיך באַגעגנען מיט זיין פרוי און קינדער, דו וועסט זען דיין מוטער . . . איך אָבער, וועל טויט זיין, פאַרלאָזן פון אַלעמען אין אָט דער וויסטעניש.

2

דעם ערגסטן שונא וואָס נאַפּאָלעאָן, און נאָך מער די קליינע פראַנצויזישע עדה וואָס איז געווען אַרום אים, האָט געהאַט צו באַקעמפן אויף סט. העלענא, איז געווען די לאַנגוויילי גקייט. ווי און מיט וואָס פילט מען אויס די צייט? יעדער איינער האָט כלומרשט געהאַט זיין אַמט, זיין פעלד פון טעטיגקייט. גענעראַל בערטראַן האָט געטראָגן דעם הויכן טיטול אַבערהויפטמאַרשאַל; גענעראַל מאנטהאלאָן האָט געפירט אַלע חשבונות און אַכטונג געגעבן אויף אַלע הוצאות; מ׳האָט געשריבן טאָגביכער, פאַרצייכנט יעדער וואָרט וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אַרויסגעזאָגט, און דאָך, און דאָך . . . דער טאָג איז אַזוי גרויס און די נאַכט אַזוי לאַנג. האָט מען זיך געטרייסט מיט לייענען אין דער הויך און נאַפּאָלעאָן, ווען ער איז ניט געווען אין קיין געדריקטער שטימונג און איינגעשלאָסן ביי זיך אין צימער, האָט דערציילט פון זיין לעבן. שטיל איז מען דאַן געזעסן אין סאַלאָן ביי די אָפענע פענסטער און נאַפּאָלעאָן האָט לאַנג און אויספירלעך דערציילט פון זיינע שלאַכטן, ווער פון זיינע גענעראַלן האָט זיך אויסגעצייכנט און ווער פון זיינע פאָליטיקער ווען ער האָט דערהויבן האָבן אים פאַרראַטן. ער האָט דערציילט וועגן זיינע ברידער, וועגן דער פרוי דזשאָזעפין, וועלכע ער האָט געליבט, און זיין איצטיקער געזעצלעכער פרוי מאַריע־לואיז, די טאָכטער פון עסטרייכישן קייסער פראַנץ, וואָס האָט אים פאַרלאָזט. ער רעדט וועגן איר פונדעסטוועגן גאַנץ פריינטלעך. וועגן זיין זון, דעם קעניג פון רוים, ווען מעטערניך, זיין

עסייען

ביטערער שונא דערציט איצט אין שענברון, רעדט ער ניט פיל, ווייל דאָס איז זיין שמערצליכסטע וואונד. ער ליבט זיין זון, וועלכן מ׳האָט אָפּגעריסן פון אים. אויסער דעם אַרומוואַנדלען איבער דעם ברייטן פעלד פון זכרונות רעדט ער אַמאָל סתם אַזוי גערן און לאַנג אויף פאַר־ שיידענע טעמעס. רעדנדיק אַמאָל וועגן רעליגיע דערקלערט ער זיך נאָענט צו דער שיטה פון שפּינאָזא. ער איז ניט אין קיין שלעכטער שטימונג, און אין אַזוינע מאָמענטן דוכט זיך אים אַז ווען מ׳וואָלט אים צוריקגעגעבן די פרייהייט, וואָלט ער מיט פאַרגניגן געלעבט ער־ גען אין אַ דאָרף אין אייראָפּע. דאָס דאָרף לעבן געפעלט אים. „אַ קראַנק שעפּעלע איז שוין אַ טעמע פאַר אַ געשפּרעך״. נאָך בעסער וואָלט ער געוואָלט לעבן אין פּאַריז. „מיט צוועלף פראַנק אַ טאָג קען מען אויסקומען. דרייסיק סו פאַר אַן אָוונט עסן, די ביבליאָטעקן באַ־ זוכן, גיין אין טעאַטער, פּאַרטער, און פאַר אַ צימער צאָלן אַ לואי״. עס קומען אָבער מאָמענטן, און זיי קומען ניט זעלטן, ווען אויך נאַפּאָלעאָן איז מוטלאָז, זעט אַלץ שוואַרץ, און קען ניט באַוועלטיקן זיין מרה שחורה שטימונג אַפילו אין אַזאַ טאָג ווי דעם פופצנטן אויגוסט, זיין געבורטסטאָג. ביי אַזאַ פייערלעכער געלעגנהייט טיילט ער געווינ־ לעך מתנות, אָבער דאָס מאָל (אין 1817) שיינקט ער בלויז די קינדער אַ דאָפּל נאַפּאָלעאָן יעדן איינעם. ווען עמיצער דריקט אויס די האָפע־ נונג אַז לשנה הבאה וועלן די פראַנצויזן מער ניט זיין אין לאָנגוואוד, אויף דעם אינזל, טוט ער אַ זיפץ און ענטפערט: יאָ, אַ ביסל גליק דאַרפן מיר אויך האָבן. ער גלויבט אָבער ניט מער אין דעם גליק. אין אַלגעמיין איז ער זייער אַפּאַטיש, האָפנונגסלאָז, און ווען אַ קליינע ערדציטערניש טוט אַ טרייסל דעם אינזל באַמערקט נאַפּאָלעאָן: הלואי וואָלטן מיר אַלע צוזאַמען מיטן אינזל פאַרזונקען געוואָרן אין ים. אומקומען אין געזעלשאַפט איז פריילעכער.

און גראָדע ווען נאַפּאָלעאָן איז אין אַזאַ געדריקטער שטימונג, ווען ער וויל גאָרניט וויסן, וויל קיינעם ניט זען, עסט אַפילו ביי זיך אין צימער, גראָדע דאַן געפינט האַדסאָן לאָו פאַר נויטיק צו דערגיין אים די יאָר מיט זיינע פאָדערונגען וועגן קאָנטראָל. דער ענגלישער אָפיצער קריגט אַ באַפעל אַז מיט אַלע כוחות, אויב נויטיק מיט גוואַלד, זאָל ער אַריינדרינגען אין נאַפּאָלעאָנס צימער און זען צי איז ע ר ד אָ.

נאַפּאָלעאָן לאָדט אָן זיינע פּיסטוילן, פּאַרטיילט וואָפן צווישן זיינע געטרייע און איז גרייט אָנצוהויבן אַ קאַמף. עס קומט ניט צו קיין בלוטיקן צוזאַמענשטויס. אין לעצטן מאָמענט דערשרעקט זיך האָדסאָן לאָו, כאַפּט זיך אַז מ׳טאָר די סטרונע ניט איבערציען און גיט נאָך.

אין דעם בוך גיט אָקטאַוו אוברי אַוועק אַ גאַנצן קאַפּיטל דעם קאַמף מיט דער לאַנגווייליגקייט. דאָס קאַפּיטל רופט זיך „לאַנגווייל און איבערדרוס״, וואו ער מאָלט די אָנפאַלן פון היפּאָכאָנדריע, די דריקנדיקע שטימונגען. ברייט און אויספירלעך ווערט אויך געשילדערט אין דעם קאַפּיטל נאַפּאָלעאָנס קראַנקהייט און זיין טויט. איידער נאַפּאָלעאָן איז קראַנק געוואָרן אויף זיין לעצטער טויטלעכער קרייַנק, ווען די איינציקע היים פון דעם מענטשן ווערט זיין בעט, האָט ער יאָרן לאַנג געליטן פון סתם „ניט געזונט זיין״, יאָרן פון אַלערליי חולאתן, שטעכענישן אין אַ זייט, אָנגעשוואָלנקייט פון לעבער. מסתמא זיינען די אַלע חולאתן געווען נאָר מיני אָנזאָגער פון דער אמתער, גרויסער קריינק וואָס האָט געבראַכט דעם טויט, מיני סיגנאַלן אַז דער אמתער שונא דערנעענטערט זיך אַלץ מער און מער. על כל פּנים איז ער שוין לאַנג געווען ניט געזונט און אויף סט. העלענא איז ער געקומען שוין אַ ניט געזונטער. דער אינזל האָט נאָר צוגעגעבן מוט און טעמפּאָ די קליינע קראַנקהייטן, ווי אויך דער גרויסער, לעצטער קריינק.

אויף איינעם פון די פילע בילדער וואָס אוברי האָט אַריינגעגעבן אין בוך זעט מען נאַפּאָלעאָנען אומגלויבלעך פאַרענדערט. די פּאָזע איז, דוכט זיך, דיזעלבע, דערזעלבער בלויער ראָק, דערזעלבער זייער באַקאַנטער שטייגער צו האַלטן איין האַנט, אָבער אָנשטאָט דעם אַמאָליקן קאָנצענטרירטן, הערשערישן קוק, זעט מען איצט אַ טרויעריקן, פאַרלוירענעם בליק. די פיס זיינען דיק, אָנגעשוואָלן, דאָס געזיכט פאַרשוואומען און, ווי ער באַשרייבט, די פאַרב פון געזיכט געל און אומגעזונט. זיינע ליידן אין דעם נאָר „ניט געזונט זיין״ פּעריאָד זיינען געקומען פון די נירן, פון דער אורין בלאָז, פון לעבער, און סתם זיך פילן שלעכט. זיין לעצטע, ערנסטע קריינק האָט זיך געצויגן אַ אַכט חדשים. דעם צענטן אָקטאָבער, 1820 איז ער געבליבן ליגן אין אָנמאַכט נעמענדיק אַ הייסע וואַנע. פון דעם דאַטום אָן איז ער ווי־

ע ס ײ ע ן

געצייכנט געוואָרן פון דעם מלאך המות. ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט עס געפילט. האָדסאָן לאָו האָט בכלל ניט געגלויבט אין זיין קראַנק זיין און האָט געזען אין דעם בלויז אַ פּאָליטישן מאַנעוור. די באַענטע און די געטרייע אַרום אים האָבן ערשט שפּעטער דערפילט דעם ערנסט און די האָפנונגסלאָזיגקייט פון דער לאַגע. די דאָקטוירים וואָס ער האָט געהאַט זיינען מערסטנטייל געווען פאַרטאַטשעס, און טאָמער האָט זיך געפונען איינער צו ווּעמען נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט סימפּאַטיע, האָט דער גאָווערנאָר געזוכט אים צו באַזייטיקן פון דעם קראַנקן . . . אגב, וואָלטן דאָקטוירים ווייניק וואָס אויפגעטאָן, ניט נאָר ווייל די קראַנקהייט איז געווען אומהיילבאַר — קאַנסער—, נאָר ווייל נאַפּאָלעאָן איז געווען דער ערגסטער פּאַציענט צו נעמען רפואות אָדער פאָלגן די עצות פון דעם רופא. ער האָט געגלויבט אין „באַבסקע רפואות" און זיין אוניווערסאַלער הייל מיטל קעגן אַלע קראַנקהייטן איז געווען — אַ טעפּל שטאַרקער בוליאָן. בכלל האָט ער פאַרטראָגן זיין קראַנק זיין סטאָאיש, רואיק, און האָט ניט אָנגענומען קיין טרייסט ווערטער. ניי יאָר, 1821, דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן, איז זיין טרייער דינער מאַרשאַן אריין אים באַגריסן. נאַפּאָלעאָן האָט אים געפרעגט:

— נו, וואָס גיסטו מיר אַלס ניי יאָר מתנה?

— סירע! — האָט געענטפערט דער געטרייער דינער, — די האָפענונג אַז אייער מאַיעסטעט וועלן באַלד געזונט ווערן און איר וועט באַלד קענען פאַרלאָזן דעם דאָזיקן קלימאַט וואָס איז אַזוי שלעכט פאַר אייער געזונט.

— עס וועט שוין לאַנג ניט געדויערן, מיין זון, — האָט נאַפּאָלעאָן געענטפערט. — מיין סוף איז נאָענט. מיט מיר איז עס אויס.

ליגנדיק אין בעט שרייבט נאַפּאָלעאָן זיין צוואה. ער ווינשט אַז זיינע ביינער זאָלן רוען אויף די ברעגן פון דער סעין, צווישן דעם פראַנצויזישן פאָלק, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. זיין זון, וואָס לעבט ווייט, אָפּגעריסן פון אים, בעט ער שטענדיק געדיינקען די לאָזונג פון זיין פאָטער — אַלץ פאַרן פראַנצויזישן פאָלק. ער גלויבט אַז דאָס ענגלישע פאָלק װ ע ט נ י ט פ אַ ר ז אַ מ ע ן צ ו נ ע מ ע ן נ ק מ ה אַן די באַאַמטע וואָס האָבן אים אַזוי שלעכט

באַהאַנדלט, און אַז ער שטאַרבט פֿאַר דער צייט. אין דער צוואה שרייבט ער אויך אָפּ זיין פֿאַרמעגן. מער פֿון אַלעמען — צוויי מיליאָן — קריגט גענעראַל מאַנטהאַלאָן, „אַלס צייכן פֿון דאַנקבאַרקייט פֿאַר זיין אַכטונג געבן אויף מיר ווי אויף אַ זון אין משך פֿון זעקס יאָר". בערטראַן קריגט אַ האַלבן מיליאָן, דער קאַמערדינער מאַרשאַן, אַ וואונדערבאַרער איבערגעבענער דינער, קריגט פֿיר הונדערט טויזנט פֿראַנק מיט אַן אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקייט פֿאַר זיין צאַרטן געפֿיל, פֿאַר זיין אַכטונג געבן אויף אים. „די דינסטן וואָס ער האָט מיר באַוויזן זיינען געווען ווי פֿון אַ פֿריינט". דאָס איבעריקע געלט ווערט פֿאַרטיילט צווישן אַלע אַנדערע וואָס האָבן געטיילט מיט אים זיין געפֿאַנגענשאַפֿט. נאָך אַ באַשטימטע סומע שרייבט ער אָפּ פֿאַר אַלע יענע פֿערזאָנען וואָס האָבן אים געהאָלפֿן ווען ער איז נאָך געווען יונג. בלויז זיין זון שרייבט ער גאָרניט אָפּ. דער נאָמען איז גענוג. ער שיינקט אים נאָר עטלעכע חפצים וואָס זאָלן האַלטן וואַך די דעראינערונגען וועגן זיין פֿאָטער. ער שיינקט אים: דעם מאַנטל פֿון מאַרענגאָ, זיינע אוניפֿאָרמען, די שטיוול, זיין וועש, די פֿעלד בעטן, די וואָפֿן, די אָרדענס, דעם גאָלדענעם „נעסעסער", זיינע זייגערס און די שענקטע פֿון זיינע ביכער.

(3)

פֿון דעם רעגירונגס הויז אויף דעם אינזל סט. העלענאַ איז שוין לאַנג אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפֿעל אַז ווען די גסיסה פֿון נאַפּאָלעאָנען וועט זיך אָנהויבן זאָל עס אַן אָפֿיצער סיגנאַליזירן פֿון לאָנגוואוד.

דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן, און האָדסאָן לאָו גייט אין דעם נאָענטסטן הויז צו וואַרטן אויפֿן סוף. נאַפּאָלעאָן שטאַרבט אַרומגערינגלט פֿון זיינע געטרייע. ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם האָבן די אַרומשטייענדיקע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי געקניט פֿאַרן מת און געקושט זיין האַנט. דאַן איז אויך האָדסאָן לאָו געקומען. פֿאַר דעם ל ע ב ע ד י ק ן נאַפּאָלעאָן האָט ער ניט באַדאַרפֿט טאָן דאָס וואָס ער קען טאָן איצט פֿאַרן

טויטן. ער איז געקומען מיט אַ גאַנצער סוויטע און קאָמיסאַרן פון עסטרייך און פראַנקרייך און האָט זיי אַ פרעג געטאָן: דערקענט איר אים?

דעם גרויסן מת האָט מען געבראַכט צו קבורה מיט דעם פּאַראַד און כבוד וואָס קומט אַ גענעראַל. אין דער טרונע האָט מען אַריינגעלייגט איין טעלער, איין זילבער־בעשטעק מיט דעם קייזערליכן שילד, זעקס דאָפּל נאַפּאָלעאָנען, פיר נאַפּאָלעאָנס, אַ פראַנצויזישע זילבער־מינץ.

ווי מ׳ווייסט, איז דאָס ניט די לעצטע אייביקע רו פאַר נאַפּאָלעאָנען. זיין וואונש צו ליגן אין פראַנקרייך וועט ערפילט ווערן אין צוואַנציק יאָר אַרום.

צוויי און פופציק יאָר האָט ער אינגאַנצן געלעבט. געשטאָרבן איז ער דעם פינפטן מאַי, 1821. ווייניקער ווי דריי וואָכן נאָך נאַפּאָלעאָנס טויט האָט מען געקענט זען אַ גרופּע שוואַרץ געקליידעטע מענטשן אַראָפּגיין פּאַמעליך פון לאָנגוואוד צום האַפן צו. אויף פאַרשיידענע פונקטן פון דעם וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געבליבן שטיין אַ ווײַלע שטיל, נאָך אָפּטער האָבן זיי געוואָרפן זייערע בליקן אויף יענעם אָרט פון וועלכן זיי האָבן איצטער זיך געמוזט שיידן, אויף שטענדיק. דאָס זיינען געווען די פראַנצויזן, נאַפּאָלעאָנס געטרייע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן איצט פאַרלאָזט דעם אינזל סט. העלענאַ. יתומים זיינען זיי געווען. זייער לעבן איז דאָך פאַרבונדן געוואָרן מיטן שיקזאַל פון דעם העלד. זיי זיינען געווען טרויעריק און גלייכצייטיק האָבן זיי זיך געטרייסט מיט דעם באַוואוסטזיין און געפיל, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע קליינלעכקייטן, פאַרדרוסן און אומפאַרמיידלעכע ביטערקייטן, האָבן זיי דאָך פאַרזיסט די לעצטע זעקס יאָר פון נאַפּאָלעאָנען, אים געהאָלפן זיך שאַפן אַ אילוזיע פון לעבן. פ אַ ר ז י ך ה אָ ב ן ז י י ג ע ק ר אָ ג ן ד ע ם ש כ ר — אַ ן א י י נ ט ר י ט ב י ל ע ט א י ן ד ע ר א ו מ ש ט ע ר ב ל ע כ־ ק י י ט. זייערע אַלעמענס נעמען זיינען פאַרבונדן מיט נאַפּאָלעאָנס שיקזאַל. זיי גייען אַוועק ניט אָן מאַטעריעלע מיטלען. נאַפּאָלעאָן האָט זיי אַלעמען באַשיינקט, אָבער זייער שענסטער רייכטום, זייער שענסטע רענטע זיינען די זכרונות. ז י י ה אָ ב ן אַ ל ע ג ע־

ש מ ר י ה ו ג אָ ר ע ל י ק

ש ר י ב ן , און זיי וועט מען טיילווייז דאַנקען פאַר דער גרויסער ליטעראַטור וועגן נאַפּאָלעאָנען אין זיינע לעצטע זעקס יאָר.

באַלד פאַרלאָזט אויך דעם אינזל דער גאָווערנאָר האָדסאָן לאָו. זייער אינטערעסאַנט איז זיין ווייטערדיקער שיקזאַל. מ׳ ה אָ ט א י ם א י ן ע נ ג ל אַ נ ד ז י י ע ר ש ל ע כ ט א ו י פ ג ע נ ו מ ע ן . מ׳האָט אים ניט מוחל געווען זיין אומפייאיגקייט אומצוגיין מיט גרויסע מענטשן, זיין האַרטקייט דאָרט, וואו מענטשלעכקייט, מילדקייט איז געווען אַם פּלאַץ. עס איז דאָ אַ פּינקטלעכקייט, גענוי, צו גענוי אויספירן אינסטרוקציעס, דער רעזולטאַט פון וועלכער איז זייער טראַגיש, איז שיר ניט אַ שטראָף פאַר זיך. די ענגלישע געזעלשאַפט האָט אויסגעמידן האָדסאָן לאָו, אים פאַראַכטעט, אַפילו אין די מיליטערישע קרייזן האָט מען אים אַרויסגעוויזן סימנים פון גרינגשעצונג. דאָס ענגלישע פאָלק, די ענגלישע געזעלשאַפט האָט מקים געווען נאַפּאָלעאָנס צוואה צו נעמען נקמה פאַר דער שלעכטער ברוטאַלער באַהאַנדלונג. האָדסאָן לאָון האָט מען געגעבן אַ קליינע שטעלע אין צעילאָן, אין 1844 איז ער געשטאָרבן אָרים און איינזאַם. נאַפּאָלעאָן אָבער איז שוין עטלעכע יאָר פאַר דעם, מיט גרויס טריאומף געבראַכט געוואָרן קיין פראַנקרייך פון סט. העלענאַ.

אויך דער פּונקט, דער ערשטער אין זיין צוואה, איז דערפילט געוואָרן.

די ביאָגראַפּיע פון יעקב וואַסערמאַן,

געשריבן פון זיין פרוי.

מאַרטהאַ קאַרלוויס, יעקב וואַסערמאַנס צווייטע ווייב, און, ווי איר בוך באַווייזט, אַ פרוי וואָס שטייט גייסטיק זייער הויך, פּרואווט, מיט ליבע און ערפורכט שטעלן אַ מצבה איר מאַן, דעם גרויסן דערציי־לער און ראָמאַניסט — יעקב וואַסערמאַן.

גלייך ביים אָנהויב באַמערקט זי באַשיידן אַז „דעם בוים אין ווע־מענס שאָטן מיר רוען קענען מיר ניט מאָלן", דאָך איז איר געלונגען אין איר בוך פון איבער פיר הונדערט זייטן צו געבן אַ גוט בילד פון יעקב וואַסערמאַן, פון זיין לעבן און זיינע ווערק. באַזונדערס איז איר געלונגען אין די שטעלן וואו עס האַנדלט זיך וועגן יעקב וואַסערמאַנס פּערזענלעכקייט. אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך פאַר אַ ליבנדער פרוי איז די צייכענונג פון וואַסערמאַנס געשטאַלט אָן אָביעקטיווע, חוץ דעם ווייזט זיך אַרויס די ביאָגראַפין ווי אַ גוטע קענערין פון וואַסערמאַנס ווערק. זי פירט אונז דורך אַלע שטופן פון וואַסערמאַנס אַנטוויקלונג אַלס שריפטשטעלער. זי דערציילט אונז וועגן דעם שאַ־פונגס פּראָצעס, וועגן די „חבלי לידה" פון דעם קינסטלער, וועגן זיינע דערפאָלגן און זיגן, דערביי גיט זי אונז אויך דעם פּאָרטרעט פון וואַ־סערמאַנען דעם מענטשן.

אַ באַגריף וועגן דעם, און נאָך מער ווי אַ באַגריף האָט דער לייע־נער געקענט האָבן פון די אַנדערע ביאָגראַפן וואָס האָבן געשריבן וועגן וואַסערמאַנען און דער עיקר פון וואַסערמאַנס אויטאָ־ביאָגראַפישן בוך „מיין וועג אַלס דייטש און איד". אין זיין פרויס בוך קריגט מען אָבער מער ווי דאָס. אין פאַרגלייך מיט פרוי וואַסערמאַנס בילד וואָס זי ברענגט אַרויס אין איר בוך זיינען אַלע פריערדיקע ביאָגראַפיעס ניט מער ווי סקיצנהאַפט. די באַגלויבטסטע עדות זאָגערין טרעט אויף פאַר אונז ווי אַ פרוי וואָס טרויערט זייער איבער דעם פאַרלוסט

שמריהו גאָרעליק

פון איר מאַן און מיטן שטאָלצן באַוואוסטזיין אַז אין משך פון מער ווי פופצן יאָר איז זי געווען די באַגלייטערין פונם שרייבער אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכן לעבנס וועג. זיין לעבן איז געווען אַ שווער לעבן, ווייל עס איז באַשטאַנען פון אומערמידלעכן שאַפן, שטענדיקער אַר־בעט, און האָט מען אים געצוואונגען זיך אָפּרוען, האָט ער פון דער רו ניט געוואָסן, ווייל אים האָט רק געצויגן צו דער אַרבעט, אומזיכטבאַרע קייטן האָבן אים געהאַלטן געשמידט צו זיין שרייב טיש.

אויף זיין ברייטן שרייב טיש זיינען געשאַפן געוואָרן זיינע ריזיקע ווערק, יענע גוואַלדיקע אַרבעטן וואָס קענען כמעט זיך פאַרמעסטן מיט דער גיגאַנטישער אַרבעט פון באַלזאַק. חוץ ריין שעפערישע מאָטיוון, זיינען אַלע מאָל נאָך דאָ זייטיקע לעבנס מאָטיוון וואָס מאַכן דעם שריי־בער פאַר אַ שקלאַף, וואָס קען ממש ניט געפינען קיין רו. ביי דאָסטאָ־יעווסקין און באַלזאַקן זיינען אָט די זייטיקע מאָטיוון, די בייטשן פון לעבן, געווען די קרעדיטאָרן, וואָס האָבן שטענדיק געמאָנט זייערע חובות, דאָס שטענדיקע פאַרשולדיקט זיין. וואָס פאַר אַ לעבנס בייטשן זיינען געווען ביי וואַסערמאַנען? געוויס זיינען דאָס געווען די פילע מיילער וואָס מ׳האָט געדאַרפט זעטיקן (צוויי פאַמיליעס), אָבער ניט ווייניקער האָט געווירקט די מורא אַז דער שווער געוואונע־נער דערפאָלג, די שווער אויסגעקעמפטע אָנערקענונג אַלס דייטשער שריפטשטעלער, זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן דורך אַ לייגערער פויזע צווישן איין ווערק און דעם צווייטן. וואַסערמאַנס לעבן איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, ביז ער איז אַליין געוואָרן שווייגנדיק־שווער, ווי מענטשן וואָס זיינען געצוואונגען צו טראָגן אויף זיך אַ שווערע משא. וואַסערמאַן האָט באַוויזן די גבורה צו טראָגן די שווע־רע משא, ער האָט געשריבן איין ראָמאַן נאָכן צווייטן, כדי סוף כל סוף צו באַפעסטיקן זיין אומצווייפלהאַפטע פּאָזיציע אַלס דייטשער שריפט־שטעלער. און ווען זיין דערפאָלג איז שוין געווען געזיכערט, הן אין מאַטעריעלן הן אין מאָראַלישן זין, האָט אים דאָך געפּרעסן דער געד־דאַנק: ווען איך זאָל איצט אויפהערן, ווען איך זאָל די אַלע געשטאַלטן וואָס רייסן זיך אַנטפּלעקט צו ווערן פאַרטרייבן, ניט שרייבן וועגן זיי, ווער ווייסט צי מיין פּאָזיציע וועט זיך ניט נעמען וואַקלען, צי מ׳וועט מיך ניט אָנהויבן פאַרגעסן. וואַסערמאַן אַליין איז זיך מודה אַז אָט

עסייען

דער געדאַנק איז געווען אַ סטימולאַנט צו זיין כמעט ניט אויפהערנדי־קער אַרבעט. און די געשטאַלטן, די אידייען פאַר נייע און נייע ראָ־מאַנען האָבן געהאַלטן אין איין קומען צו אים. איין אַרבעט געענ־דיקט, ווערט שוין געבוירן דער געדאַנק וועגן אַ נייער אַרבעט, עס שוועבן שוין פאַרן ראָמאַניסט נייע וויזיעס. און די אַרבעט איז אים ניט געגאַנגען אַזוי גרינג. וואַסערמאַן איז געווען אַ פּיל־שרייבער, אָבער ניט קיין שנעל־שרייבער. ער האָט געקעמפט מיט זיין מאַטערי־אַל, געהאַט אמתע חבלי לידה. לייענענדיק וואַסערמאַנס אַ בוך האָט דער לייענער ניט געקענט האָבן קיין אַנונג וועגן אָט די שוועריגקייטן. זיינע ביכער זיינען אינטערעסאַנט, ער ווייזט אַרויס אַ גרויסע דער־ציילונגס קונסט, זיין פאַבולא איז אויסערגעוויינלעך, זיינע העלדן, באַזונדערס אין דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, אין „כריסטיאַן וואהנשאפע", „דער פאַל מאוריציוס", „קערקהאָווענס דריטע עקזיס־טענץ", זיינען פּראָבלעמאַטישע נאַטורן, זיי ריידן פיל און אינטערע־סאַנט, און די ביכער לייענען זיך זייער לייכט, דערפאַר טאַקע האָט זיך עס ניט געגלויבט ווי שווער אָט די „לייכטע" זאַכן זיינען אַנט־שטאַנען, וועלכע שאַפונגס שמערצן דער שרייבער האָט געהאַט אויס־צושטיין.

אין זיין טאָג בוך שרייבט וואַסערמאַן: „איך וויל דערשיטערט זיין און אַנדערע דערשיטערן. דאָס קלינגט אַזוי זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אָבער וואָס פאַר אַ שווערער וועג ליגט הינטער דעם". די ערשטע פופציק זייטן פון דעם ראָמאַן „כריסטיאַן וואהנשאפע" האָט ער אי־בערגעשריבן פ י נ ף און צ וו אַ נ צ י ק מ אָ ל. וועגן דעם ראָמאַן „קאַספאַר האַוזער", וואָס האָט אים געבראַכט די ערשטע גרוי־סע פּאָפּולאַריטעט, שרייבט ער אין זעלבן טאָגבוך: „געהיימניספול און אנציענד זיינען געווען די וואָכן איידער איך האָב גענומען שרייבן די זאַך, מיט די קריזיסן, די ליידן און צווייפלען. יעדער עכטער דיכטע־רישער מאַטעריאַל ברענגט מיט זיך פאַר דעם שעפער דיזעלבע אויפ־רעגונגען ווי אַ ליבעס ליידנשאַפט".

איידער ער זעצט זיך שרייבן שטודירט ער אַפילו געוויסע פאַך וויסנשאַפטן. פאַר זיין ראָמאַן „דער פאַל מאוריציוס" שטודירט ער יורידישע ביכער, ווען ער טרעט צו שרייבן „קערקהאָווענס דריטע עק־

זיסטענץ״ באַמיט ער זיך צו קריגן ערנסטע מעדיצינישע ידיעות. אין זיין לעצטן ראָמאַן ווענדט ער אָן אַ גאַנצע ביאָלאָגישע שיטה פון אַ באַדייטנדן רוסישן געלערנטן און דאָקטאָר קאָנסטאַנטין מאָנאַקאָוו, וועלכער האָט געוואוינט אין ציריך און האָט אויך געהיילט וואַסערמאַנען. וואַסערמאַן האָט ניט נאָר באַאַרבעט אין זיינע ערשטע שאַפונגען זיינע קינדהייט און יוגנט דעראינערונגען און איבערלעבענישן, ניט נאָר האָט ער שפּעטער אַליין ערפונדן זיינע העלדן, ער האָט זיך אויך געלאָזט באַאיינפלוסן פון מענטשן און אויך פון ביכער. די פּריינט־שאַפט מיט דעם באַרימטן פּיאַניסט פערוטשיא בוזאָני (ווער עס האָט אין די מלחמה יאָרן געוואוינט אין דער שווייץ געדיינקט אָט די ערלע־כע וואונדערבאַרע געשטאַלט, וואָס פלעגט זיך לאַנגזאַם און פאַרטראַכט באַוועגן איבער די גאַסן פון ציריך אין דער באַגלייטונג פון זיין הונט, אַ גרויסן, אַלטן בערנאַרדינער), האָט אים באַליבט געמאַכט די נאָוועלע פאַרם. אויף זיך אָפּגעבן מיטן שאַפן „כריסטיאַן וואהנשאפע״ האָט געווירקט ניט נאָר די וועלט־קריג קאַטאַסטראָפע און דאָס זוכן נייע אידעאַלן, נאָר אויך . . . די בריוו פון דעם באַרימטן מאלער ווינסענט וואַן גאָג. איין ווירקלעכן פאַקט פון וואַן גאגס לעבן — זיין אָננעמען זיך פאַר אַ געפאַלענער און ווידמען איר יאָרן פון זיין לעבן — האָט ער אַריבערגעטראָגן אינם אויסגעטראַכטן לעבן פון כריסטיאַן וואהנשאפע. געווירקט האָט אויך די דערשיינונג פון ניומאַנס באַרימטער איבערזעצונג פון די רייד פון גהאטאמא בודדהא.

נאָכדעם ווי זיין ביאָגראַפין און לעבנס באַגלייטערין מאַכט באַ־קאַנט דעם לייענער מיט וואַסערמאַנס שאַפונגס פּראָצעסן גייט זי אי־בער צום ביאָגראַפישן. זי דערציילט פון זיין דערהוילן רייזע אין דער שווייץ, זיינע פאַרטראַג רייזעס אין דייטשלאַנד, האָללאַנד, שוועדן און אַמעריקע. צוויי מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך אַלס שריפטשטעלער געפילט אויף אַ זייער הויכער שטופע פון גליק. דאָס ערשטע מאָל איז געווען אין 1910, אין שטוטגאַרט, ווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויפפירונג פון האַפמאַנסטאַלס אַ פּיעסע, האָט זיך פאַרזאַמלט אַלעס וואָס האָט געגלאַנצט אין דער וועלט פון ליטעראַטור און קונסט, די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע, אַפילו דער קייזערלעכער הויף האָט איינטייל

עסיען

געגומען אין דער פֿיערונג. וואַסערמאַן איז דאַן אויך געפֿייערט געוואָרן און ער האָט שוין דאַן געקענט זען אַז זיין ליטעראַרישער שטערן שטייט זייער הויך, זיין רום איז שטאַרק. באַלד נאָכדעם איז געקומען די וועלט מלחמה און האָט אים, ווי אַלע גייסטיקע מענטשן, דערשלאָגן זיין געמיט. וואָס פֿאַר אַ טעם האָט דאָס שרייבן, וואָס טויג די קונסט? האָט ער זיך געפֿרעגט, ווי עס האָבן געפֿרעגט אַלע אַנדערע גייסטיקע מענטשן. דאַן זיינען געקומען די נאָכקריגס יאָרן פֿון אויסניכטערונג, פֿון מידיגקייט, פֿון שעמען זיך, פֿון זוכן נייע וועגן. וואַסערמאַן קומט אַריין אין דער פּראָדוקטיווסטער צייט פֿון זיין לעבן. ער שרייבט איין ראָמאַן נאָכן צווייטן און זיינע ביכער האָבן אַ גוואַלדיקן דערפֿאָלג איבער דער גאַנצער וועלט. אין זיינע ביכער ווערט ער דער פּראָבלעמען שטעלער און דער פּראָבלעמען לייזער. דער ריינער קינסטלער פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ טענדענציעזן שריפֿטשטעלער. די יוגנט זעט אין אים דעם לערער און פֿרעגט אים: וואו איז דער וועג? אין זיין נייער ראָלע אַלס פּריידיקער איז וואַסערמאַן זעליש ווידער גליקלעך. ער שרייבט און האַלט רעדעס וועגן „לעבן און גייסט", „הומאַניטעט". דאַן קומט די האַס פֿאַרפּלייצונג, די קאַטאַסטראָפֿע דייטשלאַנד. זי וואַרפֿט אים אַנידער, אַט דעם אומערמידלעכן אַרבעטער און קעמפֿער, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן געקעמפֿט דערפֿאַר ער זאָל גילטן אַלס דייטשער שרייבער, וואָס איז פֿאַרוואַקסן מיט דעם דייטשישן, פֿראַנקישן באָדן. טיף פֿאַרוואונדעט און דערשראָקן זעט ער ווי אַט דער באָדן גליטשט זיך אַרויס פֿון אונטער זיינע פֿיס. ער קלייבט מאַטעריאַל פֿאַר זיין גרויסער, נייער אַרבעט. איצט זאָל עס זיין אַ אידישער מאָטיוו. מיט אַ אידישן מאָטיוו „די אידן פֿון צירענדאָרף" האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַריש לעבן, וויל ער איצט פֿאַרענדיקן דעם וועג מיט אַ נייעם אידישן בוך מיטן נאָמען „אהאסווער", — דער אייביקער איד. אויף זיין שרייב טיש ליגן ביכער פֿון אידישער געשיכטע, איבער אידנטום. עס איז אָבער ניט באַשערט געווען. אין דער לעצטער נאַכט פֿונעם יאָר 1933, נאָכדעם ווי ער האָט שטיל פֿאַרבראַכט אין דעם קרייז פֿון זיין פֿאַמיליע, האָט זיין האַרץ זיך אָפּגעזאָגט צו דינען מער. ער איז געשטאָרבן אין זיינער שיינער ווילע אין אַלט אויזזע, אין עסטרייך, פּראָווינץ שטייערמאַרק. אין אַט דער הערלעכער נאַטור געגנט

שמריהו גאָרעליק

האָט ער אויך געלעבט און געאַרבעט די לעצטע צען יאָר. געשטאָרבן איז וואַסערמאַן אַן . . . אָרימאַן. ווען ער וואָלט נאָך ווייטער געלעבט, וואָלט ער נאָך אפשר דערלעבט צו זען ווי דער דאָך איבער זיין קאָפּ ברעכט צוזאַמען.

וואַסערמאַן אַן אָרימאַן? און די גרויסע אויפלאַגעס פון זיינע ביכער? די הויפּט פאַרדינסטן זיינען געקומען פון דעם ביכער פאַר־קויף אין דייטשלאַנד. אמת, עס פלעגט אָנקומען זייער אַ סך, עס פלעגט אָבער אויך אַוועקגיין זייער אַ סך. ער האָט געהאַט גרויסע פאַרפליכטונגען און האָט פאַר אַ סך געדאַרפט זאָרגן. און ווען די האַס קאַטאַסטראָפע איז געקומען, די געלט קוואַלן פון דייטשלאַנד זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן, איז געוואָרן אַ סוף פון וואַסערמאַנס פאַר־מעגלעכקייט, קיין אָפּשפּאָרער איז ער ניט געווען.

לייענט מען אין מאַרטהאַ קאַרלוויס בוך די בלעטער, וואו זי באַ־שרייבט די לעצטע חדשים פון וואַסערמאַנס לעבן, מוז מען ווערן גער־רירט. זיין געטרייע קאַמעראַדין, זיין לעבנס באַגלייטערין און לעבנס פאַרשטייערין שילדערט שטיל און פאַרקלערט דעם לעצטן אָוונט וואָס וואַסערמאַן האָט פאַרבראַכט מיט זיין פאַמיליע.

זעכציק יאָר איז ער אַלט געווען. אַ שווערער אַרבעטער, אַ שווע־רער ליידנדער, מיט שטרייפן גליק אויף זיין הימל, מיט פילע באַווייזן פון פאַרערונג און באַרימטקייט. געשטאָרבן איז ער אָבער אין אַ צייט ווען האַס האָט געהערשט איבער דער וועלט, דיזעלבע שנאה וואָס רעגירט נאָך איצט . . .

פינף זיינען עס געווען.

וועגן זשאַבאָטינסקים ראָמאַן „פּיאַטיעראָ"

מיט אַ צייט צוריק איז שוין געווען אָפּגעדרוקט אַ קורצע באַגייסטערטע נאָטיץ וועגן דעם דאָזיקן בוך. דאָ ווילן מיר געבן אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג איבער דעם בוך. עס פאָדערט עס אין אַלע הינזיכטן. עס איז אויך נויטיק צו טאָן דאָס כדי צו דערקלערן פאַר די פילע לייענער פון דעם בוך זייער באַגייסטערונג דערפאַר, זי באַגרינדן, אַזוי צו זאָגן. ניט יעדער איינער וואָס זאָגט „גוט, וואונדערבאַר" איז ביכולת זיך אָפּגעבן אַ חשבון פאַרוואָס איז עס „גוט און וואונדערבאַר". אין אַזאַ פאַל איז עס די דאַנקבאַרע ראָלע פון דער קריטיק צו געבן דעם לייענער אַ באַזע אויף וועלכער זיין אוממיטלבאַרער קינסטלערי־שער גענוס זאָל סאָלידער פאַרפעסטיקט ווערן כדי ער זאָל קענען ווירקן לייַנגער.

זשאַבאָטינסקיס ראָמאַן „פינף" איז געשריבן אין אַ לייכטער, ניט פּרעטענציעזער פאָרמע, ביים לייענען דערשפּירן מיר אָבער באַלד אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט יענעם לייכטן, איידעלן שטאָף, וואָס וואַרעמט דעם קערפּער בעסער ווי דיקסטע וואָל . . . אין אונזער פאַל וואַרעמט עס די נשמה, פילט זי אָן מיט רחמנות און ברענגט אונז אַרויף אַ היפש ביסל מחשבות. מ'קען קיין בעסערן שבח פאַר אַ בוך ניט זאָגן אויב חוץ דעם קינסטלערישן פאַרגניגן ברענגט עס אונז נאָך אַ דערהויבונג און אַ באַרייכערונג פון אונזער געמיט.

דאָס בוך איז אַ דאַנקבאַרע דעראינערונג אָן אַ שיינער שטאָט, אַ שיינער צייט, און אַ פריינטלעכער פאַמיליע. עס איז אַ דאַנקבאַרער ריקבליק אויף אַ צייט ווען מ'איז נאָך אַליין געווען יונג, די וועלט, די שטאָט און די צייט זיינען אַלע געווען יונג. אַזאַ צייט, און די מענטשן פון אַזאַ צייט, ווען מ'איז אַליין געווען יונג און ניט באַלאַסטעט פון ביטערע דערפאַרונגען און אַנטוישונגען, באַהאַלט מען זייער און זייער

וואַרעם אין האַרצן. מיט וואָס איז די יוגנט שיין? דער עיקר מיט דעם וואָס זי גלויבט נאָך אינם מענטשן, און אַלץ וואָס גייט אָן דעם מענטשן נעמט זי אויף וואַרעם. דערפאַר טאַקע איז אָט דאָס בוך אַ וואַרעם בוך. ניט אין סענטימענטאַלן, נאָר אין שענסטן, מענטש־ליכסטן זין פון דעם וואָרט. עס איז אויך אַ העכסט טרויעריק בוך, צוליב די העכסט טרויעריקע געשעענישן וואָס פאַסירן מיט דער פאַ־מיליע, צוליב דער טראַגישער איבערגעריסנקייט פון יונגע לעבנס, וואָס אויפן ערשטן בליק דוכט זיך עס איז צופעליק, וואָס איז אָבער אין תוך אַ רעזולטאַט פון אינערלעכער געזעצמעסיגקייט. עס איז אויך שפּאַנענד, הגם ער איז נאָר הערצלעך אַנטייל נעמענדיק און איז ווייט פון סענסאַציע. עס איז שפּאַנענד טאַקע צוליב יענער אינערלעכער געזעצמעסיגקייט פון וועלכער עס איז ניט צו אַנטרינען. עס האַנדלט זיך וועגן די פינף קינדער פון דער משפחה מילגרוים, וועגן זייער פאַ־מעליכער אַנטוויקלונג צו זייער שיקזאַל, און וועגן דעם שיקזאַל גופא.

פון אַנהויב זיינען מיר גענייגט צו גלויבן אַז די אידישע פאַמיליע איז ניט מער ווי אַ ענין פון סביבה, מיליע, בכלל ווערט באַשריבן דער מענטשלעכער גורל, נאָכדעם אָבער פאַרשטייען מיר און פילן אַז דאָ איז ניטאָ קיין צופעליקעס, אדרבה, דאָ איז דאָ אַ סך באַשטימטעס, כאַראַקטעריסטישעס, טיפּישעס. דער גורל פון די פינף קינדער וואָלט גאָרניט באַדאַרפט זיין אַזוי פאַראויסבאַשטימט, אַזוי פאַטאַליש, אינער־לעך געזעצמעסיק, ווען ניט דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דעם לעבנס סטיל פון דער פאַמיליע מילגרוים. עס איז אַ בכבודיקע, סוחרישע, פאַרמעגלעכע אידישע פאַמיליע פון אָדעס. פון אָ ד ע ס. דאָס דאַרף מען ניט פאַרגעסן. אַן אַסימילירטע אידישע פאַמיליע אין אָדעס איז גאַנץ אַנדערש ווי אַן אַסימילירטע אידישע פאַמיליע אין בערלין, פראַנקפורט, אָדער אַפילו וואַרשע. אויך די אַסימילאַציע, דאָרט וואו זי דויערט שוין דורות, האָט איר טראַדיציע, אירע זכרונות, איז שוין, אַזוי צו זאָגן, איינגעזעסן, סטאַביל, האָט שוין איר פאַרגאַנ־גענהייט, אירע וואָרצלען. ניט אין אָדעס, אין אָט דער וואונדערבאַ־רער, פרייער, לוסטיקער, זוניקער, פון פאַרשיידענע פעלקער גרופּן באַ־וואוינטער האַפן שטאָט, וואָס איז באַוווירקט פון דעם נאָענטן מזרח. די צייט איז דער אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט. די פאַרגאַנגענהייט

פון אָדעס איז אַ זאָרגלאָזער, פרעכער, לוסטיקער, ריקזיכטסלאָזער נעכטן. אויך די מילגרוימס טראָגן אויף זיך ניט קיין משא פון פאַרגאַנגענהייטן. די וועלכע זיי האָבן יאָ געהאַט זיינען אויסגעוואָרצלט געוואָרן, פאַרגעסן געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוטמוטיקן אַנעקדאָט וועגן דעם שטעטלדיקן אַמאָל. מילגרוימס הויז איז פריינטלעך און „אָפן", ווייל זיי האָבן ניט קיינע טראַדיציעס, קיין קולטור אייגנטימליכעס, באַשטענדיקעס צו „פאַרשליסן". מיט דער גאַנצער געמיטלעכקייט, גאַסטפריינטלעכקייט און מונטערקייט אַ דאַנק דער שטענדיקער אַנוועזנהייט פון דער יוגנט, מאַכט דאָס הויז פונדעסטוועגן דעם איינדרוק פון אַ מין וואָקזאַל. דאָ זעען מיר די טאָכטער מאַרוסיע. גלייך פון אָנהויב וויל איך זאָגן, אַז אָט די פראַכטפולע געשטאַלט, אויסגעמאָלט מיט אַזוי פיל מייסטערשאַפט און ליבע, איז ראוי אַריינצוגיין אין דעם פאַנטעאָן פון פרויען געשטאַלטן וואָס מיר געפינען אין די בעסטע און דויערהאַפטסטע ווערק פון דער אייראָפעאישער ליטעראַטור. אַלזאָ, די טאָכטער מאַרוסיאַ זאָגט אויס מער ווי זי אַליין ווייסט ווען זי רופט אָן אירע געסט, די אַלע סטודענטן, גימנאַזיסטן, די גאַנצע טומלדיקע, פריילעכע, פאַרגניגנס-פריידיקע און פיל פלוידרנדיקע יוגנט מיט דעם וואָרט „פאַסאַזשירן". ווען דאָס הויז איז אַ „וואָקזאַל", אויב אַפילו זייער אַ באַקוועמער, זיינען די געסט, פאַרשטייט זיך, „פאַסאַזשירן". ווען קיין „פאַסאַזשירן" זיינען ניטאָ איז זייער לאַנגווייליק, „סקוטשנע". פאַר די מערסטע אַסימילירטע, אנטוואָרצלטע אידישע פאַמיליעס אין פריערדיקן רוסלאַנד, איבערהויפט אין אַזאַ שטאָט ווי אָדעס, איז ניטאָ עפעס שרעקליכערס ווי דאָס וואָרט לאַנגווייליק, סקוטשנע, און זיי דערפילן זיך גלייך אין דעם צושטאַנד ווי נאָר זיי בלייבן אַן אָוונט אַליין, אָן געסט, אָן טעאַטער, אָן אַ קאָנצערט, אָדער אָן אַ סענסאַציאָנעלן פאָרטראַג. דער אמתער קולטור מענטש, דער אַריסטאָקראַט, דער איינגעוואָרצלטער, דער וואָס טראָגט מיט פאַרגניגן די טראַדיציע משא ווייסט ניט פון אָט דעם געיעג נאָך אַ שטענדיקן איבערבייט פון פאַרווײלונגען, פאַרגניגנס, ער האָט ניט קיין מורא פאַר לאַנגווייליגקייט, פאַר „סקוטשנע". דאָס אידישע הויז פון אַמאָל, אָנגעלאָדן מיט טראַדיציע, פול מיט אינהאַלט האָט ניט געקענט דעם באַגריף לאַנגווייליגקייט. אין אַזאַ אידיש הויז

שמריהו גאָרעליק

פון אַמאָל האָט מען גראָדע ליב געהאַט די בין השמשות צייט, מ׳האָט געוואָרט מיטן אָנצינדן די ליכט, ניט נאָר כדי צו שפּאָרן נאַפט, נאָר כדי צו פאַרלייגנגערן די וואונדערבאַרע, זיס מעלאַנכאָלישע שטימונג, ווען מ׳איז געניגט צו קלערן, טראַכטן. ווען מ׳איז געווען קולטור רייך, באַלאַדן מיט טראַדיציעס האָט מען ניט געוואוסט פון קיין לאַנגווייליגקייט. האָט מען ניט געקענט לערנען, דעם רבינס ניגון האָט מען דאָך אָבער יאָ געקענט, און וועלכע צייט איז די בעסטע צו זינגען דעם ניגון אויב ניט בין השמשות? נאָר מיט דער ביליקער, קולטורלאָזער אַסימילאַציע תקופה, באַזונדערסביים רוסישן אידנטום, קומט דער טומל, די צאַפּלדיקע אומרו, די מורא צו בלייבן אַן אָוונט אין הויז אַליין, אַן געסט, אַן טעאַטער, אָן פאַרגניגן. עס קומט יענע ציטערנדיקע, מערקווירדיקע, כאַראַקטעריסטישע פראַגע: וואָס טוט איר היינט אָוונט? עס קומט דער ווידערווילן צו שטילקייט, זיך פילן ווי אומגליקליך ווען מ׳מוז לעבן אין דער פּראָווינץ.

ווידער איז עס מאַרוסיאַ. זי איז אויך צעטראָגן, יאָגט זיך נאָך פאַרגניגן, אָבער זי איז מלא חן, קלוג און זעענדיק. ווידער איז עס זי וועמען עס ווערט מיט אַמאָל ווי מיאוס דער „וואָקזאַל״ און זי זאָגט: ווילט איר זיך אָפּרוען אַ ביסל פון „אידן״ קומט צו די רוניצקיס.

די רוניצקיס — דאָס איז אַ רוסישע פּריצישע פאַמיליע, אַ ליבע־ראַלע, זייער הויז אַ גראַם פּריציש הויז מיט אַ גרויסער וועראַנדע און אַ גרויסן גאָרטן. אין הויז איז שטיל, געסט נעמט מען אויף פריינדליך, מ׳איז אָבער ניט איינזאַם ווען מ׳איז אַליין און דאָרט איז קיינמאָל ניט לאַנגווייליק. מאַרוסיאַ, מילגרוימס טאָכטער, וויל זיך פּשוט אָפּרוען פון די מילגרוימס, דאָס הייסט פון זיך אַליין, פון דעם אייגענעם טומל, פון דעם טומל פון אירע צאָלרייכע פריינט, פון דעם „וואָקזאַל״, די „פּאַסאַזשירן״. פון צייט צו צייט באַפאַלט איר אַזאַ איבערדריסיגקייט, און זי אַנטלויפט, כדי באַלד זיך ווידער צוריקקערן צו דעם סטיללאַזן, פאַרגניגן זוכנדיקן לעבן, כדי ווידער צו לעבן אין פרייליכקייט און פלוידערייען.

עס איז געווען וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף אָט דעם „וואָקזאַל־נעם״ כאַראַקטער פון בית־מילגרוים, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר

ע ס י י ע ן

אַ גאַנצן אידישן שיכט אין דער אַסימילאַציע תקופה (און די ווירקונג שפּירט מען נאָך איצט), ווייל זייער אַ סך פון דעם טראַגיש שיקזאַל־האַפטן וואָס טרעפט אַט דאָס פּריינטליכע אומגליקליך הויז פון די מילגרוימס, די קינדער, אַט ווי מ׳וואָלט עס גאָר ניט געקענט אויס־מיידן, וואָלט יאָ געקענט אויסגעמיטן ווערן, ווען דאָס הויז וואָלט אפשר געווען אַ ביסל וויניקער פריינדליך, אָבער מער ערנסט, וויניקער אָפן און מער פאַרשלאָסן, מער טראַדיציאָנעל, וויניקער „וואָקזאַל" און מער הויז, וויניקער ציוויליזירטער פּאַליטור און מער אמתע קולטור.

די פינף קינדער מילגרוימס וואַקסן ווי בלומען אין אַ ווילדן גאָרטן. פון ד ע ר נ אַ ט ו ר ווערן זיי באַזאָרגט און עס וואַקסן אויס ע ר ל י כ ע , שיינע בלומען; גיפטיקע, סודותדיקע, שווערע, העסליך בייזע ארכידעען; באַגאַבטע, לייכטזיניקע, שפּילנדיקע מיט אַ סך פאַרבן, און קילע, ניכטערע, אָן אַ ריח און אָן פאַרב. אָבער זיי וואַקסן ווילד, ווי גאָט און די נאַטור האָט געבאָטן. יעדער איינער פון דער משפחה האָט זיך אַ באַזונדער צימער, יעדער איינער האָט זיך זיין קעשענע געלט, יעדער איינער האָט זיך זיין לערער און אַלע אַנ־דערע לעבנס נויטווענדיגקייטן, צו לעבן אין דעם סטיל פון אַן אַסימי־לירטער, פאַרמעגלעכער אידישער פאַמיליע. דאָס איז אָבער דאָס איינציקע וואָס די מילגרוימס קענען געבן זייערע קינדער. זיי קענען זיי גאָרניט געבן ווען עס קומט צו גייסטיקע ענינים, זיי קענען ניט דירעקטירן זייער לעבן, אָדער אַפילו אויפפּאַסן אויף זיי. די עלטערן פאַרמאָגן אַליין ניט אַט די וויכטיקע זאַכן און קענען ממילא גאָרניט געבן די קינדער, כאָטש זיי זיינען אינטעליגענטע, קלוגע (דער עיקר די מוטער), זיי האָבן אַ גוט אויג און נאַרן זיך ניט אין זייערע קינדער. זיי אנען אַפילו אַ סך פון דעם וואָס וואַרט אויף די קינדער אין דער צו־קונפט, זיי אנען, אָבער ניט ביז צום סוף. דער פאָטער געפעלט זיך אַליין אין דער ראָלע פון אַ נייטראַלן מענטשן, דערפאַר אָבער די מו־טער, אַט די קלוגע, פיינע, אָבער פאַסיווע מוטער, גרייט זיך אומבאַ־וואוסטזיניק, און איר אויער איז וואַך צו די שווערע קלעפּ וואָס דער גורל מוז איר ברענגען ווי אַ מוטער פון די קינדער.

ווי די קינדער וואַקסן, אַנטוויקלען זיך, ווי זיי ווערן צייטיק פאַר זייער גורל, ווי דער גורל ליגט שוין אין זייער כאַראַקטער און לויערט

אויף זיי — דאָס איז דער שפּאַנענדער אינהאַלט, די שטאַרקייט פון זשאַבאָטינסקיס בוך. דאָס קינסטלערישע אויסאַרבעטן, דאָס פּסיכאָ־לאָגישע פירן דורך די פינף יונגע, אָבער אַזוינע פאַרשיידענע נשמות, איז זייער פיין און מייסטערהאַפט. פינף זיינען זיי געווען, און וועגן אָט די פינף קינדער האַנדלט זיך עס אין דעם בוך.

מאַרוסיאַ די שיינע, די לויכטנדע, באַחנטע, לוסטיקע, פרייע, מיט איר גאַנצער פרייליכער פרעכקייט, דאָך באַשיידן און גוט, קלוג, וויציק, מיט אַן אָפענער נשמה, וואָס באַגליקט אַלעמען; מאַרקאָ, דער אמת און גאָט זוכער, אַ נאַרישעוואַטער, נאַאיווער, אָבער זייער אַ סימפּאַ־טישער; דער גימנאַזיסט סעריאָזשאַ, אַ באַגאַבטער, אָבער געניגט צו פאַרברעכערישער טעטיגקייט; ליקאַ, די ניהיליסטקע און רעוואָלוציאָ־נערקע מתוך פינסטערן האַס, און דער קאַריעריסט טאָריק, אַ קאָררעק־טער, איינטאָניקער, פליכטמעסיקער און וואויללערנערישער בחור. אויף דריי פון די פינף לאָזט זיך אָרונטער דער שווערער גורל, פאַר די על־טערן זיינען אָבער אַלע פינף פאַרלאָרן, ווייל פרעמד איז זיי די פינס־טערע, שיר ניט דעמאָנישע טאָכטער ליקאַ מיט איר קאַלטער גרויזאַמ־קייט און אומבאַוואוסטן גורל, און דער קאָררעקטער טאָריק שמדט זיך.

שוין פון אָנהויב פון זשאַבאָטינסקיס ראָמאַן באַקענט זיך דער לייענער מיט יעדן פון די פינף יונגע העלדן און, מיט איין ווערטל, אַנטפּלעקט זיך פאַרן לייענער דאָס גאַנצע וועזן פון דעם העלדס נשמה אַזוי אַז מ׳קען שוין זען וואָס עס דערוואַרטעט אים אין דער צוקונפט. שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט מאַרוסיאַן אין שטאָטישן טעאַ־טער אַנטפּלעקט זיך איר גאַנצעס שטראַלנדיק וועזן. מ׳זעט די פינס־טערניש און דאָס שלעכטסקייט פון דער גימנאַזיסטקע ליקאַ גלייך אין דעם מאָמענט ווען זי שפּרינגט אויף אַ בייזע פון דעם אָוונט עסן בלויז דערפאַר ווייל איינער פון די געסט זאָגט איר אַז זי איז זייער שיין. קאָמיש און משונהדיק ווירקט ווען מאַרקאָ בעט מ׳זאָל אים דערקלערן וואָס וויל ניצשע. אָט דאָס קאָמישע וועט זיך אָבער שפּעטער אַרויס־ווייזן אַלס עפּעס באַדייטנדעס, טיפעס, אמתדיקס. מאַרוסיאַ און מאַרקאָ זיינען יענע ערליכע, שיינע בלומען וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דעם ניט קולטיווירטן גאָרטן פון די מילגרוימס. אין מאַרקאָן האָט זשאַבאָטינסקי זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ געשטאַלטער פון אַ מערק־

ע ס י י ע ן

ווירדיקער אינטערעסאַנטער פיגור. מיט אַ ניט פרעטענציעזער „לייכטקייט״, און צו דערזעלבער צייט מיט אויסערגעוויינליכער קראַפט מאָלט ער אויס די געשטאַלט, די באמת דעמאָנישע פיגור פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערקע (מתוך שנאה) ליקא. די ערליכע, ווי די גיפטיקע בלומען, די שטראַלנדיקע, ווי די פינסטערע נשמות פון אָט די פינף קינדער מילגרוימס פאַרדינען מ׳זאָל וועגן זיי אַלעמען און וועגן יעדן באַזונדער ריידן אויספירליך.

ביאַליק דער עסעאיסט

דער עסעי, וואָס, לויט זיין אָפּיציעלער אויפגאַבע, דאַרף ער זיין אַ פּאַרזוך צו געבן אַ קורצע אָפּהאַנדלונג איבער אַ גייסטיקן, ליטעראַרישן קעגנשטאַנד אָדער היסטאָרישער פּערזענלעכקייט, איז אין דער ווירקלעכקייט געוואָרן איינע פון די רייצנדסטע, סובטילסטע, גייסט־רייכסטע און פריַיסטע ליטעראַרישע פאָרמען. דער עסעאיסט, וואָס, לויט זיין ליטעראַרישן פּאַספּאָרט, האָט ער דאָס רעכט צו זיין אַפילו אַ טרוקענער קאָמפּיליאַטאָר, פּאָפּולאַריזאַטאָר אָדער זאַכלעכער, קורצער ביאָגראַפער, נוצט קיינמאָל ניט אויס אָט דאָס רעכט און איז קודם אַ קינסטלער, אַ דיינקער און עקסטרעמסטער סוביעקטיוויסט. צוליב דעם טאַקע איז דער עסעי געוואָרן די שענסטע אָפּטיילונג אין דער פּראָזע. אין דעם עסעי מאַניפעסטירן זייער גייסט און אַנטפּלעקן זייער האַרץ מענטשן פון שאַרפן, אַנגעלאַדענעם אויסדרוק, וועמעס פּען איז זאַפטיק, אייגנאַרטיק און אייגנזיניק און ג י ט א ַ ל ע מ אָ ל מ ע ר ו ו י ע ס ז אָ ג ט צ ו. דער עסעאיסט זאָגט זיך אָפּ פון דער אַפאָריסטישער קורצקייט, וואָס האָט אין זיך עפּעס ווילקירלעכעס און גייסטיק דעספּאָטישעס, ווייל עס צווינגט אויף אייך אַרויף אַ מין גזר דין, אָט ווי איינער וואָלט געזאָגט: זעסט דאָך איך האָב קיין צייט נישט, אָט האָסטו דיר דעם עקסטראַקט, אַריינגעטאָן אין עטלעכע שורות און דו מוזט עס אָננעמען. דער קאָנצענטרירטער געדאַנק, ווי־דער, די הויכע אומרו פון געפיל, דער אַ ר י ס ט אָ ק ר אַ ט י ז ם פ ו ן פ אָ ר ם א ו ן א ו י ס ד ר ו ק דערלויבן ניט דעם עסעאיסט זיך באַנוצן מיט דער אריכות און עפּיק פון אַ הונדערטזייטיקן בוך. דער עסעאיסט רעדט נאָר צו דעם זייער קולטיווירטן, אין טיפערן זין געבילדעטן לייענער, וואָס איז געוואוינט צו העכערע גייסטיקע ספערן. ווייל דער עסעאיסט האָט פאַר זיינע אויגן אָט דעם לייענער דאַרף ער אים ניט געבן קיין אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון אַ גרויסער פּערזענ־

לעכקייט, עס איז געגוג ווען ער גיט אים איין גוט אויפגעכאַפּטן מאָ־
מענט, וואָס גיט איבער דעם תמצית פון יענעם גרויסן מענטשן. דער
עסעאיסט איז ניט דער צוזאַמענטראָגער פון ביאָגראַפישן מאַטעריאַל
בלויז, ער איז אַ פּלוצלונג אויפּטויכנדער באַשטראַלער און
באַלויכטער.

דער טיף געבילדעטער לייענער האָט שוין פריער גענוג געלייענט
וועגן דעם לעבן פון זשאַן זשאַק רוסאָ כדי צו פאַרשטיין און פילן ווי־
פיל ערשעפּנדעס אַנדרע סוארעס, איינער פון די וואונדערבאַרסטע
עסעאיסטן פון דער איצטיקער צייט, גיט אין די אַריינפיר ווערטער פון
זיין עסעי וועגן דעם גרעסטן פּאַטהעטיקער אין דער וועלט ליטעראַטור
און דעם געפּילפּולסטן מיזאַנטראָפּ: „אַלט פאַר דער צייט, מרה־
שחורהדיק און קינדיש, מיסטרויאיש און לייכטגלויביק, און מער פון
אַלץ שמערץ זוכער — איך זע אים אין זיין אַרמענישן מלבוש, אויף
דעם בליענדיקן וועג ביים אַריינגאַנג אין דאָרף". און אָט דער טאָן פון
קאָנצענטרירטער גייסטיקער ענערגיע, פון איידלען געפּיל אויסגע־
דריקט אין דער איידלסטער פאָרמע, פאַרלאָזט ניט אויף איין מינוט
דעם מחבר אין זיין עסעי פון צוויי און צוואַנציק
זייטן. מ׳שטייט אויף געזעטיקט פון דעם גייסטיקן מאָלצייט,
געזעטיקט פון דער איידלסטער אויסדערוויילטסטער שפּייז. דער עסע־
איסט מוז אויסמיידן יעדע באַנאַליטעט אין אויסדרוק, ניט צוליב קאַ־
קעטעריי און זיך שפּילן אין אָריגינאַליטעט, נאָר צוליב דעם ווילן
און דער פליכט צו דערציען גייסטיק. ער
וועט קיינמאָל ניט אָנטאָן אַ ערנסטן געדאַנק אין אַ ביליקן, באַנאַלן
מלבוש, ער איז שטריינג אויסגעהאַלטן און אויסקלייבעריש אין פאָרם.
די לעצטע שורות ווערן געשריבן אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט
די ערשטע. דער עסעאיסט האַלט זיין פּען אויף דערזעלבער הויך און
וועט זיך קיינמאָל ניט אַרונטערלאָזן צו דער פלאַך פון דער מאמריס־
טיק, נאָך ווייניקער צו דער פּאָלעמיק, ווייל די אומרו פון דער פּאָלע־
מיק, ווי געזונט זי זאָל ניט זיין, איז זי אָבער פון אַ נידעריקער מדרגה
ווי דער געדאַנק און געפּיל אומרו וועלכער פלאַטערט אין דעם עסעי.

די לעצטע אָפּטיילונג אין דער יובילייאויסגאַבע פון ביאַליקס
געזאַמלטע שריפטן, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען „דברי ספרות"

איז, מיט דער אויסנאָם פון די פּאָלעמישע אַרטיקלען, די אָפּטיילונג וואָס פאַרדינט באַצייכנט צו ווערן מיטן נאָמען עסעאיסטיק, און דאָס איז, אייגנטלעך, דאָסזעלבע ווי מ׳וואָלט געזאָגט אַז דאָס איז ד אָ ס שענסטע וואָס ער האָט געשריבן אין פּראָזע. מיט געוויסע באַשרייַנקונגען, אַרויסגערופן דורך דער לאָקאַליטעט פון די קעגנשטאַנדן וועגן וועלכע ער רעדט און דורך דער גייסטיקער אוי־טאַרכיע מיט וועלכער ביאַליק צייכנט זיך אויס (ווי אַן עסעאיסט איז ער מסתמא דער אייגנציקער אין דער וועלט וואָס איז אַזוי ווייניק באַ־איינפלוסט פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. אַ מין גייסטיקער קאָנטינענט פאַר זיך) איז זיין עסעאיסטיק פון בעסטן סאָרט, סיי לויטן סטיל, סיי לויט דעם פיינעם פליען פון געדאַנק און דער שטאַרקייט פון געפיל. ביים צייכענען מענטשלעכע געשטאַלטן דערגרייכט ער אַ וואונדערבאַרע פּלאַסטישקייט מיט ווייניק ווערטער, וועלכע זיינען אָבער זאַפטיק, פול מיט אינהאַלט. צווישן ביאַליקס עסעיען געפינען זיך אויך שעדעווערן, אויף וועלכע איך וועל זיך נאָך אָפּשטעלן, דערביי מוז איך באַמערקן אַז דאָס זיינען דוקא ניט די עסעיען וואָס זיינען פאַררעכנט פאַר די בעסטע. אין דעם פאַל וועט עס אויסקומען אַז די לעצטע וועלן זיין די ערשטע.

(2)

דער עסעי „הלכה און אגדה״, לויטן אינהאַלט זייער אַ באַדייטנ־דער עסעי, דערפילט גראַדע ניט די פליכטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער עסעאיסטישער קונסט פאָרמע. דער עסעאיסט רעדט שטענדיק אַליין, אין אַ שיינער, פּרעציזער, קאָנצענטרירטער שפּראַך. אין „הלכה ואגדה״ ריידן צופיל אַנדערע. אַלע זייער גרויסע מענטשן, אָבער אַלץ אַנדערע: רב יוסי אומר . . . שוין דער אָנהויב: „להלכה־פנים זועפות, לאגדה — פנים שוחקות. זו קפדנית, מחמרת, קשה כברזל — מדת הדין; וזו ותרנית, מקילה, רכה כשמן — מדת הרחמים״, און אַזוי ווייטער.

אָט דער אָנהויב, מיט זיין סטיל, אנגעלאָדנקייט, קאָנצענטראַציע זאָגט צו מער ווי ער גיט שפּעטער אַ ווײַלע. ער לאָזט זיך באַלד

עסייען

אַרונטער צו דער ווייניק דערהאָבענער שטופּע פון אַ העכסט איינ־
האַלטסרייכן מאמר, וואָס עפּנט, אמת, דעם לייענער די אויגן איבער
אַ וויכטיקן ענין. פון דעם מאמר קען מען עפּעס לערנען, מ׳איז ניט
מער אַזוי אומוויסנד, מען דערוויסט זיך אַז די פליסיקע אגדה און די
שטרייגנע הלכה, מיט איר פאַרגליווערטער פאָרמע זיינען אין תוך
איינס און דאָסזעלבע. אָבער ביאַליק, וועלנדיק רעהאַביליטירן די
הלכה, איז מסביר צופיל, ער אַרגומענטירט צופיל. ער לאָזט זיך אַריין
אין אַ מין וכוח מיט די וואָס האַלטן פון לייכטקייט און כאַפּן זיך אָן
אָן דער פּאָעזיע און דער ראָמאַנטיק פון דער אגדה. דער עסעי וואָס
דאַרף זיין אויסגעהאַלטן, האַרמאָניש, אין שטאַרקייט פון געדאַנק, גע־
פיל און אין דער פאָרמע, צעפאַלט זיך אין מאַמריסטיק. ערשט ביים
סוף באַווייזט זיך ווידער די סטיליסטישע אייניגקייט מיט די ערשטע
שורות. מיר טרעפן אָן ווערטער וואָס קלינגען ווי שלאַכט רופן, ווי
באַפעלן. אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַטאָס וואָלט ווי גערופן אַ מאָראַ־
לישן דיקטאַטאָר ער זאָל קומען און דערמאָנען דעם שוואַכן דור אָן
זיינע שטרייגנע פליכטן:

„באו והעמידו עלינו מצוות!

„יותן לנו דפוסים לצקת בהם את רצוננו הנגר והרופס למטבעות
מוצקות וקימות. צמאים אנו לגופי מעשים. תנו לנו הרגל עשיה
מרובה מאמירה בחיים, והרגל הלכה מרובה מאגדה בספרות“.

און דאַן, צום סוף, דער מעכטיקער רוף, די שטורמדיקע פוריאַזאַ:

„אנו כופפים את צוארנו: איה עול ברזל? מדוע לא תבוא היד
החזקה והזרוע הנטויה“?

דאָס איז שוין בעסערע עסעאיסטיק, אָבער נאָר אין די לעצטע
און אין די ערשטע שורות.

אויסגעהאַלטן, פולשטענדיק אין דער עסעאיסטישער פאָרמע, אַ
קליינער שעדעווער אין אָט דער איידעלער ליטעראַטור אָפּטיילונג, איז
גראדע יענע קורצע אָפּהאַנדלונג פון בלויז עטלעכע זייטן וואָס ווערט
אַוועקגעגעבן לעווינסקין. פון אַ מיטלמעסיקן, פאַראיבערגייענדיקן
שרייבער, אַ שרייבער אויף איצט, ניט לדורות, ווייל ער איז צופיל
פאַרבונדן מיט אַ געוויסער דעקאַדע און מיטן ליטעראַרישן געשמאַק
פון יענעם יאָרצענדליק, גיט ביאַליק אַן אמת, וואַרים בילד פון דעם

ש מ ר י ה ו ג אָ ר ע ל י ק

מ ע נ ט ש ן לעווינסקי, מיט זיין מאָסיוועד קערפּערלעכקייט, זיינע גוטע, מידע אויגן, מיט זיין גאָלדן האַרץ, און זעט! ער ב ל י י ב ט ! לעווינסקי בלייבט. ער שטייט ווידער אויף, געראַטעוועט פון פאַרגעסן ווערן, ניט צוליב דער זאַמלונג פון זיינע שריפטן, ניט דורך דעם וואָס ער האָט געשריבן אין „השלח" אָדער אין אַנדערע זשורנאַלן, נאָר דורך דעם דיינקמאָל וואָס ביאַליק האָט אים אויפגעשטעלט אין זיינע קנאַפּע זעקס זייטן שענסטער פּראָזע. הייסע פּריינטשאַפט האָט געהאָלפן אויפשטעלן אָט דעם דיינקמאָל, אָבער דער מ ע נ ט ש לעווינסקי האָט עס אויך פאַרדינט. אַ גוטער, נשמהדיקער מענטש. אַ ז ע ל־ ט ע נ ע ר מ ע נ ט ש . ווייל, לאָמיר זאָגן דעם אמת, אַ ג ו ט ע ר מ ע נ ט ש א י ז אַ ז ע ל ט נ ה י י ט . נאָך זעלטענער איז אַ מענטש מיט אַזאַ ברייט האַרץ און אָפענע אָרעמס, גרייט צו העלפן יעדן איינעם, ווי לעווינסקי איז דאָס געווען לויט דער שילדערונג פון ביאַליק, און יעדער איינער וואָס האָט געקענט לעווינסקין וועט מודה זיין אַז די שילדערונג איז אַ ריכטיקע. דאָס איז אַ פּראָכטפול, לע־בעדיק בילד פון גוטהאַרציגקייט, פריינטליכקייט, און ליבליכקייט, פון אַ מין שעמעוודיקער גוטסקייט, פון אַ שטענדיקער גרייטקייט אויסצוהערן יענעמס צרות מיטן צוועק צו לינדערן זיי און זיין פאַר־שלאָסן ווען עס האַנדלט זיך וועגן אייגענע צרות.

אין דעם אָנגעוואָרפענעם בילד זיינען דאָ איינצעלהייטן, שטריכן, ליניעס, וואָס גיבן אַריין ליכט און לעבן און אַ העכערן אינהאַלט. ביאַליק רעדט פון אַ מין „גראַן־סיניאָר׳דיגקייט" מיט וועלכער לע־ווינסקי, אַ זון פון אָרימע עלטערן אין דער אָרימער, קאַרגער ליטע, האָט זיך אויסגעצייכנט; פון זיין שיינער „מדת עין יפה בחיים" וואָס ער האָט פאַרמאָגט, פון זיין פיינט האָבן „חשבונות", ווייל דאָס פירט צו קליינליכקייט. ביאַליק דערציילט אַז ווען איינער איז געקומען צו לעווינסקין נאָך אַ חשבון, האָט אים לעווינסקי גיך אָפּגעפּטרט מיט דער פראַגע: — וויפיל קומט אייך, אַ הונדערטער? נאָט אייך דער־ווייל אַ הונדערט און צוואַנציק, על חשבון . . . — דאָ האָט לעווינסקי מיט צוויי פינגער אַרויסגענומען פון בייטעלע אַ פּעקעלע אַסיגנאַציעס און דערלאַנגט דעם חשבון בריינגער. — און דעם חשבון וועט איר

ע ס י י ע ן

מיר געבן נאָך יום טוב, איצט האָב איך קיין צייט ניט, ניטאָ קיין צייט . . .

קיין זאַך קען אַזוי ניט באַלייכטן אַ מענטשן ווי אָט דער דעטאַל. אויב באַגעגענען אַ גוטן מענטשן איז ניט אַזאַ אָפּטע דערשיינונג, איז אָנשטויסן זיך אויף איינעם וואָס קען אַ זאָג טאָן: וויפיל קומט אייך, אַ הונדערטער? נאַט אייך דערווייל אַ הונדערט און צוואַנציק, שוין גאָר אַן אַויסערגעוויינליכע דערשיינונג, עס קלינגט כמעט ווי אַ לעגענדע. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן געלט, און געלט איז דאָך, ווי דאָס איטאַליענישע שפּריכוואָרטל גייט, דאָס צ ו ו י י ט ע ב ל ו ט פ ו ן מ ע נ ט ש ן. דאָס דאָזיקע צווייטע בלוט ווערט אין דער ווירקליכקייט נאָך אַמאָל טייערער פונם ע ר ש ט ן. איך לייען וועגן לעווינסקיס פרייגיביגקייט און איך דערמאָן זיך אָן די בייזע בריוו וואָס טורגעניעוו האָט געשריבן צו דאָסטאָיעווסקין וועגן . . . אָ, וועגן די פופציק רובל וואָס דאָסטאָיעווסקי איז אים שולדיק געבליבן. און טורגעניעוו איז געווען רייך.

און קען אַ מענטש געלייטערט ווערן, זיין אַ פּערזענלעכקייט, ניט האָבנדיק געליטן?

אין קורצע שטריכן שילדערט אונז ביאַליק לעווינסקי דעם ליידנדיקן, ווי ער פליט ממש דורך שטעט און קור ערטער מיט זיין טאָכטער וואָס איז קראַנק אויף גאַלאָפּירנדיקער שווינדזוכט, ווי ער זעט זי אויסגיין ביי אים אויף די הענט, אין דער פרעמד. פון אַנדערע טיפע, לאַנג דויערענדיקע נשמה ליידן רעדט ניט ביאַליק, ער דייט נאָר אָן אויף זיי, און פאַר אָט דעם דעליקאַטן אָנדייטן באַנוצט ער אַזעלכע וואונדערבאַרע ווערטער:

— כי גם את המר ממות ואת העזה ממות נתן לו אלהים בעודנו חי . . .

לעווינסקי, דער פּרעכטיקער מענטש, ב ל י י ב ט אין ביאַליקס זייטן, וואָס זיינען אַן אמתער דיינקמאָל.

(3)

מענדעלע! ביאַליקס גרויסע ערפורכט און ליבע. פון די פיר עסעיען געווידמעט דעם זיידן: „מנדלי ושלשת הכרכים“, „יוצר

הנוסח״, „בגבורתו״ און „מגדלי זקן״, איז דער לעצטער דער בעסטער. די פאָרם איז פּערפעקט, רייך אין געפיל, שטאַרק אין געשטאַלטונג. דער בעסטער עסעי און דער טרויעריקסטער. ווייל מיט אַ שמייכל, מיט אַ פריילעכער מינע און מיט אַ סך „לחיים׳ס״ ווערט דערציילט אויף אַ פאַרכאַפּנדיקן שטייגער וועגן דער פיזישער און גייסטיקער ירידה פון דעם גרעסטן אידישן פּראָזאַאיקער. מענדעלע, ווען עס איז קיינמאָל ניט נמאס געוואָרן דאָס לעבן, ווען די שווערע עלטער האָט ניט געמאַכט ווייניקער דורשטיק און האָט אויף איין ווײַלע זיך ניט אָפּגעקערט פון דעם לעבנס בעכער. ווי אָט דער אַלטער קלאַמערט זיך אָן אין בעכער! די רעזיגנאַציע איז אים פרעמד, ווי זי איז, אגב, אויך פרעמד דעם עסעאיסט וואָס דערציילט וועגן מענדעלעס לעצטע יאָרן און טעג. דער אַלטער וויל ניט שטאַרבן. אַפילו דעם טערמין הונדערט און צוואַנציק יאָר קען ער ניט פאַרטראָגן. — וואָס? סך הכל הונדערט און צוואַנציק יאָר? אַזוי פיל איז דאָך מיר דער רבונו של עולם שולדיק. — בקיצור, עס איז אַ שטענדיקער דינגען זיך מיטן רבונו של עולם, אַ שטענדיקער אויסמיידן, אָפּנאַרן דעם מלאך המות, און ער נאַרט אים אָפּ דורך דעם וואָס ער רעדט קיינמאָל ניט וועגן טויט. אויב עס איז אמת וואָס מאָנטען האָט, דוכט מיר, געזאָגט, אַז פילאָזאָפירן הייסט טראַכטן וועגן טויט, דאַן איז מענדעלע געווען זייער אַ שוואַכער פילאָזאָף, כאָטש אין עלטער פון ווייט אַריבער אַכציק איז מען דאָך פאַרפליכטעט צו זיין אַ ביסל פילאָזאָף.

מענדעלע אַנערקענט ניט די פליכט. ער האָט קאָנטראַקטן מיט גאָט. ער האָט אַ וועקסל אויפן רבונו של עולם:

— ער׳ט ניט פאַרלאָזן זיין מענדעלען. ער׳ט מיך דערהאַלטן. ווען איך בין געלעגן קראַנק האָט ער זיך באַוויזן פאַר מיר, ער אַליין בכבודו ובעצמו, איך האָב גערעדט מיט אים פּה אל פּה, אָן קיין מחיצה, אָט ווי אַ זון צום טאַטן, איך האָב אים אויסדערציילט מיין שווער ביטער האַרץ, און איך ווייס אַז ער האָט מיך אויסגעהערט, מיך פאַרשטאַנען. איך האָף צו גאָט, ער׳ט מיך ניט פאַרלאָזן . . .

ניט אַזאַ געהויבן בילד? יאָ, אָבער נאָר דאַן ווען מ׳וויל זיין אַ פילאָזאָף, נאָר דאַן ווען מ׳פילט אָן אינהאַלט און אַ געוויסע באַרעכטי־קונג אין די ווערטער „דאָס לעבן איסט דער גיטער העכסטעס ניכט״.

ע ס י י ע ן

אָבער ווען קומען עס אַרויף אַזוינע געדאַנקען? בלויז די וואָס האָבן ניט געוואוסט פון קיין גלות, די וואָס האָבן געהערשט, זיי קענען אפשר טראַכטן אַזוי. אַ רוימישער אימפעריאַליסט אין אַלטן רוים, אַ בירגער פון אַ וועלט מלוכה האָט געקענט ניט טראַכטנדיק צופיל זיך עפענען די אָדערן, אָדער זיך אַריינשטעכן אַ שפּיז אין ברוסט, אויב ער האָט ניט געפונען קיין אַנדער אויסוועג. אַ ליידנדער, געפּלאָגטער, געהאַסטער גלות איד, אָבער, וויל נישט אַנדערש ווי לעבן, ער וויל שטענדיק, שטענדיק לעבן, ווייל אָט דער לעבנס ווילן האַלט אים אויף. דער שטאַרקער קען זיך פאַרגינען רעזיגנאַציע און יאוש, דער שוואַכער, דער געדריקטער מוז זיין אַן אָפּטימיסט, איז ער עס ניט, קומט ער אום. דאָ איז דער סוד פון דעם „פאַרפלוכטן אידישן אָפּטימיזם", ווי שאָפּענהויער האָט עס אָנגערופן, דאָ איז דער סוד פאַרוואָס אַ מענדעלע רעאַגירט אויף דער ברכה צו לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט אַ הונגעריקן „בסך הכל?", און פאַרוואָס ער מאַכט זיך אַזוי כלא ידע ווען די נאָענטסטע פון דער שרייבער משפחה, לעווינסקי און שלום עליכם שטאַרבן.

— פון אַ לויה צו וועלכער ער האָט געמוזט גיין — געשטאָרבן איינער פון די נאָענטע — האָט ער זיך ניט אַרויסגעדרייט, אָבער אַפילו דאַן האָט ער ווי געכיטרעוועט. ער איז געגאַנגען צווישן די מלוים, גלייך, אויסגעצויגן, און האָט אויסגעזען רואיק, געלאַסן.

אַ שטילע איראָניע, פול מיט ליבע הערט זיך אין אָט די שורות. ביאַליק, אַזוי גוט ווי מענדעלע, האָט ניט איבעריק ליב געהאַט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אָט דער באַשטימטער אומפאַרמיידלעכקייט. אָ ר ע ם אי ן אויסערלעכע לעבנס דערפאַרונ־ג ע ן , ניט האָבנדיק די ביטערע געלעגנהייט צו זיין מיד, האָט ביאַליק זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אמתן דורשט נאָך לעבן, מיט אַ לעבנס הונגער. ניט אומזיסט טרעפט מען ביי אים דאָס וואָרט ל ע ב ן אַזוי אָפט אין זיינע עסייען. אין דעם הינזיכט איז ער אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק און צאָלט געטריי דעם צינז פון אָפּטימיזם און לעבנספריידיגקייט, וואָס איז אַזוי שטאַרק נויטיק פאַר אַ אידן כדי ער זאָל קענען עקזיסטירן אין זיין עמק הבכא.

שמריהו גאָרעליק

(4)

דער עסעאיסט, דער אמתער, דער געבענטשטער, נעמט אויף זיך די פליכט צו זיין אויסגעהאַלטן אין פאָרם, צו שרייבן אין געהויבענעם סטיל, דערפאַר אָבער געווינט ער פאַר זיך די פולשטענדיקע פרייהייט. ער איז ניט געבונדן צו דער טעמע וואָס ער האָט זיך גענומען. איינעם פון זיינע גלענצענדע עסעיען באַצייכנט ביאַליק „שירתנו הצעירה״, פאַקטיש אָבער רעכנט ער זיך נאָר אָפּ מיט דער אַלטער ליטעראַטור. אַט דעם חשבון מאַכט ער זייער אויספירליך און איבערצייגנד, דער־פאַר אָבער די אייגנטליכע טעמע פטרט ער אָפּ מיט פרעדיקאַטן, מע־טאַפאָרן, מיט זאַלבונגען: „יעקב כהן הרך והמשוח, היפהפה והמעודן״; יעקב שטיינבערג — „צפור חדשה״; שניאור — „שמשון צעיר, שגדלו לו בן לילה כל שבע מחלפותיו, גור אריה שיש בו מסימני משפחה דבי עילאי״.

קיין ווייטערדיקער אַנאַליז פון די יונגע איז ניטאָ, דערפאַר אָבער ווערט דער אַנאַליז שאַרפער, שניידנדיקער און איבערצייגנדיקער ווען ער האַלט אין באַטראַכטן די אַלטע ליטעראַטור, דעם לאַנגן ליטע־ראַרישן וועג וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין משך פון הונדערט יאָר. פאַר די נייע בלייבט נאָר די הימנע, אַ הימנע וואָס קלינגט ניט אַזוי זיכער, ווייל ביים סוף פ ר ע ג ט ביאַליק, און פרעגן מיינט זיין ניט זיכער. ער פרעגט:

— ובכן, העילן העתיק שלנו, הפורח לסרוגין, אחת לשבעה יובלות, נמלך פתאום ונתכסה לזקוניו שוב בפרחים לבנים — מה זאת? הפרחי סתו אם פרחי אביב? היגיעו הפרחים גם לידי פירות ופירי־פירות, או הסער הראשון ישאם וכמוץ יזרם״?

דאָס זיינען צוויפל און זיי האַרמאָנירן ווייניק מיטן בילד פון שניאור אַ „יונגער לייב . . .״. אמת, דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ניט אויסגעהאַלטנקייט, אָבער נאָר אין דער ש ט י מ ו נ ג , אין דעם פ ר אָ ג נ אָ ז , אָבער ניט אין דער פאָרם. זי בלייבט איידל, רייך און אויסקלייבעריש אין קאָנצענטרירטן אויסדרוק.

אַ באַזונדערן אָרט אין דער עסעיען זאַמלונג פאַרנעמט די אָפּ־האַנדלונג איבער דעם מאַלער פּאַסטערנאַק. ביאַליק לאָזט זיך דאָ

עסייען

אַוועק אויף אַ געביט וואָס איז אים ניט אַזוי נאָענט, איז אים ווייניק באַקאַנט און, לויט זיין גאַנצן בילדונגס וועג, אים אַפּילו פרעמד. עס איז ניט מער ווי אַ העפלעכקייט, אַ צינז געצאָלט זיינעם אַ פּריינט און אַ ליבנסווירדיקן מענטשן. אמת, אַפילו אַ קלענערן ווי ביאַליק וואָלט געווען ניט שווער צו געבן דערקלערנדע קאָמענטאַרן צו די בילדער פון אַן ערנסטן אָבער, נאָך אַלעמען, ניט קיין זייער באַדייטנדן מאַלער. טראַכט מען זיך אָבער אַריין טיפער, זעט מען אַז דער פּאַס־טערנאַק עסעי איז עפּעס מער ווי דערציילן וועגן די ווערק פון אַ באַ־פריינדעטן מאַלער. וואו איז דער שווער־פּונקט? אויף וועלכן מאָ־מענט איז דער הויפּט אַקצענט? די ערשטע צוויי שורות זאָגן אויס דעם סוד — *אויף דעם מאָמענט ווען די וואָס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער פאָלק קערן זיך אום צוריק.* ווי אַ שאל, ווי אַ זאַמלונגס רוף און, צו דערזעלבער צייט, ווי אַ גרויסצוגיקע איינלאַדונג און באַגרי־סונג קלינגען די ערשטע צוויי שורות:

— דער מענטש זאָמט זיך אַפילו מיט זיין קומען, אָבער קומט פאָרט, זאָל ער זיין געבענטשט אין זיין קומען, מיר׳ן פאַר אים עפענען די טיר. די האַנט איז אַלע מאָל אויסגעשטרעקט אויפצונעמען די צוריקגעקומענע.

נאָך דער באַגריסונג קומט די פאָרשטעלונג. דער אגדה׳יסט ביאַליק גייט פאַרביי באַמאָלטע לייוונטן, רעדט באריכות וועגן פאַרב, ליניע, פּינזל, צייכענונג, דערמאָנט אַפילו צוויי באַקאַנטע פאָרטרעטער פון דער פראַנצויזישער מאַלעריי, אָבער קוקט ניט אויף די אַלע זאַכן ווי אויף העפלעכקייטן וואָס ווערן געזאָגט ביים פאָרשטעלן עמיצן פאַרן עולם, די כונה איז ניט *אגדה*, וועגן דעם ווי פּאַסטערנאַק האָט געמאָלן טאָלסטאָיען, נאָר די *הלכה*, די שטרייננגע, האַרטע הלכה, וואָס פאָדערט אויף טאַקע דעמזעלבן פּאַסטערנאַק ער זאָל אָפּ־געבן אַ דין וחשבון וואו האָט ער זיך אַרומגעטראָגן די גאַנצע צייט, די אַלע פערציק יאָר. מיט פּאַסטערנאַקן ווערן אויך אויפגעפאָדערט די אַלע אַנדערע אָפּגעריסענע, וואָס האָבן זיך דערווייטערט, זיינען פאַרפרעמדט געוואָרן.

— וואו זייט איר געווען? — פרעגט אונזער דיכטער דער שטראָ־

פער, — וואו זייט איר געווען דאַן ווען אייער פאָלק האָט געליטן און עס האָט זיך געבראָכן אונטער דער שווערער משא פון זיינעליידן? פאַרוואָס זייט איר ניט געקומען אונטערשטעלן אייער אַקסל אונטער אָט דער משא, צוליגן אייער מויל צום בעכער גיפט וואָס אייער פאָלק האָט געטרונקען?

דאָ האָט זיך שוין ביאַליק ניט געלאָזט אויף אַ פרעמדן געביט, ער איז גאָרניט אויסן געווען צו שרייבן וועגן מאלעריי, די מאלעריי איז נאָר געווען אַ מין אַריינפיר צו עפּעס גאַנץ אַנדערש, עפּעס אַזוינס וואו ער איז גאַנץ היימיש, דאָס איז דער געביט פון הלכה.

ביאַליק דער בעל ההלכה שטייט פאַר אונז און פאָדערט מיר זאָלן פרייוויליק זיך אונטערוואַרפן דעם יאָך פון דעם כלל. ווידער הערן מיר יענע שטאַרקע שטימע, יענע פוריאַזאַ, די שטריינגע ווערטער מיט וועלכע ער פאַרענדיקט זיין עסעי „הלכה ואגדה“:

— וואו איז דער אייזערנער יאָך? פאַרוואָס קומט ניט די שטאַר־קע האַנט און דער אויסגעשטרעקטער אָרעם?

מאַקס בראָד אַלס היינע ביאָגראַף

דעם אמת געזאָגט, אַן עסעי איבער היינע, געשריבן אויף דעם שטייגער, מיט דער מייסטערשאַפט און רייכקייט פון געפילן און געדאַנקען ווי עס שרייבט למשל דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער אַנדרע סוארעס אין זיינע „פאָרטרעטן“, וואָלט אַ סך ליבער געווען צו לייענען ווי אַ נייע פינף הונדערט זייטיקע ביאָגראַפיע. אָבער עס איז באַקאַנט ווי שווער עס איז צו שרייבן . . . קורץ, נו קלייבט מען אויס דאָס לייכטערע, דאָס איינציק מעגלעכע און מ׳שרייבט אַ סך, לאַנג. אגב, וואָס פאַר אַ נייעס קען שוין בריינגען אַ נייע ביאָגראַפיע וועגן היינריך היינע? דער סוביעקטיוויסטער אין דער דיכטער פאַמיליע, דער אָפנסטער און פרייסטער, איז ער אַליין געווען זיין בעסטער ביאָגראַף. היינע האָט דערציילט וועגן זיך זייער אַ סך, וועגן זיינע קינדער יאָרן, זיין מוטער, זיין פאָטער סאַלאָמאָן דעם באַנקיר, וועגן זיין יוגנט, זיין קרענק, זיין פרוי מאַטילדע. און וועגן זיין לעצטער פלאַטאָנישער ליבע. קיין שווייגער איז היינע ניט געווען. דערצו האָבן זייער אַ סך מענטשן דערציילט וועגן אים.

דער היינע פאָרשער, פראָפעסאָר הובען, האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויס, אָריגינעל בוך מיטן נאָמען „געשפרעכן מיט היינען“. פון אָט דעם ווערק קענען מיר זיך דערוויסן כמעט אַלץ וועגן דער רייכער, פילזייטיקער, שפּאָטישער און גלויביקער, צאַרטער און סאַרקאַסטיש בייסנדיקער געשטאַלט פון דעם געניאַלן ליריקער און פראָזע שרייבער. די געשטאַלט איז געמאָלן קלאָר און זי שטייט אונז פאַר די אויגן ווי אַ לעבעדיקע, און ווער עס וויל און האָט די פייאיגקייט דערצו קען אַריינגעמען די געשטאַלט אין זיין געדעכעניש. אין דעם בוך זיינען אויך דאָ אַ סך מענטשן וואָס דערציילן וואָס זיי האָבן געוואוסט וועגן היינען אָדער געהערט פון אים אַליין, זיי גיבן איבער זייערע דעראינערונגען וועגן דעם דיכטער, שילדערן גענוי אַלע זייערע באַגעגענישן

מיט אים, פון זיינע סטודענטישע יאָרן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן און, די הויפּטזאַך. דאָרט הערט מען היינען אַליין ריידן, און וואָס דאָס באַטייט ווייסן אַלע וועלכע זיינען באַקאַנט מיט די ווערק און דער פּערזענלעכקייט פון דעם אומשטערבלעכן דיכטער.

פון דער אַנדערער זייט אָבער, האָט מען דעם איינדרוק אַז מאַקס בראָד פילט זיך ווי באַרופן צו שרייבן וועגן היינען. אמת, ער דער־מאָנט אויך די אַנדערע וואָס האָבן שוין פריער זיך גענומען פאַר דער־זעלבער טעמע, ער לויבט זיי אַפילו, אָבער דאָס איז אַ לויבן מיט אַ קוק פון אויבן אַרונטער. למשל, לודוויג מארקוזעס בוך איבער היינען ווערט אָפּגעפּטרט מיט דער באַמערקונג אַז צוליב דער רייכקייט פון דעטאַלן איז דאָס בוך ניט אינטערעסאַנט. און מארקוזע איז געווען אַ מענטש מיט אַ קאָפּ, מ׳קען ביי אים שטענדיק געפינען רייכן אינ־האַלט. דער סטיל זיינער איז אַ ביסל אַ שווערער, דערפאַר אָבער אַן אייגענער. דער מענטש זאָגט שטענדיק עפּעס. ביי מאַקס בראָדן קומט אָבער אויס אַז דאָס בוך פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן בלויז צו־ליב דער רייכקייט פון דעטאַלן. דער לייענער ווערט ווי געבעטן ניט צו לייענען צופיל מארקוזעס בוך, ווייל אַ פולשטענדיקע באַלויכטונג פון היינען, ענדגילטיק אַריינגעמען היינען אין דעם באַוואוסטזיין און געפיל, קען מען נאָר פון מאַקס בראָדס גרינטלעכער ביאָגראַפיע און מאָנאָגראַפיע איבער דעם דיכטער וואָס איז נאָך אַלץ אָן אַ היים, וועלכער ווערט נאָך אַלץ באַקעמפט. מאַקס בראָד וואָלט ניט צוגע־טראָטן צו דער אַרבעט ווען ער וואָלט ניט געווען איבערצייגט אַז ער האָט עפּעס מחדש צו זיין, אַז ער וועט אַרויסברייינגען היינען אין אַן אַנדער ליכט.

לאָמיר זיך צוקוקן אַ ביסל און זען וואָס האָט ער אויפגעטאָן, אין וואָס באַשטייט די נייע באַלויכטונג. בראָד, ווי אַ נאַציאָנאַלער איד און ציוניסט, גיט אָפּ, פאַרשטייט זיך, אַ גרעסערן פּלאַץ היינען דעם אידן, מער ווי די אַנדערע ביאָגראַפער האָבן דאָס געטאָן. דעם גלאַנץ פון דער אַסימילאַציע עפּאָכע פון דעם דייטשישן אידנטום, זייערע הויפּט פאַרטרעטער, באַטראַכט מאַקס בראָד אַנדערש. צי אָט דער „אַנדערש״ איז אויך אַלע מאָל ריכטיק, דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַ־גע. מיר זיינען גענויגט צו צווייפלען אין דעם אַז מ׳קען יענע עפּאָכע

עסייען

אורטיילן ריכטיק מיט די אויגן פון די היינטיקע נאַציאָנאַלע אידן, לויט די היינטיקע אַנטווישונגען. די ליטעראַטור סאַלאָנען פון רחל לעווין־וואַרנהאַגען און הענריעטע הערץ קענען נאָר אויפגעפאַסט ווערן ריכטיק ווי אַן אויסדרוק פון יענער גלויביקער צייט, ווען מ׳איז געווען באַגייסטערט פאַר דעם פאָרשריט פון דער מענטשהייט. מאַקס בראָד ווייסט, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון דער אַסימילאַציע, ווי די דייטשע אידן האָבן עס געטאָן, איז געווען אַ היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס מ׳האָט אים אפשר ניט געקענט אויסמיידן, ער ווייסט עס און זאָגט עס אייניקע מאָל, אָבער דאָן זייגען זיינע גרינגשעצנדיקע באַמערקונגען איבער די העלדינען פון יענע סאַלאָנען, איבער דער גייסטרייכער, באַגאַבטער רחל לעווין־וואַרנהאַגען, ניט אַם פּלאַץ און אומגערעכט. מאַקס בראָד וויל באַווייזן אַז דאָס וואָס די אַריסטאָקראַטיע, די פּראָמינענטע פאָרשטייער פון דער דעמאָלטיקער דייטשער אינטעלעקטועלער וועלט זיינען געלאָפן אין די סאַלאָנען איז געקומען הויפּטזאַכלעך צוליב דעם ווייל אין די פאַמיליעס פון דער אַריסטאָקראַטיע און די אינטעלעקטועלן האָט נאָך דאַן געהערשט די טעמפּע, פּראָווינציעלע, לאַנגווייליקע אַטמאָספערע. דער לעבנס שטייגער פון אָט די קרייזן איז געווען איינגעפרוירן אין באַשטימטע אָפּגעלעבטע פאָרמען. די אַריסטאָקראַטישע יוגנט, פּרינץ לואי פערדינאַנד פון פּרייסן צווישן זיי, האָט פון צייט צו צייט זיך פּשוט געראַטעוועט פון דער איינטאָניגקייט און שטייפקייט פון זייער לעבן, אַנטלויפנדיק אין די סאַלאָנען פון די גייסטרייכע אידישע פרויען. אין אָט דער כאַראַקטעריזירונג איז דאָ אַ געוויסער אמת, מ׳געפינט זי אויך אויסגעדריקט ביי אַנדערע שרייבער פון יענער עפּאָכע, דאָס דאַרף אָבער ניט פאַרקלענערן און פאַרטונקלען די אַנדערע איידעלע מאָטיוון, דעם פאַרלאַנג צו באַהעפטן זיך מיט די פאָרגעשריטענע אידייען פון דער צייט, די טענדענץ צו פאַרקוקן שטאַנד אָדער קלאַס און מער פון אַלץ שעצן די הויכע קוואַליטעט פון גייסט און בילדונג. „שיינע נשמה״, האָט געטהע אָנגערופן רחל לעווין־וואַרנהאַגען. אין יענער עפּאָכע איז מען מיט דעם טיטול געווען שטאָלצער ווי מיט וועלכן עס איז אַנדערן. צו אָט דער „שיינער נשמה״, וועלכע איז אויך געווען זייער באַגאַבט און אויסערגעוויינלעך חנודיק, האָט עס

שמריהו גאָרעליק

געצויגן די יונגע, טרוימערישע אַריסטאָקראַטיע פון דייטשלאַנד. ווייל מען האָבן אַ ריכטיקן באַגריף ווי אַט די אידישע טאָכטער האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אירע באַוואונדערער און פאַרערער, מוז מען לייענען די בריוו וואָס די דייטשע אַריסטאָקראַטן און אַריסטאָקראַטקעס האָבן איר געשריבן, די בריוו, למשל, פון ווילהעלם פאָן בורגסדאָרף; דזשאָזעפינע, גרעפין פאָן פאכטא; קאַראָלינע, גרעפין פאָן שלאַדרענדאָרף; אַלעקסאַנדער פאָן מאַרוויץ; פרידריך פאָן גענץ א. א. וו. די צייט, סוף אַכצעטנער, אָנהויב ניינצעטנער יאָרהונדערט, איז געווען די שענסטע, די איידלסטע און די מענטשלעכסטע אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דייטשלאַנד. פון דאָן אָן איז אַזוינס ניט פאָרגעקומען און ווער קען זיך דאָס אָננעמען מיט מוט צו זיין אַזוי אָפּטימיסטיש אַז יענע צייט קען זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן? דער שטורם און דראַנג פון דער אַסימילאַציע פון דייטשישן אידנטום, אַ היסטאָריש באַדינגטער פּראָצעס, ניט געקוקט אויף די אמת באַגייסטערטע, וואָס האָבן געגלויבט אַז אַ נייע קאָסמאָפּאָליטישע, אַלמענטשלעכע זון גייט אויף, האָט אויך אַרויסגעבראַכט געגנוג העסלעכע טיפּן, גרויסע בריהס אין דער קונסט פון מימיקרי, די קונסט אויסצוטאָן פון זיך דאָס אייגענע, דאָס אָריגינעלע און אָנטאָן זיך אין צופּאַסונג קליידער. אַט דעם סאָרט אַסימילירטע אידן האָט היינע געשטעלט אַ דיינקמאָל פון בייסנדיקן שפּאָט אין זיין פּראָזע.

בראָד גיט אָוועק צוויי גרויסע קאַפּיטלעך דעם אידישן גייסטיקן לעבן פון יענער צייט, דער רעפאָרם באַוועגונג, און ווייזט אָן אויספירלעך און מיט באַטאָנונג אַז היינע איז ניט געווען בלינד צו די אַלע שאָטנזייטן פון דער אַסימילאַציע, אַז ער האָט געזען וואָס פאַר אַ נשמהדיקע פאַרקריפּלונג און גייסטיקן חורבן אַט דאָס אויפגעבן דאָס אייגענע האָט געבראַכט. אַט דער פרייער און טיפערער בליק דערלויבט אים אַרויסצוטרעטן אַנטקעגן דער מאָדע וואָס האָט דעמאָלט געהערשט (די מאָדע האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו ווירקן ביז דער לעצטער צייט) ביי די דייטשע אידן צו קוקן פון אויבן אַרונטער אויף די מזרח אידן. בעת זיין רייזע דורך פּוילן — אַ פּוילישער גראַף ברעזא, אַ שטודיום חבר, האָט אים איינגעלאַדן אויף דער רייזע — קוקט ער זיך אויך צו צו די אידן און זייער לעבנס שטייגער, און אין

עסייען

זיינע איינדרוקן פון יענער רייזע געפינען מיר שורות אונטער וועלכע אַ דייטשער איד האָט זיך געקענט אונטערשרייבן ערשט שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער איד, אַ ציוניסט. היינטער די אַלטע צוריקגעשטאַנענע פאָרמען האָט היינע געזען אַן אָפּגעהיטע, גאַנצע פאָלקס נשמה. מ׳האָט געדאַרפט פאַרמאָגן זייער פיל צו האָבן אַזאַ קוק, אַזוי פאַרשטיין אין יענער צייט. דער דיכטער אין אים האָט אָפּגערעמט פאַר אים אַלע שטערונגען, וואָס זיינען געווען אָנגעוואַלגערט אויף זיין וועג און ער האָט געקענט באַגרייפן, זען ווייטער ווי אַלע אַנדערע. אָט די מאָמענטן זיינען אין בראָדס ביאָגראַפיע גוט און אויספירלעך באַאַרבעט.

בראָדס אויפטו באַשטייט אויך אין דעם וואָס ער שטעלט אונז פאַר היינען אַ סך אומגליקלעכער ווי מיר זיינען געוואוינט אים אָנצונעמען. אין אַלגעמיין האָבן מיר געהאַט אַ בילד פון היינען ווי פון אַ לאַכנדיקן דיכטער, ביז די שרעקלעכע קראַנקהייט, אין די מיטעלע יאָרן, לייגט אים אַנידער אויף זיין „מאַטראַצן קבר״, וואו ער ליגט לאַנגע יאָרן און לאַכט, אמת, ווייטער, אָבער גאַנץ אָפּט דורך טרערן און זיפצן. בראָד, ווידער, אונטערזוכט אויך די יונגע יאָרן פון דעם דיכטער און באַווייזט זיי אונז ווי שווערע יאָרן, פול מיט נויט, ערגערניש און באַליידיקונגען. די שטענדיקע סכסוכים מיט זיין פעטער, דעם האַמבורגער באַנקיר סאַלאָמאָן היינע, פון וועלכן ער איז געווען אפּהיינגיק; די אומגליקלעכע ליבע צו דער טאָכטער פונם זעלבן באַנקיר, די קוזינע אַמאַליע; די אַנטוישטע האָפענונג זיך ווי עס איז איינאָרדענען אין דייטשלאַנד און שאַפן זיך אַ וועלכן עס איז סאָלידן עקזאַמישן באָדן, דאָס אַלעס האָט פאַרגיפטעט, פאַרביטערט היינעס נשמה און אים געטריבן צו דער איראָניע, צום סאַרקאַסטישן. באַזונדערס די אומגליקלעכע ליבע צו דער קוזינע. אין אַ געוויסן זין וויל מאַקס בראָד זיך אויסצייכענען ווי אַ ביאָגראַף דורך נאָכפּאָלגן אָט דעם זעלישן שפּור. ער גלויבט אַז די וואונד וואָס אָט די ניט געטרייע, שטאָלצע און פאַלשע קוזינע האָט געעפנט אין דיכטערס האַרץ האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעמאַכט. איבערטרייבט דאָ ניט אַ ביסל מאַקס בראָד? זיך דערמאָנען אויף די עלטערע יאָרן אַן אַ יונגער ליבע, וואָס

איז געווען אומגליקלעך, וואָס האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו זיין אַ שיינע דעראַינערונג, הייסט נאָך כלל ניט אַז מ׳איז זייער שטאַרק אָדער שטענדיק געשטאַנען אונטער דעם דרוק פון יענעם אומגליק. גראָדע ביי היינען איז עס ניט אַנצונעמען, ער האָט זיך געקענט צע־שטרייען, און ער איז ניט דער פּאַסיקער אָביעקט פאַר דעם פּסיכאָ־אַנאַליטישן לאַמטערן. בראָד שטעלט אָן אָט דעם לאַמטערן אויף היי־נען, דאָס מאַכט אָבער ניט קיין גוטן, איבערצייגנדיקן איינדרוק, ווייל היינע איז געווען אָפן און קלאָר, ניטאָ קיין פאַרדרייגטע קאָמפּלעקסן און זיגמונד פרויד האָט, דוכט זיך, דאָ ניט וואָס צו טאָן. מאַקס בראָד דאַרף אויך ניט זוכן צופיל און אומזיסט. ספּעציעלע זעלישע „באַלויכ־טונגען״ מאַכן אַ ביסל אַ מערקווירדיקן איינדרוק ווען זיי ווערן אָנגע־ווענדט אויף אַ דיכטער אַ העלן, אַ דיכטער וואָס האָט זיין נשמה וואונ־דערבאַר אויסדערציילט און אויסגעזונגען, וואָס האָט זיך שטענדיק אַליין באַלויכטן.

(2)

דער אַנאַליז פון היינען דעם דיכטער, דעם ליריקער איז אין בראָדס בוך אַרויסגעקומען בלאַס און שוואַך. בראָד האָט זיך באַמיט און לעגיאָנען ווערטער דערצו מאָביליזירט, אָבער אָט די לעגיאָנען קע־נען ניט פירן קיין שלאַכט און נאָך ווייניקער קענען זיי געווינען. דער־פאַר אָבער זיינען די באַטראַכטונגען איבער היינע דעם פּראָזע שריי־בער אַ סך בעסער געלונגען, און זיין מיינונג אַז היינע איז אויך געווען אַ גרויסער מייסטער פון פּראָזע איז אַ ריכטיקע. היינע דער פּאָלעמי־קער (זיין פּאָלעמיק קעגן גראַף פּלאַטען און לודוויג בערנע ווערט אויס־פירלעך געשילדערט); היינע, דער פּאָליטישער אימיגראַנט אין פּאַריז, וואָס, ניט קוקנדיק אויף זיינע דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען, האָלט ער זיך דאָך פון וייטן פון די דייטשישע פּאָליטישע פּליטים; היינעס פּאָליטישע אידעאַלן און סימפּאַטיעס (ער האָט זיי געהאַט), דאָס אַלץ געפינט אָן אויפמערקזאַמע באַלויכטונג אין בראָדס ביאָגראַפיע.

דאָס לעצטע קאַפּיטל, וואו עס ווערט דערציילט פון היינעס קראַנ־קען יאָרן, פון זיין פרוי מאַטילדע, פון זיין לעצטער זעלישער ליבע צו

ע ס י י ע ן

דער יונגער קאַמילאָ זעלדען, לייענט מען ניט נאָר מיט גרויסן אינטע־רעס, נאָר מ׳ווערט אויך פאַרכאַפּט. דאָס האָט מען אָבער צו פאַר־דאַנקען ניט בראָדס דערציילונגס קונסט, נאָר דער ערגרייפנדער טעמע. אַ רייך לעבן פון אַ גרויסן דיכטער ק ל י נ ג ט א ו י ס , און די אַקקאָרדן זיינען צו עלעגיש זיי זאָלן ניט רירן.

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען יענע בלעטער אין וועל־כע מאַקס בראָד באַשעפטיקט זיך מיט דער פראַגע וואָס פאַר אַ פּלאַץ פאַרנעמט היינע אין דער דייטשישער גייסטיקער און ליטעראַרישער וועלט, וואָס איז היינע — אַ דייטשישער אָדער אַ אידישער דיכטער? היינע האָט געוואָלט זיין אַ דייטש, ענטפערט בראָד, און היינע איז אויך געוועזן איבערצייגט אַז ער איז דאָס. ווען מ׳זאָל אַפילו אָננעמען אַז דאָס איז אים ווייניק געלונגען, איז דאָך זיין סוביעקטיווער ווילן דאָס צו זיין אַ געוויסע רעאַליטעט, און ווען מ׳גלויבט שטאַרק אין עפּעס קען מען אָפּט שאַפן באַדייטנדעס, אויב אַפילו דער גלויבן זאָל זיין אַ ניט באַגרינדעטער, אַ טעות. די דייטשע קולטור האָט היינען שטאַרק באַאיינפלוסט, האָט געוועקט אין אים בייגקשאַפטן, און ווען ער קומט צום דייטשישן פאָלק מיט שאַפונגען, אויב אַפילו ניט פון צענטראַלסטער באַדייטונג פאַר אים גופא, דאַרפן אָט די שאַפונגען פונדעסטוועגן ניט זיין גלייכגילטיק און דאַרפן כאָטש אויפגענומען ווערן ווי „ראַנד ערשיינונגען“.

יאָ, ווען מ׳זאָל זיך האַלטן אָן דער שיטה אַז צווישן פעלקער און ראַסן ליגן אויף די גייסטיקע און קולטורעלע געביטן תהומען גאַנצע, ניט אַריבערצוגיין, דאַן איז עפּעס אַנדערש, אָבער אָט די תהומען זיי־נען מערסטנטייל איבערגעטריבענע, מיינט בראָד. אין אמתן, דיינקט ער, זיינען דאָ נאָר פ אַ ר ש י ד נ ה י י ט ן און זאַכן פון צ ו ו י י ט ן ראַנג, ווען עס קומט צום תוך זאַכן זיינען אַלע ראַסן איינס. אויף די סאַמע הויכקייטן פון מענטשלעכן גייסט, אויף די בערג שפּיצן עקזיסטירט אייניגקייט. „די בערג שפּיצן זעען איינער דעם אַנדערן“. אויב שעקספּיר האָט זיך געקענט אַריינלעבן אין דעם נשמה צושטאַנד פון דעם אידן שיילאָק, פאַרוואָס זאָל אַ איד ניט קענען מאָלן אַן ענגלענדער, אַ רוימער, אַ דייטש און אים אויפפאַסן ריכטיק, אויב ער האָט נאָר טאַלאַנט? דער קינסטלער האָט אַלע שאַנסן און

שמריהו גאָרעליק

די פּרינציפּיעלע מעגלעכקייט זיך איינצופילן אין דער פּסיכעע פון אַן אַנדער פאָלק, ווער שמועסט נאָך ווען מ׳האָט אינזינען אַז עס איז דאָ אַן „אַלמענטשלעכע זאָנע״, אַז די שפּיצן בערג זעען איינער דעם אַנדערן און ווינקען זיך איבער . . . פון דער אַנדערער זייט אָבער דאַרף מען ניט פאַרלירן דעם געפיל וועד מ׳איז פאַרט, און אַ אידישן קינסטלער, וואָס שרייבט און שאַפט אין דער שפּראַך פון דעם פאָלק צווישן וועלכן ער לעבט עצהט בראָד . . . דיסטאַנץ ליבע.

אָט די „דיסטאַנץ ליבע״ איז מאַקס בראָדס אַ ספּעציעלער זעלישער רעצעפּט מיט וועלכן ער מוז זייער שטאַלצירן, ווייל זייער אַ סך מאָל, ממש צום דערעסן ווערן, ווייזט ער אָן אין זיין היינע ביאָגראַפיע אַז וועגן אָט דעם באַגריף האָט ער גערעדט באריכות אין זיין ראָמאַן „די פרוי וואָס אַנטוישט ניט״. דיסטאַנץ ליבע, דאָס איז אפנים — קענסט מיך ליב האָבן, נאָר אַ ביסל . . . פון דערווייטן . . .

מ׳מוז צוגעבן אַז כאָטש די אַלע געדאַנקען זיינען ניט מי יודע ווי טיף און אָריגינעל, אָבער, לכל הפחות, זיינען דאָס געדאַנקען, און דער ערנסט מיט וועלכן בראָד זאָגט זיי אַרויס קומט דערפון וואָס עס איז אַ פראַגע ניט וועגן היינען אַליין, נאָר וועגן אַלע אידישע שרייבער וואָס שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן און אויף אַלגעמיינע טעמעס. וואָסערמאַן האָט אַ טייל פון זיין לעבן זיך אָפּגעפּלאָגט מיט אָט דער פּראָבלעם. עס איז דאָריבער ניט קיין פראַגע ווי אַזוי היינע אַליין זאָל איינגעאָרדענט ווערן דורך אָט די אויפגעשטעלטע טעזיסן און דורך דער „דיסטאַנץ ליבע״, נאָר אויך אַלע אַנדערע וועמעס גורל עס איז צו שאַפן אין די שפּראַכן פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן און פון וועלכע קולטורן זיי האָבן געקראָגן זייער גייסטיקע אַנטוויקלונג.

„פירער פון אייראָפּע"

פון עמיל לודוויג

עמיל לודוויג, וועמעס ליטעראַרישע פּראָדוקטיוויטעט האָט אין די לעצטע יאָרן געשיינט ווי שטילער ווערן, איז ווידער אַרויסגעטראָטן פאַר זיינע לייענער מיט אַ רייע נייע ביאָגראַפישע ווערק. אויסערליך זעען זיי אויס ווי זיינע פריערדיקע בענדער צו וועלכע מ׳האָט זיך שוין צוגעוואוינט. זיין בוך איבער הינדענבורג איז ניט קלענער פון זיינע ביכער איבער נאַפּאָלעאָן אָדער לינקאָלן. אין דעם פּרט האָט לודוויג זיינע טראַדיציעס. ער האָט זיי נאָך מער בנוגע דעם אינהאַלט. די ניט זייער לאַנגע פּויזע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרענדערט זיין סטיל און אויך ניט זיין שטייגער צו דערציילן וועגן פרעמדע לעבנס. אויב עס איז אמת אַז די שטופּנווייזע אָפּקילונג מצד דעם לייענער צו זיינע ווערק איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער ווייניק באַזעלטער, מאַנאָטאָן־רואיקער, ערנסטער מאַניער פון זיין שרייבן, דורך דעם וואָס זיינע ביכער זיינען נאָר נוצליך אָבער ניט דערהויבנד, מוז מען זאָגן אַז אויך אין זיינע נייע ווערק איז ער געבליבן דערזעלבער. עמיל לודוויג שרייבט זייער באריכות, אָבער מיט דעם אָנשטעל אַז ער איז גאָר שפּאַרעוודיק, אַ רענדל אַ וואָרט. ער באַלויכט די היסטאָרישע פּערזענלעכקייט וועגן וועלכער ער דערציילט, דוכט זיך, פון אַלע זייטן, ער פאָלגט נאָך אַלע עטאַפּן, פון געבורטסטאָג אָן, ער פאַרגעסט ניט די סביבה, די עלטערן, די פּערזאָנען וואָס באַגלייטן די היסטאָרישע פיגור אויף איר לעבנסוועג, ער פאַרגעסט בכלל גאָרניט. פונדעסט־וועגן שטייט מען אויף פון זיינע ביכער ווי אַ הונגעריקער, דערצו איז מען נאָך מיד אויך. לודוויג שרייבט ניט ווי אַ געלערנטער, פונדעסט־וועגן איז ער, מיט זיין לייכטער וואָג, זייער שווער. דאָס קומט פון זיין שווערן, שלעפּנדיקן סטיל, וואָס איז אין תוך טאַקטיק. ער האָט אויך אַ סך פּאָזע, וואָס דאַרף פאַרדעקן דעם דוחק אין דיכטערישן

שוואונג. וויל מען אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט מאַכן נאָענט דעם לייענער מוז מען אַליין זיין אַ דיכטער, אין אַ געוויסן זין.

מאַרואַ, למשל, האָט עס פֿאַרשטאַנען אין זיין דיזראַעלי־ביקאָנס־פּילד, עדוואַרד דעם זיבעטן, שעללין. (ווייניקער, אַ סך ווייניקער אין בייראָן). מאַרואַ איז איינפאַך, עלעגאַנט און באַזעלט. איר באַמערקט גאָרניט וואָס פֿאַר אַ לאַנגן שטודיום פֿון מאַטעריאַל ער האָט געמוזט מאַכן איידער ער האָט געקענט אַזוי אומגעצוואונגען „פּלוידערן״, פּלוידערן מיט נשמה, מיט חן. עס דוכט זיך אַז מ׳וועט אָנטרעפֿן ריכטיק ווען מ׳וועט זאָגן אַז עמיל לודוויג איז דער עיקר אַ טעכניקער, אַ געפֿיל פֿון אַ געוויסער קאַלטקייט בלייבט פֿון אַלץ וואָס ער שרייבט.

דערזעלבער קאַלטער געפֿיל בלייבט אויך פֿון זיין בוך „פֿירער פֿון אייראָפּע״, וואָס נעמט אין זיך אַריין די ביאָגראַפֿישע עסעיען איבער: נאַנסען, מאַסאַריק, בריאַן, ראַטהענאַו, מאַטאַ, ללאָיד זשאָרזש, וועניזעלאָס, מוסאָליני און סטאַלין. ווי לודוויג אַליין זאָגט, צייכנט זיך דאָס בוך אויס פֿון אַלע אַנדערע דערמיט, וואָס די מענטשן וועגן וועלכע ער שרייבט קען ער פּערזענליך, מיט די מערסטע פֿון זיי האָט ער אַ סך מאָל פֿאַרבראַכט צוזאַמען, און דאָך . . . עפּעס בלייבט אַלע מאָל דער געפֿיל אַז ער דערזאָגט ניט עפּעס וויכטיקעס. עס זיינען דאָ אַלע פֿאַקטן, אַלע דעטאַלן, אָבער כדי פֿאַרן לייענער זאָל שטיין אַ לעבעדיק בילד מוז דער לייענער גופֿא, מיט זיין אייגענער וואַרימער עמפֿינדלעכקייט, צוגעבן דעם לעצטן פּינזל שטריך.

עטליכע וואָכן נאָך בריאַנס טויט האָט איינער פֿון די מיטאַרבע־טער פֿון דער „נייע ציריכער צייטונג״ אָפּגעדרוקט דאָרט אַ פֿעליעטאָן וועגן אַט דעם פֿראַנצויזישן שטאַטסמאַן מיט זיין עפּיקורעאישן גייסט, מיט דער איינזאַמקייט פֿון אַ באַהעם און דער רעזיגנאַציע פֿון אַ פּעסימיסטישן פֿילאָזאָף, דערביי אָבער בלייבנדיק אַ הייסער פּאַטריאָט, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין פֿאָטערלאַנד. אָט דער פֿעליעטאָן האָט געגעבן אַ פֿאַרכאַפּנדיק בילד פֿון דעם מענטשן בריאַן, פֿון זיין לעצ־טער נסיעה צו דער פֿעלקער בונד זיצונג, פֿון זיין אויסערגעוויינליכער מידקייט, צעבראָכנקייט. איך געדיינק אים, דעם פֿעליעטאָן. די איינצלהייט ווי בריאַן פֿאַרלאָזט דעם פּעראָן פֿון גענפֿער וואָקזאַל, אַ מידער, אַ ליבנסווירדיקער, שטום באַטראַכטנדיק די וואַרטנדיקע

זשורנאַליסטן, ווי ער וואָלט געזאָגט: איר זעט דאָך וואָס פון מיר איז געוואָרן. די איינצלהייט ווי דער מאַסאַזשיסט, וואָס פלעגט קומען צו אים אין האָטעל יעדן פרימאָרגן קומט אַריין דעם פרימאָרגן און בריאַן זאָגט אים: עס לוינט זיך שוין ניט. נאָך אַזעלכע איינצלהייטן, און די אַלע קליינטשיקייטן ברענגען אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכן מענטשן, אַ מענטשן וואָס האָט ליב כאַפּן אַ שמועס, אַ מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ.

און אָט נעמט עמיל לודוויג און גיט אַוועק דעמזעלבן בריאַנען זעקס און צוואַנציק זייטן פון זיין בוך „די פירער פון אייראָפּע״. מ׳לייענט זיי, פאַרשטייט זיך, מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, ווייל עמיל לודוויג קען שרייבן און בריאַן איז בריאַן, אָבער, מערקווירדיק, עס קריצט זיך ניט איין אין זכרון. דעם פעליעטאָן וואָס איז פאַר־עפנטליכט געוואָרן אין דער שווייצאַרישער צייטונג מיט אַ צייט צו־ריק געדיינק איך בעסער און דייטליכער ווי לודוויגס זעקס און צוואַנ־ציק זייטן וואָס איך האָב געלייענט בלויז מיט עטלעכע טעג צוריק. ניט באַפרידיקט בלייבט מען אויך פון די פילע זייטן וואָס זיינען אָפּ־געגעבן געוואָרן דעם לעגענדאַרישן רייזענדן, נאַטור פאָרשער און היי־סער מענטשן פריינט, פריטיאָף נאַנסען. מיט נאַנסענען דעם רייזנדן, דעם נאַטור פאָרשער, וואָס לאָזט זיך אַוועק אין די אומבאַקאַנטע גע־פערלעכע וויטקייטן אויף אַ שיף וואָס די נאָרוועגישע רעגירונג האָט אים געשיינקט, מיט ד ע ם נאַנסענען ווערט נאָך לודוויג גאַנץ גוט פאַרטיק, ער גיט שטאַרקע שילדערונגען, דערפאַר אָבער די צווייטע זייט פון אָט דעם וואונדערבאַרן מענטשנס טעטיקייט, די מענטשליך פילאַנטראָפּישע זייט פון דעם נאַנסענען וואָס אָרגאַניזירט די באַשפּיי־זונג פון הונדערטער טויזנטער הונגעריקע, נאַנסען דער פאַרטיידיקער, דער זעלישער פאָטער פון די פליכטלינגע, נאַנסען וואָס ליידט פאַר אַרמעניע, פאַר אַלע וואָס ליידן, אָט די זייט, און ווי אַזוי זי פּאַסט זיך אַריין אין דעם מהות פון אַ מענטשן אַ פּאָלאַר פאָרשער, איינעם, וואָס האָט ליב די איינזאַמקייט צווישן שניי און אייז אומענדליכקייטן, וואָס קען לעבן יאָרן אויף דער פרייער נאַטור ניט זעענדיק קיין לע־בעדיקן מענטשן און זיך פילן גאַנץ גוט, אָט די זייט איז ניט ד ו ר כ־ג ע פ י ל ט. עס ווערט וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, גענוג גערעדט,

מאַטעריאַל און פאַקטן ווערן געגעבן, עס ווערט אָבער ניט לעבעדיק אַרויסגעבראַכט פאַרן לייענער דער מענטש וואָס איז פאַר מיליאָנען געוועז און געבליבן דער סימבאָל פון מענטשלעכקייט. בעת נאַנסען איז מיט אייניקע יאָרן פאַר זיין טויט געוועזן אין בערלין איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון אַ הויך אינטעלעקטועלן אָבער פאַרבי־טערטן, אומגלויביקן, זייער פעסימיסטישן, סקעפּטישן מענטשן די פאָלגנדע ווערטער: נאַנסען איז איצט אין בערלין. איך וואָלט געוואָלט גיין צו אים, בעטן ביי אים די דערלויבעניש צו ווערן זיין משרת. דינען אַזאַ מענטשן ווי נאַנסען איז גליק און דערהויבונג. אַזוי האָט גערעדט אַ ביז צום סוף פעסימיסטישער, סקעפּטישער מענטש. נאַנ־סען וואָס האָט געקענט אַן אומגליקלעכע, אָפּגעקילטע און אויסגעליי־דיקטע נשמה אַזוי אָנוואַרעמען, דאַרף פונקט אַזוי וואַרעם געשילדערט ווערן פון זיין ביאָגראַף. דעם טעכניקער עמיל לודוויג פעלט אָבער די פייאיגקייט צו געבן מיטן פינזל דעם לעצטן שטריך און אָנפילן דאָס מענטשלעכע אויג מיט דעם וואַרעמען פייער. דערפאַר אָבער האָט זיך אים איינגעגעבן צו געבן אַן אויסדרוקפול בילד פון וואַלטער ראַטהענאַו, דאָס הייסט, איבערגעבן די אמת גרויסע טראַגיק פון אַט דעם אויסערגעוויינלעכן און אייגזאַמסטן מענטשן. אַלץ איז געוועזן טראַגיש אין דעם גורל פון אָט דעם מענטשן. דער פּירשט פון גייסט און אויך פון מאַטעריעלע גיטער האָט אָפּגעלעבט אַ קאַלט איינזאַם לעבן, אַן ליבע. די טיר וואָס האָט געפירט צו זיין ווילע איז געוועזן שמאָל ווי די טיר וואָס פירט צום חדרל פון אַ נזיר. אמת, ווען מ'איז אַריינגעקומען אין זיין וואוינונג האָט מען באַוואונדערט דעם איידעלן קינסטלערישן געשמאַק, די בילדער, דאָס מעבל, די ביבליאָטעק, אָבער פון אַלעם דעם האָט געווייעט אַ קעלט, אַ שטאָלצער, באַהאַלטענער ווייטיק. זיין גאַנצער לעבנס וועג איז באַגלייט פון מיסטרויען. די אינדוסטריאַליסטן האָבן איראָניזירט און געשמייכלט איבער די שוואונגפולע, געוואָגטע און מוטיקע סאָציאַלע אידייען וואָס ער האָט אַנטוויקלט אין זיינע העכסט באַדייטנדע ביכער, די סאָציאַליסטן, ווידער, האָבן געצווייפלט אין זיין אויפריכטיגקייט, ווייל אין זיינע גוואַלדיקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָט ער ניט באַוויזן די מינדסטע נייגונג צו פאַרווירקלעכן אויף וועלכן עס איז פּראַקטישן

אופן זיינע סאָציאַלע טעאָריעס. די אינטעלעקטואַלן, דיכטער, שריפטשטעלער האָבן אים בכלל ניט געקענט מוחל זיין וואָס אַ מענטש וואָס שטייט אויף אַזאַ הויכער גייסטיקער שטופע איז אַזוי פאַרטאָן אין געשעפטן. היינט דייטשלאַנד! עמיל לודוויג באַמערקט ריכטיק אַז „דער אידישער ראַטהענאו איז געווען אַ מער ליידנשאַפטלעכער דייטש ווי די קריסטן העלדערלין, דזשאַן פּאָול, פּלאַטען אָדער ניצשע". זיין ווייט זיין פון אידן, אַ געוואָלטע און פּראַגראַמאַטישע ווייטקייט, האָט ער ניט איין מאָל באַגרינדעט און ער האָט געפאָדערט די קאָנזעקווענטסטע אַסימילאַציע. וועגן די אידן האָט ער געזאָגט אַז „זיי זיינען אים ווייניקער באַענט ווי די איינוואוינער פון מאַרק אָדער האָלשטיין, זיי זיינען מיר אפשר עטוואָס נענטער ווי די שלעזיער אָדער לאָטהאַרינגער". אָט דעם ראַטהענאו, וואָס איז געווען מער דייטש ווי העלדערלין און ניצשע האָבן די דייטשן פאַרפאָלגט כל ימיו מיט ביטערסטן האַס און טוען עס נאָך איצט, נאָכדעם ווי פאַנאַטישע שאָוויניסטן האָבן מיט גראַנאַטן צעריסן זיין קערפּער.

עמיל לודוויג, וואָס זינגט פאַרדינטע הימנען דער בכבודיקער געשטאַלט פון מאַסאַריקן, וועלכער, אויס דאַנקבאַרקייט צו זיין צווייטער היים, דער שווייץ, צייכנט די באַשיידענע, פעסטע, גראַדע נאַטור פון דעם שווייצאַרישן שטאַטסמאַן גאַטאַ, ווידמעט אויך זיין פען צו די צוויי דיקטאַטאָרן מוסאָליני און סטאַלין. פון מוסאָלינין רעדט ער מיט אַ סך מער וואַרימקייט ווי פון סטאַלינען, אָבער אויך צו דעם לעצטן איז ער ליבעסווירדיק ביז גאָר, לויבט זיינע גוטע אויגן און פאַרזיכערט אַז ער וואָלט ניט מורא געהאַט אים אַנטרויען זיינעביידע קינדער. בכלל מיינט לודוויג אַז פון די שטאַטסמענער וואָס ווירקן איצט דאַרף מען ריידן מיט דער אָביעקטיוויטעט און קאַלטקייט מיט וועלכער מ'וועט וועגן זיי ריידן אין הונדערט יאָר אַרום. די הונדערט יאָר שפּעטער גאַראַנטירן אָבער ניט אומבאַדינגטע אָביעקטיוויטעט. פּלוטאַרך, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל חשיבות און רואיגקייט דערציילט וועגן דעם לעבן פון זיינע העלדן, האָט ניט אַלע מאָל געקענט צווינגען זיין נשמה זי זאָל שטיין שטיל. דער לייענער פילט וואו פּלוטאַרכס האַרץ קלאַפּט וואַרעם, אויף וועלכער זייט זיינע סימפּאַ־

טיעס ליגן, און ווען ער דערציילט וועגן פּעריקלעסן, וויל ער מיט דער שילדערונג פון אָט דער דערהאָבענער געשטאַלט ווירקן אויפן לייענער.

עמיל לודוויג איז אָבער ווירקליך אָביעקטיוו. בלויז פון דער פאָררעדע צו זיין בוך דערוויסט מען זיך אַז ער איז אַ דעמאָקראַט און ער האַלט אַז די פאָרמע איז די ווירדיקסטע וואָס מענטשן דאַרפן פאַר זיך אויסקלייבן. זיין דעמאָקראַטישער גלויבן דינגט ביי אים ניט אַרונטער קיין ברעקל סוביעקטיוויטעט. אמת, ער איבערראַשט סטאַ־לינען מיט דער פראַגע פאַרוואָס נאָך אַזוי פיל יאָרן פון זיין הערשאַפט איז די סיסטעם נאָך אַלץ אַזוי דראַקאָניש, אָבער באַלד פאַרגלעט ער דאָס מיט אַ פריינדלעכער ליבעסווירדיגקייט, מיט אַ קאָמפּלימענט וואָס מוז ווייכער מאַכן דאָס האַרץ פון אַ דיקטאַטאָר. ער פרעגט פלוצלונג סטאַלינען צי גלויבט ער אין שיקזאַל. אין די הענט פון אָט דעם איינעם מענטשן איז קאָנצענטרירט אַ אויסערגעוויינלעכע מאַכט, זיין ווילן איז דער געבאָט פון הונדערט און זעכציק מיליאָן מענטשן, פרעגן צי אָט דער מעכטיקסטער מענטש גלויבט אין שיקזאַל איז פונקט דאָסזעלבע ווי זאָגן: דער שיקזאַל האָט דיך אָוועקגעשטעלט אויף דיין אָרט. דיקטאַטאָרן זיינען ניט אומעמפּינדלעך, זיי ווערן ניט ברוגז פאַר פאַרשטעלטע קאָמפּלימענטן.

עמיל לודוויג האָט בכלל ליב איבערראַשונגען. ער זיצט, למשל, ביי מוסאָלינין אין דעם באַרימטן, גרויסן זאַל ביי דעם שרייבטיש אין ווינקל, וואָס איז שוין אַזוי פיל מאָל געשילדערט געוואָרן פון די שרייבנדיקע באַזוכער. לודוויג זיצט אַנטקעגן מוסאָלינין, מיט אַמאָל כאַפּט ער אַרויס פון דער זייטיקער קעשענע אַ צענויפגעלייגטן פּאַפּיר און דערלאַנגט עס מוסאָלינין. דאָס וויל ער שטודירן ווי אַזוי מוסאָ־ליני ספּראַוועט זיך מיט בקשות וואָס קומען פון פאָלק. צוליב דעם צוועק האָט עמיל לודוויג אויסגעפונען עפּעס אַ פּויערטע קעגן וועלכער עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה און האָט עס איבערגענומען איר „פּראָשעניע“, זי איבערגעבן מוסאָלינין. די פּויערטע איז געהאָלפן געוואָרן, אָבער דעם איינדרוק וואָס מ׳קריגט פון אַזוינע קונץ שטיק איז, אָפן גערעדט, אַ ביסל אַ שווערלעכער.

די ווירקונג פון לודוויגס ווערק ווערט אָפּגעשוואַכט ניט נאָר צו־ליב דעם ווייל ביי אים דאָמינירט דאָס ריין טעכנישע, ווייל אים פעלט

ע ס י י ע ן

די וואַרעמקייט, ער האָט ניט די פייאיגקייט צום באַזעלטן, דעם דיכטערישן, נאָר אויך צוליב אַזעלכע שריפטשטעלערישע פּאָזען און מאַניערן ווי די מעשה מיט דער פּויערטעס בקשה. אָנשטעל.

איז געטהע געווען גליקלעך?

בנוגע קיין אַנדער דיכטער וועט מען ניט שטעלן אָט די פראַגע, ווייל מ׳דאַרף ניט האָבן קיין באַזונדערן פיינעם געפיל איינצוזען, אַז אויב גליק איז דער סינאָנים פון רו, צופרידנקייט מיט זיך, נשמהדיקער האַרמאָניע, דאַרף מען די דיכטער, קינסטלער און שריפטשטעלער ניט זוכן צווישן די גליקלעכע, מ׳וועט זיי דאָרטן ניט געפינען. זיי ליידן צופיל צו קענען זיין גליקלעך. *די עצם משא פון דעם שעפערישן*, דאָס שטענדיקע טראָגן אין זיך נייע געשטאַלטן, נייע געדאַנקען, וואָס פאַרלאַנגען אויסדרוק און געשטאַלטונג, דאָס ניט קענען זיך פאַרגינען אַ לאַנגע הפסקה צווישן אַ פאַרענדיקטן ווערק און דעם וואָס האַלט ביים געשאַפן ווערן, שוין דאָס אַליין איז אַ מקור פון פיין, פון חבלי לידה. אָבער ניט נאָר צוליב דעם אַליין ליידט דער דיכטער. ער ליידט נאָך מער צוליב זיין גליקלעך־אומגליקלעכער טבע אויפצונעמען דאָס טראַגישע פון דער וועלט און מענטשן, דאָס ליידן פון מענטשן, פריער, טיפער און שנעלער ווי אַלע אַנדערע. ער נעמט עס אויף *מיט דעם געפיל, מיט דער נשמה און ניט מיטן קאָפ*. דער קאָפ, דאָס הייסט, דער פילאָזאָף, דער דענקער, שטעלט נאָר פעסט זאַכן, קאָנסטאַטירט, און ווען אַפילו ער איז פעסימיסטיש געשטימט קען ער בלייבן גאַנץ רואיק, האַרמאָניש, דער דיכטער אָבער קומט אַרויס מיט אַ געשריי, מיט טענות, רעדט זיך אַרונטער פון האַרצן, דאָס הייסט, ער ליידט, ער איז אומגליקלעך. פון דאַנען נעמט זיך דאָס היפערנערוועזע, די אומרו, די צעפלאַטערטקייט, דאָס וואַרפן זיך אַהער און אַהין ביי דעם דיכטער און ביים קינסטלער בכלל. אַפילו דאָס שיינע און דאָס ערהאָבענע ברענגט אָפט אַרויס ביים דיכטער ניט די פרייד, דעם געפיל פון גליק, נאָר, אדרבא, עס רופט גאָר אַרויס די טיפסטע מעלאַנכאָליע, ווייל פון באַטראַכטן דאָס שיינע ווערט דער סענסיטיווער נאַטור פון דיכטער

ע ס ײ ע ן

נאָך שװערער זיך אומקערן צוריק צו דער אומפּולקאָמענער ערד און צו דעם מענטשן װאָס איז נאָך מער אומפּולקאָמען. אַט דעם גײסטיקן צושטאַנד האָט זײער שײן אױסגעדריקט פּלאַטען אין די װאונדערבאַרע שורות:

Wer die Schonheit angeschaut mit Augen
Ist dem Tode schon anheimgegangen
Wird fur keinem Dienst der Erde taugen.

װער עס האָט געזען די שײנקײט מיט די אױגן, איז װי ער װאָלט איבערגעגעבן געװאָרן צום טױט, אױף דער ערד װעט ער שױן צו גאָרניט טױגן.

פּראַקטישע מענטשן נעמען דערפאַר אַזױ זעלטן אױף אַ דיכטער, אַ קינסטלער פאַר אַ באַאַמטן אין אַ ביוראָ, און װען זײ טוען עס איז עס זײער ניט גערן. מען קען בײ זיך ניט פּועלן אנפאַרטרױען אים די קאַנטאָר ביכער, װײל דערצו דאַרף מען האָבן אַ ניכטערן קאָפּ, אַ רואיקן געמיט, בעת דער אמתער דיכטער איז שטענדיק ש כ ו ר פ ו ן ש מ ע ר ץ א ו ן ל ײ ד ן.

אַן אַנדער דײטשישער דיכטער, פון דעם קרײז פון די ראָמאַנטי־קער, עיכענדאָרף, שילדערט אין דעם „לעבנס גורל פונם דיכטער" אין סטראָפן פול מיט װײטיק: „ער מוז װײנען פאַר אַלעמען און פאַר אַלעמען קלאָגן. ער איז דער שליח צבור, דער סײסמאָגראַף, װאָס באַריכטעט װעגן די מענטשלעכע לײדן און בײנקשאַפטן. דערפאַר גײען פאַרבײ די דיכטער איבער דער װעלט װי מעטעאָרן, זײ קענען זיך ניט האַלטן לאַנג אױף דער ערד, זײ װערן משוגע, ענדיקן מיט זעלבסטמאָרד, אָדער שטאַרבן אַזױ פריצײטיק. די גרױסע זינגער פון לײדן זײנען אַלע פריצײטיק אונטערגעגאַנגען. דיכטער זײנען קודם כל גרױסע מעלאַנכאָליקער: טאַרקװאטא, טאַסאָ, העלדערלין, שעלי, לעאָפּאַרדי, קלײסט, לענוא. װי מעטעאָרן האָבן זײ דורכגעלױכטן, געלאָזט פאַלן אַ אומפאַרגעסלעכע טרער און פאַרשװאונדן . . ."

עס איז דאריבער ניט נױטיק צו רײדן פאַרװאָס אַ דיכטער קען ניט זײן גליקלעך. אָבער געטהע? יעדער מער אָדער װײניק ליטע־ראַריש געבילדעטער פאַרבינדט דעם פּענאָמען געטהע מיט דער פאַר־

שטעלונג פון אַ האַרמאָנישן לעבן, פון אָלימפּישער רו. אמת, יעדער מער אָדער ווייניק ליטעראַריש געבילדעטער ווייסט אַז געטהע האָט געשריבן „ווערטהערס ליידן“ און „פאַוסט“, ער האָט געשריבן וועגן דעם גליק פון ליבע, דערפאַר אָבער אויך וועגן דעם טרויער פון שיידן זיך און עס איז אוממעגליך אַז אַט דער שמערץ זאָל ניט האָבן איבער־געלאָזט אין זיין נשמה און אויף זיין געמיט קיין שפּור. און ווער נאָך ווי ער האָט געקענט פילן די שווערע משא פון ניט אויפהערנדיקן שאַפן, פון דער האַרטער פאָדערונג: דערלייז אונז! מיט וועלכער עס זיינען געקומען צו אים די פילע געשטאַלטן און נאָך מער געדאַנקען פון זיינע דיכטערישע שאַפונגען? און פונדעסטוועגן, און טראָץ דעם אַלעמען, איז געטהע אין דער פאָרשטעלונג פון אַלע דער אָלימפּיער, דער גליקליכער, דער אומבאַטריבטער העללענער, מיטן לאָרבער קראַנץ אַרום קאָפּ און מיט זיינע דריי און אַכציק יאָר וואָס זיינען איין טרי־אומף צוג דורכן גאַנצן לעבן. עס העלפט ניט וואָס מען ציטירט אַזוי אָפט זיינע באַקאַנטע ווערטער, אַז ווען ער זאָל ריכטיק באַטראַכטן ווייסט ער ניט אויב אין זיין גאַנצן לאַנגן לעבן וועט ער קענען אויפ־קלייבן דריי וואָכן פון אמתן גליק. עס זיינען אויך באַקאַנט יענע אומפאַרגעסליכע סטראָפן אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט אַזאַ מידיגקייט פון לעבן, אַזאַ בייענקשאַפט נאָך דעם מער ניט זיין:

Uber allen Gipfeln
Ist Ruh,
In allen Wipfeln
Spurest du
Kaum einen Hauch;
Die Voglein schweigen im Walde
Warte nur, balde
Ruhest du auch.

(אויף אַלע בערג שפּיצן איז רו, אין אַלע בוים־שפּיצן שפּירסטו קוים אַ הויך (אָטעם) די פויגל שווייגן אין וואַלד. וואַרט, באַלד רוסטו אויך.)

אָבער אַלע מאָל זעען מיר אים ווי דעם מענטשן וואָס באַהערשט

זיין שמערץ, וואָס קומט איבער זיין פּיין. געטהע שפּאַנט איבער פּורפּור באַזוימטע וואָלקנס און פאַרנעמט ניט די קולות וואָס טראָגן זיך פון אונטן. די לעגענדע פון געטהעס גליקליך זיין ווערט נאָך געגנערט פון דער קעגנערשאַפט, יאָ, פון דעם האַס, פון לודוויג בערנע, וואָס האָט ניט געקענט מוחל זיין געטהען זיין אָלימפּישע רו, זיין גלייכגילטיגקייט צו די געשעענישן וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט, זיין אפּאליטיזם, אויב מ'קען נוצן אַזאַ וואָרט בנוגע געטהען, וואָס האָט געהאַט דעם הויכן אַמט פון אַ מיניסטער.

אָבער געטהע דער גליקליכער איז מער לעגענדע ווי דער אומגליקליכער. ער איז געווען אַ צו גרויסער, צו געניאַלער דיכטער ער זאָל קענען זיין אַ יוצא מן הכלל אין אַזאַ וויכטיקן ענין ווי ליידן וואָס לייטערן. זיין רו איז אפשר געווען גיכער אַ רעזערווירטע, חשיבות־דיקע צוריקגעצויגנקייט, די מאַניער פון אַ הויף מענטש. (די הערצאָגישע אויסצייכענונג, דער שטערן איז אַלע מאָל געהאַנגען אויף זיין ברוסט). מ'קען דאריבער שטעלן אַ פראַגע צייכן מכח געטהעס גליק, מ'האָט אַ רעכט צו צווייפלען דעריין.

אין טהאָמאַס מאַנס בוך, וואָס איז דאָ ניט לאַנג דערשינען, „ליידן און גרויסקייט פון די מייסטער" גיט ער אָפּ צוויי קאַפּיטלעך געטהען. אין דעם לעצטן קאַפּיטל רעדט ער אויך וועגן געטהעס עגמת נפש, זיינע פאַרביטערטקייטן. די אָלימפּישע ערהאָבנקייט האָט ניט אויסגעשלאָסן כעס, אומצופרידנקייט, גערייצקייט. געטהע איז גאָר־ניט געווען אַזוי גלייכגילטיק צו דער רעספּעקטלאָזיגקייט מיט וועלכער דער יונגער דור שרייבער האָט זיך צו אים באַצויגן. ער האָט אויך געליטן פון אַלטקייט, ניט נאָר אין פיזישן זין, נאָר אויך אין זין פון זיין איינזאַם. ווען מיר לייענען אקערמאַנס געשפּרעכן מיט געטהען קריגן מיר אַ פאַרשטעלונג פון געטהען אויף זיינע עלטערע יאָרן ווי פון אַ גייסטיקן קעניג וואָס זיצט אויף זיין דיכטער טראָן און נעמט אויף די שירים ותשבחות פון דער יוגנט. עס איז צו אידיליש צו זיין אינגאַנצן אמת. געטהע האָט געליטן. — די איינזאַמקייט און די פאַרגליווערטקייט פון זיין עלטער, — שרייבט טהאָמאַס מאַן, — איז אַ דערשיינונג וואָס רירט ביים האַרצן, כאָטש דאָס איז אַ נאַ־טור געזעץ. — ער ציטירט געטהעס ווערטער: „איך בין אייך אַלעמען

צו לאַסט, אייניקע אַפילו פאַרהאַסט״. אָדער „זיי לאָזן מיר אַלע גריסן און האַסן מיך צום טויט״.

דער צווייטער זאַץ איז אפשר אַ פאַראיבערגייענדיקע היפאָכאָנ־דריע, אָבער דאָס קלאָגן זיך אַז ער איז אַלעמען געוואָרן צו לאַסט איז גאָר ניט אַזוי גרונטלאָז, ער האָט זיכער געהאַט אַ אַנונג וועגן דעם. אַ באַשטעטיקונג דערצו געפינען מיר אין אייניקע שטעלן פון די זייער אינטערעסאַנטע זכרונות פון אַלעקסאַנדער פאָן שטערנבערג, וואו עס ווערט דערציילט וועגן זיין באַזוך אין געטהעס הויז ניט לאַנג נאָך זיין טויט. דאָ האָבן מיר אַן עדות פון אַ בן דור, אַ גייסטרייכער מענטש מיט אַן עמפינדליכער נשמה. ער דערציילט געלאַסן וועגן דעם לעבן מיט הונדערט יאָר צוריק און זיינע זכרונות פירן אים קיין ווייִמאַר אין געטהעס הויז, וואו די שנור אָטיליע איז די אייִנציקע יורשטע און באַלעבאַסטע. ע ר פעלט, אָבער אין שטוב איז ניט אומעטיק.

— אין געטהעס הויז, — שרייבט פאָן שטערנבערג, — האָט מען אַמווינציקסטן גערעדט וועגן געטהען. די יונגע פרויען וואָס זיינען דאָרט געוועזן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער קעגנוואַרט, און אַ ניט באַרימטע יוגנט איז געוועזן מער אָנגעלייגט ביי זיי, פאַר זייערע טאָג טעגליכע אינטערעסן, ווי אַפילו דער זייער באַרימטער אַלטער נאָמען. אויך אין אַנדערע קרייזן איז עס געוועזן ניט „באָן זשאַנר״ צו ריידן פון געטהען. ער איז אַזוי לאַנג געוועזן מיט זיי, מ׳האָט זיך שוין אַזוי אָנגעזעטיקט מיט אים, אַז ווען ער איז ענדליך אַוועק, דער דרוק פון דעם גרויסן באַרימטן מיניסטער האָט נאָכגעלאָזט, די אייביקע רעפע־רענצן האָבן אויפגעהערט, איז מען פון גאַנצן האַרצן געוועזן צופרידן צו וויסן אַז דער דאַלאַי־לאַמאַ איז מער ניטאָ אין דערהיים, און מ׳קען זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע זאַכן. האָט אַ פרעמדער געפרעגט וועגן די באַזונדערע פירעכצן פון דעם גרויסן מענטשן, האָט מען אים קאַלט געענטפערט און אים אָנגעוויזן אויף דעם אַלטן קאַמערהער, דעם אַלטן ביבליאָטעקאַר און אויף עקערמאַנען״.

די לאַסט פון דעם געני! געוויינליכע מענטשן זיינען גרייט פון צייט צו צייט אַ קוק טאָן אויף אים, אָבער האָבן אַרום זיך שטענדיק אַ גרויסע באַרימטהייט איז פאַר זיי שווער, כמעט אומערטרעגליך.

ע ס י י ע ן

געטהעס שנור און איר קרייז, ניט קוקנדיק אויף אַלע גייסטרייכע פלוי־דערייען, זיינען געווען געוויינליכע מענטשן און האָבן פשוט געליטן פון דער שטענדיקער אַנוועזנהייט פון אַ געני. געטהע איז געווען טריאומפאַליש, שווער און פייערליך, גליקליך איז ער אָבער געווען ניט פיל מער ווי אַנדערע דיכטער. ער האָט פשוט לאַנג געלעבט און אין פאַרלויף פון דעם לאַנגן לעבן האָט זיך געוועבט די לעגענדע וועגן זיין גליק. אַ מערקווירדיקע לעגענדע פון אַ גרויסן דיכטער וואָס האָט גע־וואוסט אַלע מאַטערנישן פון פאַלן „מאגרה רמה לבירא עמיקתא„

Himmel jauchzend und zu tode betrübt.

און פון וועלכן עס זיינען געבליבן, צווישן די גוואַלדיקע אוצרות, די זעלטענע, וואונדערבאַרע פיר שורות:

*) Ach, ich bin des Treibens müde,
Was soll all der Schmerz und Lust.
Süsser Friede,
Komm, ach, komm in meine Brust.

---

*) אך, פון דעם טומל בין איך מיד, וואָס טויג דער גאַנצער שמערץ, די ווילדע לוסט. זיסער פרידן, קום, אה, קום צו מיר אין ברוסט.

איבער דעם וועזן פון פּלאַגיאַטאָר און פּלאַגיאַט

מיר ווילן דאָ ניט ריידן וועגן דער באַקאַנטסטער און פאַרשפּרייט־סטער פאָרמע פון אַט דער שוואַכקייט — זיך צושאַרן צו פרעמדן גייס־טיקן אייגנטום און עס אַרויסגעבן ווי אייגנס — פּונקט ווי מ׳רעדט ניט קיין סך פון קעשענע גנבים. וואָס איז דאָ דאָ צו ריידן? מ׳ ד אַ ר ף ז י י כ אַ פּ ן . כאַפּט מען די קעשענע גנבים גיט מען זיי איבער דער פּאָליציי, און דעם ביליקן, פּרימיטיוון סאָרט פּלאַגיאַטאָר גיט מען איבער צום משפּט פון דער עפנטליכער מיינונג און דער אורטייל ווערט אַרויסגעגעבן שנעל, אָן קאָפּדרייעניש. אינטערעסאַנט ווערט דער ענין ערשט דאַן ווען מ׳האָט צו טאָן מיט די קאָמפּליצירטע פאָרמען פון פּלאַגיאַט און די קאָמפּליצירטע פּלאַגיאַטאָרן. די פאָרמען פון פּלאַ־גיאַט זיינען פילע. דאָ אומשולדיקע, אומבאַוואוסטזיניקע, וואָס טרעטן איבער דעם געבאָט פון אָנרירן פרעמד גייסטיק אייגנטום, ניט וויסנ־דיק גאָר אַז זיי טוען עס; דאָ שטיפערישע, וויציקע, ביי וועמען עס איז פּשוט אַ שפּאַס; עס זיינען אויך דאָ פּוילאַקעס, וואָס נעמען ביים אַנדערן פאַרבייגייענדיק, ווייל זיי פוילן זיך גיין אַהיים, ווידער קומען פאַר מערקווירדיקע פאַלן פון פּלאַגיאַט אין דער ליטעראַטור, באַגאַנגען ניט פון אַבי וועמען, נאָר פון גרויסע. מיט איין וואָרט, די פאָרמען זיינען פאַרשידנאַרטיקע. אייניקע פאַלן וועלן דאָ באַטראַכט ווערן.

קודם דער אַזוי גערופענער פּוילאַק, איינער וואָס איז אַליין באַ־גאַבט, באַשיינקט מכל טוב וואָס אַנבאַלאַנגט גייסט און טאַלאַנט. ער דאַרף גאָר ניט נעמען ביי אַנדערע, זאָל ער זיך נאָר אָוועקזעצן ביי זיין שרייב טיש אויף עטליכע שעה וועט זיין פּען אים פאָלגן, ער קען זיצן און שרייבן גוטע, זייער גוטע זאַכן. מיט אַמאָל כאַפּט אים אָן דער „פוילער״ און ער . . . קריכט אַריין אין אַ פרעמדער גייסטיקער קע־שענע. אַט די קעשענע איז גאָר אַ סך אָרימער אפשר פון זיין אייגע־נער, אָבער דער יצר הרע צו קריגן עפּעס גרייטס, עטוואָס ניט פאַר־

האָרעוועט, פאַרפירט אים צו די ניט שיינע מעשים. אין אַזאַ פאַל באַציט זיך דאָס פובליקום ווייכהאַרציק, שוין צו ווייכהאַרציק. תחילת איז עס גאָר ניט גענויגט צו גלויבן: געכאַפּט אים אין אַ פרעמדן גאָרטן רייסן פרעמדע עפּל? אָבער ער האָט דאָך אַליין אַ גרויסן פאַרק מיט די שענסטע פרוכט בוימער, פאַרשטייט זיך, אויך עפּל פון די בעסטע סאָרטן, — טענהט דאָס פובליקום. ווען מ׳קען זיך שוין אָבער פאָרט ניט אַרויסדרייען פון דעם פאַקט, לאַכט פשוט דאָס פובליקום, מאַכט די זאַך צו גאָרנישט, אַ וויץ, אַן איינפאַל. — איר הערט אַ ביסל? אַ מענטש איז באַקאַנט מיט זיין ממש ריזיקן פאַרק, וואו עס וואַקסן די שענסטע בארן, די צאַרטסטע אַפּריקאָזן, עפּל, וואונדערבאַר אויפן אויסזען און אין געשמאַק, האָט זיך אים פאַרוואָלט ניט אַנדערש — אַן איינפאַל — ביליקע עפּל פון אַ קליינעם שכנישן גאָרטן. — דאָס פובליקום לאַכט, אָבער דאָ איז ניטאָ פון וואָס צו לאַכן. דאָ האַנדלט זיך מכח דעם מיאוסן פאַל פון נעמען פרעמדס ניט אויס נויט, אויס אָרעמקייט, נאָר אויס . . . פוילקייט. זייער און זייער ניט סימפּאַטיש.

דאָ אויך פלאַגיאַטאָרן וואָס זיינען ממש גאָט די נשמה שולדיק, ריין וואָס ריין הייסט. זייער אומגליק באַשטייט נאָר אין דעם וואָס זיי האָבן אַ פענאָמענאַלן זכרון און זיי לייענען זייער אַ סך. דער אויסערגעוויינליכער זכרון באַהאַלט דאָס פרעמדע מיט דער בעסטער כונה צו רעספּעקטירן עס ווי פרעמדס, קלעפּט אַפילו אָן אַ צעטעלע דאַרויף: „פרעמד גייסטיק אייגנטום, אָנגעבן די מקורות.“ עס גייען אָבער פאַרביי עטליכע יאָר, דאָס צעטעלע פאַרשווינדט, עס בלייבן אַ סך בלעטער פון פרעמדע ביכער, ציטאַטן, אַפאָריזמען, שירים, קליינע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, און זיי ליגן אַזוי לאַנג ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין עטוואָס אייגנס. דער פענאָמענאַלער זכרון באַהאַלט אַלץ, נאָר דאָס קליינע צעטעלע „פרעמד אייגנטום“ פאַרגעסט ער, און אַזוי ווערט מען אומגערן אַ פלאַגיאַטאָר.

מיט עטליכע יאָר צוריק האָט מען אין עסטרייך צי אין דייטשלאַנד, איך געדיינק ניט גענוי, באַשולדיקט אַ געלערנטן אָדער אַ שריפטשטעלער אין פלאַגיאַט. דער ענין איז געקומען אין געריכט. אין געריכט האָט דער באַשולדיקטער געבעטן די שופטים מ׳זאָל ברייננגען פילאָזאָפישע ביכער, ראָמאַנען, די ווערק פון שעקספּיר און געטהע,

ווערק פון ניט אַזוינע גרויסע אָבער אויך באַוואוסטע דיכטער, ראָמאַ־ניסטן, רייזענדער, וועלכע ער האָט אַמאָל געלייענט און זאָלן זיי אים פאַרהערן. די ריכטער און דאָס פּובליקום זיינען געווען דערשטוינט. דער מענטש האָט געהאַט אַ זכרון וואָס האָט אַלץ איינגעזאַפּט, עס פאַרטיילט אין פאַרשיידענע שפּייכלערלעך און עס אָפּגעהיט, ניט ווייל ער האָט געהאַט די כונה צו באַנוצן עס שפּעטער, נאָר פּשוט, ער האָט אַנדערש ניט געקענט. אַ קלאָרער פאַל וואו דער זכרון איז שולדיק, ער קען אָפט ניט געפינען דעם חילוק צווישן פרעמדס און אייגנס. שעקספּיר און געטהע היט ער, אָפּ, אָבער פּאַפּאַדיעט זיך אים אַ ניי פילאָזאָפיש בוך, אָדער אַ נייע אויסגאַבע פון עפּעס גאָר אַן אַלטן, פאַרגעסענעם דיינקער, לייענט ער עס אויך איבער און ווערט נעבעך אומשולדיק נכשל. דער זכרון איז זיין אומ־גליק. די שופטים האָבן אים דערקלערט אומשולדיק.

אַ ספּעציעלער, געפערליכער — ווייל שווער צו כאַפּן — טיפּ פּלאַגיאַטאָר איז דער וואָס רויבט פרעמד אייגנטום דורך דער סיסטעם פון איינהערן זיך, אויספרעגן, צוזעצן זיך צו אַ טישל וואו עס פאַר־ברייינגען אין געשפּרעך עטליכע אינטערעסאַנטע מענטשן, דערנאָך דאָס פאַרצייכענען אין זיין קליין נאָטיץ ביכל, כדי דאָס שפּעטער באַאַר־בעטן. דאָס זיינען פּלאַגיאַטאָרן — גזלנים. דאָס פעלד פאַר זייער גזלה איז געוויינליך דאָס קאַפע הויז, וואו עס טומלט זיך און עס לעבט זיך אויס די אַזוי גערופענע קינסטלערישע, ליטעראַרישע באָהעמע. ניט יעדן איינעם פון אָט דער משפחה וואָס הונגערט, רויכערט אָן אַן אויפהער און פּלוידערט ווי פון היץ דאַרף מען באַטראַכטן ווי אַ ניט אַנערקענטן טאַלאַנט. דאָ צווישן זיי גענוג גראַפאָמאַנען, איינגעביל־דעטע גאָרנישטן, ליידיקגייער מיט פּרעטענזיעס פון ניט אַנערקענטע, ניט פאַרשטאַנענע, עס זיינען אָבער אויך דאָ טאַלאַנטירטע אומגליק־ליכע, ווען עס האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּצודרוקן אַ ליד אָדער אַ דערציילונג, בעת נאַטאַרישע מיטלמעסיגקייטן האָבן יאָ דאָס גליק. זיצן זיי, פאַרביטערטע, יאושדיקע, אַמאָל דוקא אויך פריילעך, מיט דער ספּעציפישער באָהעמישער פרייליכקייט, אין די קאַפעען און ריידן און ריידן, ריידן באַגאַבט, גייסטרייך, שפּרודלדיק, ווען ניט ווען טוט אָפּילו אַ בליץ געניאַליטעט. דאָ האָבן אַ געלעגנהייט די פּלאַכע,

ע ס י י ע ן

די אָרימע אין גייסט און געפיל, אָבער שוין איינגעאָרבעט אין שריי־בעריי, די וואָס האָבן גוט באַצאָלטע שטעלעס אין די רעדאַקציעס און פאַרלאַגן, צו קומען און נאַשן. ווי די אָפּגעפרעסענע טויבן אויף דעם סאַן מאַרקאָ סקווער אין ווענעדיג, קומען זיי אין די ליטעראַרישע קאַ־פעען פון וויען און בערלין (בערלין פון אַמאָל, פאַרן מבול . . .) און וואַרטן ביז די „טוריסטן פון לעבן", די אויסלענדער פון לעבן, די האַלב פאַרהונגערטע קינסטלער און דיכטער וועלן זיי צוּוואַרפן די גייסטי־קע ברעקלעך, די גאָלדענע קערנדלעך פון אָנגעווייטיקטער אַפּאַריסטיק. אויפגעכאַפּט די שיריים, נעמען די אויפקלייבער, פאַרוואַסערן זיי, פּרעפּאַרירן זיי, און זעצן זיי אָפּ פאַר גוטן האָנאָראַר, ווערן פעט פון פרעמדער שפּייז. דאָס זיינען די ערגסטע טיפּן פון פּלאַגיאַטאָרן־גזלנים, וואָס ריזיקירן קיינמאָל ניט מ'זאָל זיי כאַפּן, זיי אָנקלאָגן, ווייל די וועמען זיי באַרויבן, פון וועמען זיי שפּייזן זיך, ציטערן ניט איבער זייער אייגנטום, שרעקליכע קבצנים, זיינען זיי אָבער רייך גייסטיק און זיי שיינקען רעכטס און לינקס, מיט אַ ברייטער האַנט און זיינען נאָך דאַנקבאַר דעם וואָס פאַרווענדט זייער עשירות פאַר זיינע אייגענע צוועקן, זיי זיינען אים נאָך דאַנקבאַר ווען ער באַצאָלט פאַר זייערס אַ טעפּל קאַווע . . .

דאָ וויל איך אָנווייזן אויף אַ זעלטענעם אָבער דאָך פאַרגעקומע־נעם פאַל, ווען ניט אַ ליד, אַן אַרטיקל, נאָר אַ ג אַ נ ץ ב ו ך איז קאָפּירט געוואָרן פון אַ שרייבער און אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער דעם אייגענעם נאָמען. מיר מיינען דאָ „בריוו איבער דעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר יוסף היידען" פון סטענדהאַל.

סטענדהאַל, איינער פון די גרעסטע פראַנצויזישע שריפטשטע־לער אָנהויב ניינצטן יאָרהונדערט און דער שעפער פון פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, האָט זיך אומשטערבליך געמאַכט מיט זיינע ראָמאַנען, נאָ־וועלן, רייזע שילדערונגען. דאָס האָט אים אָבער אָפּנים ניט געשטערט אַרויסגעבן דאָס דערמאָנטע בוך וועגן היידענען, דריי פערטל פון וועלכן זיינען קאָפּירט געוואָרן פון אַ בוך וואָס איז דערשינען צוויי יאָר פאַר זיינעם, דער אויטאָר פון וועלכן איז געווען איינער דזשוזעפּע קאַרפּאַני. ניט געגנאַשט אַ פּאָר בלעטער פון אַ פרעמדן בוך, נאָר אַרונטערגעשריבן דריי פערטל. מערקווירדיק איז דאָס וואָס סטענד־

האַל, שטאָלץ מיטן באַוואוסטזיין פון זיינע אייגענע קינסטלערישע כחות, האָט זיך נאָך לוסטיק געמאַכט איבער דעם ליטעראַריש באַגזלטן קאַרפּאַני. סטענדהאלס פריינט האָבן אים נאָך אַרויסגעהאָלפן. מ׳האָט פאַרגעשטעלט די זאַך אַזוי אַז דער אומגליקליכער קאַרפּאַני האָט נעבעך אָנגעשריבן אַ לאַנגווייליק דיק בוך איבער היידענען, אַ נס וואָס סטענדהאל איז געקומען און האָט נאָר באַנוצט דעם מ אַ ט ע ר י אַ ל פון דעם בוך און דערמיט פאַרוואַנדלט דאָס לאַנגווייליקע אין עפּעס אינטערעסאַנטעס, גייסטיק רייכס, אויפגעלעבט אַ מומיע. דאָס געגנבעטע האָט ער ניט אַרויסגעגעבן אונטער זיין נאָמען, נאָר אונטער אַ לאַנגן פּסעוודאָנים לואי־אַלעקסאַנדער־צעזאַר־באמבע, און האָט שפּעטער געפרעגט: קען אַ פּסעוודאָנים זיין אַ פּלאַגיאַטאָר? דאָס בוך איבער היידען דערשיינט נאָך איצט אונטער סטענדהאלס נאָמען. אַ שיין בוך, אָבער עס געהערט ניט צו אים, נאָר יענעם קאַרפּאַני.

אין דער אויסגאַבע וואָס ליגט פאַר מיר איז דאָ אַ גרויסער אַרטיקל, אַ נאָכוואָרט פון ראָמען ראָלאַן, וועלכער האָט, ווי באַקאַנט, געשריבן אַ סך מוזיק מאָנאָגראַפיעס און מוזיק ביאָגראַפיעס. ראָמען ראָלאַן האָט גענוי אונטערזוכט אָט דעם פאַל פון פּלאַגיאַט און איז געקומען צו אָט דעם שטוינענדיקן רעזולטאַט. דאָס בוך האָט 298 זייטן. צוויי הונדערט פון זיי האָט סטענדהאל קאָפּירט, פּשוט געגנבעט.

— סטענדהאל, — שרייבט ראָמען ראָלאַן, — האָט גענומען ביי קאַרפּאַנין די בריוו פאָרם, די באַריכטן, לאַנגע חלוקי דעות, אַלע ביאָגראַפישע איינצלהייטן, אַלע מוזיקאַלישע אַנאַליזן, אַלע קריטישע אורטיילן איבער היידענען, און כמעט אַלע אַנעקדאָטן, אַפילו די וואָס באַציִען זיך אויף קאַרפּאַנין אַליין. פון נאָך גרעסערער באַדייטונג און וואָס מאַכט נאָך שווערער פאַר סטענדהאלן און זיינע פאַרטיידיקער זיך אַרויסדרייען איז דאָס, וואָס סטענדהאל האָט געראַבעוועט ניט נאָר דעם עסטעטישן טייל, נאָר אויך דעם היסטאָרישן. עס איז ממש צום שטוינען ווען מ׳זעט אַז ניין צענטל פון די פאַרגלייכן צווישן מוזיק און מאלעריי, וואָס געפינען זיך אין דעם בוך, אַנטשפּרעכנדיק דעם געשמאַק פון יענער צייט, איז גענומען געוואָרן ביי קאַרפּאַנין.

עסיען

אַלע קינסטלערישע סימפּאַטיעס פון דעם איטאַליענער קארפּאַני האָט סטענדהאל איבערגענומען אָן קיינע ענדערונגען. אַ סך אידייען, וואָס שיינען צו זיין סטענדהאלס, זיינען אין דער אמתן קאָפּירט געוואָרן פון קארפּאַנין. וואָס קען מען זאָגן אויף אַזעלכע פאַרניכטנדיקע פאַקטן? ווי קען מען אַנטשולדיקן די אומגלויבליכע חוצפה פון אָט דער פּלאַנ־מעסיקער רויבעריי?

ראָמען ראָלאַן, וואָס וויל אָט דעם אויסערגעוויינליכן פאַל דער־קלערן פּסיכאָלאָגיש, קומט צום שלוס אַז דער גאַנצער ענין איז פאַר דעם גייסטיק רייכן און טאַלאַנטירטן סטענדהאל געווען ניט מער ווי אַ שפּאַס.

דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ ביישפּיל פון איינעם וואָס קריכט אין אַ קליינעם שכנישן גאָרטן גנבענען עפּל בעת ער פאַרמאָגט אַליין אַ גוואַלדיקן פאַרק מיט די אויסערגעוויינליכסטע פרוכט בוימער.

דער ראָמאַן פון אידישער איניציאַטיוווע

זשאַן רישארד בלאָך (איינער פון די באַרימטע פראַנצויזישע שריפטשטעלער און אַ איד, וואָס באַהאַלט ניט זיין אידישקייט) דער־ציילט אונדז אין זיין ראָמאַן „זימלער עט קאָמפּאַני״, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט וויכטיקע קינסטלערישע אייגנשאַפטן און מיט אַ באַזונ־דער קראַפט צו געשטאַלטן בילדער, ווי אַ משפחה פון אידישע צייג־פאַבריקאַנטן איז אין די 70־קער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט אַריי־בערגעקומען פון עלזאַס אין אַ קליין אינדוסטריעל שטעטל פון מערב פראַנקרייך; ווי אַזוי די משפחה קויפט דאָרטן אָפּ אַ חרוב־געוואָרענע פאַבריק, פּוצט עס אויס, אָרדנט עס איין און טרעט צו צו דער אַרבעט מיט גרויס פלייס און אומפאַרגלייכלאַכער מונטערקייט און דערגרייכט סוף כל סוף אַ גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג. ער נעמט אונדז אַריין פאַר שותפים צום פריילאַכסטן בילד, וואָס מאָלט פאַר אונדז ווי דער פאָטער, די קינדער און זייערע נאָענטסטע שוועסטערקינדער טרעטן צו מיט מונטערקייט, מיט פרייד און מיט אַן אומפאַראינטערעסירטקייט אין וואָסערע ניט איז אַנדערע ענינים אין דער וועלט און גיבן דעם קליינעם פראַנצויזישן שטעטל, וואָס לעבט אַ אידיליש שטיל לעבן (אָפּגעזען פון איר אינדוסטריע) אַן אויסערגעוויינליכן מוסטער פון טרייב־קראַפט און איניציאַטיוווע. זיי וועלן זיין דערפאָלגרייך אין זייער אונטערנעמונג אָטאָ די מענטשן פון דער משפחה זימלער! די אומיטלבאַרקייט זייערע, זייער כוח און פלייס, וואָס זיינען קאָנצענ־טרירט נאָר אַרום איין פונקט וועלן ווייזן וואונדער! אָט־אָט וועלן זיי ווערן די פאַרנעמסטע מענטשן פון דעם שטעטל וואנדיוור, וואו מען האָט לכתחלה געקוקט אויף זיי ניט פאַרגינעריש און מיט שפּאָט. אין דעם ראָמאַן בלאָכס איז דאָ נאָר איין פאַסירונג — די פאַבריק! דער זימלערישער טעמפּעראַמענט, דער זימלערישער פייער ווערן אויסגע־נוצט נאָר פאַר איין געגנשטאַנד. דאָס איבעריקע — אַלע אַנדערע

פּאַסירונגען זיינען נאָר עפּיזאָדן, וועלכע זיינען ניט גורם קיינע ערנס־טע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן. די סיבה איז אַ פּשוטע: די מענטשן האָבן קיין צייט ניט פאַר אַזעלכע זאַכן. בכלל, איז דער ראָמאַן אָרעם אין פּאַסירונגען; עס איז דאָרטן פאַראַן אַ ליבע, וואָס דערלעבט זיך ניט פאַנאַנדערצובליען און פאַרוועלקט נאָך איידער זי אַנטוויקלט זיך. עס ווערט געשלאָסן אַ שידוך באַזירט אויף אַ קאַלטער אויסרעכענונג. דער הויפּט פון דער משפּחה, דער „פּאַטריאַרך" זימלער, שטאַרבט. אַ יונגע פּראָווינציזקע, לא פליינע, אַ וואונדערלאכע און אַריסטאָקראַטישע, שרייבט אַ גייסטרייכן בריוו צו אירער אַ פריינדין, אַ בריוו פול מיט רעזיגנאַציע פון אַן אַריסטאָקראַטישער נשמה. חוץ דעם קומט דאָרטן קיין זאַך ניט פאָר. און דאָך איז דאָס בוך פול מיט צוציאונג און פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פונם לייענער, אָפּגעזען פון דער נישטיקייט פון די אויסערלאכע פּאַסירונגען. עס איז בעצם אַן אויסגעצייכנט בוך, און עס איז ניט גרינג זיך אין אים צו אָריענטירן. עס פאַרמאָגט אַ געדאַנק און אַפילו אַ וואָרנונג.

מיר מוזן מודה זיין, אַז דער פייער, וואָס ברענט אין דער נשמה פון די זימלערס איז, פאַרשטייט זיך, ניט יענער הייליקער פייער פונם גרויסן צדיק, וועגן וועלכן די לעגענדע דערציילט, אַז בשעת ער פלעגט זיצן און לערנען תורה, פלעגט אַ פליענדיקער פויגל פאַרברענט ווערן אין דעם אטעם פון זיין מויל . . . עס איז אויך ניט דער שיינער פלאַם, וואָס געפינט זיך אין דעם יראת שמים פון אידישן סוחר רב ישראל גאמבינער פון שלום אַש'ס „שטעטל", וועלכער שטייט זיך רואיק און דאַווענט שמונה עשרה, בשעת זיין נאמן לויפט אַריין און ברענגט אים די ידיעה, אַז די רוישיקע טייך־כוואַליעס האָבן פאַנאַנדערגעשלעפּט זיין געהילץ און צעבראָכן זיינע פליטן, ס'הייסט, ער ברענגט אים די שרעקלאַכע ידיעה וועגן זיין עקאָנאָמישן חורבן. דורכן פייער, וואָס פלאַקערט אין די הערצער פון די זימלערס, ווערט די נשמה ניט גע־לייטערט, זי הויבט זיך ניט אויף אין דער הויך; אפשר פאַרקערט — אפשר איז פאַראַן אַ סכנה, אַז זי זאָל פאַרברענט ווערן אין אַש. אָבער אונדזער מחבר האָט אַרויסגעבראַכט אין דעם ראָמאַן אַזאַ וואונדער־לאַכע מיניאַטור־אַרבעט, האָט אַנטפּלעקט אַזאַ שטאַרקע שאַפונג־פרייד, באַאַרבעטנדיק די קינסטלערישע פּרטים פון יעדן כאַראַקטער,

אַז די פרייד וואַכט אויך אויף אין די הערצער סיי פונם לייענער און סיי פונם קריטיקער. זיי ווערן אָנגעפילט ממש מיט שמחה. די פאַר־אינטערעסירטקייט פונם לייענער ווערט אויף אַ ליבלאַכן אופן אָפגע־צויגן אין אַן אַנדער זייט, אַזוי אַז די וואָרנונג וואָס ליגט אייינגעוויקלט אינם ראָמאַן ציט שוין מער ניט אָפ אונדזער אויפמערקזאַמקייט. ווען מען לייענט למשל, „די לעגענדעס פון דער משפחה פּוירסייט“ פון גאַלסוואָרטי, פאַרגעסט מען כמעט קיינמאָל ניט דעם הויפטציל פונם ראָמאַן. דער ציל פאַרכאַפט אונדז, שטייט תמיד פאַר אונדזערע אויגן (אויב מען קען אַזוי זאָגן). מען פאַרגעסט ניט אויף איין מינוט, אַז דער פּראָפעסאָר מאָלט דאָ פאַר אונדז דאָס בילד פון אַ תקופה און פון אַ מענטשלאַכן שיכט, וואָס נאָר איין פאַרלאַנג באַהערשט זיי, ליגט אויף זיי ווי אַ משא, באַצויבערט זיי, און דאָס איז דער פאַרלאַנג צו באַזיצן. דער פּראָפעסאָר חזרט איבער און דערמאָנט אונדז אָפט, וואָס אייגנטלאַך ער איז אויסן אונדז צו זאָגן מיט דעם ראָמאַן זיינעם. אַנדערש איז די שאַפונג פון זשאַן רישאַרד בלאָך. דער גורל פונם מחבר אונדזערן קען פאַרגליכן ווערן מיטן גורל פון אַ מאָלער, וואָס וויל מאָלן אַ גרויס בילד, אין וועלכן עס דאַרף אויסגעדריקט ווערן אַ צענטראַלער געדאַנק; אָבער צוליב פעדאַנטסטווע און פינקטלאַכקייט פון איבעראַרבעטן, וואָס קומען פון ליבשאַפט, דורך דער וואונדערלאַ־כער און אויסערגעוויינלאַכער פאַרפאָלקאָמונג, צו וועלכע ער דער־הויבט יעדן שטריך, יעדן אויסדרוק פון די געשטאַלטן — איז ער גורם אַ באַזונדערן גייסטיקן פאַרגעניגן, אָפגעזונדערט פון דער צענטראַלער אי־דייע; און דער מענטש, וואָס באַטראַכט דאָס בילד, ווערט ממש פאַר־בלענדט פון דער שפע פאַרפאָלקאָמטע פרטים, און ער איז ניט בכוח אויסצודריקן זיין פולע התפעלות מיט לויב־אויסגעשרייען. דער מענטש פאַרלירט דעם געדאַנק, וואָס דאָס בילד האָט געזאָלט אויסדריקן. אָבער גלייכצייטיק מיט דעם מוז מען דאָ פאַרנאָטירן, אַז די אומשולדיקע און אוממיטלבאַרע פרייד, וואָס כאַפט אַרום די זימלערס, ווען זיי טרעטן צו צו זייער אַרבעט, די אומצווייפלהאַפטע אויפריכטיקייט פון זייער גאַנצן כאַראַקטער, דער פאַקט, וואָס אַט די זימלערס זיינען בעצם אויסגעצייכנטע מענטשן, וואונדער־מענטשן, נעמט אַוועק די שאַרפקייט פון אַלע אונדזערע טענות — די טענות קעגן דער עצם צו־

עסייען

געפּאַסטקייט זייערער צו דינען „אַנדערע געטער“, בעת זייער גרויסער איבערגעבנקייט צום אָפּגאָט. פּלוצים אַנטדעקט דער לייענער, אַז בעצם ווערן אים ליב אָט די זימלערס. און וואונדערבאַר איז, וואָס דוקא די בעסטע בירגער פון דעם פּראָנצויזישן שטעטל וואנדיוור הויבן אָן צו שעצן די משפּחה, וואָס איז אַזוי פול מיט מוט. די פּריי־לין לאַ פלייגע, וועמעס האַרץ ווערט אומזיסט צעבראָכן אין איר ליבע צו יוספן, טראָגט ניט קיין האַס אויף אים אין איר האַרצן. זי רעכנט נאָך אַלץ, אַז יוסף איז דער חשובסטער צווישן אירע באַקאַנטע; און מיט אים — אך! — וואָלט זי געקענט זיין אַזוי גליקלאַך. די אייג־וואוינער פון דער אינדוסטריעלער פראַנצויזישער שטעטל האָבן איג־גאַנצן פאַרגעסן די חשדים און די אומפּריינטלאַכקייט, וואָס זיינען געלעגן אין זייער האַרצן אין באַצוג צו דער עלזאַסישער אידישער משפּחה. איצטער באַציען זיי זיך צו איר מיט פריינטשאַפט און מיט פאַרערונג. פון וואַנען קומט עס אייגנטלאַך? איז עס דער נאַטירלאַכער בטחון, די אומגעפעלשטע פאַרבינדונג אָן וועלכע ניט איז תנאים, וואָס איז דאָ צווישן אָטאָ דער משפּחה און אַ געוויסן אידעאַליזם, וואָס צווינגט די שכנים צו אַזאַ באַציאונג און צו אַזאַ אָפּשאַ־צונג בנוגע דער עמיגראַנטן משפּחה? ווען מען פאַרטיפט זיך אין דעם ענין, ווערט קלאָר, אַז די משפּחה זימלער קען מען אָפּשאַצן לויטן פּרינציפּ פון דער משפּחה פּוירסייט, אַז אין זייער נשמה געפינט זיך „עפּעס וואָס מער“. געוויס, ווען זייער ערשטער באַלאַנץ ענדיקט זיך צום גונסטן זיי, ווערן זיי אָנגעפילט מיט אַ רוישיקער פרייד, צו וועל־כער די מיזאַנטראָפּישע און שווער־באַוועגלאַכע פּוירסייטס זיינען קיינמאָל אָפּילו ניט מסוגל, די מענער פאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז, וויינען פון פרייד און שאַלן פון גרויס שמחה: „דערצייל איר, בערטאָלד, דערצייל — 17 טויזנט פראַנק אין ניין חדשים און אַז די קינדער וועלן זיין רייך ווי מלכים, זאָג איר דאָס, בערטאָלד, זאָג“.

אָבער פון דער אַנדער זייט קען מען ניט דערקלערן די אַלע זימ־לערס אייגנשאַפטן דורך פרייד פון באַזיץ. דער פאָטער פון דער משפּחה, דער אַלטער היפּאָליט, גיט איבער זיינע זין אויף זיין טויטן בעט די צוואה זיינע; מיט דעם קנאַקנדיקן עלזאַסישן דיאַלעקט גיט ער אָן די אָנווייזונגען: קינדער . . . פאַבריק . . . מירטיל . . . מלאכה

שמריהו גאָרעליק

... גוטע קינדער ... אַרבעטן ... דאַרף ניט קיין רייכקייט ... ניין ... גוט אַכטונג געבן ... געלט ... מ'דאַרף ניט ... ניין ... גוט אַכטונג געבן ... „גוט אַכטונג געבן", אַז עס זאָל אין דער אונטערנעמונג ניט אַריינפאַלן עמיצער, וואָס באַלאַנגט ניט צו ד ע ר משפחה. די זימלערס האָבן אויפגעשטעלט אַרום און אַרום זיך אַ צענויפגעשלאָסענעם פּראָנט, אַ פּראָנט אַ צונויפגעגאָסענעם אָן אַ שפּאַרונקעלע, פון וועלכן עס ווערט אָפּגעשטויסן אָן קיין ווירקונג און ניט ברענגענדיק קיין שאָדן, אַלץ, וואָס ווייזט אַרויס אַ קעגנערשאַפט צו משפּחה־געפיל און צום וואוקס פון זייער געשעפט. אַפילו די קראַפט פון ליבע מוז זיך אונטערגעבן אַטאַ דעם פּראָנט און קען קעגן אים ניט אויסהאַלטן. נאָר אויף אַ שטיקל צייט באַהערשט די ליבע יוספס האַרץ, (יוסף, דער אַקטיווערער פון די צוויי זין), און ווען די לאַגע ווערט ערנסט און מען דאַרף אויסקלייבן צווישן דער משפחה און דער פאַבריק און צווישן די געפילן פונם האַרצן, איז דער באַשלוס שוין קלאָר פון פאָראויס: די געפילן פון ליבע מוזן פאַרשטומען. און זיי ווערן פאַרשטומט גרינג, ניט איבערלאָזנדיק קיין ווייטיק און קיין צער, אָן אַ שמץ פון אינעווייניקסטע סכסוכים, כאָטש יוסף זימלער איז אַ גוטער און ליבער יונגערמאַן. די משפחה האָט געוואונען און אויך די פאַבריק.

„גוט אַכטונג געבן" — די מאָטאָ איז אויסגעקריצט אויפן שילד פון דער משפחה זימלער, און דער דריטער דור זייערער פאַרמאָגט שוין אַ שטאָל פאַר וועט־פערד, זיי גיבן נדבות אויף מאָנאַסטירן און אוניווערסיטעטן, זיי זיינען קאַנדידאַטן אויף פירשטלאַכע טיטולן און קונסט־מעצענאַטן. אָבער ווערליק מיר זעען אין דעם ראָמאַן פון די 70־ער יאָרן פונם לעצטן יאָרהונדערט, דערמאָנען זיי אָן די מענטשן פון די „גילדעס", די פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס פונם מיטלאַלטער. זיי זיינען ערלאַכע מענטשן, וועלכע האָבן פיינט מותרות, וועמעס מוט עס ווערט קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט. צוליב זייער פריילאַכער מונטערקייט, צוליב זייער אָפּשפּאָר־כוח, וואָס ווערט קיינמאָל ניט צעטרענצלט, איז זיי מקנא דער קלוגער פראַנצויז, העקטאָר לאַפּאַמביר, וועלכער ליידט איבער דעם פאַרהולטייעוועטן לעבן פון זיינע עלטערן:

ע ס י י ע ן

„ביסט יונג, זאָגט העקטאָר, יע, מיין טייערער, ביסט זייער יונג, יונג אין אַן אויסערגעוויינלאַכער מאָס".

עס וואָלט געווען אַ טעות, ווען מיר זאָלן פאַרפעלן צו דערמאָנען זייער אַ וויכטיקן פאַקטאָר, וואָס געפינט זיך אין דעם בוך: די אָפּגע־שלאָסנקייט, די אָפּגעזונדערטקייט פון דער משפחה זימלער, וואָס דריקט אָפּטמאָל כמעט אויף דער נשמה. די כונה איז דאָ ניט אָפּצוטיילן זיך פון דער אַרומיקער קריסטלאַכער וועלט. די דרויסנדיקע וועלט דערלויבט זיי סיי־ווי ניט אַריינצוגיין אין איר, אַחוץ דער פאַרבינדונג פון געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען פון אַן אויסשליסלאַך־מסחרישן כאַ־ראַקטער. אין דעם איז ניטאָ קיין אומנאַרמאַלע דערשיינונג. אָבער די זימלערס זיינען אויך אָפּגעזונדערט פון אַ וועלכער ניט איז אידישער סביבה. דעם אָטעם פון דער אידישער וועלט, וואָס עקזיסטירט ערגעץ וואו, פילט מען ניט אין בלאָכס ראָמאַן.

עס איז דאָ אויסגעמאָלן אַ אידישע משפחה, וואָס איז זייער פאַר־וואָרצלט אין דעם פאַטריאַרכאַלישן לעבן, אָן קיין שום צובונד צו דער גרעסערער משפחה — דעם פאָלק. איינמאָל זעט מען ווי די זימלערס דאַווענען און שרייען באַ זיך אין הויז, אין הויף פון דער פאַבריק, אום יום־כפור, און מען פילט דאָ ניט, אַז אַ גרויסע אידישע וועלט, אַ אידיש פאָלק, צעזייט אין אַלע עקן וועלט, טוט אויך דאָס, וואָס זיי טוען אין אָטאָ דעם טאָג. אין דעם ראָמאַן הערט זיך ניט דער אָפּקלאַנג פונם פאָלקס־לעבן. אַרום די זימלערס הערשט אַ הויך פון אַ ראַבינזאָניאַדע, אויף וויפיל עס איז נוגע דעם אידישן שטייגער. פון דעם שטאַנדפּונקט איז אָט דער ראָמאַן אָרעמער פון די ביכער, וואָס זיינען געשריבן גע־וואָרן אויף אידיש צי אויף העברייאיש. עס פעלט די אידישע סביבה, עס פעלט דאָס פאָלק און זיין נאָענטקייט, אָבער דאָך מיינט עס ניט, אַז בעת מען טראַכט זיך אַריין אין די זימלערס, פאַרגעסט מען, אַז עס עקזיסטירן 12 בענד אידישע געשיכטע פון גרעצן . . . . : אַ באַ־שטימטער אַריסטאָקראַטישער שריט באַצייכנט זיי אַלעמען. דאָס פילט מען אין די מלכותדיקע פירונגען פון דעם אַלטן היפּאָליטן, ווי אויך אין דער אָפּהאַרציקייט און דער שיין־גייסטיקייט, וואָס ווערט אונדז ליב און איינגעבאַקן אין האַרצן פון זיין זון יוספן. עפּעס פונם גייסט פון אַן אַלטן שטאַם, עפּעס פון דער איבערלייגונג, וואָס ווייס

שמריהו גאָרעליק

ניט פון קיין פחד, בלייבט טיף אין אַלע זימלערס, און אינאײנעם מיטן אָפּגעשפּאַרטן מוט זײַנען זיי באַהויכט מיט אַ חן, וואָס יעדער איינער מוז עס דערקענען, אַפילו ווען דער אַלגעמיינער וועלט־באַנעם פון די זימלערס איז אים לחלוטין פרעמד.

דריטער טייל

פ י ר ד ו ס י

זעלטן ווען קומט אונז אויס צו הערן וועגן פּערסיע, לייענען, און נאָך זעלטענער צו טראַכטן. אין לאָנדאָנער סיטי, אין די אויסערן מיניסטעריומס פון ענגלאַנד און רוסלאַנד ווערט דאָס לאַנד, פאַרשטייט זיך, דערמאָנט גאַנץ אָפט. פּערסיע איז אַ ספערע פון שטאַרקע פּאָ־ליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן. אויך גרויסע סוחרים און האַנדל פירמעס זיינען פאַראינטערעסירט אין פּערסיע, ווייל דאָרטן וואַקסן ניט נאָר רויזן און נאַרציסן, וואָס זיינען אַנגעגעבעם פאַרן אויג און וואויל צום שמעקן, דאָרטן וואַקסט אויך באַוול, טאַבאַק, מאַראַנצן, דאָרטן איז דאָ פּעטראָלעאום, זאַלץ, בליי, קופּער, דאָרט מאַכט מען אויך טע־פּיכער טייערע. אין די האַנדל ביכער פון די וועלט פירמעס האָט פּערסיע געוויס אַן אַנשטענדיקע קאָנטא. אָבער סתם מענטשן, פריי־וואַטע, אַזוי צו זאָגן, פאַר זיי ליגט פּערסיע גאַנץ ווייט און זיי ווייסן קוים ווי דער היינטיקער פּערסישער שאַך הייסט. אז מ׳בלעטערט אַמאָל די געשיכטע, דאַן מוז מען, פאַרשטייט זיך, זיך אָנשטויסן אויף פּערסיע, אויף איר רייכער פאַרגאַנגענהייט, איר אַלטער קולטור, אויף אירע קיסרים מיט זייערע גרויסע נצחונות און אויך אויף אַזוינע וואָס האָבן געליטן מפּלות. די ליטעראַרישע באַהעמע אין די אייראָפּעאישע קאַפע הייזער דערמאָנט פון צייט צו צייט צום גוטן דעם זינגער פון וויין און ליבע, דעם זאַרגלאַזן, פריילעכן האפיז, בכלל אָבער איז פּערסיע ווייט . . .

אין די לעצטע עטליכע טעג איז אָבער פּערסיע נאָענט געוואָרן יעדן איינעם וואָס שעצט דאָס שיינע, דאָס ערהאָבענע, דאָס איידעלע אין דער וועלט, יעדן איינעם וואָס פאַרטראַגט די וועלט, די ערד, ווייל פון צייט צו צייט ברענגט זי אַרויס וואונדערבאַרע מענטשליכע עקז־עמפּליאַרן. נאָענט געוואָרן דערפאַר, ווייל אין פּערסיע קלייבט מען זיך פייערן דעם טויזנטיאָריקן געבורטסטאָג פון דעם דיכטער פירדוסי.

דיכטער, פילאָזאָפן, וועג־ווייזער און לעבנס־לערער, זיי זיינען עס סוף כל סוף די וואָס בעטן אונז איבער מיט דער וועלט, זיי זיינען עס די וואָס מאַכן אונז אָט די ערד ליב, און זיי זיינען עס די וואָס וועקן אין אונז דעם געפיל און די פאָרשטעלונג פון עפּעס ביז גאָר וויכטיקס, וואָס פאַרבינדט אַלע מענטשן. דער גורל פון אָט די אַלע אויסדער־ווײלטע, געבענטשטע, איז אין אַלע צייטן און צווישן אַלע פעלקער גע־בוי דערזעלבער. יאָרטויזנטער געדיינקט מען זייערע ווערטער, זינגט מען זייערע לידער, גרינדעט מען שולן צו פאַרשפּרייטן זייער תורה, אָבער בעת זיי האָבן געלעבט איז זייער גורל געווען — איינזאַמקייט, דחקות, פאַרביטערונג און אַנטוישונג.

פאַר זיין טויט קלאָגט זיך קאָנפוציוס דאָרויף וואָס „קיין קלוגער הערשער איז ניט אויפגעשטאַנען, וואָס זאָל מיך האָבן געמאַכט פאַר זיין לערער, און אָט איז שוין געקומען די שטונדע ווען איך מוז שטאַרבן". ירמיהו וויל בכלל אַנטלויפן וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן. „מי יתנני במדבר מלון אורחים ואעזבה את עמי". לי־טאַי־פּע, דער כינעזישער דיכטער, האַלט זיך נאָך ווי עס איז, ווייל ער זופּט שטענדיק פון בעכער. אנאַקסאַגאַראַס, דער פריינט פון פּעריקלעס, באַשליסט אויף די עלטערע יאָרן, יאָרן פון איינזאַמקייט, צו שטאַרבן מיט אַ הונגער טויט. פירדוסי, דער באַזינגער פון פּערסיעס גרויס־קייט, פון אירע גרויסע הערשער, שטאַרבט אין זיין דאָרף איינזאַם און פאַרביטערט. אַלע מאָל און אומעטום דאָסזעלבע. און דאָך זיינען עס זיי, די דיכטער, די פילאָזאָפן, די וועג־ווייזער, וואָס בינדן אונז צו צו דער ערד. דוכט זיך וואָלטער ראַטהענאו האָט עס געזאָגט, אַז די שענסטע לאַנדשאַפט קען אים ניט רירן אויב זי האָט ניט קיין געשיכטע הינטער זיך, און געשיכטע מיינט ניט דוקא שלאַכטן, אינטריגעס אין די קעניגליכע הויפן, נאָר איידעלע גייסטער וואָס האָבן זיך אָנגעליטן ביי זייער לעבן און איבערגעלאָזט אַלס ירושה פאַר די ווייטערדיקע דורות גרויסע ווערטער.

פירדוסי! דיכטער פון דער שאַה־נאַמה! דו, וואָס דיין אמתער נאָמען איז גאָר אַן אַנדערער און קיינער ווייסט אים ניט, דיין לעבן שטייט מיר פאַר די אויגן מיט אויסערגעוויינליכער קלאָרקייט, ווייל דאָס איז געווען אַ לעבן פון אַ דיכטער. פאַר דיין גרויסער אַרבעט

עסייען

האָט מען דיר געצאָלט מיט דער גרעסטער אומדאַנקבאַרקייט, האָסט געהאַט מעצענאַטן וועלכע האָבן זייער וואָרט ניט געהאַלטן, מ׳האָט דיך ניט באַמערקט, אפשר גאָר אויסגעלאַכט, ווייל ווי אַ גרויסער דיכ־טער און ליידנדער האָסטו אפשר ניט אַכטונג געגעבן אויף דער מאָדע וואָס האָט דאַן געהערשט אין פערסיע, ביסט געווען צעשטרייט, קאָ־מיש, אַ ביסל פאַרבטלנט, מסתמא נאָך געווען אַן אַלטער בחור דערצו. גאַנץ מעגליך אַז דו ביסט געגאַנגען אין גאַס אַ פאַרטראַכטער, שמידנדיק בייע פערזן, האָבן קינדער געלאַכט פון דיר. ווען דו ביסט פאַרבייגעגאַנגען דעם מאַרק האָבן הענדלער, פאַרמעגליכע, פּראַקטישע מענטשן, דיך באַטראַכט מיט ביטול און שפּאָטיש געמורמלט: אַ דיכ־טער, אָדער גאָר זיך איבערגעוואונקען. האָט מען אויף זשאַן זשאַק רוסאָ, דעם גרויסן לערער פון דער מענטשהייט, ניט געטייטלט מיט די פינגער? זיינען קינדער אים ניט נאָכגעלאָפן? ער האָט געטראָגן אַן אַלטמאָדישן כאַלאַט און אַ פערסיש מיצל. ניט בעסער האָט עס גע־מוזט דיר גיין, גרויסער, אומגליקליך־גליקליכער פירדוסי. עס איז מעגליך אַז דו האָסט דאָס אַלעס ניט באַמערקט, ניט דאָס אָפּלאַכן, ניט דעם ביטול, ווייל דו ביסט געווען פאַרנומען מיט וועבן ווערטער און בילדער, אַזוי זאָגט דאָך דיין ברודער אין גליק און ליידן, היינריך היינע, וואָס האָט דיר אויפגעשטעלט אַן אומשטערבליכן דיינקמאָל:

זיבעצן מאָל די רויז בליט,\
זיבעצן מאָל זי פאַרוועלקט,\
און דער סאָלאָוויי האָט זי באַזונגען,\
און איז פאַרשטומט זיבעצן מאָל.

דערווייל זיצט דער דיכטער\
פאַרן וועבשטול פון געדאַנק\
טאָג און נאַכט און פלייסיק וועבט\
דעם ריזיקן טעפּיך פון זיין ליד.

בעת אַט דעם יום טוב פון שאַפן, וואָס גייט דיר אָן דער שפּאָט פון די אַנדערע? אָבער ווען דיין ווערק איז פאַרטיק געוואָרן, ווען דער ערליכער טעפּיך פון דיין ליד איז געלעגן פאַר דיר אויסגעשפּרייט

אין זיינע לויכטנדיקסטע פאַרבן, ווען דו האָסט אים דיין פאָלק, דעם שאָך געגעבן און . . . אומזיסט, אומזיסט געוואָרט, דאָן, אָ! פירדוסי, דאַן האָסטו שנעל צוזאַמענגענומען דיינע עטליכע זאַכן, דיינע עטלי־כע אָרימע זאַכן, און האָסט פאַרלאָזט די טויערן פון דער שטאָט, און ביסט אַנטלאָפן צו דער איינזאַמקייט, אין דעם דאָרף פון דיינע אבות, וואו קיינער האָט דיך ניט געקענט. אין איינזאַמען שמאַכטן האָסטו אויסגעלעבט דיינע אַלטע יאָרן און געשטאָרבן. האָט דיך באמת — ווי היינע וויל עס האָבן אין זיין געדיכט דיך צו ערן — דערנאָך דער שאָך געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר? „והיה כטוב לב המלך ביין . . . " און ווען מ'האָט ביי דעם גרויסן מאָלצייט דיינע לידער פאַר־געזונגען, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט: „יאָ, וואָס מאַכט ער, דער גוטער פירדוסי? וואו געפינט ער זיך איצט, און ווי גייט עס אים?" און ער זאָל — אַלץ לויט היינען — האָבן געהייסן אָנלאָדן קעמלען מיטן שענסטן און בעסטן וואָס מ'קען נאָר קריגן אין פערסיע: די טייערסטע קליידער, הויז מכשירים, סאַנדאַלן, האַלץ, עלפאַנביין, טעפּיכער, שאַלן, בראָקאַט, די בעסטע אַראַבישע פערד, שוואַרצע שקלאַפן . . .

„דו זאָלסט זיי ברייננגען מיט מיינעם אַ גרוס
דעם גרויסן דיכטער פירדוסי אין טהוז".

און ווען מ'האָט דאָס אַלץ געבראַכט ביזטו, פירדוסי, שוין מער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. אַ ביסל פריער, אָדער גאָר אין דער־זעלבער צייט ווען די קעמלען זיינען אַדורכגעגאַנגען דעם טויער האָט מען דורך אַן אַנדער טויער דיין טויטן גוף אַרויסגעטראָגן אויפן וועג צום עולם האמת. ווייל אַ גרויסער דיכטער ביסטו געווען, פירדוסי, און צו גרויסע דיכטער קומט מען מיט אַ דאַנק זייער שפּעט, נאָך דורות ערשט. דעריבער איז אָנצונעמען אַז דיין ברודער אין דער קעניגרייך פון פּאָעזיע, היינע, האָט אַ ביסל מגזם געווען, ער האָט זיין פאַנטאַזיע געלאָזט צו שטאַרק שפּילן. מ'האָט דיך גאָרניט געזוכט, מ'האָט זיך אָן דיר גאָרנישט דערמאָנט, ניט דער שאָך, און ניט דער וויזיר זיינער אויף יענעם מאָלצייט. מ'האָט דיך שווער, גרינטליך פאַרגעסן.

און איצט פייערט מען פירדוסין, מ'קלייבט זיך אים אַרויסוווייזן גרויס כבוד צו זיין טויזנטיאָריקן געבורטסטאָג. די געלערנטע פאָרשן

זיין ווערק, זיין לעבן און זיי וואָלטן זייער שטאַרק וועלן וויסן ווי אָט דער געניאַלער שלים־מזל, וואָס האָט די גרויסקייט און ערליכקייט פון זיין לאַנד באַזונגען, האָט געהייסן מיט זיין אמתן נאָמען, ווייל פירדוסי איז ניט קיין לעגענדע ווי אַ האָמער, עס האָט טאַקע געלעבט, געלעבט און געליטן אַ דיכטער אונטער דעם פסעוודאָנים פירדוסי, אָבער ווי האָט ער באמת געהייסן ווייסט קיינער ניט און מ׳וועט ניט וויסן. זיין ווערק אַליין איז געבליבן. אָן אָט דעם ווערק קלאַמערט מען זיך, און נאָך טויזנט יאָר ליבט מען היים און מ׳פייערט דעם מחבר. אַ ביסל צו שפּעט. דאָך ווערט יעדעס לאַנד מיט אַמאָל נאָענט ווען מענטשן זאַמלען זיך צענויף אַרום אַ לויכטנדיקן נאָמען. אין אַזוינע טעג טראַכט מען וועגן פּערסיע שוין ניט נאָר אין לאָנדאָנער סיטי, אויך פּריוואַטע מענטשן בלעטערן די געשיכטע פון אָט דעם אַלטן פאָלק. עס טויכט אויף דאָס לוסטיק, שעלמיש, שפּיצבעבערדיק געשטאַלט פון האפיזן, מ׳זעט, אַרומגערינגלט פון זיינע תלמידים, דעם אוניווערזיטעט פּראָפעסאָר און פּעסימיסטישן פילאָזאָף אַל־כאזאלו, ווי ער גייט אַרום איבער די גאַסן פון טעהעראַן. דורך די דיכטער, דורך די גרויסע מענטשן שאַפט זיך די איללוזיע אַז אַלע גרענעצן זיינען פאַרשוואונדן, אַז עס איז דאָ איין געמיינזאַמע וועלט משפּחה. מ׳בלעטערט די פּערסישע געשיכטע און מ׳ווערט בייגעריק, מ׳וויל וויסן ווי הייסט דער איצטיקער שאַך פון פּערסיע, וואָס וויל, נאָך טויזנט יאָר, אָפּגעבן כבוד אַ דיכטער וואָס האָט זיך געגעבן אַנגעליטן.

דער איצטיקער שאַך הייסט רעזא כאַן. אפשר זיצט ער איצט אינמיטן פון זיינע געלערנטע און לאָזט זיך דערציילן, פאָרלייענען פון פירדוסי, פון זיין לעבן און זיין ווערק, און פון זיין אייגזאַמען ליידן.

היינריך היינע

(אכציק יאָר נאָך זיין טויט)

(איך רוף אָן אַ גרויסן דיכטער דעם,
וואָס האָט געזאָנג. באַרעדעוודיגקייט
איז ניט געזאַנג.

— אַנדרע סוארעס.)

היינע האָט עס פאַרמאָגט — דעם געזאַנג. און דערפאַר איז ער ניט נאָר געווען, נאָר איז נאָך איצט אויך איינער פון די גרעסטע ליריקער, איינער פון די גרעסטע זינגער, און איז אומשטערבליך, כל זמן עס הערשט אין דער נאַטור דאָס בליען פון פרילינג, דאָס וועלקן פון האַרבסט, כל זמן די מענטשן וועלן ליידן, בענקען, גליקליך און טרויעריק זיין. אומשטערבליך איז זיין „בוך לידער״, די „העברעאישע מעלאָדיען״, די לידער פון דעם ציקל „ראָמאַנסערא״, און יענע „לעצטע געדיכטע״, געשריבן צווישן די יאָרן 1853-56, אויף דעם קראַנקען בעט, אין די לעצטע דריי יאָר פון זיין זעקס און פופציק יאָריקן לעבן. און ווען די — האָפן מיר — ווידער געזונט געוואָרענע וועלט וועט מיט שרעק און ווידערווילן זיך דערמאָנען אָן יענע אונטערדריקער פון מענטשליכן גייסט, וואָס געוועלטיקן איצט איבער דעם פאָלק אין וועמעס שפּראַך היינע האָט אויסגעזונגען זיינע לידער, ווען מען וועט, צוליב דער טיפער פאַראַכטונג, זען וואָס שנעלער פאַרגעסן די טעווטאָנישע מענער מיט זייער שרעקנס הערשאַפט, וועט מען נאָך זינגען אַ לויב געזאַנג היינען, דעם שענסטן באַזינגער פון דעם דייטשישן וואַלד, די דייטשישע טייכן, און דער ערליכסטער דיינקמנל פאַר דער דייטשישער נאַטור, וועט נאָך אַלץ בלייבן די „האַרץ רייזע״, וואָס דער פרעמד ראַסיקער היינע האָט איר אויפגעשטעלט. ער וועט קיינמאָל ניט אַלט ווערן. ער וועט ניט אַלט ווערן כל זמן דער מענטש וועט ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ראָבאָט, אין אַ גולם, און וועט נאָך אַלץ זיין אונטערוואָרפן צו די שטילע ווי די רוישנדע כוואַליעס פון געפיל;

ע ס י י ע ן

כל זמן דער ספּאַרט האָט נאָך ניט פאַרטריבן די ליבע און דאָס וואָרט „עצבות" וועט זיין ניט נאָר אַ וואָרט אין ווערטערבוך, נאָר אַ זעלישער צושטאַנד אין געוויסע מאָמענטן, וואָס באַהערשט נאָך איצט ווי פריער די מענטשן ווען זיי זיינען פאַרליבט, ווען זיי גייען זיך פונאַנדער, אָדער ווען זיי זיינען קראַנק, שטערבליך קראַנק. אַלע מענטשליכע לידער האָט ער געזונגען, אַפילו דאָס לעצטע ליד, ווען נאָר דער שמערץ בלייבט, די האָפענונגסלאָזיגקייט און די ביטערע, געזאַלצענע טרייסט פון טרערן.

„לאָס בלוטן דיינע וואונדן, לאָס
די טרענען פליסן אונאויפהאַלטזאַם;
געהיימע וואָללוסט שוועלגט אים שמערץ,
אונד ויינען איסט איין זיסער באַלזאַם".

מיט די סטראָפן הויבט זיך אָן יענער הערליכער „שמערצליכער ציקל, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „לעצטע געדיכטע". אין די לידער שרייט איוב, קלאָגט און שעלט אויף זיין קראַנקען בעט, מ'קען אָבער אויך הערן דעם בייסיקן שפּאָט, די ליבע צום לעבן וואָס מ'קען ניט פאַרזינגען. ער וויל בלייבן אויף אָט דעם ניט פולקאָמענעם פינטעלע ערד, וואָס איז אַ יאָמער טאָל. ער ווייסט אַז דאָס איז אַ עמק הבכא, אָבער ער איז שוין אַזוי צוגעוואוינט צו אים אַז ער וויל אים ניט אויס־בייטן אויב אַפילו אויף עפּעס זייער שיינעס אָבער אומבאַשטימטעס. — לאָז מיך דאָ, לאָז מיך בלייבן, ניט קוקנדיק אויף אַלע ליידן, אומ־פולקאָמענהייטן, — בעט זיך דער דיכטער ביים רבונו של עולם:

„אָ, הערר! איך גלאַובע, עס ווער' דאָס בעסטע
דו ליעסעסט מיך אין דיעזער וועלט;
הייל' נור צופאר מיין לייבגעברעסטע,
אונד זאָרגע אַאוך פיר עטוואָס געלד!"

ער וויל בלייבן, שוין צוליב דעם אַליין כדי ניט צו לאָזן אַליין זיין מאַטילדען, אָט די קיילעכדיקע פראַנצויזישע ברונעטקע, פאַר וועל־כער ער איז געווען אַ מאַן און אַ פאָטער צוגלייך, ער וויל זי ניט לאָזן אַליין אין דעם גרויסן פּאַריז, וואָס קומט אים פאָר שרעקליכער ווי דער צאָרנדיקסטער ים און דער ווילדסטער וואַלד, די מענטשן שרעק־

ליכער ווי וועלף. דאָס הייסט, ווען מאַטילדע זאָל בלייבן אַליין. כל זמן ער איז מיט איר, אויב אַפילו ער קען ניט אַרויסגיין פון צימער און דער שלאָף ראָק איז זיין איינציקער מלבוש, איז פּאַריז די ערליכס־טע שטאָט, ווייל ער האָט ליב פראַנקרייך. אָט דער מאַטילדען, אַ ניט געבילדעטע פרוי, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין ליד זיינע, וועלכע האָט אָבער פאַרמאָגט אַלע טוגנדן און דעם חן פון איר פאָלק, אָט דער מאַטילדען האָט היינע געווידמעט זיינע אומפאַרגעסליכע סטראָפן, וואָס נעמען אָן ביים האַרצן, ווי אין זיינע לידער „באַבילאָ־נישע זאָרגן" און דאָס ליד וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„איך וואַר, אַ לאַמם, אַלס הירט בעשטעלט . . ."

וועלכע פרוי אין דער וועלט וואָלט זיך ניט געפילט גליקליך אַזוי באַזונגען צו ווערן, מ׳זאָל זיך וועגן איר אַזוי זאָרגן? די עסטרייכישע קעניגין, די איינזאַמע עליזאַבעט, וועלכע האָט ממש געשאַפן אַ היינע קולט, ווי אָרים זי איז געווען אין פאַרגלייך מיט מאַטילדען! און וועל־כע מוטער אין דער וועלט וואָלט זיך ניט געפילט גליקליך אַזוי באַזונ־גען צו ווערן, מ׳זאָל נאָך איר אַזוי בייַנקען און זיך אַזוי זאָרגן וועגן איר, ווי היינעס מוטער, בעטי, די אויפגעקלערטע, בכבודיקע פרוי? היינע איז געווען אַ גרויסער האַסער, אַ גרויסער שפּאָטער, אָבער אויך אַ גרויסער ליבנדער. פון זיין גרויסער ליבנדער נשמה איז געבליבן גענוג ליבע אויך פאַר זיין פאָלק פון וועלכן ער איז אַוועק, אָבער ביי וועלכן ער איז, אין טיפסטן גרונט, אַלע מאָל געבליבן. זיינע „העב־רעאישע מעלאָדיען" זיינען די שענסטע עדות דערפאַר. צו זיינע אומשטערבליכע לידער געהערט אויך זיין „יהודה הלוי".

(2)

ניט גייסט, נאָר כאַראַקטער
פעלט די מייסטע שריפטשטעלער
כדי זיי זאָלן זיין בעסער ווי זיי זיינען.
— (לודוויג בערנע)

אויך פיל שטערבליכעס איז דאָ אין היינעס שאַפן. דער גרעס־טער טייל פון זיין פּראָזע געהערט צום שטערבליכן, פאַרגייענגליכן,

ע ס י י ע ן

כאָטש עס איז באַשפּריינקלט מיט גלאַנץ און שאַרפן וויץ. אַלץ איז איבערגעלאָדן, און אָט די איבערגעלאָדנקייט, דאָס צופיל, אַנטהאַלט אין זיך עפּעס ניט איידעלעס. ער איז אויך זייער קליינליך און ניט איידל אין זיין גרענעצלאָזן האַס מיט וועלכן ער פאַרפאָלגט זיינע קעגנער, זיינע שונאים. זיינע פּאָלעמישע פיילן טרעפן יענעם ביז צום טויט און היינע, דער וואַרפער פון די פיילן, שטייט פון ווייטן און האָט הנאה דערפון. דער געפיל פון האַס צו זיינע שונאים פאַרלאָזט אים ניט אַפילו אויפן טויטן בעט. ער איז שוין הויט און ביינער, אַ סקע־לעט, ער וויל אָבער קיינעם ניט מוחל זיין, און אין אַ מערקווירדיקער צוואה לאָזט ער איבער זיינע ליידן, זיינע קראַנקהייטן צו זיינע שונאים.

„ניט געדאַכט זאָל זיינער ווערדן" (ימח שמו) הייסט זיינס אַ ליד פון דער לעצטער צייט ווען ער איז געווען קראַנק. צוליב אַ ניט פאַרזיכטיקן, גראָבן אַרויסטריט וואָס דער גרויסער דייטשער דיכטער פּלאַטען האָט איין מאָל געמאַכט קעגן אים פאַרפאָלגט אים היינע מיט אַ ביישפּיללאָזער, פאַרניכטנדער שאַרפקייט און מוראַדיקער אומגע־רעכטיגקייט. ער ווייסט אַז אין פּאָלעמישן פעכטן איז ער דער שטאַר־קערער, ער ווייסט אַז פון זיינע שטעך וועט זיך קיינער ניט ערהאָלן, אַז די וואונדן וועלן לאַנג בלוטיקן, אָדער גאָר זיך קיינמאָל ניט פאַר־ציען, ער ווייסט עס, דאָס האַלט אים אָבער ניט אָפּ פון איבערטרעטן אַלע גרעניצן. דאָס גריבלען זיך אין דעם אינטימען לעבן פון דעם גרויסן שריפטשטעלער און אייראָפּעער אויגוסט פאָן שלעגעל איז ניט צום פאַרגעבן, אַזוי ברוטאַל, אַזוי ציניש איז עס געטאָן געוואָרן. אין ערגעץ האָט זיך אָבער ניט אַרויסגעוויזן היינעס קליינליכקייט, ממש גראָבקייט, ווי אין זיין בוך „איבער לודוויג בערנע", וועלכן ער האָט פאַרעפנטליכט נאָך דעם טויט פון אָט דעם גרויסן פּובליציסט און דעמאָקראַט. היינע און בערנע! דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, און אין דעם איז זייער פיל ניט פאַרשטענדליך.ביידע זיינען זיי געווען פון איין עפּאָכע, ביידע האָבן נאָך געטראָגן אין זיך די שמערצליך פרישע זכרונות פון דער געטאָ, עס איז אויך געווען אַ גרויסע קרובה־שאַפט אין זייערע נאַטורן און אין זייער אויסגעצייכנטער פּראָזע.ביידן איז אויך געווען נאָענט דער שפּאָט, דער וויץ. געווען צייטן

שמריהו גאָרעליק

ווען היינע האָט געשעצט בערנעס טאַלאַנט, האָט אים געשיקט זיינע ביכער מיט וואַרימעווידמונגען. ווי איז עס געקומען צו אַזאַ פיינט־ליכן פונאַנדערגיין? אין דעם איז דאָ אַ סך אומפאַרשטענדליכעס, אַ סך, אָבער ניט אַלץ. מיט זייער גאַנצער קרובהשאַפט אין גייסט און טאַלאַנט זיינען זיי אָבער אין כאַראַקטער געווען צוויי גאַנץ פאַרשיי־דענע מענטשן. היינע האָט געגלויבט אַז ער האָט זיך דערוואָרבן דאָס רעכט אויף ציניזם דורך זיין מענטשנקענטניש און מענטשן פאַראַכ־טונג, בעת בערנע, ווי אַ דורכאויס עטישער מענטש, האָט קיין ציניזם ניט מוחל געווען, ווייל ער האָט אין דעם געזען אַן אויסדרוק פון כאַ־ראַקטערלאָזיגקייט, וואָס קיין גייסט, מעג ער זיין ווי גרויס, קען ניט פאַרגיטיקן אָט דעם חסרון. ביידע האָבן געהאַסט דעספּאָטיזם, אָבער בערנע האָט אים געהאַסט מיטן פּאַטהאָס פון אַ ברוטוס, בעת היינע האָט גערעדט אין נאָמען פון זיין עגאָצענטרישן קינסטלערטום. היינע באַזינגט די פרייהייט, ווייל ווי אַ דיכטער קען ער נאָר זיין אומאָפּ־היינגיק, בערנע אָבער פאָדערט פרייהייט אין נאָמען פון די אונטער־דריקטע מאַסן. בערנעס פּאַטהאָס, זיין שטרייגנע מאָראַלישקייט באַגרעניצט זיין האָריזאָנט, לאָזט אים ניט זען די גרויסקייט פון געטהע און נאַפּאָלעאָן, היינע אָבער איז אַ דיכטער, זיין קוק איז אַ ווייטערער, ניט פאַרשטעלט. ער אורטיילט נאַפּאָלעאָנען ניט נאָר ווי אַ פאַרכאַפּער פון פאָלקס רעכט, אים ציט מער צו נאַפּאָלעאָנען אויף דעם אינזל סט. העלענאַ, צו יענעם טראַגישן פינאַל, וואָס האָט באַ־פּעסטיקט נאַפּאָלעאָנס רום מער ווי זיינע אַלע נצחונות. היינע קען זייער גוט דאָס מענטשליכע, אַל־צו־מענטשליכע וואָס איז אויך געווען אין געטהען, אָבער ווען ער דערזעט אים, וויל ער צו אים ריידן אויף גריכיש, אַזוי באַגליקט, אַזוי באַהערשט איז ער פון דער אָלימפּישער לופט. פאַר בערנען אָבער, דעם פירשטן האָסער און דעמאָקראַט, איז געטהע אַ קאַלטער, אַפּאַליטישער מענטש, גלייכגילטיק צו די ליידן פון די מענטשן, און ער קען אים ניט ליבן.

פון די אונטערשיידן, קעגנזאַצן אין די כאַראַקטערן האָט זיך געבילדעט יענע פיינטליכקייט, וואָס איז מיט דער צייט אַריבערגע־גאַנגען אין אָפענער שנאה. אין דעם קאָנפליקט איז היינע געווען דער מער אומגערעכטער, און די אומגערעכטיגקייט איז נאָך געוואָרן ביי־

שפּיללאָזער, ווען הײנע האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פֿון וואַרפֿן פֿאַר־סמטע פֿײלן אין דעם שוין טויטן בערנע. דער בערנע פֿאַמפֿלעט האָט אויף הײנעס אומשטערבליכן רום אַלס דיכטער געוואָרפֿן אַ שוואַרצן פֿלעק פֿון אַ האַס ערפֿילטן פֿאָלעמיקער.

(3)

דאָס שוואַכע, דאָס מענטשליך שוואַכע אין הײנען ווערט פֿאַר־בלאַסט, פֿאַרגײט, ווען מען דערמאָנט זיך אָן זײַן טויט, אַ העלדישן, לאַנגזאַמען טויט. פֿאַמעליך, לאַנגזאַם איז ער געשטאָרבן, עס האָט געדויערט יאָרן. ליגנדיק אויף זײַן קראַנקן בעט, האַלב פֿאַראַליזירט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט ער אויפֿגענומען פֿרײַנט און באַקאַנטע, און אויך די אָפּטע באַזוכן פֿון יענער קאַמילא זעלדען, וועמען הײנע האָט גערופֿן לאַ־מוש (די פֿליג), און וועלכע איז געווען זײַן לעצטע, רײַנסטע ליבע.

דעם לעצטן עקזאַמען האָט הײנע אויסגעהאַלטן ווי אַ גרויסער מענטש. ער איז געשטאָרבן ווי אַ סטאָאיקער, ווי אַ שרעקלאָזער פֿי־לאָזאָף וואָס איז גובר די מורא פֿאַרן טויט.

אידישעס ביי מאַרסעל-פּרוסט

מאַרסעל פּרוסט — געבוירן 1871, געשטאָרבן 1922 — האָט ביז זיין פינף און דרייסיקסטן לעבנסיאָר געפירט דאָס לעבן פון אַ סאַלאָן מענטש. געבוירן ביי רייכע עלטערן, האָט ער זיך ניט גע־דאַרפט זאָרגן וועגן געלט, דערפאַר אָבער האָט ער זיך געקימערט אַנצוקלייבן אַנדערע רייכקייטן, נעמליך, ר י י כ ק י י ט ן פ ו ן ג י י ס ט. ער האָט געשטאַמט פון אַ בירגערליכער פאַמיליע, דערצו נאָך געווען אַ האַלבער איד, פונדעסטוועגן זיינען די טירן פון דער העכסטער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע געשטאַנען אָפן פאַר אים. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, אַז עס האָט אים גאָרניט געקאָסט קיין מי אַנצוקומען אַהין. ער האָט זיך ניט באַדאַרפט שטופן, אדרבא, צוליב זיין גרויסער ליטעראַרישער קולטור, זיין שאַרפן ווי אויך אוי־סערגעוויינליך חן־פולן גייסט האָט מען אים געזוכט, מ'איז אים נאָכ־געגאַנגען, מ'האָט אים באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמ־קייט און וואַרימער סימפּאַטיע, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט ליבע. אין די סאַלאָנען פון דעם אַריסטאָקראַטישן פאבורג סען־זשערמען און אויך אין די ליטעראַרישע קאַפע הייזער פלעגט ער דערפרייען און באַגליקן זיינע צוהערער מיט גלענצנדע איינפאַלן, טיפע געדאַנקען, אַלץ אויסגעדריקט אין דער אויסדערוויילטסטער פאָרמע. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן אַז אפשר איז שוין געקומען די צייט אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט, געזען און דערקענט, פאַרקערפּערן אין וואָרט, דאָס קינסטלערישע געשטאַלטן, דאָס הייסט, ווערן אַ שרייבער און דערפילן דעם הויכן חוב—עדות זאָגן וועגן דער וועלט און מענטש. און מאַרסעל פּרוסט פאַרלאָזט די געזעלשאַפט כדי אין משך פון לאַנ־גע יאָרן אַרבעטן, וועלכע זיינען אויך געווען יאָרן פון אַ שווערער אומ־היילבאַרער קראַנקהייט, צו שאַפן זיין הערלאיש ווערק, יענע רייע

בענדער, וואָס טראָגן דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אויף די שפּורן פון דער פאַרגאַנגענער צייט״.

אַט דאָס גרויס בוך האָט אים אָוועקגעשטעלט ווי איינעם פון די באַדייטנדסטע שריפטשטעלער אין פראַנקרייך און אויך אין דער וועלט ליטעראַטור. אַ קורצע ווײַלע פאַר זיין טויט האָט ער שוין געקענט זען און געניסן פון זיין אויפגייענדיקן נאָמען, פון דעם ליטעראַרישן כבוד וואָס מ׳האָט אים אָפּגעגעבן. נאָך זיין טויט איז ער געוואָרן אַלץ מער און מער באַרימט, זיינע ביכער זיינען איבערזעצט געוואָרן אין אַלע קולטור שפּראַכן פון דער וועלט, און די ליטעראַטור וועגן אים, די באַטראַכטונגען איבער זיין ווערק, ווי אויך די זכרונות וועגן זיין אייגנאַרטיקער פּערזענליכקייט וואַקסן אַלץ מער און מער.

פונדעסטוועגן וועט פּרוסט קיינמאָל נישט ווערן דער מאָדערנער שרייבער, וואָס זאָל געלייענט ווערן פון ברייטן עולם. זיינע ביכער געהערן צו יענער קאַטעגאָריע ליטעראַטור וואָס פאַרלאַנגט ערנסטע גייסטיקע אַרבעט. דער דורכשניטליכער לייענער מיידט געוויינטליך אויס אַזאַ בוך און ווענדט זיך בעסער צו דער לייכטערער ליטעראַטור. דערפאַר אָבער דער וואָס וויל זיך אָפּגעבן מיט קאָנצענטרירטער אויפ־מערקזאַמקייט קען זיין זיכער אַז ער וועט דערפון זייער אַ סך געווינען. אויף אים וואַרט אַ גייסטיקער און זעלישער תענוג פון גאַר אַ הויכער מדרגה. פּרוסט איז ניט נאָר אַ געניאַלער געשטאַלטער פון מענטש־ליכע כאַראַקטערן, ניט נאָר אַן אויסערגעוויינליך גלענצענדער קינסט־לער פון וואָרט, נאָר אויך אַן אָריגינעלער, שאַרפער דיינקער. זיינע זייער אָפטע „דרך אגבס״, וואָס פאַרנעמען אָפט אַ סך זייטן און זיינען אָנגעפילט מיט סתם פילאָזאָפירן איבער די פאַרשיידנסטע ענינים זיי־נען נישט ווינציקער רייצנד ווי זיין מאָלן פון זעלישע לאַנדשאַפטן. זיינע שורות זיינען זייער לאַנג. אַמאָל דוכט זיך אַז מ׳איז פאַרקראָכן אין אַ געדיכטן וואַלד, שיער ניט אין אַ דזשאָנגל פון געדאַנקען. דער וואָס געוואוינט זיך אָבער צו צו זיין שטייגער שרייבן הויבט אָן ליב האָבן אָט די לאַנגע שורות און ער וואונדערט זיך איבער דעם חן וואָס זיי פאַרמאָגן. די קריטיק, וועמעס אויפגאַבע איז אָנוויַיזן דעם שריי־בער דאָס אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין דער ליטעראַטור, שטעלט פּרוסטן אַוועק אין דער ערשטער רייע פון די גאַנץ גרויסע. אין אים

איז ווי פֿאַראייניקט די געשטאַלטונגס קראַפֿט פֿון אַ באַלזאַק, די הויכע קונסט פֿון זעלישן אַנאַליז פֿון אַ סטענדהאַל, און די סקעפּטישע קלוג־קייט פֿון אַ מאָנטען. ווי עס ווייזט אויס איז אָבער אָט די כאַראַקטער־ריסטיק און אַזאַ רובריצירונג נאָך נישט גענוג, ווייל ווי אַ שילדערער פֿון דער פֿראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע פֿאַרדינט פּרוסט דעם ערנ־פּלאַץ פֿון אַ פֿראַנצויזישן קלאַסיקער, און מען ברענגט זיין נאָמען אין שכנהשאַפֿט מיטן גרויסן כראָניקער סען־סימאָן.

דער פֿאַקט, וואָס אין דער הויפּט זאַך, איז די אַריסטאָקראַטישע מיליע דער אָביעקט פֿון פּרוסטס שילדערונגען דאַרף נישט פֿירן צום טעות אַז ער איז דער שילדערער נאָר פֿון אַ באַשטימטער גרופּע אין דער מענטשליכער געזעלשאַפֿט. די אַריסטאָקראַטישע מיליע איז נאָר אַ צופֿעליקע ראָם, דאָס בילד איז אָבער — דער מענטש, די מענטשהייט. די אַריסטאָקראַטישע מיליע שפּילט דיזעלבע צופֿעליקע, צווייטע ראָלע ווי ביי דעם גרויסן מענטשנקענער שאַמפֿאָר, וועמעס מאַקסימען הייבן זיך אָן מיט די ווערטער: דער גראַף . . . באַגעגנט דעם פֿירשט . . . פּרוסטן האָט אינגאַנצן געפֿעלט יענע ליידנשאַפֿטליכקייט, דאָס הייסט, יענע איינגקייט און באַגרעניצ־קייט צו ווערן אַ קריטיקער נאָר פֿון אַ באַשטימטן קלאַס, ער האָט באַ־לויכטן, אַנאַליזירט און אויסגעפֿאָרשט די מענטשליכע נשמה בכלל.

דאָס איז, אין קורצן, וועגן מאַרסעל פּרוסט אין אַלגעמיין. דער שרייבער פֿון אַ גרויסן פֿאָרמאַט ווערט פֿריער פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן לייענער מיט עטליכע אַלגעמיינע ווערטער, נאָכדעם ערשט קען מען איבערגיין צו דער אייגנטליכער טעמע — אידישעס ביי מאַרסעל פּרוסט.

אויב איך מאַך קיין טעות ניט האָט נאָך קיינער וועגן דעם נישט גערעדט. אמת, אויף דעם פֿאַקט אַז ער איז געווען אַ האַלבער איד — זיין מוטער איז געווען אַ געבוירענע וואַיל — ווערט אָנגעוויזן, אָבער דאָס גיט מען אָן פּשוט צוליב ביאָגראַפֿישער גענויקייט. אַמאָל פֿעלט אויך דער פֿאַקט. אַזוי, למשל, האָט ערנסט ראָבערט קורטיוס, אין זיין וויכטיקן בוך „פֿראַנצויזישער גייסט אין נייעם אייראָפּע״,

וואו ער רעדט זייער גרינטליך און גוט וועגן מאַרסעל פּרוסט, מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט די אידישע אָפּשטאַמונג פון דער מוטערס צד.

לייענען מיר אָבער זיין גרויס בוך, באַגעגענען מיר אַ סך אידישע מאָמענטן, הערן מיר אַ סך אידישע אָפּקלאַנגען. עס ווערן דאָרט גע־שילדערט געוויסע אידן, און דער הויפּט, ליבלינג־העלד, סוואַן, איז אויך אַ איד. סוואַן איז אַ גייסטיקער, זעלישער אַריסטאָקראַט. מיט דער איידלקייט פון זיין כאַראַקטער געווינט ער די סימפּאַטיע פון דעם לייי־ענער, מ'ווערט היגעצויגן פון אים. מיר טרעפן דאָרט אויך אָפּט באַמערקונגען וועגן אידישע ענינים. ביי אַ באַוואוסטזיניקן אידישן שרייבער וואָלט עס געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט, ווען מיר באַגעגענען זיי ביי מאַרסעל פּרוסט ווערן מיר אנגענעם איבערראַשט.

מ'דאַרף, פאַרשטייט זיך, ניט מיינען אַז פּרוסט פאַרנעמט זיך צופיל מיט אידנטום. פון די קראַנקהייטן: „אַרימקייט, קערפּערליכע ווייטיקן און אידנטום”, וועגן וועלכע היינע האָט גערעדט, האָט פּרוסט געליטן בלויז פון איינער, — קערפּערליכע ווייטיקן. ספּעציעל באַ־לאָדן מיטן אידן פּראָבלעם איז ער ניט. ער איז ווי אַ ווייטער, ווייטער קרוב פון איידלסטן מין, אַ קרוב וואָס טיף אין זיין נשמה פילט ער אַלטע זכרונות פאַרבאָרגן, און איז חשוב, געטריי גענוג אָט די זכרונות ניט צו פאַרטרייבן. פון זיינע צעוואָרפענע באַמערקונגען וועגן אידן און אידישעס דאָ און דאָרט פילן מיר אַ וואַרימקייט. עס איז דער קול יעקב וואָס קלינגט אין אונזערע אויערן, און ווען ער רעדט וועגן פּחדנותדיקע אידישע נשמות קען מען מיינען אַז דאָס רעדט צו אונז אַ נאַציאָנאַלער איד. שניידנדיק ווערט זיין איראָניע ווען אים קומט אויס צו ריידן וועגן די וואָס באַמיען זיך צו פאַרבאָרגן זייערע נאַציאָ־נאַלע אייגנשאַפטן, וועגן די וואָס זיינען מייסטער אין דער מימיקרי קונסט, — אין דער קונסט זיך פאַרשטעלן, זיך צופּאַסן.

מיר געפינען ביי אים קיינע בילדער פון דעם דרייפוס ק אַ מ ף, אין פאַרבינדונג אָבער מיט דער דרייפוס אפערע געפינען מיר ביי אים גענוג ביישפּילן פון מענטשליכער נאַרישקייט און באַגרעניצקייט. עס ווערט פיל גערעדט וועגן די אינערליכע ענדערונגען וואָס די דרייפוס אפערע האָט אַרויסגערופן ביי סוואַנען. די הייסע סימפּאַטיע, די באַ־

וואונדערונג וואָס דער מחבר פילט צו אָט דער ליבלינג פיגור זיינער ווייזט זיך אַלע מאָל אַרויס ווען ער רעדט וועגן אים. אויך דער לייע־נער דערפילט אַ וואַרימקייט צו דעם העלד, דעם מענטשן וואָס פאַר־כשופט ממש. סוואַן, וועמעס זיידע איז שוין געווען געשמדט, וועל־כער באַטראַכט זיך אָבער פאַר אַ אידן און האָט אויך געזוען אַ היפּש ביסל האַס פון זיינע פריינט אַלס איד, געהערט צו יענע זעלטענע מענטשן, וואָס מ'האָט ליב און מען באַוואונדערט ניט דערפאַר ווייל זיי האָבן עפּעס באַדייטנדיקס אויפגעטאָן, נאָר צוליב זייער אינערלי־כער גייסטיקער און זעלישער קולטור וואָס זיי באַזיצן. אַפילו שוין נאָך דער אידישער עמאַנסיפּאַציע אין מערב אייראָפּע האָט דער איד געקראָגן זיין איינטריט בילעט אין דער ניט אידישער געזעלשאַפט נאָר דאַן ווען ער האָט עפּעס באַדייטנדיקס אויפגעטאָן אויף וועלכן עס איז געביט. ער מוז זיין אַ גרויסער שריפטשטעלער, מוזיקער, געלערנטער, ערשט דאַן עפענען זיך פאַר אים די טירן פון דער ניט אידישער גע־זעלשאַפט. אַנדערש אָבער איז סוואַן. ער שרייבט נישט קיין ביכער, מאָלט נישט קיין בילדער, מאַכט נישט קיינע אַנטדעקונגען אין דער וויסנשאַפט, דאָך האָט מען אים ליב און מ'באַציט זיך צו אים מיט אויסערגעוויינליכן דרך ארץ. עס זיינען דאָ נאַטורן ביי וועמען אַלע זייערע לעבנס ערפאַרונגען, זייער גאַנצע בילדונג, זייער טראַכטן האָט געפירט צו איין זאַך — צו דער שטייגערונג פון זייער מענטשליכקייט. סוואַנס פּערזענליכקייט שטראַלט אויס פון זיך העכסטע גייסטיגקייט און זעלישע פיינקייטן פון גרעסטן ווערט. אין פאַבורג סען־זשערמען ווייסט מען, אמת, ווי גרינטליך און ווי באַדייטנד עס איז זיין וויסן, דער עיקר אין ענינים פון קונסט. מ'ווייסט אַז מאַכן אַ רייזע דורך איטאַליע אין דער באַגלייטונג פון סוואַנען איז ממש אַ גליק, אָבער ניט דערפאַר איז מען אַזוי גוט געגויגט צו אים, דער מענטש, דער מענטש אין אים, דאָס רופט אַרויס די ליבע צו אים.

אויף די לעצטע זייטן פון דעם ראָמאַן „די הערצאָגין פון גער־מאנט״ באַגעגענען מיר נאָכאַמאָל סוואַנען בעת ער מאַכט אַ וויזיט ביי דער הערצאָגין אָריאַנע. מיר קענען דאָ באַאָבאַכטן די גרויסע שנוים וואָס די דרייפוס אפערע האָט ביי אים אַרויסגערופן. ער קומט זיך נאָך אַלץ צוזאַמען מיט די אַריסטאָקראַטן, אָבער ער ווייסט און פילט

ע ס ײ ע ן

נאָך שטאַרקער װי פֿריער װאָס פֿאַר אַ אײנערע װעלט שײדט אים אָפּ פֿון זײ.

— דער דרײפֿוסיזם, — לײענען מיר בײ פּרוסטן, — האָט סװאַ־נען גאַנץ נאַאיװ געמאַכט, עס האָט זײנע אַנשױאונגען אַ מערקװיר־דיקן שטױס געגעבן און אים אַראָפּגעבראַכט פֿון זײן געװױנטן װעג נאָכמער װי זײן הײראַט מיט אָדעטן פֿריער. זײן נײע דעקלאַסירונג האָט, ריכטיקער, געדאַרפֿט הײסן רעקלאַסירונג און אים פֿאַרשאַפֿן כּבֿוד, װײל זי האָט אים צוריק אַרױפֿגעפֿירט אױף דעם װעג פֿון װאָ־נען זײנע זײדעס זײנען געקומען, און פֿון װעלכן די באַקאַנטשאַפֿט מיט די אַריסטאָקראַטן האָט אים אַרונטערגעפֿירט.

אָט דער באַזוך סװאַנס, װי אױך דער ראָמאַן, ענדיקט זיך מיט אַ װאונדערבאַרער סצענע, װאָס באַװײזט אונז דעם גרױסן קינסטלער, דעם אילוזיאָנסלאָזן מאַרסעל פּרוסט.

סװאַן קומט גראַדע אָן אין דער צײט, בעת דער הערצאָג און די הערצאָגין קלײבן זיך פֿאָרן אױף אַ מאַלצײט צו װעלכן זײ זײנען אײנ־געלאַדן. די הערשאַפֿטן זײנען אָנגעטאָן אין פֿולער עלעגאַנץ, דער פֿאַעטאָן שטײט שױן פֿאַרן הױז. מ׳רעדט נאָך אַ ביסל און מ׳דערמאָנט אױך אַז עס װאָלט געװען גוט צוזאַמען מיט סװאַנען מאַכן אַ רײזע אינגיכן קײן איטאַליע. סװאַן ענטפֿערט: דאָס װעט קוים מעגליך זײן. די הערצאָגין װיל דװקא װיסן פֿאַרװאָס דאָס איז אוממעגליך.

— אָבער, ליבע פֿרײנדין, — ענטפֿערט סװאַן, — איך װעל שױן דאַן זײן טױט עטליכע חדשים.

ער דערצײלט װאָס די דאָקטױרים האָבן אױסגעפֿונען און װיפֿיל צײט זײ האָבן אים נאָך געגעבן צום לעבן. די ליבנסװירדיקע הער־צאָגין איז אין אַ גרױסער פֿאַרלעגנהײט, זי מוז אױסקלײבן צװישן דעם מאַלצײט און דעם טױט קראַנקן פֿרײנט. דער לאַקײ האָט שױן געעפֿנט די טיר. דער הערצאָג איז אומגעדולדיק און קלאָגט זיך אַז ער איז הונגעריק. דער מאַלצײט קומט אַרױס דער זיגער. נישט אָן סװאַנס הילף. ער פֿאָדערט פֿון זײ זײ זאָלן פֿאָרן.

— ער האָט געװאוסט, — שרײבט פּרוסט, — אַז פֿאַר די אַנדערע זײנען געזעלשאַפֿטליכע פֿאַרפֿליכטונגען װיכטיקער װי דער טױט פֿון

שמריהו גאָרעליק

אַ פריינט, און אין זיין גרויסער העפליכקייט האָט ער זיך אַריינגעטראַכט אין זייער לאַגע.

קען זיין אַז סוואגנען האָט אַפילו פאַרדראָסן וואָס ער איז געווען אַזוי ניט פאַרזיכטיק און דערציילט אַנדערע וועגן זיינעליידן. ער האָט פאַרגעסן די שיינע ווערטער פון קיר קערקעגארדט: „איך זאָג פון מיין ליידן וואָס דער ענגלענדער זאָגט וועגן זיין הויז — מיין ליידן איז מיין פעסטונג".

יעקב וואַסערמאַן

פון די זעכציק יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיבן און דרייסיק אָפּגעגעבן אויף ליטעראַרישן שאַפן, און דאָס זיינען געווען יאָרן פון איבּטענסיווער שעפערישער אַרבעט. די העלדן פון זיינע ראָמאַנען און נאָוועלן וואָלטן באַלד געקענט באַפעלקערן אַ גאַנץ שטעטל, אַזוי פיל מענטשן האָט ער געמאָלן. דאָס וואָלט געווען אַ שטעטל פון העכסט אינטערעסאַנטע מענטשן, פון פייערדיקע, טרוימערישע, שטורמדיקע נאַטורן (אגאטהאן); פון ערליכע אמת זוכער און פאָרשער פון דעם זין פון לעבן, מיט פוריטאַנישער גרייטקייט אויף די גרעסטע קאָנזעקווענצן פאַר זיך (כריסטיאן וואהגשאפע); שיין רעדנער (ערווין ראינער); זוכנדיקע, אומרואיקע, פלאַטערנדיקע, ניט סטאַבילע פרויען נשמות, וואָס קענען אונז אויסזען היסטעריש, אָבער וועלכע זיינען נאָר אויפן וועג צו זייער גורל (רענאטא פוכס), און אויך אידן. אידן באַגעגענען מיר אַ גאַנצע עדה, און נאָך מער ווערט גערעדט פון אידן, וועגן אידן.

בכלל ווערט אין וואַסערמאַנס ביכער אַ סך גערעדט, מען רעדט אָפט זייער אינטערעסאַנט, מען רעדט און מען באַרעדט די וועלט, די מענטשן. עס פעלט, פאַרשטייט זיך, די היץ, דאָס פון היץ ריידן, ווי מיר זיינען עס געוואוינט צו טרעפן ביי אַ דאָסטאָיעווסקי, וואָס דערשיטערט, דערשרעקט גאַנץ אָפט, אָבער אויך באַגליקט אונזערע נשמות. אגב, דאָ ווערן ניט געמאַכט קיינע פאַרגלייכן. יעדנס מעשים זאָלן באַטראַכט און געשאַצט ווערן לויט דעם אָרט אויף וועלכן דער אומבאַקאַנטער פאַרטיילער פון טאַלאַנטן, שעפערישע כחות, האָט אים אַוועקגעשטעלט. דאָס אָרט וואו וואַסערמאַן איז געשטאַנען איז געווען אויף דער גרעניץ צווישן גוטער אונטערהאַלטונגס ליטעראַטור און ליטעראַטור וואָס שטרעבט צו אַ העכערער מדרגה, צו אַ ליטעראַטור וואָס וויל בלייבן.

שמריהו גאָרעליק

דזשאהן ראסקין, אין זיין בוך „סעזאם און ליליען", רעדט באריכות וועגן דעם בוך וואָס איז נאָר באַרעכנט אויף אַ שעה, אַ טאָג, און וועגן דעם אַנדערן מין בוך וואָס **ו ו י ל ב ל י י ב ן**. דער מחבר פון אַזאַ בוך וויל ניט אַנדערש ווי עפּעס זאָגן דער וועלט, זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביז אים נאָך נישט געזאָגט געוואָרן. עפּעס אַ סוד, זאָל זיין אַ קליינעם סוד אַפילו, וויל ער מגלה זיין דער וועלט. וועגן אָט דעם איינציקן ערגייץ פון דעם שרייבער זאָגט ראַסקין זייער שיין:

— ער וואָלט מיט פאַרגניגן דאָס אויפגעשריבן אויף אייביק. ווען ער וואָלט געקענט וואָלט ער עס איינגעגראָבן אין אַ פעלז מיט די ווער־טער: דאָס איז דאָס בעסטע אין מיר. חוץ דעם האָב איך געעסן, גע־טרונקען, געשלאָפן, געליבט און געהאַסט ווי אַלע אַנדערע. מיין לעבן איז געווען ווי דער רויך און איז גאָרנישט, אָבער **ד אָ ס** האָב איך געזען און דערקענט. אויב אין מיר איז דאָ עפּעס וואָס איז ווערט דערמאָנט צו ווערן, איז עס אָט דאָס אָ.

יעקב וואַסערמאַן האָט געהערט צו דעם סאָרט שרייבער, וואָס קוקן אויף זייער שריפטשטעלערישער אַרבעט ווי אויף עפּעס זייער ערנסטעס, וואָס שאַפן מיטן ציל און דער האָפענונג צו לאָזן דער וועלט כאָטש אַ קליינע ירושה. אָן דער אילוזיע, אַ קליינעם סוד, זאָל זיין דעם קלענסטן סוד, מגלה זיין, וואָלטן זיי גאָרנישט געהאַט דעם מוט צו פּראָדוצירן אַזוי פיל, און זיכער נישט די **פ ר י י ד**. אָט דער וואונש האָט אפשר גורם געווען דערצו וואָס אַ גרויסער טייל וואַסער־מאַנס ראָמאַנען ווערן אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם הויפּט העלד. זיינע ביכער הייסן: „לאודין און די זיינען", „דער פאל מאוריציוס", „רענאַטע פוכס", „אַטצל אַנדערגאַסט", „קאַספּאַר האוזער", „כריס־טיאַן וואהנשאפע". נעמען, נעמען, נעמען. און מיט דעם איז אויך פאַרבונדן אַ האָפענונג, אַ בקשה, — אָן איינלאַדונג, אפשר אַפילו אַ פאָדערונג אַז מ׳זאָל אָט די נעמען געדיינקען. אַ געוויסע צייט וועט מען זיי אויך געדיינקען, אָבער ניט ווי זעלבסטשטענדיקע נעמען, נאָר אין פאַרבינדונג מיטן נאָמען פון דעם מחבר. ניט קוקנדיק אויף דעם גאַנצן ערנסט, אויף דער פּראָבלעמאַטיק, אויף דער פאַרפלאָנטערט־קייט פון די גורלות, וועט מען זיך אָן „כריסטיאַן וואהנשאפע" אָדער „אַטצעל אַנדערגאַסט" דערמאָנען נאָר דאַן ווען מ׳וועט זיך דערמאָנען

עסייען

אָן וואַסערמאַנען. דער נוסח וועט זיין אומגעפער אַזוי: וואַסערמאַן? אָ! אודאי קען איך אים, דאָס איז דאָך דער וואָס האָט אָנגעשריבן „כריסטיאַן וואהנשאפע“. סתם אַזוי וועט מען זיך אָן כריסטיאַן וואהנשאפע ניט דערמאָנען... נאָר די העלדן פון די גרויסע שאַפער פון דער ליטעראַטור פירן אַ סואַווערענעם לעבן און דאַרפן מער נישט די אונטערשטיצונג פון דעם וואָס האָט זיי געבראַכט אויף דער וועלט. מ׳זאָגט: יוליען סארעל, קאַראַמאַזאָוו, ראַסקאָלניקאָוו, און מ׳ווייסט גלייך אַז זיי שטעלן מיט זיך פאַר וועלטן, און אויך וואָס פאַר אַ וועלטן. צו אָט דער סואַווערעניטעט קענען וואַסערמאַנס העלדן ניט דערגרייכן, ווייל דער ראַנג פון זייער שעפער, נישט קוקנדיק אויף זיין מי, אויף זיין גרויסן ערנסט, איז דאָך ניט געווען דער ערשטער.

וואַסערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין בייערן, מ׳האָט אים אָבער צוגערעכנט צו דער וויענער ליטעראַרישער שול, כאָטש ער האָט ניט געהאַט יענעם שפּילערישן, גראַציעזן. שפּאַציר־גאַנג, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער ליטעראַרישער שול. זיין גאַנג איז געווען אַ סאָלידער, אַ חשובער. אַ גאַנג פון אַ מענטשן וואָס טראָגט אויף זיך שווערע התחיבותן. די קנייטשן איינגעקארבט אין זיין צו־ערנסטן, כמעט ווי צעווייטיקטן פּנים, באַווייזן אַז הגם וואַסערמאַן האָט געשריבן זייער אַ סך, איז דאָס שרייבן אָבער געווען ביי אים ניט קיין לייכטע, שפּילערישע אַרבעט, נאָר אַ גאַנץ שווערע. אַן אַרבעט וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אינערליכן קאַמף, מיטליידנשאַפטליכן שטרעבן צו העכערע דערגרייכונגען. דאָס האָט אים אַוועקגעשטעלט העכער פון גאָר אַ סך שרייבער, וואָס פאַרמאָגן אויך טאַלאַנט, אָבער זיי שרייבן פונדעסטוועגן ווי פאַר אַן אָפּגעמאָסטענער קורצער צייט, פאַר דער שעה, פאַרן טאָג. וואַסערמאַן איז געשטאַנען העכער פון אָט דער מחנה שרייבער, אָבער צום אויבנאָן אין דער ליטעראַטור האָט ער ניט דערגרייכט. אויך וואַסערמאַנס צייט איז באַגרעניצט. ער האָט אַפילו געהאַט דעם מוט דאָס צו פאַרשטיין און עס אויך אַרויסזאָגן. ער איז נישט געווען פאַרבלענדט נישט צו וויסן אַז די טויערן פון דער אייביגקייט זיינען פאַר אים פאַרשלאָסן. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט דער איידעלער טרייסט אַז ער איז דאָך ניט געווען קיין

טאָג שרייבער, אַז גאָר אַ סך לייענער זיינען טיף געריהרט געוואָרן פון זיינע ביכער, האָבן אים אַלע מאָל ערנסט געלייענט, און זיינען אים געווען זייער דאַנקבאַר. דאָס איז נישט ווייניק. עס מיינט אויך עפּעס דער באוואַוסטזיין, אַז אין די ראַמען פון דער באַגרעניצטער צייט, האָט ער דאָך געהערט צו די זייער באַדייטנדע שרייבער.

(2)

אין די טיפע קנייטשן פון וואַסערמאַנס פּנים האָבן זיך אויך איינגעקארבט, איינגעקריצט די אידישע צרות, דער אינערליכער קאַמף מיטן אידישן פּראָבלעם. וואַסערמאַן האָט זיך שווער געראַנגעלט מיט דער אידישער פראַגע. צי אין זיין בוך „מיין וועג אַלס דויטשע און איד״, צי אין דער רעדע וואָס ער האָט מיט עטליכע יאָר צוריק געהאַלטן אין דייטשישן באד־ארט רייכענהאל, צי אין דעם לאַנגן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט חיים ווייצמאַנען אין אַ ניו יאָרקער האָטעל אין משך פון אַ גאַנצער נאַכט, אומעטום און אַלע מאָל איז קענטיק געווען אַז ער ליידט פון אָט דער פּראָבלעם, אַז ער קען זיך מיט איר ניט ספּראַווען. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווי קומט עס וואָס וואַסערמאַנען איז אַזוי שווער אַ זאַך, וואָס פאַר אַ פּאָדאָליער יונגעמאַן און אַ דייטשישן סטודענט איז עס געווען אַזוי לייכט? פאַרוואָס קען ער נישט, נאָך דעם פאַרטיפן זיך אין אָט דער פּראָבלעם, ציען די איינציקע, נויטיקע קאָנזעקווענצן? בעת וואַסערמאַן האָט נאָך געלעבט און דאָס דייטשישע אידנטום האָט נאָך נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע עס קומט אָן אויף דעם האָט מען חשק געהאַט צו פּאָלעמיזירן מיט וואַסערמאַנען. איצט איז ניט די צייט דערצו. פאַרקערט, מ׳דאַרף זיך באַמיען צו פאַרשטיין וואַסערמאַנס שווער ראַנגלען זיך, זיין נישט וויסן ווי זיך אַרויסצודרייען פון אָט דעם פּלאָנטער. אין איין וועג אויך פאַרשטיין לעאָן פויכטוואַנגערן, וועלכער, נישט קוקנדיק אויף אַלע ליידן, האָט פונדעסטוועגן די טעג, אין אַ לאָנדאָנער רעדע, אָפן דערקלערט אַז ער איז צוגעבונדן צו דער דייטשישער לאַנדשאַפט, צו דער דייטשישער שפּראַך. אפנים עס איז זייער שווער פאַר מענטשן וואָס זיי און זייערע עלטער זיידעס נאָך האָבן געלעבט אין

עסייען

דעם לאַנד זיך אָפּזאָגן מיט אַמאָל פון דעם לאַנד און דער שפּראַך אין וועלכער זיי האָבן געשאַפן. אַ פּויכטוואַנגער, וואָס האָט „יוד זיס", „יאָזעפוס" געשריבן, קען מען נישט אויפוואַרפן אַז ער האָט זיך גע־פוילט צו טראַכטן וועגן דער אידישער פּראָבלעם, אָדער אַז ער האָט נישט באַגריפן דאָס וואָס אַ פּאָדאָליער יונגערמאַן אָדער אַ דייטשיש־אידישער סטודענט האָט באַגריפן. עס ווייזט אויס אַז דער ענין איז אַן ערנסטערער, און מיר האָבן קיין אורזאַך צו פרייען זיך מיט דעם זיג וואָס מיר האָבן געהאַט איבער דער אידעע פון אַסימילאַציע. די אַסימילאַציע, דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן, איז אין אַ באַשטימ־טער צייט געווען אַ פּראָצעס וואָס האָט געמוזט זיין. ווען די טויערן פון די געטאָס האָבן, אַ דאַנק די פאַרשריטליכע אידייען, זיך געעפנט, האָבן די אידן אַנדערש נישט געקענט ווי אַרויסלויפן פון די געטאָס און זיך וואַרפן אין די אָרעמס פון דער אייראָפּעאישער קולטור. דאָס האָט געפירט צו אַסימילאַציע, דאָס האָט אָבער אויך געפירט צו אַ יאָרהונדערט פון גוואַלדיקע אידישע בייטראַגן, פון גרויסער אידישער בילדונג. זי האָט געגעבן אַ לאַנגע, לאַנגע שורה פון ערליכע אידישע געשטאַלטן, פון דיכטער, פילאָזאָפן, שטאַטסמענער, געלערנטע, אויף וועלכע מיר קוקן מיט שטאָלץ. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די וועלט האָט זיך צעגויפגעקליבן און אונז געגעבן די פייערליכע דערקלערונג פון סאַן רעמאָ, האָט מען געגומען אין אַכט ניט נאָר אונ־זער יחוס פון דעם תנך, נאָר אויך יענע לאַנגע, לאַנגע שורה פון יענע גרויסע אידישע מענטשן וואָס די אַסימילאַציע עפּאָכע האָט געבוירן. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן געקענט זיך אָפּזאָגן פון דעם אַלעמען. בעת מ'האָט פאַר אונז געעפנט די געטאָ טויערן האָבן מיר זיי געקענט ווייי־טער פאַרשליסן און פּשוט דערקלערן: מיר ווילן בעסער בלייבן אין די פינסטערע לעכער. עס קען זיין אַז מיר וואָלטן דערמיט דערהאַלטן אַ באַשטימטן סטיל, אָבער דאָס וואָלט געווען דער סטיל און די קולטור שטופּע פון די תימנער אידן, אומגעפער . . . און דער ציוניזם וואָלט קיינמאָל נישט געקומען. אָן דער פריערדיקער עפּאָ־כע פון אַסימילאַציע און השכלה וואָלט דער מאָדערנער ציוניזם ניט מעגליך גע־ווען. אָט די עפּאָכע האָט געמוזט זיין, זי איז, אין אַ געוויסן זין,

שמריהו גאָרעליק

געווען אפשר אַ ברכה, מער ניט, אַ ז אַ ב אַ ש ט י מ ט ע ר צ י י ט האָט מען געדאַרפט נעמען אַן אַנדער ו ע ג, דעם וועג ווידער צו זיך, דעם וועג צו דער נאַציאָנאַלער אידעע. מ׳האָט אים אויך גענומען.

וואַסערמאַן, און מיט אים אַ סך אַנדערע, האָבן דעם וועג נישט געקענט נעמען. זיי זיינען געווען צו פאַרליבט אין איין יאָרהונדערט, אין דעם מענדעלסאַנישן, אויפקלערעדישן יאָרהונדערט. אין דעם יאָר־הונדערט פון פרייהייט און טאָלעראַנץ, און זיי האָבן פאַרגעסן אַן די צוואַנציק יאָרהונדערטן פון פריער, פון דער אידישער געשיכטע. נאָר דורך אַזאַ פאַרגעסן איז דאָס מעגליך געווען אַז וואַסערמאַן זאָל שרייבן אַזאַ וואונדערבאַרן פּראָלאָג ווי די „צירנדאָרפער אידן", אין וועלכן עס ווערט געשילדערט מיט אַזאַ פרישער לעבעדיקער קראַפט איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן אין דער אידישער גלות געשיכטע, דער שבתי צבי מאָמענט, דערביי זאָל ער ניט טראַכטן וועגן די קאָנ־זעקווענצן וואָס ער האָט געמוזט ציען פאַרן צווייטן טייל פון זיין ראָ־מאַן. דאָס אייניקל פון יענע צירנדאָרפער אידן, דער הויפט העלד פון דעם ראָמאַן וואָס קומט נאָך דעם פּראָלאָג וואָלט, לויט די עלעמענטאַרע געזעצן פון לאָגיק, געדאַרפט זיין אַ ציוניסט, און ער איז גאָר אַ קאָס־מאָפּאָליטישער טרוימער. אָט דער הויפט העלד, אגאטהאָן, האָט באַ־דאַרפט זיצן אויף דער טריבונע פון די קאָנגרעס געסט אין באַזעל, זיינע אויגן האָבן געדאַרפט זיך ווייט עפענען און ער האָט באַדאַרפט שלינגען יעדער וואָרט פון דר. הערצל אויף יענעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אייניקל פון צירנדאָרפער, פון שבתי צבי אידן.

אינטערעסאַנט, ווען וואַסערמאַן האָט געשריבן די „אידן פון צירנדאָרף" איז ער אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר, דאָס הייסט, ער האָט אָנגעשריבן זיין שטאַרקסטעס בוך אפשר אין דעמזעלבן יאָר ווען הערצל האָט צענויפגערופן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. וואַסערמאַן און זיין העלד אגאטהאָן בלייבן אומבאַרירט פון אָט דער היסטאָרישער געשעעניש. ער האָט נישט געוואָלט זיך אומקערן, נעמען דעם אַנדערן וועג, כאָטש ער איז ניט איין מאָל אויפגעפאָדערט געוואָרן דערצו פון פילע אידן. אין יענער באַקאַנטער רייכנהאַלער רעדע וואָס

ע ס י י ע ן

האַט אויפגעהויבן אַ סך פּאָלעמישן שטויב, האָט ער זיך געקלאָגט אויף אַ דייטשישן קריסטליכן פּראָפעסאָר, וואָס האָט אים פאָרגעשלאָגן אויסצואוואַנדערן קיין ארץ ישראל און ווערן דאָרט אַ פירער ביי אידן. אָבער שוין אין זיין ערשטן ראָמאַן הערן מיר אָט די עצה, ווען דער לערער באיעסען זאָגט דעם אידן ניבערדינג: איר זייט אַן אימיגראַנט, און צווישן אונז און אייך איז ניטאָ קיין צוזאַמענהאַנג. שוין דאַן זיינען געגעבן געוואָרן די פּאַטאַלע וואָרנונגען וועגן דעם שרעקליכן קלאַפּ וואָס איז אַ סך שפּעטער געקומען איבערן דייטשישן אידנטום, און איבער וואַסערמאַנען גופא. דער היטלעריזם האָט געמוזט ווירקן אויף אים ווי אַ גראַנדיעזע קאַטאַסטראָפע, אַ גאַנצע וועלט איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזען ווי די פילע קריסטליכע העלדן פון זיינע ראָמאַנען זאָגן זיך אָפּ פון זייער שעפער און געשטאַלטער מיט דעם נאַציאָנאַליסטישן אַרגומענט: אַ איד קען אונז נישט פאַרשטיין און טאָר אונזער נשמה ניט פאָרשן. וואַסערמאַן האָט עס באַטראַכט ווי אַ באַרבאַריזם, און ער איז געווען גערעכט, דערביי האָט אָבער געפּלאַצט זיין האַרץ פון גרויס ווייטיק.

הערמאַן באהר, דער גוטער אייראָפּעער

די טעג איז געשטאָרבן הערמאַן באהר. זיין טויט טאָר מען ניט פאַרבייגיין מיט שוויגן, שוין צוליב זיין פריינטשאַפט מיט דר. הערצל, צוליב זיין וואַרימער באַציאונג צו אידן, צום ציוניזם, צוליב זיין בוך „דער אַנטיסעמיטיזם — אַ אינטערנאַציאָנאַלעס אינטערוויו", און אַנדערע „צוליבן", וואָס האָבן אַ שייכות נאָר מיט אונז אידן. אין דער פערזענליכקייט הערמאַן באהר איז אָבער געווען נאָך איין מאָמענט וואָס ציט אונז זיך צו דערמאָנען אָן אים — **ער איז געווען אַ גוטער אייראָפּעער.**

דאָס מיינט אַז מיט זיין פילזייטיקן טאַלאַנט אַלס קאָמעדיע שרייבער און קריטיקער האָט ער באַלאַנגט און געווירקט אין דער עפּאָכע ווען דער באַגריף אייראָפּעערטום איז געשטאַנען גאַנץ הויך און האָט פאַרמאָגט אַ סך אינהאַלט. עס איז קלאָר אַז דאָס האָט געקענט זיין נאָר אַ רואיקע עפּאָכע, אַ זאַטע, אַן עפּאָכע אָן אויפטרייסלונגען, אָן רעוואָלוציעס, אָבער מיט אַ פעסטן האַלטן זיך אָן די עטליכע גרויסע פּרינציפּן וואָס די ערשטע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געלאָזט בירושה דער וועלט, די אייראָפּעאישע פעלקער; די פּרינציפּן **פון פרייהייט פון גייסט און פון דער מענטשליכער פערזענליכקייט.**

עס איז אויך געווען די עפּאָכע אין וועלכער קיין ערנסטע מלחמות זיינען ניט פאָרגעקומען. איבעריק צו זאָגן אַז פאַר דער אַנטוויקלונג פון קונסט און ליטעראַטור זיינען אַזוינע עפּאָכעס די בעסטע. **נאָר דאַן ווען עס קומט כמעט ווי גאָרניט פאָר,** ווען אַוואַנטיוריסטן, אוזורפּאַטאָרן, פּאָליטישע אינטריגאַנטן און דעספּאָטן האָבן נישט וואָס צו טאָן, ווען די אַטמאָספערע איז אַ פרידליכע, אַ ביסל ווי אַ פאַרשלאָפענע (דעספּאָטן גייען אַרום ליידיק), נאָר דאַן איז דער שרייבער, דער קינסטלער גליקליך און ביכולת צו שאַפן מיט פרייד. עס איז זיין אַטמאָספערע. דאָס איז די אַטמאָספערע, ווען אַ

ע ס י י ע ן

טעאַטער פּרעמיערע איז אַ שטאַרקע סענסאַציע, אַלענפאַלס אַ וויכטיקער ענין. ווען די פּאָליטיק שלאָפט איז די ליטעראַטור וואַך און לעבעדיק ביז גאָר. ווען די דיפּלאָמאַטן לויפן ווינציק אַרום, פאָרן מער די ליטעראַטור און טעאַטער קריטיקער, די באַגאַבטסטע פעליעטאָניסטן, די נאָוועלן שרייבער. זיי באַרייזן די וועלט, דאָס הייסט, אייראָפּע, ווייל פאַר זיי *איז אייראָפּע דעמאָלט געווען די וועלט*. זיי פאָרן און דערציילן ווי שיין אָט די וועלט איז און ווי וואונדערבאַר עלעגאַנט דוזע האָט געשפּילט.

אַזאַ פיל־רייזענדער איבער דער וועלט־אייראָפּע און אַזאַ פיל־שרייבער איז געווען הערמאַן באהר. ער האָט אומגלויבליך פיל געשריבן, געווען פאַרנומען מיט אַלע מינים ליטעראַטור און שטענדיק געשריבן אין איין סטיל, אין סטיל פון רייצנדער, עלעגאַנטער באַגאַבטקייט. דאָס מיינט ניט דוקא שרייבן שפּילעוודיק, טאַנצנדיק. מ׳קען באַרירן די טיפקייטן פון דער מענטשליכער נשמה, פון דער וועלט, דער נאַטור, דערביי זיין זייער רייצנד און אַפילו עלעגאַנט. מיט איין וואָרט, מ׳קען זיין טיף און דאָך ניט שווער. פון דעם שווערן, אָנגעכמורעטן, ערנסטן האָט אַזאַ נאַטור ווי הערמאַן באהר געמוזט אַנטלויפן. ער איז געווען דער אַנגענעם געפעליקער, אנרעגנדער, ליבנסווירדיקער און עלעגאַנטער פלוידערער איבער די וויכטיקסטע ענינים וואָס זיינען אָנגעגאַנגען דעם אייראָפּעער אין די רואיקע, פרידליכע, ניט דעספּאָטישע און ניט רעוואָלוציאָנערע יאָרן, דאָס הייסט, אין *קולטור יאָרן*, אין שטילע, אַפילו כלומרשט זאַטע יאָרן. הערמאַן באהר האָט אַפילו געפלוידערט איבער רעליגיע, ניט קוקנדיק דאַרויף וואָס רעליגיע איז ביי אים געווען אַ וויכטיקער ענין, והא ראיה, אויף די עלטערע יאָרן איז ער געוואָרן פרום, אָבער ניט פאַנאַטיש. פרום, אָבער מיט אַן אָפן האַרץ פאַר אַלץ וואָס איז שיין אין דער וועלט און אין דעם מענטשן. זיין פרומקייט האָט אים געבראַכט גליק און פרייד, ווייל זי האָט ביי אים צוגענומען די מורא פאַרן טויט. איבער דעם גרויסן ענין — שטאַרבן, האָט ער געשריבן פיינע, טיף דורכגעפילטע ווערטער, וואָס יעדער איינער קען פאַרשטיין. אַפילו ביים אַרומריידן דעם לעצטן עטאַפּ פון דעם מענטשנס וואַנדערן איז ער אויך געבליבן דער גוטער אייראָפּעער.

שמריהו גאָרעליק

הערמאַן באהר האָט אָנגעשריבן זייער אַ סך. אַ מענטש וואָס האָט אָנגעשריבן אַזוי פיל ווייסט אַליין אַז דעם גרעסטן טייל וועט מען פאַרגעסן, אָבער איינס וועט שטענדיק בלייבן אין זכרון: וואָס מ׳האָט ניט געלייענט אָדער געזען אויף דער בינע, איז אַלץ געווען אינטערעסאַנט, אָפט דורכגעדרונגען מיט זייער וויציקן גייסט. הערמאַן באהר און עפּעס שווערס, לאַנגווייליקס האָבן ניט האַרמאָנירט. מ׳דערמאָנט זיך שטענדיק אָן זיין רייצנדער פּערזענליכקייט, און אויך דאָ איז ער געווען דער אמתער פאַרשטייער פון דעם וואָס קען באַצייכנט ווערן מיט די ווערטער: גוטער אייראָפּעער.

אגב, וועגן דעם באַגריף אייראָפּעערטום האָט דער פראַנצויזישער קריטיקער און עסעאיסט אַנדרע סוארעס זייער שיין געשריבן:

„איך ווייס פון איין סאָרט גוטן אייראָפּעער — מיט פולער איבערצייגנונגס קראַפט באַזיצן די נשמה פון זיין פאָלק, און מיט אַ ענליכער קראַפט צוטראָגן איר אַלס שפּייז אַלץ וואָס איז אויף אַן אַנדער אופן איינציק דער נשמה פון אַנדערע פעלקער, באַפריינדעטע אָדער פיינטליכע. אַפילו די פיינטליכסטע זיינען אונז פריינט מיט דעם גרויסן וואָס אין זיי איז דאָ, און ווען מיר געהערן דער שיינקייט, געהערן זייערע שענסטע ביי־טראָגן אויך צו אונז. אַ ווייטער גייסט קען נאָר פריינטשאַפט זיין“.

אָט די כאַראַקטעריסטיק איז זייער צוגעפּאַסט צו הערמאַן באהר, וועמעס לעבעדיקער און וואַכער גייסט איז געווען צוגעווענדט צו אַלע פעלקער אין זייערע שיינע און גרויסע לייסטונגען. ער איז געווען „דייטש מיט געטהע און וואַגנער; איטאַליעניש מיט דאַנטע און מיקעלאַנזשעלאָ; ענגליש מיט שעקספּיר; סקאַנדינאַוויש מיט איבסען און רוסיש מיט דאָסטאָיעווסקין“. און ביי דעם אַלעמען איז ער געווען עסטרייכער. אָט דער באַגריף איז חל נישט אויף אַ באַשטימט פאָלק, עס איז עטוואָס מער, ווי זאָל מען דאָס זאָגן, מער אַטמאָספערע. אַ ביז גאָר ליבליכע אַטמאָספערע, מער ווי בלויז „וויען און דער וויין“, אָדער וויען און די שיינע פּרויען. עס איז אַלץ אינאיינעם, עס איז די עסטרייך וואָס הערמאַן באהר האָט אַזוי ליב געהאָט, ליבנסווירדיק און פאַרחלומט, די עסטרייך מיט פּאַסיווע, מעלאַנכאָלישע הערשער אויפן טראָן. אַפנים אַז די עסטרייכישע לופט איז גאָר

עסייען

א באַזונדערע, ווייל קיין דינאַסטיע אויף דער וועלט האָט ניט אַרויס־געגעבן אַזוי פיל ערצהערצאָגן, וועמען יעדער גערדאַנק פון הערשן האָט אָפּגעשראָקן און זיי זיינען אַליין אַנטלאָפן, געוואָרן איינפּאַכע, אַנאָנימע בירגער. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה האָט דער ערצהערצאָג לעאָפּאָלד, פראַנץ יאָזעפס אַ פּלימעניק, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע טיטלען, אַוועקגעוואָרפן אַלע צוקונפטס מעגליכקייטן און האָט געזונגען קופּלעטן אין אַ בערלינער קאַבאַרעט. אינם שענבּרונער פּאַלאַץ זיינען אַרומגעגאַנגען האַמלעטן. מ׳האָט ניט געדאַרפט קיין רעוואָלוציע זיי אַרונטערצוזעצן פון טראָן, זיי זיינען מיט פאַרגניגן אַליין אַרונטערגעגאַנגען. דאָס איז עסטרייך. דאָס איז וויען.

הערמאַן באהר האָט ליב געהאַט אָט די וויען, די עסטרייך. ער האָט גערעדט וועגן דעם באַזונדערן אַראָמאַט פון דער עסטרייכישער קולטור, וועגן דער באַזונדערער מיסיע וואָס זי דאַרף דערפילן. און עס שיינט אַז אין דעם איז דאָ אַ סך אמת. קוקט מען זיך צו צום קאַמף וואָס די קליינע עסטרייך פירט קעגן דער שטאַרקער דייטשלאַנד, מוז מען האָבן דעם איינדרוק אַז דאָס קעמפן צוויי באַגריפן פון קולטור. עסטרייך קען זיין רעאַקציאָנער, אָבער זי האָסט טיראַניי, דעספּאָטיזם, קאַזאַרמע לעבן. דער אַלטער הערמאַן באהר האָט פון מינכען געמוזט צוקוקן ווי עסטרייך קעמפט קעגן דעם נאַציזם. וואָס ער האָט דערביי געפילט האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט זאָגן, אָבער מ׳ווייסט אַזוי אויך. מ׳ווייסט אויך וועלכע געדאַנקען און געפילן עס האָבן געהערשט אין אים איבער די מערדערישע פאַרפאָלגונגען פון די אידן. ער האָט זיך געמוזט דערמאָנען אָן דעם וואָס ער אַליין האָט געשריבן איבער הערצלס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט באהרן אין איינער פון די אָוונט שטונדן ווען זיי האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער די ווינער גאַסן. דאָס זיינען געווען ווערטער וועגן דעם אידישן פאָלק, וואָס איז אַ פאָלק אָן אַ לאַנד . . .

הערמאַן באהר איז געשטאָרבן אין עלטער פון איין און זיבעציק יאָר. אַ פריינט פון אידן, אַ פריינט פון דר. הערצל, אַ גוטער, גוטער אייראָפּעער.

מיגועל דע אונאמונאָ

אין דער אַלטער אוניווערסיטעט שטאָט סאַלאַמאַנקאָ, אין שפּאַניען, אין איינער פון די אויפטרייסלענדיקסטע און שרעקלאַכסטע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון שפּאַניען איז געשטאָרבן אין עלטער פון 72 יאָר מיגועל דע אונאמונאָ. דאָס גייסטיקע פעלד פון זיין פאָטערלאַנד האָט ער באַפרוכפּערט מיט אַ גאַנצער רייע ראָמאַנען, נאָוועלן, קריטישע עסייען, פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, און די אַלע שפּיגלען אָפּ אַ נשמה אַן אומרואיקע, אַ דערהויבענע, אַ יום־טובדיקע, אַ ליידנדיקע און אַ פּאָעטישע. ער האָט גערעדט וועגן זאַכן, וואָס געפינען זיך ביים זייט פונם לעבן, און האָט גערעדט אויף אַזאַ אופן, אַז מענטשן, וועלכע זיינען אַריינגעטאָן אין טאָג־טעגלאַכע אינטערעסן, אין די גרענעצן פון פאַרבייגייענדיקן, פלעגן זיך ניט איינמאָל עפּעס אַ דריי־טאָן און געבן אַ פרעג: וועגן וואָס רעדט עס דער מענטש? דאָס אַלץ איז דאָך עפּעס אַזוי וויט! ניט קיין פּאָליטיקע, ניט קיין סאָציאַלע פראַגן, אָפילו ניט קיין קונסט, און דאָך רעדט ער וועגן אָט דעם וויטן, דעם אומנויטיקן מיט האַרץ און נשמה און מיט אַזאַ התלהבות! און אין די הויפּט טעמעס פון זיינע שאַפונגען, וואָס צייכענען זיין גייסטיקן פּרצוף, איז ער ניט אַן אַ פאַרגלייך מיט זיין העלד און לערער דאָן קיכאָט, ווען יענער באַגעגנט אויף זיינע וואַנדערונגען דעם ציגן־פּאַסטוך. זיינע רייד וואָלטן דאָך געוועזן נעענטער און אַקטועלער, ווען ער וואָלט גערעדט מיט אים וועגן פּיצוכט־אינטערעסן, וועגן מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען זיי פון שלעכטן צושטאַנד זייערן — אָבער דאָן קיכאָט שוועבט אין די עולמות העליונים, ער לעבט אין חלום, — וואָס דאָס איז פאַר אים די איינציקע רעאַליטעט — און רעדט וועגן זאַכן, וואָס שטייען ברומו של עולם . . . מיטן ברען פון אַ מענטשן, וואָס רעדט וועגן טאָג־טעגלאַכע ענינים. אונאַמונאָ, וועלכער האָט ליב צו באַצירן זיינע אָפּהאַנדלונגען אויך מיט

עסייען

אַנווייזונגען אויף שטעלן אין די ביכער פון מאַנאַכן, הייליקע און גאָטספּאַרכטיקע, באַמערקט, אַז די יעזואיטן, למשל, ריידן וועגן אויס־היילן די מענטשלאַכע נשמה ווי וועגן אַ „געשעפט״, ס׳הייסט, אָטאָ דעם ענין, וואָס איז דאָכט זיך איינער פון די ווייטסטע פון דער ממשותדיקער וועלט, גיבן זיי צו אַ כאַראַקטער פון ממש אַ „געשעפט״, מען מאַכט נאָענט צום לעבן און וויכטיק פאַרן לעבן. און אַזוי טוט אויך אונאַמונאָ. די הויפּט פּראָבלעמע זיינע, די פּראָבלעמע פון השארת הנפש, צו וועלכער עס זיינען געווידמעט זיינע צוויי הויפּט ווערק: „אַ טראַגישער געפיל פון לעבן״ און „דאָס לעבן פון דאָן קיכאָט״ לייגט ער פאַר פאַרן עולם מיט דער אַקטואַליטעט פון אַ זאַך אַ ווירק־לאַכער, פון אַ טאָג־טעגלאַכקייט, פון עפּעס וואָס איז אָטאָ שוין וויכ־טיק, מיט דער אַקטואַליטעט פון אַ „געשעפט״, כדי אויף אַזאַ אופן צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרנומענע און פאַרהאַוועטע מענטשן, כדי צו פאַראינטערעסירן זיי און כדי צו מאַכן זיי אַליין וויכ־טיקער ווי זיי זייבען אין דער ווירקלאַכקייט. אונאַמונאָ פילאָזאָפירט ניט, ער פלפולט זיך ניט וועגן השארת הנפש, נאָר ער שרייט מיט אַ קול, וואָס איז מרעיש עולם. ער איז געגליכן צום שטאַבס־קאַפּיטאַן באַ דאָסטאָיעווסקין, וועלכער טענהט: אויב עס איז ניטאָ קיין גאָט אין דער וועלט, איז וואָס פאַר אַ קאַפּיטאַן בין איך, אויב אַזוי? מחמת ווי קען מען לעבן, ווי קען מען לעבן אַפילו איין טאָג נאָר, ווייסנדיק, אַז אַלץ פאַרשווינדט? ווי קען מען זיך אָפּזאָגן פון אריינטראַכטן זיך אין דער הויפּט־פראַגע: וואָס ווערט פון אונדז נאָכן טויט? דער „גאָר־נישט״ פון די נאַטור־פאָרשער, פון די פּאָזיטיוויסטן, פון די אַפּיקורסים איז פאַר אונאַמונאָן אַ שרעקלאַכע און אַ שוידערלאַכע זאַך. דער גיהינום מיט אַלע זיינע שרעקן גיט אים מער טרייסט איידער דער „גאָרנישט״. „אפשר איז בעסער פאַר אונדז״ — זאָגט אונאַמונאָ — „אַז מיר זאָלן זיך צונויפנעמען, און אַלע ווי איינער אַרויסלאָזן זיך אין די גאַסן און אויפן קול באַוויינען אונדזערע יסורים און אונדזער פּיין. אפשר איז בעסער אַז מיר זאָלן אַזוי טאָן, אַפילו ווען גאָט וואָלט זיך צו אונדז ניט צוגעהערט״. „גאָטס הויז איז דאָס הייליקסטע, ווייל אַהין קומען מיר זיך צונויף צוליבן קלאָג פון די מערסטע״. ריידנדיק וועגן שפּינאָזאָן זאָגט ער: „צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו איינעם,

וועמען עס טוען וויי די הענט און די פיס". שפּינאָזאַ „פּילט" גאָט, און אויף אים, זאָגט אונאַמונאָ, קען מען זאָגן, אַז ער פּילט דעם השארת הנפש מחמת זיין גרויסן ווילן „צו לעבן": „אָ, לעבן, שטענדיק לעבן, אָן אָן אויפהער לעבן אייביק, דער לוסט צום לעבן, צו לעבן אייביק!"

אונאַמונאָ איז איינער פון די יחידי סגולה צווישן די שרייבער, וואָס מיר רופן (צוליב דער אָרעמקייט פון אונדזערע אוסדרוקן און באַגריפן) מיט אַ ווערטער־פאַרבינדונג: „דיכטער־דענקער" אָדער „דיכ־טער־פילאָזאָף". די אָפיציעלע פילאָזאָפיע אָנערקענט זיי ניט, ווײַלע זיי האָבן ניט אַריינגעשפּאַרט זייער מחשבה אין דער פורעם פון אַ שיטה, וואָס הענגט אַרויס אַ שילד, ווייל צווישן די זייטן און בלעטער פון זייערע ביכער צאַפּלט זיך צופיל נשמה און עס שטראָמט צופיל וואַרעמקייט. זאָלן זיי זיך חשבונען די פילאָזאָפן און זאָלן זיי פּסקע־נען ווי זיי ווילן. מיר, פּשוטע מענטשן, זוכן טרייסט אין ווערטער, וואָס זיינען מסוגל צו דערוואַרעמען די נשמה, מיר מאָנען די אויס־געשרייען פון אַ פיבערנדיקער, ליידנדער נשמה און האָבן דוקא ליב אַזעלכע מיני שרייבער, דיכטער־דענקער און דיכטער־פילאָזאָפן. זייע־רע ביכער ווערן באַ אונדז ניט פאַרעלטערט. און די ספּעציאַליסטן־פילאָזאָפן, די פּראָפעסיאָנעלע און די בעלי־שיטות שאַרפן אונדזער שכל, גיבן אים חריפות. זיי זיינען גוט פאַר די, וואָס ווילן שרייבן דיסערטאַציעס, ספרים, אָנגעפּיקעוועט מיט בקיאות און מיט וויסן. אָבער נאָר ווען מיר לייענען פּאַסקאַלן, קאַרליילן, ווערן מיר אָנגעצונדן, ווערן מיר פאַרכאַפּט און מיר הויבן אָן זיך צו פילן גליקלאַך. אָט אָ די קליינע און אויסדערוויילטע גרופּע דיכטער־פילאָזאָפן און דיכטער־רעליגיעזע־דענקער פאַרמאָגט איין געמיינשאַפטלאכקייט פאַר אַלע אירע מיטגלידער: אַלע זיינען זיי דערהויבענע נשמות, וואָס פליען אין די הימלען און ריידן צום מענטשן „פון דער הויך", „פון אויבן", אָבער מיט אַ שטאַרקער התלהבות, מיט אַ דביקות, מיט אַן איינגעהאַלטענעם פייער, און קיין פראָסט קומט ניט אַרונטער פון „זייערע הויכן", נאָר אַ וואַרעמקייט פליסט אַרונטער פון דאָרטן און דרינגט אַריין אין אונדזערע הערצער, אַ וואַרעמקייט, וואָס איז דוקא אונדז אַזוי בויטיק. איז דאָך טאָקע פאַראַן אַ סך אמת אין אונאַמונאָס רייד, ווען ער זאָגט:

„מערט ליכט“ זיינען געוועזן געטהעס לעצטע ווערטער. אָבער ס׳איז דאָך ניט אַזוי! מער וואַרעמקייט! מיר קומען אום פון קעלט און פון פראָסט און ניט פון פינצטערניש“. איז קלאָר, אַז שרייבער און דענקער פון דעם מין ריידן זייער ווינציק וועגן סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן (כאָטש פון צייט צו צייט, אַזוי ווי אונאַמונאָ אין דער צייט פון פרימאַ דע ריוועראס דיקטאַטור, פאַרנעמען זיי זיך אויך מיט פּאַליטיק), זיי ריידן ניט צו די מאַסן, זיי אָרגאַניזירן ניט די מענטשהייט, זיי זיינען די אינדיווידועלסטע שרייבער. דער פּאָעטישער און רעליגיעזער יסוד, וואָס ליגט טיף אין זיי זעלבסט, צווינגט שוין זיי צו ווערן אינדיווידואַליסטן און צו ריידן צו יעדן איינצעלנעם באַזונדער. זיי ריידן און זינגען וועגן דעם מענטשן דעם גבור, דעם טראַגישן, און עס איז ניט זייער אויפגאַבע צו טאָן די אַרבעט פון אַ סאַנכאָ פּאַנטשאָ. סאַנכאָ פּאַנטשאָ מוז אָרגאַניזירן, צונויפשליסן מענטשן אין מאַכטיקע פאַראיינען — אָבער דאָן קיכאָטס אויפגאַבע איז צו פאַרטיפן דאָס אַריינטראַכטן זיך אין דער וועלט. זיין אויפגאַבע איז צו דערהויבן דאָס נידעריקסטע, צו פאַרוואַנדלען שטויב אין גאָלד, אַ פאַרוואָרפענע קרעטשמע אין אַ פּראַכטיקן פּאַלאַץ, די גראָבע דאָרפישע שיקסע אלדאנצא לארענצאָ אין דער פּאָעטישער שיינער און אַריסטאָקראַטישער דולציניייע פון טאבאזא. זיין אויפגאַבע איז אויסצוטאָן זיך פון די וואָכעדיקע קליידער און פון זיין וואָכעדיקן נאָמען אלאנזא קווייאנא און אָנצוטאָן זיך אין ריטערלאכע קליידער און אין אַ פייערלאכן ריטערלאכן נאָמען דאָן קיכאָט, אָט דער נאָמען, וואָס מאַכט אים צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פון געוויינלאכע מענטשן. ווילע, זעט נאָר, זעט נאָר: סאַנכאָ פּאַנטשאָ, דער רעאַליסט, וואָס זיצט אויפן סיר הבשר אָנערקענט נאָר אים אַליין. סאַנכאָ פּאַנטשאָ, דער פּאָזיטיוויסט, גייט פונדעסטוועגן נאָך נאָר נאָכן נאַרישן און משוגענעם בעל־חלומות, דאָן קיכאָטן, ער באַדינט אים ווי אַ קנעכט און פרוווט מיט דער צייט נאָכצומאַכן דאָן קיכאָטן.

מיגועל דע אונאַמונאָ אַליין איז געווען — אויף וויפיל ער רעדט צום מענטשן פון דער הויך פון זיינע חלומות, פון דעם אויבן פון זיין בענקשאַפט — אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור אַ מין דאָן קיכאָט און אויך זיין גורל איז געווען ענלאך צום גורל פונם ריטער פון לאַמאַנש,

שמריהו גאָרעליק

אַ גורל אַן אומפאַרשטענדלאכער, דער גורל פון אַלע, וואָסריידן ניט וועגן טאָג־טעגלאָכע אינטערעסן, וואָס אָרגאַניזירן ניט, וואָס באַשעפטיקן זיך ניט מיט פאליטיק, וואָס זיגן ניט אין די וואַל־מלחמות, נאָר וואָס טראָגן זייערע ווייטע אינטערעסן מיט אַ מין התלהבות, ווי דאָס וואָלטן געווען זייערע נאָענטסטע אינטערעסן. און דער העלד און לערער פון אונאמונאָ, ווען ער דערפילט אין דער פאַרגאַנגענער ווירקלאָכקייט מיט זיין גייסט און גרויסן וואונדער, ווי אַ וויכטיקע ווירקלאָכקייט פון איצטיקער צייט און ניט דווקא ווי אַ פאַנטאַזיע־פראָדוקט פונם געניע מיטן נאָמען סערוואַנטעס — דער העלד און לערער פון אונאמונאָ איז דאָן קיכאָט, דער ריטער מיטן טרויער־געשטאַלט. דאָן קיכאָט, פון וועמען עס איז אָפגענומען געוואָרן זיין געוויינלאַכער שכל, זיין טאָג־טעגלאָכער שכל, דער קליינלאָכער מוח פונם אָרעמען גוט־באַזיצער אלאנדאָ קווייאנאָ און וועלכער עס האָט זיך דערוואָרבן אַ פייערלאכן שכל, אַ מוח פון גרויסקייט, אַ מוח פון שבת־יום־טוב, אַ מוח פונם ריטער דאָן קיכאָט. און צוליב וואָס? כדי אַרויפצוגיסן אַ גייסט פון שבת־יום־טוב אויף די זעקס טעג פון וואָך, כדי אויסצואוועפן די מענטשלאכע וואָכעדיקייט און פאַרבייטן זי מיט דער שיין פון דער שכינה, מיטן ליכט פון אייביקייט. און לכבוד זיין העלד האָט אונאמונאָ אָנגעשריבן זיין וויכטיקן בוך „דאָס לעבן פון דאָן קיכאָט“. דאָס איז מער, אַ סך מער, ניט אין אַן ערך מער ווי סתם אַ פירוש צו סערוואַנטעסעס אומשטערבלאכער שאַפונג, דאָס איז אַן איבערחזורונג פון געדאַנק, אַ פאַרטיפונג פונם געדאַנק. עס איז אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָעטישע געדאַנק־שאַפונג. אונאמונאָ שאַפט פאַר זיך און פאַרן לייענער דעם נייעם דאָן קיכאָט, דעם אמתן. ער זעט אין אים אַ גרויסע זעאונג, גרעסער פון סערוואַנטעס זעאונג, אַן אַנדער זעאונג און, ווי עס שיינט אים, אַ ריכטיקע זעאונג. אין דאָן קיכאָט זעט אונאמונאָ שפאַניעס נאַציאָנאַלן העלד, שפאַניעס נאַציאָנאַלן שטאָלץ, די שפאַנישע פילאָסאָפיע. ווען מען פרעגט אים: וואָס האָט שפאַניע געגעבן דער וועלט? ענטפערט ער: איז אייך דאָן קיכאָט דען ניט גענוג? דאָס אַליין איז גענוג. אַנדערע פעלקער האָבן געשריבן ביכער, אָבער שפאַניע האָט געגעבן דער וועלט מענטשן, און דער וואונדערלאַכסטער צווישן זיי איז דער טרויעריק געשטאַלטעטער רי־

טער פון לאַמאַנש. אין זיינע פירושים צו דאָן קיכאָט וויקלט פאַנאַנדער אונאַמונאָ זיין וועלט־אַנשויאונג, דעבאַטירט מיט זיינע צייטגענאָסן און קעמפט פאַר דער ממשותדיקייט און פאַרן געבענטשטן איינפלוס פון זיין העלד און גרויסן לערער.

און אַזוי ווי דאָן קיכאָט אין זיינע וואַנדערונגען דורכן האמעטנעם לעבן פאַלט אַרונטער פון זיין פערד, פון זיין רוסינאַנטע און בלייבט ליגן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד (באַלד הויבט ער זיך ווידער אויף כדי צו ווערן, וואָס ער איז: דער טרוימער, דער בענקער נאָך אייביקייט דורך העלדישקייט), אַזוי איז אויך אונאַמונאָ באַשערט געווען אַרונטערצופאַלן פון דעם הויכן שפּיץ פון זיינע אידעאַלן אין טיפן גרוב פון שפּאַניען, וואָס איז געוואָרן פאַרפּלייצט מיטן בלוט פונם מערדערלאַכן בירגער־קריג. ווי אומגליקלאַך איז ער געווען, ווי אומגליקלאַך האָט ער געמוזט זיין אין אָטאָ די לעצטע חדשים! ער, וואָס האָט געגלויבט אין דעם ספּעציפישן שפּאַנישן שטאָלץ, ווי ביטער האָט געמוזט זיין זיין אַנטוישונג! ווײלע די אידייען, צוליב וועלכע שפּאַניען ווערט איצט חרוב, ווײלע די אידייען פון לאַרגאָ קאַבאַלעראָ און פון גענעראַל פראַנקאָ זיינען ווייטע און פרעמדע. ווער איז דאָן קיכאָט און ווער איז סאַנכאָ פּאַנטשאָ אויף דעם שלאַכטפעלד? ביטער און דערדריקט האָט געמוזט זיין אונאַמונאָס גייסט, ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און האָט דערזען, אַז אַנשטאָט דעם שפּאַנישן שטאָלץ ווערט גאָר דאָ פאַרווירקלאַכט נאָר דער קאַפּיטל פון סערוואַנטעס בוך, וואו עס ווערט דערציילט, אַז ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו באַרצעלאָנע, האָט זיך סאַנכאָ פּאַנטשאָ אָנגענומען מיט מוט און האָט רעוואָלטירט קעגן זיין האַר. דאַן שוין איז באַרצעלאָנע געווען די שטאָט, וואָס האָט געוועקט צום בונט און אויפשטאַנד. גענוג איז אונדז נאָר צו דערמאָנען ווי סאַנכאָ פּאַנטשאָ באַפאַלט דאָן קיכאָטן און שטעלט אַרויף די קני אויף זיין ברוסט. די באַרצעלאָנער לופט רעגט אָן דעם קנעכט צו רעוואָלטירן קעגן דעם מענטשן, וואָס וויל און וואָס דערגרייכט צו מאַכן אים אומשטערבלאַך. אָבער ניט מיט דעם בילד קען ווערן סימבאָליזירט דער צושטאַנד אין שפּאַניען אין אונדזער צייט, נאָר מיט אַן אַנדער בילד: ווען סאַנכאָ פּאַנטשאָ האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אויפשטאַנד, האָט ער אויפגעהויבן די

שמריהו גאָרעליק

אויגן און האָט דערזען, אַז . . . אַז „איבער זיין קאָפּ הענגען אַרונטער פון אַ בוים אַ פאַר מענטשלאַכע פיס אָן שיך און זאָקן". דאָס זייבען געווען צוויי פרעמדע פיס, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט, בשעת סאַנכאָ פאַנטשאָ איז געווען פאַרנומען מיט זיין אָנפאַל אויף דאָן קיכאָטן. ווער פון די ביידע צדדים, וואָס קעמפן איצט אין שפאַניען, איז דאָן קיכאָט און ווער איז סאַנכאָ פאַנטשאָ? שווער צו באַשטימען לעת עתה. אונאַמונאָ האָט אויפן שלאַכטפעלד ביידן ניט געזען. איין זאַך נאָר האָט ער געזען מיט האַרצווייטיק „אַ פאָר מענטשלאַכע פיס אָן שיך און זאָקן הענגען אַרונטער פון אַ בוים". אָ, די פיס זיינען שוין אַרונטער פונם בוים! דאָס זיינען די אָפּטיילן פון די פרעמדע אַרמייען, וואָס קעמפן אין שפאַניען צוליב פאָליטישע אַמביציעס און צוליב סאָציאַלע אוטאָפּיעס. שפאַניע ווערט חרב און אויך די אידייען־וועלט פון אונאַמונאָ ווערט חרב. אָט איצטער איז ער געשטאָרבן, ביין, ניט געשטאָרבן, נאָר דערמאָרדעט געוואָרן. דאָן קיכאָט און אויך אונאַמונאָ האָבן מער ניט געהאַט קיין כוח צו לעבן — ער, וואָס האָט זיך מודה און מתוודה געווען אויף זיין דאָרשט צום לעבן, ער, וואָס האָט מיט אַ הויך קול אויסגעשריען זיין הונגער־געשריי נאָך אייביקייט.

סטעפֿאַן געאָרגע

אין עלטער פֿון פֿינף און זעכציק יאָר איז אין לאָקאַרנאָ, די שווייץ, געשטאָרבן דער דייטשישער דיכטער סטעפֿאַן געאָרגע. צום ערשטן מאָל האָט די דייטשישע און די וועלט עפֿנטליכקייט זיך דערוואוסט, אויב אַפֿילו בלויז דורך אַ טויטן ידיעה, עפּעס פּערזענליכעס וועגן אָט דעם אַריסטאָקראַטישן, אין הויכן זין פֿון וואָרט, דיכטער, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אַן אייגענעם סטיל ניט נאָר פֿאַר זיין שרייבן, נאָר אויך פֿאַר זיין לעבן. צום ערשטן מאָל ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אין פֿאַרבינדונג מיט אַ באַשטימטן אָרט, אַ באַשטימטער לאַנדשאַפֿט. די וועלט ווייסט איצט וואו דער דיכטער איז געשטאָרבן, וואו ער האָט געלעבט האָט ניט געוואוסט קיינער חוץ דעם קליינעם קרייז, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען דער „סטעפֿאַן געאָרגע קרייז". סטעפֿאַן געאָרגע האָט פּריווויליק געלעבט אַ פֿאַרבאָרגן לעבן, אָפּגעזונדערט פֿון אַלע וואָס האָבן ניט געהערט צו יענעם עקסקלוזיוון קרייז, צו די יחידי סגולה וואָס האָבן געהאַט אַ צוטריט צו זיין דיכטער טעמפּל. מיט אַ קאָנזעקווענץ וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן האָט געאָרגע אויסגעמיטן אַלץ וואָס האָט געהאַט וועלכע עס איז דירעקטע אָדער אומדירעקטע שייכות מיט פּאָפּולאַריטעט און פּובליציטעט. די גאַנצע מאָדערנע וועלט מיט איר גוואַלדיקער טעכניק, מיט איר זייער פֿאַרשפּרייטער האַלב און פֿערטל בילדונג, מיט איר שנעלקייט און קורצן זכרון, אָט די גאַנצע וועלט, וואָס לעבט נ אָ ר ד ע ם א י י נ ע ם ט אָ ג, האָט געאָרגע שטאָלץ אָפּגעלייקנט, זי דערווייטערט פֿון זיך. ער האָט קיינמאָל ניט דערלויבט מ׳זאָל פֿאַר אים מאַכן אַפֿילו די פֿאַרבאָר־גענסטע רעקלאַמע. ער האָט ניט געשריבן אין קיינע צייטשריפֿטן, האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט קיין מיינונג אַפֿילו וועגן די גרעסטע וועלט געשעענישן. אַ אומצופֿרידענער? ער האָט אָבער אויך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן דעם קלענסטן סימן פֿון אומצופֿרידנקייט. אַ בעל

גאוה? ניין, ניט אין געוויינליכן און אַפילו ניט אין געשטייגערטן זין פון דעם וואָרט, הגם פילע ווען זיי האָבן דאָס פאַרמעסטן זיי אין ערלעך פאַר פּערזענלעך די אויסערגעוויינלעכע פון דער וועלט איז ניט געפעלן געוואָרן האָבן אים באַשולדיקט אין דעם.

סטעפאַן געאָרגע איז דער באַדייטנדער דיכטער פון גרויסער, קי־לער שטריינגקייט. אין אַ צייט ווען עס הערשט אַ נייגונג צו זיין ערנסט נאָר אין געשעפט, דערפאַר אָבער צו אַלע אַנדערע ענינים זיך באַציען ניט ערנסט, מאַכן דערפון אַ שפּיל, האָט געאָרגע אויפגעשטעלט פאַר פּאָעזיע אַ קאָסטבאַרן טעמפּל. אין אַט דעם טעמפּל האָט ער ווי אַ כהן גדול פון פּאָעזיע געטאָן די עבודה. די שפּראַך האָט ער ווי געהייליקט, וויניקסטן, פאַר זיך, און האָט זי אָנ־געטאָן אין אַ מאַנטל פון גוואַלדיקער פייערלעכקייט. די שפּראַך, „דאָס בלוט פון דער נשמה“, איז שרעקליך פאַרוואַסערט געוואָרן. דער מאָדערנער מענטש האָט אין זיין רשות אַזאַ גוואַלדיקע צאָל ווער־טער אַז ער מיסברויכט זיי, ער ליידיקט אויס דאָס וואָרט פון שעפע־רישן אינהאַלט וואָס עס האָט אַמאָל געהאַט, ער זשאָנגלירט מיט די שיידלעך פון די ווערטער און קאָמבינירט אַלץ מיט אַ ציניש ער וויר־טואָזיטעט. דאָס וואָרט, אַמאָל אַ גוואַלדיקע געשעעניש, יעדענפאַלס אַ שטאַרקע איבערלעבונג, איז געוואָרן עפּעס אַ ביליקער אַרטיקל וואָס מ׳קען זייער לייכט קריגן. די מענטשן ריידן, פּלאַפּ־לען אָן אַ שיר. אַ פּשוטע דינסטמיידל קען זיך אַ זאָג טאָן: „אַך, וואָס איז שוין דאָס גאַנצע לעבן?“ ווערטער צו וועלכע אַמאָל האָט זיך געקענט דערהויבן נאָר אַ גייסטיקע פּערזענליכקייט פון גרויסן פאָרמאַט, ווי סענעקא אָדער אַ מאַרקוס אורעליוס. וואָס ביי דעם אויפגעקלערטן אימפּעראַטאָר און ביי דעם סטאָאיקער איז געווען אַ פּועל יוצא פון טיפע, איינזאַמע באַטראַכטונגען איבער וועלט און מענטש, האָט דאָס דינסטמיידל אַרויסגעזאָגט מיט דער גרעסטער לייכטקייט נאָך אַ קליינעם סכסוך מיט איר באַלעבאָסטע אָדער ווייל איר קאַוואַליער איז געקומען מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער. די שפּראַך, דער הייליקער, שעפערישער אינסטרומענט, איז, דורך פּלאַפּ־לעריי און פּלוידעריי, פאַרשוועכט, פאַרביליקט געוואָרן. מען פּלאַפּלט אויף אַלע געביטן, אויך אויפן געביט פון ראָמאַן, נאָוועלע, ליד. די

שפּראַך, דאָס איז דאָס בלוט פון דער נאַציאָנאַלער נשמה, זי איז פאַר־וואָרצלט אין טיפסטן באָדן פון היימישן לאַנד, דער דיכטער מוז בכיוון איר געבן די אויסדערוויילטע, שטרייגנע, קילע און דאָך פייערליכע פאָרמע.

סטעפאַן געאָרגע האָט אַזוי פאַרשטאַנען זיין מיסיע. פון זיין פּאָזיציע האָט ער אַ הויכן קרישטאַלענעם פּאַלאַץ געשאַפן, ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער גאַנצער וועלט, געבליבן אַנאָנים פאַר דער ברייטער עפנטליכקייט און געוואָרן דער כהן גדול פון אָט דעם קרישטאַלענעם פּאַלאַץ.

— וואָס פאַר אַ נשמהלאָזע קאַלטקייט, וואָס פאַר אַ אָפּגעשיידנקייט פון אַלע ליידן און פריידן פון דער וועלט, וואָס פאַר אַ פּאָזירן מיט אַריסטאָקראַטיע! — האָבן אויסגערופן אַ גרויסער טייל ליטעראַטור קריטיקער און היסטאָריקער. אָבער פון פאַרשידענע ווינקלען אין דייטשלאַנד האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען פון אומגעהויערער באַגייסטערונג, פון מענטשן וואָס האָבן זיך דערקלערט ווי די גליקליכסטע דינער פון אָט דעם כהן גדול. די עקזאַלטירטע אנהייגער האָבן געזאָגט אַז אין דעם קרישטאַלענעם פּאַלאַץ איז זיי בישט קאַלט, אדרבה, זייער נשמה ווערט דורכגעגליט, אויסגעאיידלט און באַגליקט מיט שיינער רואיגקייט. אויסגעצייכנטע, גלענצנדע, ערנסטע שריפטשטעלער, צווישן זיי דער באַרימטער ליטעראַטור היסטאָריקער פרידריך גונדאָלף, האָבן פאַרמירט דעם באַקאַנטן סטעפאַן געאָרגע קרייז. זיי האָבן געשריבן ביכער וועגן אים, געהאַלטן פאַרטראַגן אין קליינע קרייזן, צו דערזעלבער צייט האָבן זיי ווי אויפגעבויט אַ וואַנט אַרום זייער אָפּגאָט. סטעפאַן געאָרגע איז נאָך מער פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער אַנאָנימער טונקלקייט, שיר ניט געוואָרן אַ מיטהישע פיגור. זיינע באַגייסטערטע חסידים האָבן ניט ווילנדיק נאָך געדיכטער געמאַכט די געהיימנישפולע אַטמאָספערע אַרום דעם כהן גדול, דעם דיכטער.

חוץ דעם אינטימען קרייז אַרום אים האָבן איבער גאַנץ דייטשלאַנד זיך פאַרמירט קליינע גרופּן. דער עיקר צווישן דער קונסט ליבנדער ערנסטער יוגנט. און פּונקט ווי אין דעם אינטימען קרייז זיינען געווען אַ סך אידן, דער וויכטיקסטער פון זיי פרידריך גונדאָלף,

וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן געאָרגען, האָבן זיך אין די אַנדערע קרייזן אויך געהערט אַ סך אידישע שטימען.

ווי קומט עס? לויט די אַנטיסעמיטישע טעאָריעס דאַרפן אידן זיין פאַראינטערעסירט נאָר אין דעם וויציקן, אין דעם שאַרפן, בלויז אין דעם „טאַלאַנטירטן". די אַנטיסעמיטן פאַרגעסן אָבער אַז בעת געטהע האָט געלעבט האָט דעם געטהע קולט פאַרשפּרייט אויך די אידישע פרוי רחל לעווין וואַרנהאַגען. אפנים אַז אידן האָבן אַ גוטן חוש ניט נאָר פאַר דעם וויציקן און בליציקן, נאָר אויך פאַר פייער־ליכקייט און טיפן ערנסט. אינטערעסאַנט איז, אַז פון דער אַנדערער זייט האָבן אויך די נאַצישע אינטעלעקטואַלן אריינגעפלאָכטן ס. געאָרגעס נאָמען אין דעם קראַנץ פון די, וואָס, לויט זייער מיינונג, געהערט צו זיי. אויף וואָס זיי האָבן זיך געשטיצט, מיט וועלכע דיאַלעקטישע קונץ שטיק זיי האָבן זיך באַנוצט איז ניט דאָ דאָס אָרט צו ריידן. ווייל ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון דער רעפּובליק און די רעפּובליקאַנער, היות ער האָט ניט געוואָלט לעבן מיט דער צייט, און ווייל ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבן אין דעם א ו י ס ע ר ל י כ ן קלאַנג געהאַט עפּעס ענליכעס מיט זייער אידע־אָלאָגיע, האָבן זיי זיך אָנגעהאַנגען אין אָט דעם גרויסן בוים.

מעגליך, אַפילו וואַרשיינליך, אַז סטעפאַן געאָרגע האָט גאָר וועגן דעם ניט געוואוסט, האָט עס ניט באַמערקט. אָט די אנהייגערשאַפט, אַן אומבאַקאַנטע און, מיר האָפן, אויך אומגעווינשטע, האָט ניט גע־שאַדט דעם הויכן פליען פון זיינע געדאַנקען, עס האָט זיכער ניט געשאַדט זיין ריינעם ערהאָבענעם נאָמען.

אַ באַדייטנדער דיכטער, אַ נאָך מער באַדייטנדער מענטש, האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן, געווידמעט דעם גייסט, דער הייליקער קונסט, האָט שטאָלץ געלעבט, און אַ שטאָלצער אָוועקגעגאַנגען פון דער וועלט.

אַרטור שניצלער

נאָך זיין טויט, דעם איין און צוואַנציקסטן אָקטאָבער, 1931, האָבן די נעקראָלאָגן שרייבער, די קונסט און ליטעראַטור אָפּשאַצער געקענט אויך לאָזן וויסן דער וועלט אַז דער ליבנסווירדיקער מענטש און „פריינטליכער פּעסימיסט״ אַרטור שניצלער האָט פאַרלאָזט אונ־זער וועלט אַ ביסל אַ פאַרביטערטער.

אין זיינע לעצטע יאָרן איז ער געווען זייער איינזאַם. די איינ־זאַמקייט האָט זיך גענומען ניט דערפון וואָס ער איז געווען אַלט. אַרום דעם אַכציק יאָריקן אַנאַטאָל פראַנס האָט עס געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, עס האָט זיך געטומלט אַרום אים, עס זיינען געקומען באַזוכער, פריינט, אמתע און כלומרשטע. און שניצלער האָט דער־לעבט בלויז צו ניין און זעכציק יאָר. שניצלערס וועלט, שניצלערס וויען, שניצלערס מענטשן זיינען געשטאָרבן נאָך פריער פון אים. דאָס איז געווען די סיבה וואָס אַרום שניצלערן איז געוואָרן ליידיק, פוסט, ער איז געוואָרן איינזאַם.

ווען מ׳זאָגט אַז די וועלט, וויען, די מענטשן זיינען „געשטאָרבן״, מיינט עס נאָר אַז די וועלט, וויען, די מענטשן זיינען געוואָרן אַנדערש, זיי האָבן זיך געענדערט, ממילא איז מען אויך געוואָרן אומדאַנקבאַר. אַ באַרימטער נאָמען הערט אויף צו ציען, לאקן, דער טעאַטער פּאַרטער איז ניט איבערפולט ווי אַמאָל, ווען מ׳האָט אויפגעפירט זיינע אַ נייע דראַמע אָדער אַ רייע איין אַקטערס, דאָס טויערל צו זיין ווילע בלייבט פאַרשלאָסן לייענגער ווי אַמאָל, „מ׳שטערט״ דעם דיכטער ווייניקער ווי פריער, די צאָל באַזוכער ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער.

וואָס איז פאַרגעקומען? איז די וועלט ערנסטער געוואָרן?

אויב דאָס איז דער פאַל, איז מען באַרעכטיקט צו שטעלן די קעגנפראַגע: איז דען שניצלער ניט געווען גענוג ערנסט? אין זיינע נאָוועלן, דראַמען, ראָמאַנען זיינען דאָ מער אומגליקליכע מענטשן ווי

גליקליכע. מיט זיין פאַרשערישן בליק האָט ער געקענט באַלויכטן אַלע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער מענטשליכער נשמה, אייניקע מאָל האָט ער אַפילו געוואָגט צופיל, ווי, למשל, אין זיין דערציילונג „פרוי בעאַטע און איר זון". שניצלער איז ניט קיין ווינער וואַלסער, אים קען מען ניט דערקלערן מיט ווינער געמיטליכקייט און זאָרגלאָזיגקייט, ער איז אָבער דאָך אַ קינד פון ווין, אין דעם שענסטן זין פון דעם וואָרט, און פון ווייטן קען מען פאַרט הערן טאַקע אָט דעם ווינער וואַלסער, אָט די ווינער גליקליך זיסע און דאָך עצבותדיקע מעלאָדיע. אין זיינע ביכער קומען אום אַ סך מענטשן, אָבער ווין איז נאָך אַלץ פּערפעקט, אָנגעלאָדן מיט אַ שווערער אָבער אָנגענעמער משא פון דורות געשאַפענער פיינער קולטור. אין דעם גרויסן וואונדערשיינעם פּאַרק שפּאַצירט אַן אַלטער, זייער אַלטער קייזערליכער הער מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, איין האַנט איז פאַרלייגט אויפן רוקן. ער גריסט זיך פריינטליך. די קאַפע הייזער זיינען פאַר ווין דאָס, וואָס פאַר אַטהען זיינען געווען די גימנאַזיעס אין אַלטן גריכנלאַנד. ביי דער ברוינער און גאָלדענער קאַווע פליסיגקייט ווערן געגעבן סימפּאָזיומס פון אומגעצוואונגענעם ליבעס־ווירדיקן גייסט. מ׳איז פריי, אַמאָל אַפילו אויסגעלאַסן. שניצלער האָט דאָס אַלץ געקענט שילדערן אין זיינע פיל געשפּילטע „ליבעליי", „אַנאַטאָל", „רייגען". יענער ליטעראַטור היסטאָריקער, וואָס שטראָפט שניצלערן מיט אַזעלכע ווערטער ווי „ציניש, לייכטזיניק, ריקזיכטלאָז", האָט באַדאַרפט לייענען די ווערק פון אַ לאָורענס און אַ סך אַנדערע, וואָס זיינען אין דעם „אויסטאָן" און „אָפּדעקן" דעם מענטשן אַוועקגעגאַנגען ביז צום ווערן איבערדריסיק, כדי צו פאַרשטיין ווי אומגערעכט עס איז רופן שניצלערן ציניש אָדער לייכטזיניק. לייכטזיניגקייט שטימט ניט מיט חן, מיט גייסט, מיט **פ ר י י נ ט ל י כ ן ו ו י ס ן ו ו ע ג ן ד ע ם מ ע נ ט ש ן**. און שניצלער האָט דאָס אַלץ פאַרמאָגט: אי שאַרם, אי גייסט, און זייער פיל פריינטליך, טרויעריק וויסן וועגן דעם מענטש, דער וועלט און דעם לעבן. מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַ „פריינטליכער פעסימיסט".

דאָס איז אַ דעפיניציע פאַר אַ גאַנץ באַשטימטער זעלישער האַלטונג, וואָס מ׳קען אָנטרעפן ביי פיינע און איידעלע מענטשן, וועלכע

ע ס י י ע ן

טאָקע צוליב אָט דעם פּריינטליכן פּעסימיזם, קענען ניט זיין קיין פאַנאַטיקער, זיי קענען ניט זיין קיין מענטשן, וואָס „דאָ שטיי איך, אַנדערש קען איך ניט". און ווען עס קומט אַ האַרטע צייט, אַן אַנט־שיידענע, ווען יעדער איינער ווערט ווי אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל און עס ווערט אים געשטעלט אַן אולטימאַטום: אין פיר און צוואַנציק שעה מוזסטו זאָגן קאַטעגאָריש באַשטימט צי דו ביסט אַ גאַנדהיסט אָדער אַ לעניניסט; ווען עס קומט אַ צייט, פון איין זייט אַ פאַנאַטישע, אַן אומטאָלעראַנטע, און פון דער אַנדערער זייט אַ גראָבע, אַ ציניש, אַ נאַקעטע, אַן אויסגעטוענע, אַ צייט אין וועלכער עס פעלן האַלבע טענער, דאַן ווערן אַזעלכע שריפטשטעלער ווי שניצלער אַזוי ווי אַי־בעריק, דאַן פאַרגעסט מען דעם וועג צו זיי.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה איז אַזאַ צייט אָנגעקומען אויך איבער עסטרייך, איבער שניצלערס געליבטער שטאָט וויען. לאָמיר מיט פולן באַוואוסטזיין אָנרופן אַזאַ צייט אַ ניט קולטורעלע, ניט גייסטיקע, אַ באַרבאַרישע. אַ צייט וואָס כאַפּט מענטשן פאַרן גאָרגל און שטעלט זיי אַן אולטימאַטום, צווינגט צו גלויבן אין אַבסאָליוטע אידעאַלן קען אַנדערש ניט באַצייכנט ווערן ווי באַרבאַריש. שניצלער, דער „פּריינטליכער פּעסימיסט", האָט ניט געקענט גלויבן אין אַבסאָ־ליוטע אידעאַלן, און אויף דער פראַגע: וואָס איז לעבן? וואָלט ער גע־קענט ענטפערן נאָר מיט יענעם פיינעם געדיכט, וואָס מ'האָט געפונען אין די פאַרבליבענע שריפטן פון דעם ראָמאַניסט, דעם דייטשישן טורגעניעוו, טהעאָדאָר פאָנטאַנע.

> לעבן! וואויל איז ווען עס שפּענדעט, (שיינקט)
> קינדער, אַנזען, טעגליך ברויט,
> דאָך דאָס בעסטע וואָס עס זענדעט, (שיקט)
> איז דאָס וויסן דאָס עס ענדעט,
> איז די ענדע, איז דער טויט.

דאָס איז ניט קיין פאַרניינען פון לעבן, עס איז נאָר אַ שטילער ק ל אַ נ ג פ ו ן ה אַ פ נ ו נ ג ס ל אָ ז י ג ק י י ט, וואָס איז אַ פועל יוצא פון וויסן אַ סך וועגן דעם מענטשן, דעם לעבן. דאָס איז, אייגנטליך, די אַטמאָספערע פון שניצלערס ווערק. אָפּשאַצן אָט די

ווערק, דערביי ניט פאַרגעסן די גרענעצן פון די ווערק וואָס וואַקסן ניט הויך, קען מען נאָר אין ווייניקער ברוטאַלע צייטן.

אַ שאָד וואָס שניצלער האָט ניט געלעבט אַ ביסל לייִנגער און האָט ניט דערלעבט צו זען ווי וויען קעמפט פאַר דער וויענערישער אַטמאָספערע. די פּאָליטיקער גיבן דעם קאַמף אַן אַנדער נאָמען, עס איז אָבער אין תוך אַ קאַמף פאַר דער עסטרייכישער קולטור, אַן אַלטע, פריינטליכע, ליבעסווירדיקע קולטור. דער זין פון עסטרייכס קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיגקייט באַשטייט אין ניט וועלן זיך אונטערגעבן דער האַרטער קולטור וואָס כאַפּט מענטשן פאַרן גאָרגל. צווינגט זיי צו אַ קאַטעגאָרישן „יאָ“ אָדער „ניין“. אין דעם עסטרייכישן „יאָ“ האָט אַלע מאָל זיך מיטגעוויגט אויך דער „ניין“, און פאַרקערט. דאָס איז דער לאַקנדיקער, פאַרכשופנדיקער וויענער וואַלסער, מיט דעם „יאָ“ וואָס פאַרבאָרגט שעלמיש דעם „ניין“ און דעם „ניין“ וואָס קאָקעטירט אויך מיט דעם „יאָ“ . . . עס איז, מיט איין וואָרט, אימפּרעסיאָניזם. וויען איז געווען אַ אימפּרעסיאָניסטישע וועלט, איר קולטור איז אַן אימפּרעסיאָניסטישע, און שניצלער איז געווען אַן אימפּרעסיאָניסטישער שריפטשטעלער. ווען דער עקספּרעסיאָניזם האָט אויף אַ געוויסער צייט אַרויפגעצוואונגען זיין שטעמפּל אויף דער ליטעראַטור און דער קונסט האָט שניצלער געמוזט ווערן איינזאַם און די וויענער ליטעראַרישע שול האָט געמוזט באַטראַכט ווערן ווי ניט צייטמעסיק.

שניצלער איז ניט פון די שרייבער וואָס האָבן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר זיך אַן אומבאַדינגטע גאַראַנטיע אויף אייביגקייט, מ׳קען אָבער ניט, און מ׳טאָר ניט אָפּמעסטן פאַר אים אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן זאָל מען אים לייענען. מ׳וועט זיך נאָך אומקערן צו זיינע ביכער. ווען מ׳וועט עס טאָן וועט מען קיין חרטה ניט האָבן, און מ׳וועט עס טאָן. ער איז אַ מייסטער פון דער נאָוועלע, עלעגאַנט, דערביי ניט אָן פּסיכאָלאָגישער טיפקייט; ער איז גייסטרייך אין זיינע איינאַקטערס; ער איז דערשיטערנד אין פילע פון זיינע דערציילונגען, ווי, למשל, פריילין עלזאַ, און שטייט קינסטלעריש אויף אַ זייער הויכע שטופע אין דעם רענעסאַנס שטיק „דער שלייער פון בעאַטריסע“. אַמשוואַכסטן איז ער געווען אין די זאַכן, וואו ער האָט

זיך פֿאַרנומען מיט אידישע פּראָבלעמען. זיין ראָמאַן „דער וועג אים פֿרייע” און די דראַמע „פּראָפֿעסאָר בערנהאַרדי” זיינען אַרויסגעקומען ניט געלונגען בלאָס, ווי עס קומען אַרויס אַנדערע ראָמאַנען און דראַ־מעס, וואָס פּרואוון שילדערן די אידישע ליידן, אָדער פֿאַרנעמען זיך מיט אידישע פּראָבלעמען. אפֿנים אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט, עמיצער זאָל קענען שטעלן אַן אמתן, חשובן, און אינטערעסאַנטן ליטעראַרישן מאָנומענט דער „אידישער פֿראַגע” מיט איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט.

אַרטור שניצלער איז געווען אַ דאָקטאָר. ווייל מען זיך דערמאָנען דעם איינדרוק וואָס שניצלערס ביכער האָבן געלאָזט, קומט אַרויף דאָס בילד פֿון אַ דאָקטאָר מיט די איידלסטע, העפֿליכסטע מאַניערן, ווי ער זיצט ביים בעט פֿון אַ חולה. ער האַלט דעם חולהס בלייכע האַנט, ער זאָגט אָבער גאָרניט צו. ניט צוזאָגנדיק, טרייסט ער פֿונ־דעסטוועגן, לינדערט דעם ווייטיק. צעשטרייט אַ ביסל דעם חולה מיט דעם וואָס ער פּלוידערט אַנגענעם לייכט. כדי צו מאַכן ניט אַזוי שווער דאָס אומפֿאַרמיידליכע, וואָס, ער ווייסט, מוז קומען.

און פֿון ערגעץ וואו, ניט זייער ווייט, ברייגנען די לופֿט כוואַליעס דעם פֿאַרהאַלטענעם, שטילן קלאַנג פֿון אַ זיסן, וויענער וואַלסער מיט זיין אומבאַשטימטן „יאָ” און „ניין” . . .

וואַלטער ראַטהענאַו אין אַלפרעד קערר׳ס

באַליכטונג

אַלפרעד קערר, דער באַרימטער טעאַטער קריטיקער פון דעם אַמאָליקן בערלין, עסעאיסט, ליריקער, רייזע באַשרייבער און פריילי־כער לעבן באַיאָער (אויף צו להכעיס די פעסימיסטן וואָלט ער געוואָלט לעבן צען טויזנט יאָר), געפינט זיך איצט אין פּאַריז ווי אַן אימי־גראַנט. ער איז געווען דער ערשטער אויף דעם לאַנגן קרבנות צעטל פון די נאַציס, און אין דער לעצטער מינוט, איז ער בייגאַכט אַנטלאָפן, געגנבעט די גרענעץ, און איבערגעלאָזט פאַרן דריטן רייך אַוועקרויבן ביי אים זיין גרונעוואַלדער ווילע, זיינע מאַנוסקריפּטן, בילדער, אַלץ וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין משך פון פערציק יאָר ליטעראַרי־שער, דערפאָלגרייכער אַרבעט. איצט איז ער אַן עמיגראַנט, און עס לעבט זיך אים גאַנץ שלעכט אויף די עלטערע יאָרן. דאָס וואָרט „עלטערע״ ווערט געברויכט בלויז אויס רעספּעקט צו דעם לעבנס קינסטלער און לעבנס געניסער, אין דער אמתן זיינען דאָס שוין אַ ל ט ע יאָרן, ווייל ער איז שוין באַלד, באַלד אַ בן שבעים. אין זיין שרייבן פילט זיך עס ניט. ווי פריער, איז אַלפרעד קערר שפּי־לעריש, שאַרף, וויציק און רייך אין אינהאַלט. ווי פריער, זאָגט ער וויכטיקע זאַכן ניט מאַכנדיק דערביי קיין ערנסטן פּנים; ווי פריער, איז ער אַ מייסטערהאַפטער שילדערער פון אינטערעסאַנטע מענטשן, פון זעלישע און נאַטור לאַנדשאַפטן. די גוואַלדיקע ענליכקייט צווישן אַלפרעד קערר און זיין עלטערן ברודער הייגריך היינע, וואָס איז גע־ווען אַזוי לייכט פעסטשטעלן פריער, איז נאָך איצט פאַרטיפט געוואָרן צוליב דעם וואָס ער, ווי היינע, איז געוואָרן אַ אימיגראַנט און טאַקע אין דערזעלבער שטאָט — פּאַריז. אַלפרעד קערר איז אַ קריטיקער, ליריקער און פּאַלעמיקער. ווי אַ פּאַלעמיקער ווייסט ער ניט פון קיין רחמנות, און פאַרפאָלגט זיינע שונאים אַפילו לאַנג נאָכדעם ווי זיי

זיינען שוין טויט. דעם שוין לאַנג פֿאַרשטאָרבענעם מאַקסימילאַן האָרדען האָט ער, און ער באַשפּריצט זיין נאָמען מיט גאַל איצטער, פּונקט אַזוי ווי דאַן ווען האָרדען האָט אַרויסגעגעבן זיין וואָכנשריפֿט „די צוקונפֿט". קערר האָט ביטער זיינע פֿיינט, ער שאַנעוועט אָבער אויך ניט זיינע פֿריינט, דאָס הייסט, ער מאָלט זיי ניט ווי אידעאַלע געשטאַלטן, נאָר ווי מענטשן. ער שעמט זיך ניט צו באַווייזן דעם בעסטן פֿריינט אויך פֿון דער קאָמישער, שוואַכער, מענטשליכער זייט. אמת, דערביי ווערן צעשטערט לעגענדעס, אָבער סוף כל סוף בלייבט דאָס וויכטיקסטע — אַ לעבעדיקער מענטש, ניט קיין אויסגעטראַכ־טער, אַ מענטש מיט ליכט און שאָטן. אַט אַזאַ מענטשן זעען מיר אין דעם בוך זכרונות וועגן וואַלטער ראַטהענאַו, וואָס אַלפֿרעד קערר האָט די טעג פֿאַרעפֿענטליכט.

ווען אַלפֿרעד קערר דערציילט וועגן עמיצן, באַשרייבט עמיצן, דאַרף מען זיך ריכטן דאַרויף אַז ער וועט אויך וועגן זיך דערציילן זייער אַ סך. אַ גוואַלדיקער סוביעקטיוויסט און דורך און דורך איך מענטש, קען ער פּשוט ניט דערלאָזן אַז דער מענטש וועגן וועמען ער דערציילט זאָל אַליין פֿאַרנעמען די גאַנצע בינע, ער, אַלפֿרעד קערר, מוז אויך זיין דערביי. ווען ער געפֿינט עס פֿאַר נויטיק שעמט ער זיך ניט אָפּרוקן דעם הויפּט העלד אָן אַ זייט און ציען די אויפֿמערק־זאַמקייט אויף זיך גופֿא . . . ווען דער זכרונות שרייבער איז אַליין אַ העכסט אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט, מאַכט דאָס ניט אויס. דער העלד וועגן וועמען עס ווערט דערציילט פֿאַרלירט גאָרניט פֿון אַט דער סוביעקטיווער דערציילונגס פֿאָרמע, אדרבא, ער געווינט נאָך, ווייל זיין בילד קומט אַרויס אוממיטלבאַר, נאַטירליך, פֿאַרביק און פֿולשטענדיק. וועגן ראַטהענאַון האָבן געשריבן אַ סך מענטשן. זיי האָבן זיך איגנאָרירט און געהאַט אינזינען נאָר דעם העלד ראַטהענאַו, אָבער וואָס טויג אַזאַ זעלבסטלאָזיגקייט ווען אַנשטאָט אַ וואַרימען, זאַפֿטיקן, לעבעדיקן מענטשן איז אַרויסגעקומען אַ פֿייערליכער דיינק־מאָל, מיר זעען פֿאַר זיך אַ ביוסט פֿון גלאַטן אָבער קאַלטן מאַרמאָר. טיילווייז איז דאָס געשען צוליב דעם וואָס די וועלכע האָבן געשריבן וועגן ראַטהענאַון האָבן הויפּטזאַכליך אינזינען געהאַט די לעצטע אַכט יאָר פֿון זיין לעבן, דאָס הייסט, פֿונם אָנהויב פֿון דער ערשטער וועלט

מלחמה ביז 1922, ווען ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, אַכט יאָר, וואָס זיינען געווען די העראָאישסטע, קרבנות ברייינגענדיקע יאָרן. דאָס ליכט פון אָט די העראָאישע יאָרן האָט געוואָרפן אַן אָפּגלאַנץ אויף אויף אַלע פריערדיקע יאָרן. זיי האָבן פאַרוואַנדלט ראטהענאון אין אַ טראַגיש איינזאַמען מענטשן, און, צוליב די סתירות צווישן ראטהע־נאו דעם גרויס אינדוסטריעלער און ראטהענאו דעם פילאָזאָף וואָס שטרעבט צו העכערע וועלטן, איז ער אַרויסגעקומען אין תוך אַן אומ־גליקליכער מענטש. צוליב אָט דעם קוק אויף ראטהענאון ווערן אויך זיינע באַציאונגען צו די קרובים און פריינט געזען נאָר אין ליכט פון פייערליכקייט און שטרייננגער פליכט. אָט איז דער זון, וואָס אינמיטן פון זיינע וויכטיקסטע געשעפטן, פאַרגעסט ער ניט אָפּרייסן אַ שעה צוויי צו פאַרברייננגען מיט זיין אַלטער מוטער און מיט גרויס דרך ארץ אויסהערן אירע אַ קלוגע עצה. אָט איז די באַרימטע רעדע, וואָס איז אַריין אין זיינע געזאַמלטע שריפטן — די רעדע ביי זיין פאָטערס קבר — זי ווערט דערהויבן צו עטוואָס קלאַסישעס, אַנטיקעס, שיער ניט ווי די רעדע וואָס פעריקלעס האָט געהאַלטן אויפן קבר פון זיין זון, בעת די וו י ר ק ל י כ ק י י ט איז גאָרניט געווען אַזאַ פייערליכע, אַזאַ לעגענדאַרישע. אַלפרעד קערר, אַ נאָענטער פריינט פון ראטהע־נו אין משך פון צוואַנציק יאָר, און אויך אַ שכן, ביידע האָבן זיי גע־וואוינט אין דעם באַרימטן גרונעוואַלדער ווילע קוואַרטאַל פון בערלין, איז פ אָ ר ד ע ר ו ו י ק ל י כ ק י י ט א ו ן ק ע ג ן ד ע ר ל ע ג ע נ ד ע, ער איז פאַרן אמת. און דער אמת איז אַז דאָס וואָס האָט אויסגעזען אַזוי אַנטיק קלאַסיש איז גאָר געווען זייער קליינליך, פיעטעטלאָז: ראטהענאו האָט ניט געוואָלט אַז דעם טאָטן זיינעם זאָל מספיד זיין אַ ראַבינער, ווייל אויף דעם בית עולם האָבן זיך געפונען הויכע דייטשישע באַאַמטע און פאַרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע. האָט ער דאריבער בעסער אַליין גערעדט און, אין זיין גרויסן שמערץ, ניט פאַרגעסן צו באַשטעלן אַ סטענאָגראַפער . . .

— דער זון, — שרייבט קערר, — האָט געטראַכט מער פון די פאַרזאַמלטע ווי פון דעם נפטר, און עמיל ראטהענאו, דער פאָטער, האָט זיך צום לעצטן מאָל איבערגעדרייט אַ ברוגזר אין זיין ארון ווי אַ ווענטיליאַטאָר. — דאָס איז געווען וואלטער ראטהענאוס לעצטע

נאַרישקייט און קליינליכקייט איידער ער האָט זיך גענומען לייטערן און אַנדערש ווערן ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט מלחמה. די לעצטע, אָבער ניט די איינציקע נאַרישקייט. יאָרן לאַנג האָט ראַטהעַנאו זיך געפונען אין אַ געדריקטער שטימונג פון אַ אידן וואָס שעמט זיך צו זיין אַ איד. ער האָט געליטן פון אַ שפלות קאָמפּלעקס און כדי זיך באַפרייען פון דעם האָט ער, אַזוי צו זאָגן, פאַרכאַפּט דעם וועג, און נאָך איידער עס איז געקומען דער נאַציזם האָט ער געשריבן אַר־טיקלען וועגן ראַסן פּראָבלעם. ער האָט איינגעטיילט די מענטשן אויף פחדנים און תכלית זוכער פון איין זייט, און מוטיקע, ניט קיין תכלית זוכער אויף דער צווייטער זייט. די צווייטע קאַטעגאָריע איז די העכערע, די בלאָנדע, די גערמאַנישע, בעת די ערשטע, די מיט די לאַנגע נעזער, איז פון נידעריקערן גראַד. ראַטהענאוס מוטער, דער־ציילט אונז קערר, איז געווען אַ קלוגע פרוי, האָט געהאַט זייער אויס־דרוקספולע אויגן, זי האָט אָבער אויך געהאַט אַ לאַנגן נאָז. זי האָט אודאי געליטן איר זונס אַרטיקל וועגן די לאַנגע נעזער, וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט אין מאַקסימיליאַן האַרדענס „צוקונפט“. שפּע־טער האָט ראַטהענאו זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע ראַסן טעאָריעס, אָבער דער פאַקט אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיי באַ־ווייזט בלויז אַז זיין נשמה האָט ערשט צולעצט געוואונען קראַפט און מוט.

(2)

ראַטהענאוס באַציאונג צו קינסטלער, דיכטער און שריפטשטע־לער איז געווען די באַציאונג פון אַ שוואַכערן צו שטאַרקע. ווי קומט עס? ראַטהענאו איז דאָך אַליין געווען אַ הויך שטייענדיקער גייסט, אַ טיפער דיינקער און ווייט ניט קיין דילעטאַנט אין קונסט ענינים. זיינע פינף בענדער שטעלן מיט זיך פאָר אַ סאָלידן ביישטראָג צום מענטשליכן געדאַנק. היינט, פון וואַנען, פרעגט זיך, האָט זיך גענו־מען אָט דער שוואַכער־זיין געפיל ווי נאָר ער האָט זיך באַגעגנט מיט די פאַרטרעטער פון ליטעראַטור און קונסט? אָט די מערקווירדיגקייט דערקלערט זיך, ווייזט אויס, דורך זיינע סתירות. ראַטהענאו האָט, ווייזט אויס, אַליין געליטן פון זיין ניט זיין קאָנזעקווענט, פון זיינע

סתירות. פאַר אַ פילאָזאָפיש דיינקענדיקן קאָפּ, פאַר אַ מענטשן וואָס האָט זיך געקענט פאַרטראַכטן איבער „לעצטע זאַכן" איז פּשוט נ י ט ש י י ן געווען זיין אַזוי פאַרטאָן אין געשעפט און נעמען אויף זיך אַלץ נייע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע התחיבותן. אין זיין ש ר י י ב ן איז ער געקומען צו די געוואָגסטע סאָציאַלע רעפאָרמען, פּ ר אַ ק ט י ש אָבער האָט ער מורא געהאַט צו מאַכן דעם קלענסטן סאָציאַלן עקספּערימענט אין זיינע גוואַלדיקע אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגען. קינסטלער, שריפטשטעלער, אַליין ווייט ניט קיין פאָלקאָ־מענע מענטשן, זיינען אָבער, ווייניקסטן, פאָלקאָמען אין דעם זין, וואָס צו קיין אַנדער זאַך ווי קונסט אָדער שרייבעריי טויגן זיי ניט און זיי, שנעלער ווי אַלע אַנדערע, האָבן געקענט באַמערקן ראטהענאוס סתירות. ער האָט עס געוואוסט, זיך אַ ביסל ווי געשעמט פאַר זיי, און פון דאַנען די ניט זיכערקייט, דאָס פאַרלעגן זיין פון אַ מענטשן, וואָס בדרך כלל איז ער געווען זיכער ביי זיך, שיער ניט אַ תקיף, מיט דער נייגונג צו מאָראַליזירן, צום לערנען יענעם. (ביים רעדן מיט עמיצן פלעגט ער אַרויפלייגן די האַנט אויף יענעמס פּלייצע.) קערר מאָלט פאַר אונז זייער אַ אינטערעסאַנטע סצענע. ראטהענאו באַ־געגנט אים און זאָגט: — איצט צי איך זיך צוריק פון דער אַלגעמיי־נער עלעקטריציטעט געזעלשאַפט און פון דער באַנק. ווייסט איר וואָס איך וועל דאַן טאָן? איך קויף מיר אַ קליינע נחלה און וועל זיך אָפּגעבן מיט פילאָזאָפיע. דער פּלאַן איז אַ זיכערער, איך האָב עס שוין לאַנג באַשלאָסן. אפשר זיך באַזעצן אין מעקלענבורג. — קערר איז דערוויל אַוועקגעפאָרן אויף אַ לייענגערער צייט און, קומענדיק צוריק, דערוויסט ער זיך אַז ראטהענאו איז נאָך הונדערט מאָל מער אַריינגעקראָכן אין אַלץ נייע און נייע געשעפטן. ער האָט געהאַט אָן אַ שיעור „אויפזיכטסראַט" שטעלעס. ביי דער ערשטער באַגעגעניש פרעגט אַלפרעד קערר זיין פריינט וואַלטער ראטהענאו: — וואָס איז מכח דער נחלה? דער פילאָזאָפיע? ווי האַלט עס מיט מעקלענבורג? איך זע ניט קיין פלאַטאָ און דעקארט, בלויז אַ האַנדלס־געזעלשאַפט... ווייסט איר אַז מענטשן רופן אייך שוין . . . „אויפזיכטסראטהענאו"? — ראטהענאו האָט די סתירה פאַרענטפערט מיט דעם אַז ער האָט התחיבותן, ער מוז די אינדוסטריע אַלץ מער אַנטוויקלען כדי צו געבן

מער מענטשן אַ מעגליכקייט צו אַרבעטן. קעררן האָט דער ענטפער ניט באַפרידיקט. ער איז זיך מודה אַז ער וואָלט זיך אפשר אויך ניט אָפּגעזאָגט פון אַזוי פיל שטעלעס, וואָס ברענגען אַריין אַזוי פיל געלט, אָבער דאַן וואָלט ער אָנגעגעבן אַז דאָס איז דער תירוץ און ניט קיין אַנדערער.

אינטערעסאַנט זיינען די קליינע אָבער אָפטע קאָנפליקטן וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן ביידע פריינט, און האָבן אַ געוויסע צייט געוואָרפן אַ שאָטן אויף זייערע באַציאונגען. די קאָנפליקטן זיינען מייסטנס אַרויסגעקומען צוליב ראטהענאוס האַלטן זיך אַלס איד. ער האָט זיך געהאַלטן זייער ניט שיין, בעסער געזאָגט, ער האָט זיך ניט געהאַלטן, ער האָט געפּרואווט זיך באַהאַלטן. ביידע זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרן, אָבער מיט אַ גוואַלדיקן חילוק: אַלפרעד קערר פילט זיך ווי אַ דייטש, אָבער דערביי איז ער זייער שטאָלץ מיט זיין אָפּשטאַמונג, מיט זיין אידישקייט, ער פילט זיך ווי אַ דייטש, אָבער אַ דייטש מיט אַן אויסערגעוויינליכן יחוס, דער יחוס צו זיין אַ איד, ניט נאָר איז ער ביי זיך ניט אַרונטערגעפאַלן לגבי די גערמאַנער, נאָר ער האָט זיך געפילט העכער פון זיי. גאַנץ אַנדערש האָט זיך געפילט וואַלטער ראטהענאו, וויניקסטן דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן. אים האָט זייער ווייט געטאָן וואָס ער איז אַ איד, דאָס האָט אויף אים געווירקט אַזוי דערדריקנד, אַז ער האָט זיך אַליין מודה געווען אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט ניט געבוירן ווערן. — און איך וויל נאָר און דורכאויס געבוירן זיין, — ענטפערט אים אַלפרעד קערר. קעררס שילדערונגען פון אַזעלכע סכסוכים טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַבסאָליוטן אמת. בעת עס זיינען פאָרגעקומען אַזוינע סכסוכים צווישן זיי האָט אַלפרעד קערר אָפּגעדרוקט אַ כאַראַקטעריס־טיק „וואַלטער ראטהענאו" אין זיין זשורנאַל „פאַן". דאָס איז געווען אין 1912. אָט די שאַרפע כאַראַקטעריסטיק איז שפּעטער אַריין ווי אַ באַזונדער אַרטיקל אין זיינע דעראינערונגען וועגן וואַלטער ראטהע־נאו. דאָס איז געווען ווי אַ מין אָפּרעכענען זיך מיט אַ פריינט, וועמען מ'דאַרף, מ'מוז קריטיקירן. דורך דעם גאַנצן בוך פון אַלפרעד קערר גייט דורך דער גייסט פון קריטיקירן, אויב ניט קריטיקירן, איז כאָטש זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת וועגן אַ זעלטענעם מענטשן, וועגן אַ

מענטשן וואָס איז געווען גרויס אין אַ סך הינזיכטן. קערר וויל ניט שאַפן קיינע לעגענדעס וועגן זיין פריינט, וועמען ער רופט אָפט וואַל־טער, מיטן ערשטן נאָמען בלויז, און אייניקע לעגענדעס צעשטערט ער, ווי למשל, די לעגענדע וועגן זיין נזירות, וועגן זיין ספּאַרטאַנישקייט. זיין ווילע איז געווען ציכטיק, פרום און באַשיידן בלויז אויסערליך, אינעווייניק האָט געהערשט לוקסוס. ראַטהענאַו האָט ליב געהאַט שלעסער אין האָהענצאָלערישן סטיל. אויב ער האָט זיך ניט געשמדט איז עס בלויז געווען דערפאַר ווייל אין דער משפּחה צוואה איז געווען איין פּונקט וואָס האָט בפירוש געוואָרנט קעגן דעם.

אָבער אַפילו ווען לעגענדעס ווערן צעשטערט בלייבט נאָך פונ־דעסטוועגן גענוג וואָס איז גרויס און איידל אין ראַטהענאַון. אָט דעם גרויסן און איידעלן גיט אַלפרעד קערר אָפּ די לעצטע קאַפּיטלעך פון זיין בוך. דאָ זעען מיר וואַלטער ראַטהענאַון וועלכער נעמט איבער אין די יאָרן פון קריג די אָרגאַניזאַציע פון דער ווירטשאַפט, כדי צו שאַפן די נויטיקע רוי שטאָפן אָן וועלכע מ׳האָט ניט געקענט פירן די מלחמה. ער איז דער ערשטער צו זען דעם קאַטאַסטראָפאַלן אויסגאַנג פון קריג און ער דערפילט זיין חוב, גיט זיך אָפּ איינגאַנצן אַ זאַך וואָס איז שוין פאַרלאָרן. דערביי ווייסט ער, פילט שוין, אַז אָנשטאָט אַ דאַנק וועט ער קריגן שנאה. זי לויערט שוין אויף אים, זי נעמט אים אַרום פון אַלע זייטן ווען ער ווערט אויסערן מיניסטער. ער נעמט אָן דעם מיניסטער פּאָסטן כדי צו העלפן דייטשלאַנד, אָבער דער האַס פון די באַרבאַרן שטעמפּלט אים ווי אַ שונא פון פאָטערלאַנד. מ׳וואָרנט אים ער זאָל זיך היטן, אָבער ראַטהענאַו, אינערליך פאַרטיפט, מיט אַ באַהאַלטענעם ווייטיק, איז פאַטאַליסטיש, ער גלויבט אין שיקזאַל און וויל זיך ניט שטעלן קעגן אים. די דעטעקטיווס וואָס דאַרפן אים היטן שיקט ער אַוועק. דאָס איז געווען דער גורל פון אַ מאַרטירער און, ניט קוקנדיק אויף אַלץ, דער גורל פון אַ א י ד י ש ן מאַרטירער. זייער שיין ענדיקט אַלפרעד קערר זיין בוך וועגן וואַלטער ראַטהענאַו:

— זיין גורל איז ניט געווען דער גורל פון אַן איינצלנעם מענטשן, עס איז דער גורל פון מענטשליכן שטאַם, פון מענטשן וואָס שטייגן.

עסייען

זיי האָבן אים אָפּט געזען מאַכנדיק אַ טעות; זיי האָבן אים געזען שטייגנדיק איבער זיינע טעותן; זיי האָבן אים געזען אין דער הויך; זיי האָבן אים געזען אַ טויטן אין ארון, אין רייכסטאַג; זיי קוקן זיך אום אויף צוריק און ווינקען אים צו — אויף דער לאַנגער וואַנדערונג.

אַ פאַרגעסענער

(וועגן ישראל זאַנגוויל)

די טעג איז אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אזכרה פאַרזאַמלונג אין אנדיינק פון ישראל זאַנגוויל צו דעם צענטן יאָרצייט נאָך זיין טויט. דער טאָג אין וועלכן ער איז געשטאָרבן איז, אייגנטליך, געווען מיט אַ צוויי חדשים פריער, אָבער אַ גאַנצער אָדער האַלב פאַרגעסענער קען ניט פּרעטענדירן אויף פּינקטליכקייט. און אַז דער וועמעס אנדיינק מ׳האָט געערט ביי דער פייערליכער פאַרזאַמלונג געהערט — ניט פאַרדינטערהייד — צו די שנעל פאַרגעסענע, איז ניט אָפּצולייקענען, ניט קוקנדיק אויף דער אזכרה, אויף די רעדעס וואָס מ׳האָט געהאַלטן. פיינע רעדעס, פון זייער פיינע, אַלטע, רעפּרעזענטאַטיווע פּערזענליכקייטן פון די אידישע און אויך ניט אידישע קרייזן. צווישן די ניט אידישע איז אויך געווען לאָרד סעסיל. צוזאַמען מיט די שבחים האָט מען אויך געקענט הערן עפּעס אומזיכערעס, אַט אַזוי ווי מ׳וואָלט וועלן זאָגן: ביז וואַנען מיר זיינען נאָך דאָ, מיר, וואָס האָבן זיך נאָך באַגייסטערט פון דעם הומאַניסטישן הומאָר (וועלכער הומאָר איז, אגב, ניט הומאַניסטיש, מענטשן פריינטליך?) פון אַ דיקקענס און האָבן נאָך געזען דאָס דיקקענסישס אין דיינע שילדערונגען פון דער אידישער געטאָ אין לאָנדאָן, ביז וואַנען מיר זיינען נאָך דאָ, קען מען נאָך מאַכן אַן אזכרה פון דיינעטוועגן, אָבער וואָס וועט זיין אין אַ פופצן יאָר אַרום, ווען דו וועסט שוין זיין אַ שוכן עפר אַ פינף און צוואַנציק יאָר, וואָס דאַן וועט זיין מיטן דערמאָנען זיך אָן דיר, קענען מיר, די וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דיין נאָמען, ניט גאַראַנטירן . . .

און באמת, עס איז שווער צו נעמען אויף זיך אַזאַ גאַראַנטיע. מ׳זעט ממש ווי די פאַרגעסנהייט — זאָל עס נאָכאַמאָל געזאָגט ווערן, אַ ביז גאָר ניט פאַרדינטע — פאַרדעקט אַלץ מער און מער אַט דעם זייער איידעלן, פיינעם נאָמען. אַמאָל איז ער געווען זייער פּאָפּולער

ע ס י י ע ן

אין די ענגלישע ליטעראַרישע קרייזן און אויך ביים ענגלישן לייענער. אַמאָל, דאָס הייסט, מיט דרייסיק, פערציק יאָר צוריק. מיט דער צייט האָט דער כאַראַקטער פון דער ענגלישער ליטעראַטור זיך שטאַרק געביטן. צום גליק האָט דאָס לעבן און דער כאַראַקטער פון ענגלישן פאָלק זיך ווייניקער געביטן ווי דער כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור. אין דעם ענגלישן מענטשן איז נאָך דאָ אַ סך פון אַ ל ט ן ענגלאַנד, די ביבליאָטעקן אויף דער ענגלישער פּראָווינץ וואָלטן געקענט עדות זאָגן אַז די אַלטע שרייבער זיינען נאָך ניט איבגאַנצן פאַרשטופּט אָדער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די מאָדערנע. מ׳קען אָבער אָננעמען מיט זיכערקייט אַז זאַנגוויל איז יאָ געפאַלן אַ קרבן און זעלטן ווען געפינט מען דעם וועג צו זיינע ביכער. אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, בעת זאַנגוויל האָט אַרויסגעגעבן זיינע „קינדער פון דער געטאָ“ און „טרוימער פון דער געטאָ“, האָבן זיך אָנגעהויבן רירן און זיך באַווייזן מיט זייערע ווערק אַזוינע שרייבער ווי ג. ב. שאו, דזש. קאָנראַד, ה. ג. וועלס, אַרנאָלד בעננעט, אַלע אָנזאָגער פון אַ נייער עפּאָכע. (די איצטיקע מאָדערנע, ווי אלדוס האַקסלי, דזשיימס דזשאיס, ווירזשיניאַ וואולף געהערן שוין צו די נייסטע, שפּאָגל נייסטע.) זאַנגוויל אָבער, ניט קוקנדיק אויף זיין מאָדערניזם, אויף דעם וואָס ער איז געווען טעטיק אין דער פרויען שטימרעכט באַוועגונג, איז מיט זיין שטייגער שרייבן, מיט זיין צוגאַנג צום מענטשן געווען מער אַ פאָרשטייער פון דעם וויקטאָריאַנישן פעריאָד. פאַר די ענגלישע לייענער פון אָט דעם פעריאָד, אין וועלכן עס איז באַזונדערס באַפעסטיקט געוואָרן די טראַדיציע פון טאָלעראַנץ און פריינטליכער באַציאונג צו אידן, האָט עס זאַנגוויל געמאָלן די בילדער פון אידישן לעבן, געשילדערט אידישע געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. פאַר זיי האָט ער אַנטדעקט אייניקע וועלטן פון וועלכע זיי האָבן ניט געוואוסט. פאַר דעם ענגלישן לייענער זיינען „די קינדער פון דער געטאָ“ און נאָך מער „די טרוימער פון דער געטאָ“ געווען אַ נייעס, אַן אַנגענעמע נייעס. די גוטע געפילן וואָס זאַנגווילס ביכער האָבן אַרויסגערופן ביים לייענער האָבן אים ווי באַלוינט פאַר דעם וואָס ער האָט אידן פיינטשאַפט טראַדיציאָנעל געהאַלטן ווי אַ זאַך פאַר וועלכער מ׳דאַרף זיך שעמען. אין די ביכער

שמריהו גאָרעליק

האָט ער געפונען אַ באַשטעטיקונג און אַ דערמונטערונג ווייטער אַזוי צו טאָן. אין דער ענגלישער ליטעראַטור איז זאַנגוויל, דוכט זיך, געווען דער ערשטער, איינער פון די זייער זעלטענע, וואָס האָבן גענר־מען שרייבן וועגן אידן אין אַ גרויסער אייראָפּעאישער שפּראַך. דאָ האָט געווירקט ניט אַזוי דאָס קינסטלערישע און גע־דאַנקליכע, נאָר דאָס אידישע. אין פאַרגלייך מיט די גלענצענדע און גרויסע ביאָגראַפיעס וואָס מ'שרייבט הײַנט, וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זאַנגווילס שילדערונגען פון אוריאל אַקאָס־טאַס אָדער שפּינאָזאַס לעבן? אָבער דעמאָלט איז עס געווען אַ נייעס, אידישע טעמעס בכלל זיינען געווען אַ נייעס. שרייבן וועגן דער אי־דישער קעגנוואַרט אָדער פאַרגאַנגענהייט אין אַ אייראָפּעאישער שפּראַך איז געווען אַ זעלטנהייט, און צוליב אָט די זעלטענע טעמעס, צוליב דעם וואָרימען הומאָר, וואָס געפעלט זייער דעם ענגלענדער, איז זאַנגוויל באַרימט געוואָרן. אָט די באַרימטקייט האָט אים אויך אַרויפגעבראַכט אויף דער אַרענע פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטליכן לעבן. ווי אַן אמתער „האָמאָ הומאַנוס" האָט ער געקעמפט פאַר רעכט און פרייהייט, ער האָט גענומען אַ שטאַרקן איינטייל אין דער ענגלי־שער באַוועגונג פאַר פרויען רעכט, און ווען הערצל איז געקומען מיט זיין נייער שליחות צום אידישן פאָלק און האָט זיך גענומען אַרומקוקן, זוכן עטליכע געטרייע מיטגייער, אַזוינע וועמען מ'קען און מ'שעצט אין דער וועלט האָט ישראל זאַנגוויל זיך אָפּגערופן. ער און נאָך אייניקע צו אים האָבן דעם היסטאָרישן פאַרדינסט וואָס זיי זיינען גע־ווען די ערשטע צו גיין מיט הערצלען, צו ריידן און ווירקן צוזאַמען מיט אים.

פאַרוואָס אין די אידישע נאַציאָנאַלע קרייזן הערשט אַזאַ פאַר־געסליכקייט בנוגע זאַנגווילן איז שוין שווערער צו פאַרשטיין און שווערער צו פאַרגעבן. אַמאָל איז מען אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און אין דער ציוניסטישער וועלט בכלל געווען שטאָלץ מיט אים, פּונקט ווי מ'איז שטאָלץ געווען מיט מאַקס נאָרדאו. דער עיקר אין דער ערשטער צייט, ווען זיי האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן אינגאַנצן מיט אידישע ענינים, ווען זיי זיינען נאָך געווען ניט אַזוי הײמיש, האָבן, אַזוי צו זאָגן, דיסטאַנץ געהאַלטן. דאַן האָט מען אינזינען גע־

האָט זייער פּאָפּולאַריטעט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, זייער באַקאַנט זיין ביי די אומות העולם און מ׳איז . . . שטאָלץ געווען. וואָס מער זיי זיינען געוואָרן „אייגענע״, וואָס מער זיי האָבן זיך „דערנעענטערט״, אַלץ גיכער איז געקומען די אומדאַנקבאַרקייט, די גרייטקייט צו פאַרגעסן. די ריכטיקע פּיעטעט, די אמתע אַנערקענונג פאַרן הויפּעלע ערשטע פון דער מערב אייראָפּעאישע וועלט, וואָס האָבן זיך געאיילט קומען צו הערצלען איז נאָך ביי אונז ניטאָ. דער וועג צום ציוניזם איז, אין יענער צייט און פאַר יענע ערשטע, ניט געווען אַזאַ איינפאַכער, עלעמענטאַרער ווי איצט. אמת, פאַר זאַנגווילן איז עס געווען לייכטער, ווייל ער איז געקומען פון דעם מזרח אידנטום און איז געווען נאָענט צום געדאַנק און דער וועלט פון ארץ ישראל, אָבער זעלישע נויט, ווי עס פילט זי איצט אַ מערב אייראָפּעאישער איד, אַ נויט, וואָס טרייבט אים אין די אָרעמס פון ציוניזם, האָט דעמאָלט ניט געקענט זיין ניט ביי נאָרדאון, ניט ביי זאַנגווילן. ביי זאַנגווילן איז עס געווען אַ פאַרויסזען, פאַראויספילן פון דעם קומענדיקן און אַ מיטליידן מיטן רוסישן אידנטום. ביי זאַנגווילן, דעם „האָמאָ הומאַנוס״, איז דאָס מיטליידן געווען זייער שטאַרק, דאָמינירענדיק, דערפאַר טאַקע האָט ער זיך דערקלערט צו גונסטן פון אוגאַנדע און שפּעטער זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער זייער דערפאָלגלאָזער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג. די באַוועגונג האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג ווייל די פּסיכאָלאָגישע אויסרעכענונג איז געווען דורך און דורך פאַלש. אמת, אידן האָבן געליטן, אָבער זיי האָבן געזאָגט: מיר קענען נאָך אויסהאַלטן, מיר האָבן נאָך געדולד. אין אַ געוויסער מאָס איז די באַוועגונג געווען דערפאָלגלאָז גראַדע דערפאַר ווייל זאַנגוויל איז געווען דער פירער. אָט דער דורך און דורך שריפטשטעלער, דורך און דורך גייסטיקער מענטש און צעשטרייטער אינדיווידואַליסט, אַפילו ווען ער האָט געהאַט זייער אַ וואַרעם האַרץ, האָט אָבער אַמווינציקסטן געטויגט צו זיין אַ פּאָליטישער פירער. נאָך ווייניקער איז ער געווען אַ דיפּלאָמאַט. זיין גייסטיקע אומאָפּהייגיקייט, דער שטאָלץ און באַוואוסטזיין פון זיין אייגענער פּערזענליכקייט האָט אים געמאַכט אומפייאיק צו זיין אַ

דיפלאָמאַט. זיין נסיעה קיין אַמעריקע אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט איז אַ גוטערביישפּיל פון זיין גייסטיקער אומאָפּהייגיגקייט און זיין אומדיפּלאָמאַטישקייט. זאַנגוויל איז געקומען קיין אַמעריקע ווען דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אויף דער העכסטער שטופע פון פּראָספּעריטי און אויך אויף דער העכסטער שטופע פון אָנזען אין דער וועלט. דאָס איז געווען דריי יאָר נאָך דער ענדע פון דער וועלט מלחמה, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אַזוי און ניט אַנדערש בלויז אַ דאַנק דער הילף פון אַמעריקע. דאָס לאַנד איז שטאַרק, רייך, איז פאַרריסן ביי זיך, נעגירט אַלץ וואָס איז פילאָזאָפיש, מעטאַפיזיש, בוקט זיך בלויז צו צוויי אָפּגעטער—די צייט און דער שאַנס. קיינער וואָגט ניט לייקענען אין אָט די צוויי אָפּגעטער, סיידן אפשר יענער כינעזער, וואָס אַז אַן אַמעריקאַנער בירגער דערקלערט אים אַז ווען ער גייט אויף דעם וועג און ניט דורך קיין אַנדערן געווינט ער גאַנצע דריי מינוט, פרעגט אים דער כינעזער: און וואָס טוט איר מיט די דריי מינוט? קיינער, חוץ אָט דעם כינעזער, האָט ניט געוואַגט צו שטעלן אָט די וואונדערבאַרע, פילאָזאָפישע פראַגע, וואָס צעשמעטערט דעם אָפּגאָט־צייט. זאַנגוויל איז געקומען און האָט זי געשטעלט. ער איז געקומען ווי אַ גאַסט צו האַלטן לעקציעס, דאָס מיינט פאַרדינען געלט, און האָט זיך אָנגעטאָן גוואַלדיקן שאָדן דערמיט וואָס ער האָט קריטיקירט די גאַנצע אַמעריקאַנישע לעבנס אויפפאַסונג. פון פעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט האָט ער געוואָרפן אין פנים אַריין דעם אַמעריקאַנעם עולם זייער נוצליכע, טייערע, גאָלדענע פרעכהייטן, דערפאַר האָט ער אָבער זיין אייגן גאָלד, די פאַרדינסטן אויף וועלכע ער האָט געהאָפט און וועלכע ער האָט נויטיק געדאַרפט, גלייך פאַרלאָרן. דער עולם האָט ניט געוואָלט ליידן. מיט אַ צען יאָר שפּעטער, ווען די באַנקען האָבן געפּלאַצט, די פּראָספּעריטי איז אויסגערונען, איז דער אַמעריקאַנער געוואָרן פילאָזאָפיש געשטימט, אַפילו גענויגט צו שאָפּענהויערן, אָבער דעמאָלט, פאַרן קריזיס, האָט מען געדאַרפט זיין גוואַלטיק אומאָפּהייגיק צו קומען קיין אַמעריקע און זאָגן די אַמעריקאַנער מוסר.

זאַנגוויל איז געווען אַן איידעלער מענטש, אַ פיינע מענטשליכע געשטאַלט מיט אַ פּרעכטיקן ווייסן קאָפּ. זיין געזיכט איז געווען

עסייען

זייער אויסדרוקספול, דער גייסט האָט דאָס העסליכע אין שיינקייט פאַרוואַנדלט. זיין געזיכט האָט באַלאַנגט צו דער גרופּע „העסליך־שיינע״. און אַ טרוימער איז ער געווען, פון דאַנען האָט זיך גענומען זיין צעשטרייטקייט. מיינער אַ באַקאַנטער וואָס האָט זאַנגווילן גוט געקענט, האָט מיר דערציילט ווי איין מאָל, אַרויסגייענדיק מיט זאַנגווילן פון אַ הויז פון אַ געמיינזאַמען באַקאַנטן אין לאָנדאָן, האָט זאַנגוויל אָנשטאָט גיין צו דער אַרויסגאַנג טיר, וואָס איז געווען גלייך דערביי, גענומען גיין אויף די טרעפּ אַלץ העכער און העכער, פון איין שטאָק אויפן צווייטן. ערשט נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען סאַמע אויבן, אויפן העכסטן עטאַזש, האָט ער זיך געכאַפּט אַז אָנשטאָט אַרויסגיין גייט ער גאָר אַרויף. אפשר זאָלן מיר אָט דער צעשטרייטקייט געבן אַ סימבאָלישע אויסטייטשונג: דער טרוימער קלעטערט אַלץ העכער און העכער, בעת דאָס פּראָזאאישע, רעאַלע איז אַ סך איינפאַכער און פּירט צום זייער נאַטירליכן, אויב אַפילו באַנאַלן אויסגאַנג, דעם אויסגאַנג צום טעגליכן לעבן . . .

אָט דאָס טעגליכע לעבן, וואָס כאַפּט אַרום דעם גאַנצן מענטשן, אויך די וואָס שטייען אין עפנטליכער, געזעלשאַפטליכער אַרבעט, די וואָס רעפּרעזענטירן און שאַפן אויך די עפנטליכע מיינונג; אָט דאָס טעגליכע לעבן וואָס פאָדערט אַ שנעל רעאַגירן, טאָר ניט פאַרנאַכלע־סיקן די פ ל י כ ט פ ו ן ד ע ר מ אַ נ ע ן ז י ך אָן די מענטשן וואָס האָבן געוויסע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט, פאַרן פאָלק.

אדם קרוב לעצמו, ממילא טראַכט דער מענטש וועגן זיך און איז געניוויגט פאַרגעסן אָן אַנדערע, דערפאַר טאַקע האָט מען ווי אָפּגערעדט זיך צו שאַפן טערמינען, באַשטימען געוויסע צייטן ווען מ׳גיט אָפּ כבוד דעם אָנדיינקען פון אַ פאַרשטאָרבענעם וואָס איז געווען אַ גע־הויבענער מענטש ביים לעבן. אָט דעם חוב, אָט די פליכט צו דער־מאָנען זיך אָן אַזאַ מענטשן ווי זאַנגוויל האָט די אידישע פּרעסע, די אידישע עפנטליכקייט ניט געצאָלט. דאָס איז זייער אַ שמערצליכע פאַרנאַכלעסיקונג, אָן אומדאַנקבאַרקייט צו איינעם וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע צו קומען ווען מ׳האָט אים גערופן און וועלכער איז אַפילו אַוועקגייענדיק, מיר מיינען דאָ זיין טעריטאָריאַליזם, גע־

שמריהו גאָרעליק

וועןָ נאָענט. זיין אָוועקגיין גופא איז געווען ניט מער ווי אַן אויס־דרוק פון זיין צו גרויסער עמפינדליכקייט, זיין שאַרפער סענסיטיוו־קייט צו דיליידן פון זיין פאָלק. ער האָט געגלויבט אַז אויף דעם וועג קען מען די ליידן שנעלער לינדערן, אויב ניט אינגאַנצן באַ־זייטיקן.

געאָרג בראַנדעס, דער גרויסער אייראָפּעער

(צען יאָר נאָך זיין טויט)

ער האָט דערגרייכט אַ זייער הויכע עלטער פון פינף און אַכציק יאָר, און די עלטער איז געווען גנאָדיק, האָט אים ניט באַרויבט זיין שעפערישע פּראָדוקטיוויטעט, האָט ניט אַרויסגעקלאַפּט פון זיין האַנט די פּען, וואָס האָט פאַרצייכנט, ברייט געשילדערט די גייסטיקע וועלט פון אייראָפּע, די ליטעראַטור פון אַ יאָר הונדערט, אין זיין ליטעראַטור געשיכטע, אין אַ סך עסייען און מאָנומענטאַלע מאָנאָגראַפיעס וועגן די גרויסע און קלענערע פירשטן פון דער ליטעראַטור און קונסט, מיטן גרעסטן טייל פון וועלכע ער איז געווען באַקאַנט, מיט פילע אַפילו באַפריינדעט. בראַנדעס האָט ניט געדאַרפט, ווי אייניקע ניט פאַרשטאַנענע, ווי די וואָס קענען ניט קומען צום וואָרט, אַוועקטראָגן מיט זיך אין קבר וועלכע ס׳איז געהיימניס אָדער פאַרדרוס. ער האָט זיך אויסגעשפּראָכן אינגאַנצן. זייער ווייניקע האָבן אָנגעשריבן אַזוי פיל ביכער וואָס זיינען איבערזעצט געוואָרן אין כמעט אַלע קולטור שפּראַכן. אויף זיינע ביכער האָבן זיך דערצויגן דורות פון דער סקאַנדינאַווישער יוגנט, די יוגנט פון זיין קליינעם פאָטערלאַנד דענמאַרק, אויף דער שפּראַך פון וועלכן ער האָט געשריבן און אויף וועלכן באָדן ער האָט געקעמפט פאַר פרייהייט און פאַר נייע אידייען. ער האָט באַקאַנט געמאַכט דעם דענישן אינטעליגענטן לייענער מיט די הויפּט שטרעמונגען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. ער האָט געשריבן דעניש, מיט דעם גייסט פון אַ וועלט בירגער און פון אַ גרויסן אייראָפּעער. זיין ליטעראַרישער איינפלוס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט איבער די גרענעצן פון דענמאַרק, סקאַנדינאַוויע. זיין קליינע, ענגערע היים איז געווען דענמאַרק, אָבער זיין גרויס פאָטערלאַנד איז געווען אייראָפּע און, ווי סאָקראַטעס אין זיין צייט, וואָלט

שמריהו גאָרעליק

איך בראַנדעס אויף דער פראַגע: פון וואַנען ער קומט? געקענט ענט־פערן — פון דער וועלט. מיר ווייסן אַז דאָס איז אויך געווען די אידישע וועלט. און „די וועלט", ביז יענער גוואַלדיקער, פּיב־סטערער מלחמה קאַטאַסטראָפּע, איז געווען אידענטיש מיט דעם באַ־גריף אייראָפּע. איבעריק צו זאָגן אַז דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַר שיינע וועלט, אַ וואונדערבאַר שיינע אייראָפּע. נאָך דעם פראַנצוי־זיש־דייטשן קריג אין 1870 האָט געהערשט אַ פרידנס פּעריאָד פון פיר און פערציק יאָר. אַזוינע מלחמות ווי די רוסיש־טערקישע, טערקיש־גריכישע, שפּאַניש־אַמעריקאַנישע, האָבן געטראָגן אַ מער לאָקאַלן כאַראַקטער און האָבן ניט געשטערט דער סטאַביליטעט פון דער איי־ראָפּעאישער קולטור. דאָס איז געווען אַ גאָלדענע צייט פאַר ליטע־ראַטור, קונסט און פאַר אַלע אַנדערע גייסטיקע אויסשפּרייטונגען. אַ צייט ווען דיפּלאָמאַטן האָבן ווייניקער צו טאָן און רייזן ווייניקער ווי שריפטשטעלער. געאָרג בראַנדעס האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט און ער איז געווען דער גרויסער רייזענדער אין ענינים פון ליטעראַטור, וואָס האָט זיך גע־פילט היימיש אין פּאַריז, לאָנדאָן, רוים און בערלין ניט ווייניקער ווי ביי זיך אין קאָפּענהאַגען. דער דענישער שריפטשטעלער יאַקאָבסען האָט געזאָגט אַז אַ בריוו צו בראַנדעסן דאַרף מען אַמבעסטן אַדרעסירן — אָפּגעבן אין אייראָפּע. מ'קען אים אין אַלע אייראָפּעאישע ליטע־ראַרישע הויפן, מ'קען אים און מ'שעצט אים ווי אַ ווייטן גייסט, ווי דעם איידעלסטן פאַרמיטלער פון דעם איידעלסטן צווישן די פעלקער. רופט מען אויס די נעמען פון די באַדייטנדע, די מער באַרימטע, פעלט קיינמאָל דער נאָמען בראַנדעס. „מיר אָרדענען איין" — שרייבט זיך אין אַ בריוו צו בראַנדעסן — „ליטעראַרישע מיטינגן, אין וועלכע עס נעמען אייגטייל זיבן שריפטשטעלער: זאָלאַ,ביידע דאָדע'ס, פּראַנס, שערביולע, בורזשע, און בארעס. מיר האָבן באַשלאָסן אַז קיין זייטי־קער ווערט ניט צוגעלאָזן חוץ איין אויסלענדער וואָס וועט אונז פאַר־שאַפן גרויס פאַרגניגן מיט זיין באַזוך, ווען ער וועט קומען צופאָרן קיין פּאַריז". ער קומט אָפט און ער ווערט באַגעגנט מיט אָפענע אָרעמס. מען שעצט אים ווי איינעם וואָס באַלאַנגט צו יענער די־נאַסטיע פון ליטעראַטור קריטיקער און ליטעראַטור היסטאָריקער,

עסייען

וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַזוינע נעמען ווי סענט־בעוו און טעין. אמת, בראַנדעס האָט ניט געשאַפן קיין באַשטימטע פילאָזאָפיע, קיין אייגע־נע טעאָריע וועגן קונסט און ליטעראַטור ווי דאָס האָט געטאָן ה. טעין, ער האָט אויך ניט פאַרמאָגט דעם בלענדענדיקן סטיל פון סענט־בעוו, אָבער מיטביידן פאַרבינדט אים די גלייכע אוניווערסאַליטעט פון בילדונג און קענטענישן. בראַנדעס איז שטענדיק וואַך, אנגערעגט, גרייט פאַר דער וויכטיקער אַרבעט — אויסגעפינען אַ נייעם טאַלאַנט אָדער שילדערן דעם וועג, די אַנטוויקלונג פון אַ שרייבער וואָס איז שוין באַקאַנט אין דער וועלט ליטעראַטור. פאַר דענמאַרק און די אַנדערע צפון לענדער איז ער דער פירער צום ליטעראַרישן פאַנטהעאָן. ניט קיין קאַלטער, גלייכגילטיקער, פראָפעסיאָנעלער פירער, נאָר אַ באַגייסטערטער, אַ ענטוזיאַסטישער. ער באַקענט זיינע לייענער מיט אַלע פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור ניט דורך געלערנטע דיסערטאַ־ציעס, נאָר מיט וואַרימע דערקלערונגען, מיט אויספירליכע באַשריי־בונגען, באַשפּריינקלט מיט פערזענליכע דעראינערונגען פון די וועגן וועמען ער שרייבט. דער לייענער קריגט אַ גענויען באַגריף ניט נאָר פון דעם וואָס דער שריפטשטעלער האָט געשאַפן, נאָר אויך פון דעם שאפער. פלאָבערן האָט ער געזען בלויז איין מאָל, אָבער ריידנדיק אויספירליך וועגן פלאבערס אַלע ביכער גיט ער, אין איין געלונגענער סקיצע, אויך דעם מענטשן פלאבער. וועגן עדמונד גאנקורס גאָרטן רעדט ער מיט ניט ווייניקער אינטערעס ווי וועגן זיינע ראָמאַנען און ער לייענט, לייענט די ראָמאַנען, לייענט זיי אַלע. בראַנדעס איז „אַלטמאָדיש“ גענוג, געוויסנהאַפט גענוג ניט צו באַנוגענען זיך מיט יענער סאָרט קריטיק וואָס זאָגט אַרויס נעבלהאַפטע טיפקייטן וועגן אַ שרייבער, אַזוי אַז דער לייענער ווייסט סוף כל סוף ניט וואָס דער שרייבער האָט געשריבן און וואָס זייערע ביכער שטעלן מיט זיך פאָר. בראַנדעס האָט ניט מורא איבערצוגעבן דעם סיפור המעשה, ווייל אַלע מער אָדער ווייניק ווערטפולע ביכער האָט ער טאַקע געלייענט. ער איז געווען דער חנודיקסטער אַמבאַסאַדאָר אין דער וועלט פון ליטעראַטור, און זיינע באַריכטן, זיינע נאָטעס זיינען געווען זיינע בי־כער. ער איז שטענדיק געווען „אונטערוועגנס“, האָט זיך צוגעהערט צו אַלע גייסטיקע סודות, כדי געטריי זיי איבערגעבן צו זיינע לייענער.

שמריהו גאָרעליק

בראַנדעס איז געווען אַ וועלט בירגער, אַ גרויסער אייראָפּעער, אַ „האָמאָ הומאַנוס“, און אַ גליקליכער מענטש. גליקליך, מיין איך ניט אין פּערזענליכן זין. איך מיין עס אין דעם זין, וואָס ער האָט געהאַט די זכיה צו לעבן און ווירקן אין אַ צייט ווען אייראָפּע איז נאָך ניט געווען קיין תפיסה און באַרבאַריזם האָט ניט געהערשט אין לאַנד פון געטהע. וואָס פאַר אַ צייט! וואָס פאַר מענטשן! ער האָט פאַרבראַכט מיט דזשאהן סטיואַרט מילל, אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט ער געזען דיזראַעלי־ביקאָנספילדן, שוין אַלט, אַרונטער פון דער גדולה, אָבער נאָך אַלץ דער געהיימניספולער אָריענטאַלישער פירשט און דער „גוטער, קלוגער, אַלטער מאַן“, ווי די קעניגין וויקטאָריאַ האָט גערופן איר פּרעמיער מיניסטער און פריינט. דער שטריינגער, אומפריינטליכער הענריק איבסען, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט איינזאַמקייט, האָט פאַר בראַנדעסן געמאַכט אַן אויסנאַם. אַנדערסען האָט געלייענט פאַר אים זיינע מעשהלעך, און ניצשע האָט פון זיין קראַנקען בעט (און וואָס פאַר אַ קראַנקען בעט!), אין אַ ליכטיקן אויגנבליק, גערופן דעם נאָמען בראַנדעס. אין דער בלי צייט פון זיין ווירקן זיינען אידעען ניט געווען פאַרפעלשט און דעגענערירט, מ׳האָט זיי נאָך ניט באַנוצט פאַר טייוולשע צוועקן צו אונטערדריקן די מענטשהייט. האָט מען געזאָגט „נאַציאָנאַלע אויפלעבונג“, „פאָלקס באַפרייאונג“, זיינען די ווערטער געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע נעמען ווי גאַריבאַלדי, מאַדזיני, און דאָס איז שוין געווען אַ גאַראַנטיע פון מענטשליכקייט, איידלקייט. דער סאָציאַליזם איז געווען אַ חלום, אַן אוטאָפּיע, און האָט נאָך ניט געבראַכט די אַנטוישונגען וואָס מען באַגעגנט איצט, דער עיקר, ניט די זאַכן וואָס ווערן באַגאַנגען אין נאָמען פון סאָציאַליזם. אודאי זיינען ניט איין מאָל געהאַנגען וואָלקנס איבער אייראָפּע, עס איז אָבער ניט געווען נ אַ כ ט ווי איצט, ניט קיין טאָטאַלע פינסטערניש. דער זייער אַלטער בראַנדעס האָט שוין געזען ווי די פינסטערניש רוקט זיך אָן, ער האָט אָבער ניט געזען איר קאַטאַסטראָפאַלע ווירקונג.

בראַנדעס האָט געלאָזט זייער אַ סך ביכער, די באַרימטסטע זיינען „די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נײַנצנטן יאָרהונדערט“, אויף וועלכע עס האָט זיך דערצויגן אַ גאַנצער ליטעראַרי־

שער דור. פון זיינע צאָלרייכע עסעיען זיינען די בעסטע וועגן בי־
קאָנספיעלדן און לאַסאַלן. ער האָט געשריבן וועגן אַלע סקאַנדינאַ־
ווישע שריפטשטעלער, אַ סך שרייבער האָט ער דערמוטיקט, אייניקע
האָט ער אַנטדעקט. זיינע גרויסע מאָנאָגראַפיעס וועגן וואָלטעיר,
געטהע, מיקעל אַנזשעלאָ און יוליוס צעזאַר ווירקן זייער שטאַרק,
מאַכן ממש צום שטוינען, ווען מ׳דערמאָנט זיך אַז די מאָנאָגראַפיעס
האָט ער געשריבן ווען ער איז שוין געווען זייער אַלט. די מאָנאָגראַ־
פיע וועגן וואָלטעירן איז די אינטערעסאַנטסטע. ביים סוף פון אָט
דער וויכטיקער ליטעראַרישער אַרבעט קלאָגט זיך בראַנדעס אויף דער
מענטשליכער טפשות, וואָס פאַרביטערט דאָס לעבן פון די דיכטער
און דיינקער, כדי נאָכדעם חרטה האָבן, ווען די דיכטער און דיינקער
ליגן שוין אין דער ערד. אגב, ניט שטענדיק האָט מען חרטה, און
וואָלטעיר איז ניט געווען פון די אומגליקליכע, אדרבא. און אפשר
הערט זיך דאָ אַ פאָרוואורף פאַר די עוולות וואָס מ׳איז קעגן בראַנ־
דעסן גופא אָפט באַגאַנגען אין זיין אייגענעם דענמאַרק. ער האָט
געהאַט גענוג קאַמפן אויסצושטיין און אויך גענוג שנאה, ניט אַלס
איד, נאָר אַלס מענטש, וואָס האָט פאַרטראָטן אידייען, וואָס האָבן
ניט געוואָלט אָנגענומען ווערן פון די פּאַמעליך דיינקענדע און אויך
פּאַמעליך פילנדיקע. די ליטעראַרישע יוגנט פון דענמאַרק איז אָבער
שטענדיק געווען מיט בראַנדעסן, ער איז געווען דער פירער, דער
ציצעראָנע צו די גייסטיקע פיראַמידן, ווייל דאָס איז ער געווען — אַ
פירער צו די גייסטיקע פיראַמידן. פירנדיק
צו די פיראַמידן האָט ער אויך געשאַפן גייסטיקע פיראַמידן.

געאָרג בראַנדעס איז געווען אַ איד. זיין אידישער נאָמען איז
געווען מאָריס קאָהען. אַ זייער שוואַכער איד, ניט פאַראינטערעסירט
אין דעם גורל און שאַפן פון זיין פאָלק. אין זיין זייער חשובן אַמט
אַלס ציצעראָנע האָט ער ניט פאַרגעסן צוקומען צו קיין ווינקעלע חוץ
דעם אידישן. אַ בקי וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן, אַן אויספירער
פון דעם שעפערישן, האָט ער דאָס אידישע שאַפן ניט באַמערקט. אַ
האַרטנעקיקער, קאָנזעקווענטער אַסימילאַטאָר. צי וואָלט ער נאָך גע־
בליבן דערזעלבער ווען ער זאָל געווען דערלעבן דעם נאַציזם איז שווער
צו זאָגן. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז זיין גלייכגילטיקייט

צום אידישן געוואָרן אַ ביסל אָפּגעשוואַכט, אָבער וואַרעם און אויפריכטיק פאַראינטערעסירט איז ער ניט געוואָרן. וועגן אָט דער ניט שיינער זייט פון בראַנדעסעס פּערזענליכקייט קען מען לייענען אַ סך אינטערעסאַנטעס אין הענרי נאַטאַנזאָנס בוך „בראַנדעס אַלס איירעפּער און איד״. נאַטאַנזאָן, אַ באַקאַנטער דענישער דראַמאַטורג, אַ ציוניסט, דערציילט וועגן זיינע דיספּוטן מיט בראַנדעסן איבער אידישע ענינים. אַ פריינט און באַוואונדערער פון בראַנדעסן, פאַרגעסט ער אָבער ניט צו שילדערן אויך זיינע מענטשליכע שוואַכקייטן. פאַרשיידענע אידישע זשורנאַליסטן און אינטעלעקטואַלן האָבן פּאָלעמיזירט מיט בראַנדעסן פאַר זיין נעגאַטיווער שטעלונג צו אַלץ וואָס איז אידיש, און זיינע ענטפערס זיינען קיינמאָל ניט געווען צופרידנשטעלנד. זאָל מען איצט דעם שוין צען יאָר טויטן בראַנדעס משפּטן? איין זאַך דאַרף מען ניט פאַרגעסן — צי ער איז יאָ געווען פאַראינטערעסירט אין אידן אָדער ניט, צי ער איז געווען אַן איינגעשפּאַרטער אַסימילאַטאָר אָדער בלויז אַ צעשטרייטער, אַ פאַרגעסליכער, בלייבט ער פונדעסטוועגן פאָרט פאַרשריבן אויף אונזער אידישער קאָנטאָ. דענעמאַרק וועט אים איצטער פייערן, מ׳וועט פאַרעפנטליכן ביכער וועגן אים, אָבער די וועלט ווייסט אַז בראַנדעסעס פאַרדינסט איז אַ אידישער פאַרדינסט, פון דעם אידישן אין אים שטאַמט די פילזייטיגקייט, דאָס וועלט בירגערטום. די וועלט ווייסט עס און דאָס איז אויך באַקאַנט אין דענעמאַרק. עס איז אַ ביסל שווער צו זיין צו שטרייגנע שופטים ווען מיר האָבן הנאה פון דעם וואָס ער איז פאַרשריבן אויף אונזער קאָנטאָ, ווי אַ סך אַנדערע גרויסע מענטשן וואָס זיינען אַוועק פון אונז, אָבער וועמעס גרויסע פאַרדינסטן ווערן באַטראַכט און געשעצט ווי אידישע פאַרדינסטן. למאַי לייקענען? אין אונזער באַציאונג צו די אַלע באַדייטנדע אידן וואָס זיינען אַוועק פון אונז און געווירקט מיט גרויס דערפאָלג צווישן אַנדערע פעלקער איז דאָ עפּעס צווייִדייטיקעס, אפשר אַפילו עפּעס ניט אויפריכטיקס: מיר זיינען אין כעס אויף זיי למאַי זיי זיינען אַוועק, אין דערזעלבער צייט האַלטן מיר זייער אַ שאַרף אויג אויפן גרויסן קאָנטאָ בוך, וואָס פירט די גייסטיקע חשבונות פון דער וועלט. פּרוּווט ניט אַריינשרייבן אויף אונזער חשבון אַ

עסייען

בערגסאָנען, אַ בראַנדעסן, אָדער פילע אַנדערע, ווען מיר אויפהויבן אַ געשריי, אַ געערעכטן געשריי: *די בוכהאַלטעריע איז אַ פאַלשע!* און אין דער אמתן גייט גאָר קיינער ניט אַוועק. *זיי בלייבן ביי אונז אַפילו אַוועקגייענ־דיק.* און אָט די סתירה איז נאָר מעגליך *ווייל דעם אידן טראָגן זיי אין זיך.* אויך געאָרג בראַנדעס האָט עס געטראָגן אין זיך.

דער וועלט בירגער און קאָסמאָפאָליט געאָרג בראַנדעס איז אַ בולטע געשטאַלט פון דער אַסימילאַציע תקופה. אים איז באַשערט געווען ניט צו דערלעבן די גרויסע אַנטוישונג, די קאַטאַסטראָפאַלע אַנטוישונג, וואָס האָט בטול געמאַכט אַלע באַמיאונגען פון דער אַסי־מילאַציע תקופה און האָט צעשטערט אַלע אירע אילוזיעס.

שלום עליכם

(צו זיין פינף און זיבעציק יאָריקן געבורטסטאָג)

אין זיין צוואה האָט שלום עליכם מיט אַ רירנדיקער בקשה זיך געווענדעט צו זיינע קינדער און פריינט אַז ביי זיין יעדן געבורטסטאָג זאָל מען פאָרלייענען עפּעס פון זיינע ווערק, פאָרלייענען עפּעס פון דער געשילדערטער וועלט וואָס איז שוין מער ניטאָ. וואו איז טביה? ער איז פאַרשוואונדן. ווי אַ ווייטע לעגענדע קומט אונז פאָר אָט דער העלד, פּונקט ווי דאָס גאַנצע לעבן פון יענער צייט קומט אונז פאָר שיר ניט לעגענדאַריש. שלום עליכם האָט געזען ווי יענע זאַפּטיקע אינהאַלטרייכע, גלויביקע וועלט פאַרשווינדט אַלץ מער און מער, פאַרגייט אויף אייביק. עס איז אוממעגליך געווען דאָס ניט צו זען. ער אַליין האָט געפּרואווט מאָלן דעם נייעם אידישן מענטשן און עס איז אים ניט געלונגען. דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור, דער אי־דישער קונסט איז נאָך ביז איצט ניט געלונגען צו מאָלן דעם נייעם אידישן מענטשן אין אַן אמת רעפּרעזאַנטיווער, אויסדרוקפולער פאָרמע.

אויפן ערשטן בליק זעט עס אויס זייער מערקווירדיק וואָס די קונסט קען זיך ניט ספּראַווען מיטן נייעם אידן. אין לעבן איז ער שוין לאַנג, לאַנג דאָ, מיר קענען אים אַלע, אָט דעם נייעם אידן, אָבער אין דער קונסט איז ער נאָך אַלץ ניט פאַרטראַכטן ריכטיק. די זכרונות האַלטן זיך נאָך אַלץ אָן אַן שטעטל, ווילן בשום אופן פון דאָרטן ניט אַוועקגיין. ווען שלום אַש ווילט זיך מער ניט שרייבן קיין ביליקן רעפּאָרטאַזש (זיין טרילאָגיע: פּעטערבורג, וואַרשע, מאָסקווע איז ביז גאָר שוואַכע בעלעטריסטיק), קערט ער זיך אום צום „תהלים איד", צו זיינע שטעטלדיקע אידן. אויך דער אידישער מאָלער, מעג ער אַפילו פאַרטרעטן די עקסטרעמסטע קונסט ריכטונגען, איז מיט זיין געמיט נאָך אַלץ געווענדט צום אַלטן. עקספּרעסיאָניסטיש, צי קו־

ביסטיש, אויפֿן לייוונט זעט מען אַלץ דעם בית מדרש, די הילצערנע שטיבלעך, דעם אידן מיט דער לאַנגער באָרד. ווען מאַרק שאַגאַל מאָלט אַ אידן אָן אַ באָרד, מיט אַ קורץ רעקל ווירקט ער כמעט מיטל־מעסיק. עס איז גאָרניט צו דערקענען שאַגאַלן. ער ווירקט יאָ, ער איז ממש געניאַל ווען ער מאָלט זיינע גרינע, בלויע אידן, מיט לאַנגע, לאַנגע בערד, מיט הויכע היטלען. וויטעבסקער אידן, ליובאַוויטשער אידן, אָבער אידן פֿון אַלטן דור.

ווי זאָל מען דאָס דערקלערן?

זאָגן סתם: מ׳קען דאָס ניט דערקלערן, וואָלט געווען פֿאַלש. ניט אַנדערש, אַז יענע וועלט, אַן עקסטראַקט פֿון אַ קולטור וואָס האָט גע־דויערט יאָרהונדערטער, האָט נאָך איצט די שטאַרקסטע, צויבער־האַפֿטע ווירקונג אויף אונזערע מוחות, אונזער געמיט. די נייע וועלט, מיט אַ קורצן נעכטן, אָן לעגענדע קען, אין ד ע ר ק ו נ ס ט, נאָך ניט קאָנקורירן מיט דער אַלטער וועלט. אין לעבן איז זי שוין לאַנג די זיגערין. די אַלטע אידישע וועלט האָט געהאַט גוואַלדיקע זעלישע און גייסטיקע סובסטאַנצן. די קונסט, אַ גרויסע מבינטע, ציט זיך צום אַלטן צויבער, עס ציט איר צו דער לעגענדע פֿון אַמאָל. מיט דעם נייעם וואָס איז שוין מעכטיק דאָ פֿילט זי זיך נאָך ניט זיכער און זי דערנעענטערט זיך צו דעם זייער פֿאַרזיכטיק.

אין שלום עליכמס ווערק איז דאָ זייער אַ סך פֿון אָט דעם סוב־סטאַנציאָנעלן, ביז גאָר וואַגיקן אין זעלישן הינזיכט, דערפֿאַר טאַקע דאַרף מען זיך באַציען מיט גוואַלדיקן דרך ארץ צו דער בקשה אין זיין צוואה און צו זיין יעדן געבורטסטאָג טאַקע אַרויסנעמען אַ בוך פֿון שאַפֿע און פֿאַרלייענען עפּעס פֿון זיינע ווערק. וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פֿון יענער עפּאָכע וואָס האָט געפֿונען אַזאַ קינסטלע־רישן תיקון ביי שלום עליכמען, אַלץ מער נייע מאָמענטן אַנטדעקן מיר אין איר. די באַדייטונג פֿון יענער עפּאָכע וואַקסט אין אונזערע אויגן, און עס וואַקסט אויך דאָס קינסטלערישע ווערק וואָס האָט יענע עפּאָכע אָפּגעשפּיגלט. מיט צוואַנציק, פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָבן שלום עליכמס דערציילונגען ביי אונז אַרויסגערופֿן אַ געזונטן, פֿרייליכן געלעכטער. אויך היינט לאַכן מיר פֿריידיק, אָבער ניט נאָר דאָס אַליין, מיר זיינען אויך ערנסט, און אונזער רעספּעקט צו שלום

שמריהו גאָרעליק

עליכמס העלדן וואַקסט. דורך דער דיסטאַנץ פון צייט זיינען שלום עליכמס העלדן ניט פאַרבלאַסט געוואָרן, אדרבה, זיי זיינען גאָר געוואַקסן אין זייער אינערליכער באַדייטונג. דערפאַר דער רעספּעקט צו זיי. אגב, איז דאָס אויך דער עכטסטער, איינציקער סימן אַז דער שרייבער איז אַ גרויסער שרייבער. די געשטאַלטן וואָס אַ שרייבער האָט געשילדערט אין זיינע ביכער מוזן אויסהאַלטן די פּראָבע פון דער צייט. ווערן זיי אַפּגעגבליאַקירט, דאַן איז אַ רחמנות אויפן שרייבער, אויב אַפילו ער האָט בשעתו געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. פאַרקערט, מאַכן די העלדן אַ גייסטיקע קאַריערע, דאָס הייסט, זיי שטייגן אין זייער באַדייטונג, אין זייער קוואַליטעט, דאַן ווייסן מיר אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ גרויסן שרייבער.

ווי אַ קלאַסישער ביישפּיל צו אָט דעם געדאַנק קען אונז דינען דער גורל פון דעם ריטער פון לא מאנש. ווען סערוואַנטעס האָט אַרויסגעשיקט זיין העלד אין דער וויטער וועלט, האָט עס געהייסן אַז ער האָט געוואָלט געבן אַ סאַטירע אויף דעם אויפגעבלאָזענעם, דעקאַראַטיוו־העלדנהאַפטן, אונטערגייענדיקן ריטערטום. ערשט דורך דער דיסטאַנץ פון יאָרהונדערטער איז דאַן קיכאָט אַרויס פון דער לאָקאַלער ראַם און די גאַנצע וועלט זעט אין אים דעם אידעאַליסט, דעם ענטוזיאַסט. דאַן קיכאָט האָט אַלזאָ געמאַכט די אומגלויבליכסטע גייסטיקע קאַריערע, און אויך סערוואַנטעס האָט, אַזוי צו זאָגן, געשאַפן זיך אַ גייסטיקע קאַריערע, זיין בוך איז געשטעמפּלט מיט אייביגקייט. איך ברענג אָט דעם ביישפּיל כדי בולטער אויסצודריקן לויט וועלכן סימן קענען מיר דערקענען די באַדייטונג פון אַ שרייבער, ווי אַזוי מיר קענען וויסן צי דער שרייבער איז נאָר אַ גאַסט אויף אַ ווייל אין דער ליטעראַטור, אָדער ער איז אַ דויערנדיקער גאַסט, אַ שטענדיקער גאַסט.

אין דער אידישער ליטעראַטור קענען מיר ביי קיינעם ניט זען אַזוי קלאָר אָט דעם סימן ווי ביי שלום עליכמען. זיינע העלדן וואַקסן מיט דער צייט, זיי מאַכן אַ גרויסע גייסטיקע קאַריערע. אונזערע באַציאונגען צו אָט די העלדן האָבן אין משך פון דער צייט זיך געוואַלדיק געביטן. ווען דער אידישער לייענער האָט צום ערשטן מאָל זיך

עסייען

באַקאַנט מיט מנחם מענדלען, האָט זיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט געצויגן די קאָרעספּאָנדענץ מיט שיינע שיינדלען, דאָס מיינט, דאָס גראָטעסקע, דאָס שפּאַסהאַפטע. מ׳האָט הנאה געהאַט פון דעם וויץ, דער שפּראַך, דער סביבה, פון דעם קאָלאָריט. נאָכדעם זיינען די באַציאונגען צו מנחם מענדלען געוואָרן ערנסטער. דער סטאַטיסטיקער, דער סאָציאָלאָג האָט זיך גענומען צוקוקן צו דער עקאָנאָמישער וואָרצללאָזיקייט פון אַ מנחם מענדל, מ׳האָט פאַרגעסן אָנם וויץ, מ׳האָט גערעדט וועגן דעם לופט מענטשן. איצט אָבער קוקן מיר ווידער אויף מנחם מענדלען מיט אַנדערע אויגן. אונז דוכט זיך אַז אַ מנחם מענדל, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַלע קאַטאַסטראָפעס, אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט אַן אומבאַזיגבאַרן אָפּטימיזם, וואָס איז שטענדיק אויבן אויף, אָט דעם מנחם מענדל איז נאַריש צו באַטראַכטן אַלס לופט מענטש. זיין ניט דערשרעקן זיך, זיין ניט וועלן רעזיגנירן שטאַמט ניט פון לייכטזיניגקייט. מנחם מענדל איז ניט וואָרצללאָז, אדרבא, ווייל ער האָט טיפע וואָרצלען אין אַן אַלטער פעסטער וועלט איז ער אַן אָפּטימיסט און ווערט ניט נתפּעל פון אַ נידערלאַגע. די קאַטאַסטראָפע וואָס ער לעבט איבער בויגט אים ניט. ווען די געשעפטן גייען שלעכט ענדיקט ניט מנחם מענדל מיט זעלבסטמאָרד, ווייל געשעפט איז ביי אים ניט אַלץ, ער האָט נאָך אַנדערע ווערטפולע סובסטאַנצן. אגב, זיינען אַלע קאַסרילעווקער אידן געווען אַזוינע מנחם מענדלס. דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון אַלע קאַסרילעווקער אידן האָט באַטראָפן אפשר איין רובל, אָבער פון קיין זעלבסטמאָרד עפּידעמיעס האָט מען ביי זיי ניט געהערט. די שלום עליכם אידן זיינען געווען פעסטער אין זייער גלויבן, רייכער אין סובסטאַנציאָנעלן ווי די היינטיקע אידן. זאָגט ניט אַז דאָס איז ניט אַזוי, עס איז יאָ אַזוי.

נאָך אַ פיל גוואַלדיקערע, דערשטוינליכערע קאַריערע האָט געמאַכט דער צווייטער העלד שלום עליכמס אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר. איך מיין טביה דער מילכיקער. אַז דער אידישער לייענער האָט גלייך פון אָנהויב אָן אים אויפגענומען זייער וואַרעם, פון דעם איז איבעריק צו רעדן. פון טביהס האַרץ האָט אַרויסגעשטראָמט אַזוי פיל גוטסקייט, אַז עס איז געווען פשוט אוממעגליך

שמריהו גאָרעליק

אים ניט ליב האָבן. הײנט זײַן שמײכל, וואָס האָט אים באַגלייט אַפֿילו אין זײַנע קאַטאַסטראָפֿעס. פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער האָט מען זיך צופֿיל אָנגעכאַפּט אָן דעם וויציקן, מ׳האָט צופֿיל הנאה געהאַט דערפֿון ווי טביה פֿאַרטײַטשט פֿאַלש, און אין עצם ריכטיק, פֿאַרשיידענע פּסוקים. צוליב דעם הומאָר אין טביהס מאָנאָלאָגן האָבן מיר פֿאַרגעסן אַז צו אונז רעדט אַ גרויסער חכם, אַז דער עם הארץ טוביה איז גאָר אַ גרויסער למדן. ווען מ׳זאָל אונז שטעלן די פֿראַגע צי פֿאַרמאָגט אונזער ליטעראַטור כאָטש איין געשטאַלט וואָס זאָל אין זיך אַנטהאַלטן אַלע וויכטיקסטע מאָמענטן פֿון אַ פֿאָלקס כאַראַקטער, דאַרפֿן מיר זיך לאַנג ניט ישובֿן און ענטפֿערן: טביה דער מילכיקער. ער איז דער עקספּאָנענט פֿון דער אידישער נשמה. אין אָט דעם באַשיידענעם, נישט געלערנטן ישובֿניק איז פֿאַרקערפּערט אָן אַלטע, איידעלע קולטור.

שלום עליכמס פֿינף און זיבעציק יאָריקער געבורטסטאָג דאַרף פֿאַר אונז אויך זײַן דער טאָג ווען מיר וואַרימען אָן אונזערע נשמות דורך לייענען זײַנע ווערק.

שלום עליכם איז מער ווי אַ הומאָרפֿולער שרײַבער. ער איז ד ע ר שרײַבער, וועמעס העלדן לעבן שוין אָן אייגענעם זעלבסט־שטענדיקן לעבן, וועמעס העלדן מאַכן אַלץ מער גײַסטיקע קאַריערע. פֿון דעם אויבנגעזאָגטן ווײַזן מיר וואָס אַזוינע סימנים באַדײַטן. דאָס זײַנען סימנים פֿון אַ זייער גרויסן שרײַבער.

בעל מחשבות (דר. עליאשעוו)

די לעצטע פאַר יאָר פאַר זיין טויט האָט בעל מחשבות פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זייער טרויעריקן אנבליק. אמת, זיין פיזישער אונטערגאַנג האָט אים נאָך ניט געמאַכט אומעמפינדליך פאַר אויסערליכקייטן, ער איז, ווי אַלע מאָל, געווען גוט געקליידעט, און יעדן אָוונט האָט ער באַזוכט די קאַפע אין בערלין, וואו ער האָט געוואוינט די לעצטע יאָרן. אָבער זיין נערוועזיטעט, זיין אַלץ שטייגנדיקע גערייצטקייט, זיין שפרינגעוודיגקייט, האָט גאָרניט געהאַט קיין גרענעץ.

כדי צו געבן אַ באַגריף וואָס דאָס מיינט וויל איך נאָר איבערגעבן איין קליינע סצענע וואָס איך אַליין האָב גורם געווען דערצו אָן קיין שום שלעכטער כוונה, חלילה. איין ווינטער אָוונט בין איך געזעסן אין דער ראָמאַנישער קאַפע ביי אַ טישל. מיט מיר איז געזעסן אַ יונגער וואַרשעווער אידישער קריטיקער, וועמען מ׳האָט מיר ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געהאַט פאַרגעשטעלט. בעל מחשבות, שלעפנדיק זיין פּאַראַליזירטן פוס, גייט צו צו מיין טישל. אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, וויל איך אים באַקאַנט מאַכן מיט מיין שכן, מיט וועמען איך בין אויך צופעליק ערשט באַקאַנט געוואָרן מיט עטליכע טעג צוריק. איך זאָג די פּאָר ווערטער וואָס מ׳זאָגט געוויינליך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן: איך וויל אייך באַקאַנט מאַכן מיט הערן... אַז בעל מחשבות ווערט ניט אין כעס, שפּרינגט אויף און הויבט אָן שרייען: איך וויל נישט מאַכן קיינע נייע באַקאַנטשאַפטן! דער יונגערמאַן, באַליידיקט און דערשראָקן, זאָגט עפּעס. בעל מחשבות הערט ניט וואָס דער יונגערמאַן זאָגט, נאָר זידלט אים מיט די ווערטער: מנוול, לומפּ און נאָך אַזעלכע כבודים. דער יונגערמאַן כאַפּט אַ גלאָז, ער וואַרפט זי אָבער ניט. אין קאַפע זיצן אָבער מענטשן, נערוועזע פון טרינקען קאַווע, רויכערן און פון . . . הונגער, מיינען זיי, ניט זיי מיינען, נאָר זיי זענען שוין ממש ווי גלעזער, טעלער, שטולן פליען אין קאָפּ. עס ווערט אַ סקאַנדאַל, אַ צוזאַמענלויף. גוטע הענט נעמען פונאַנדער בעל מחשבותן און יענעם אומשולדיקן, א:מ־

שמריהו גאָרעליק

באַקאַנטן קונסט קריטיקער, וועלכע האָבן שוין געקליבן זיך שלאָגן. עס גייט אַוועק אַ פופצן, צוואַנציק מינוט, און בעל מחשבות זיצט שוין ביי אַן אַנדער טישל, און פאַרברייננגט מיט אַ פילאָזאָפירנדיקער גרימאַסע וי עס וואָלט גאָרניט פאַסירט. ווייזט אויס ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם.

זיין קראַנקהייט האָט דעם אַמאָליקן גייסטרייכן, אינטערעסאַנטן פלוידערער פאַרוואַנדלט אין אַ ציניש שמועסער, וואָס האָט גאַנץ אָפט זייער אומאַנגענעם פאַרוואונדערט זיינע צוהערער. ציניש, ניט אין דעם זין פון רעדן ג ר אָ ב ע רייד, נאָר אין זין פון אָ פ ע נ ע רייד. דער עיקר וועגן זיך. ער האָט אַלץ, אַלץ דערציילט. אָפט איז עס געווען זייער פיינליך צו הערן. און אָט הויבט זיך בעל מחשבות אויף, שלעפט זיך אַוועק אַהיים, זעצט זיך אַוועק ביים שרייב טיש און, מיט אַ ציטערנדיקער, נערוועזער האַנט, שרייבט ער זיין וועכענטליכן אַרטיקעל פאַר דער אַמעריקאַנישער אידישער צייטונג. אין עטליכע וואָכן אַרום, ווען איר לייענט דעם אַרטיקל אַ געדרוקטן, וואונדערט איר זיך וואָס פאַר אַ זאַפטיקער סטיל, וואָס פאַר אַ שאַרפע, טרעפליכע כאַראַקטעריסטיק ער גיט פון דעם אָדער יענעם אידישן שרייבער.

אין יעדן פון זיינע אַרטיקלען האָט זיך געמערקט אַ פאַרשווענדונג פון צופיל גייסט, צופיל געדאַנקען. מיט אַ ביסל שפּאָרעוודיגקייט וואָלט מען די געדאַנקען פון איין אַרטיקל געקענט איינטיילן אויף אַ גאַנצער סעריע אַרטיקלען. אָבער פון שפּאָרעוודיגקייט האָט בעל מחשבות קיינמאָל ניט געוואוסט. זיינע אַרטיקלען פון די לעצטע יאָרן זיינען געווען שלעכט געבויט, דערפאַר אָבער איבערגעלאָדן, אָנגעפילט מיט געדאַנקען בליצן, העכסט אינטערעסאַנטע איינפאַלן, מיט כאַראַקטעריסטיקעס פון מענטשן, געזעלשאַפטן, אינסטיטוציעס, כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס האָבן געטראָפן אין פונקט. אין יענער צייט, וואָס איז געווען זיין שווער קראַנקע צייט, האָב איך געלייענט זיינע אַרטיקלען איבער ה. לייוויק, דוד בערגעלסאָן, איבער דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, דער „ארט“ געזעלשאַפט, איבער מענטשן, געשעענישן, איבער טויטע און לעבעדיקע, וועמען מ'האָט געמאַכט יובילעאומס, און לייענען די אַרטיקלען איז שטענדיק געווען אַ פאַרגניגן, זיי זיינען אַלע מאָל געווען אנרעגנד. ער האָט געשריבן אַ סך, גערעדט אַ סך, גאַנץ

אָפּט זייער שאַרף, אַזוי אַז עס איז פּשוט שווער געווען צו פאַרטראָגן, און מ׳האָט געזען אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ שאָטן פון יענעם בעל מחשבות וועלכן מ׳פלעגט זען אין די בערלינער קאַפעען פאַר דער מלחמה, אָדער פון יענעם וואָס איז אין די ווינטער אָוונטן געזעסן ביי פּרצן און בייטאָג אין די וואַרשעווער רעדאַקציעס.

ניט זייער לאַנג פאַר זיין טויט האָט מען אין בערלין געפייערט דעם פינף און צוואַנציק יאָריקן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער טעטיג־קייט. מ׳האָט גערעדט און אָפּגעשאַצט זיינע פאַרדינסטן פאַר דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט אַ סך בייגעטראָגן. בעל מחשבות איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געגעבן אַן ערנסטן אַנאַליז פון מענדעלעס שאַפן, וועגן דער וועלט וואָס מענדעלע האָט געשילדערט. זייענדיק אַ יונגער דאָקטאָר פון מעדיצין, וואָס האָט שטודירט אין די אייראָפּעאישע אוניווערסיטעטן, האָט בעל מחשבות איבערראַשט מיט דער קולטיווירטקייט פון זיין אידיש, וואָס איז אין דערזעלבער צייט געווען אויך דורכגעזאַפּט מיט דער גאַנצער פאַטריאַרכאַלישקייט פון אַלטן אידישן לעבנס־שטייגער. ער האָט געשריבן וועגן אַלע אידישע שרייבער און גלייך פון זיינע ערשטע אַרטיקלען האָט מען שוין געקענט דערקענען צו וועלכער קאַטעגאָריע ליטעראַטור קריטיקער בעל מחשבות באַלאַנגט — צו דער לעבעדיקסטער, אַליין שאַפנדיקער קאַטעגאָריע, דאָס הייסט, אַ קריטיקער, וואָס איז אַליין אַ קינסטלער, בכן, אַ קרי־טיקער פון העכערן מין, וואָס איז זעלטענער צו געפינען און שווערער צו זיין. בעל מחשבות האָט זיך ניט פאַרנומען מיט אויסשטעלן לי־טעראַרישע מעטריקעס, ווען געבוירן, ווען געשטאָרבן, ווען און וואָס געשריבן, צו וועמען פון די שרייבער ענליך אָדער ניט ענליך. דער אימפּולסיווער, נערוועזער, גייסטרייכער בעל מחשבות האָט זיך ניט געקענט פאַרנעמען מיט אָט דער שווערער, ניט נויטיקער געלערנט־קייט. ריידנדיק וועגן אַ שרייבער, האָט ער פריער גערעדט וועגן זיין בוך, אויב אָבער ער האָט עס געפונען פאַר נויטיק, האָט ער ווי פאַר־געסן אָנם שרייבער און בעל מחשבות אַליין האָט גערעדט, אַרויסגע־זאָגט סתם געדאַנקען. ער קען אויך, ער איז אויך אַ קינסטלער, ער איז ניט נאָר אַ רעצענזענט פון פרעמדע זאַכן, ער איז אַליין אַ שאַפער. די עטליכע בענדער וואָס נעמען אַרום בעל מחשבותס ליטעראַרישע

און פּובליציסטישע אַרטיקלען זיינען אַלע מאָל אינטערעסאַנט צו לייענען. גאַנץ אָפט זיינען די שרייבער גופא וויניקער אינטערעסאַנט ווי דאָס וואָס ער שרייבט וועגן זיי, נאָך אינטערעסאַנטער איז, ווען ער פאַרגעסט זיי אַ ווײַלע און שרייבט סתם איבער פאַרשיידענע ענינים. דאָס אָפּווייכן פון דער טעמע איז אינטערעסאַנטער ווי די טעמע גופא.

בעל מחשבות איז געווען אַן אמתער, אמתער שריפטשטעלער, דאָס הייסט, איינער, וואָס ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען אַ דאָקטאָר, האָט ער דאָך געקענט און געוואָלט נאָר זיין אַ שרייבער. ער איז פרי קראַנק געוואָרן און לאַנג געקריינקט. ער האָט געוואוסט אַז דער סוף קומט און די ערשטע פּאָר יאָר עס געדולדיק אַריבערגעטראָגן, די לעצטע פּאָר יאָר איז ער שוין געווען זייער אומגעדולדיק. אין סאַן רעמאָ, וואו ער האָט געלעבט צוליב זיין קראַנקהייט, האָט ער דערפילט אַז דער סוף איז נאָענט. ער האָט צענויפגענומען זיינע לעצטע כחות, דאָס לעצטע ביסל ענערגיע און אַנטלאָפן אַהיים. אידישע קינסטלער, מעגן זיי זיין מי יודע וואָס פאַר פראַגמענטאַרישע, באָהעמישע נאַטורן, ווילן זיי אָבער ניט שטאַרבן אין דער פרעמד, וואו עס זיינען ניטאָ קיין אידן, אָדער עס זיינען דאָ ווייניק אידן, און פרעמדע אידן. זיי ווילן שטאַרבן צווישן אַ סך, אַ סך אייגענע אידן. זיי ווייסן אַז די לויה וועט זיין אין אומאָרדענונג, מ׳וועט שרייען, וויינען הויך, אָבער זיי ווילן אַז אָט די אידן, וואָס זיי האָבן אַמאָל ליב געהאַט, אַמאָל פיינט געהאַט, זייער אָפט אויסגעלאַכט, אָט די אייגענע אידן, ווילן זיי, זאָלן נאָכגיין נאָכן ארון. בעל מחשבות האָט עס אויך געוואָלט. ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן אין סאַן רעמאָ און זיך געאיילט קיין קאָוונע. ער איז געשטאָרבן אין דעמזעלבן הויז, אין דעמזעלבן צימער וואו ער איז געבוירן געוואָרן. דאָס איז אַ גרויסע זעלטנקייט. די אידישע און ניט אידישע געשעפטן אויף די גאַסן דורך וועלכע די לויה האָט זיך געצויגן זיינען געווען צוגעמאַכט.

נאָך מאַפּו איז ער דער צווייטער אידישער שרייבער וואָס האָט זוכה געווען אַז אין אַ שטאָט אין גלות זאָל אַ גאַס זיך רופן אויף זיין נאָמען. אין קאָוונע איז דאָ אַ גאַס אויפן נאָמען פון דר. עליאשעוו. אין דער אידישער ליטעראַטור וועט ער לאַנג בלייבן ווי בעל מחשבות.

דר. נתן בירנבוים

זאַט אין יאָרן איז געשטאָרבן די טעג אין אַמסטערדאַם דר. נתן בירנבוים. דער יונגער דור אידיש לייענער ווייס ניט דעם נאָמען אָדער ער ווייס אים זייער ווייניק. ער האָט נאָר געהערט וועגן אים, מחמת דעם גאַנצן לעצטן פערטל פון זיין לעבן האָט דער פאַרשטאָר־בענער פאַרבראַכט מחוץ פון דער ברייטער אידישער געזעלשאַפטלאַכ־קייט, און זיין גייסט, וואָס האָט אַמאָל געשטורעמט, געזעצט און אַרומגעוואַנדערט, האָט שלום געמאַכט מיט די זוכענישן ־וואַנדער־נישן און האָט אַריינגעפירט זיין שיפל אין די שטילע וואַסערן פון דער אָרטאָדאָקסישער רעליגיע. אַ גלויביקער און אַ פרומער איז געוואָרן דער מענטש, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „מתתיהו אחר", און האָט געפירט אונטער דעם נאָמען אַ סך ליטעראַרישע שטרייטן, האָט פאַרעפנטלאַכט אני מאמינס און געדאַנקען, האָט געביטן זיינע גייס־טיקע סטאַנציעס, זידלענדיק די, וואָס ער האָט פאַרלאָזן, און לויבנדיק די, צו וועלכע ער איז ערשט צוגעקומען. אין קיין אכסניא האָט ער זיך לאַנג ניט אויפגעהאַלטן, ווייל ער איז געווען אַ גייסט אַ שטורעמ־דיקער, אַ נערוועזער און אַ זוכנדיקער, אַ „שווערער מענטש" פול מיט גאַל. און קעמפנדיק פאַר און קעגן געדאַנקען פלעגט ער שפייען מיט פאַרביטערונג אַפטמאָל אויף דעם, וואָס ער איז גלייכצייטיק אויך גע־צוואונגען געווען צו קעמפן אַביסל פאַר אַ זיכערער פרנסה, וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו האָבן נאָר אין שפּעטערן לעבן זיינעם אינם זיכערן פּאָרט. אַ הדרת פנים, וואָס האָט אַרויסגערופן רעספעקט, האָט ער געהאַט ניט נאָר אויף דער עלטער, נאָר אויך אין די מיטעלע יאָרן; אַ פייערלאַכער ערנסט האָט זיך געטראָגן פון זיין געשטאַלט. אָבער ווי נאָר מ׳האָט פאַרבראַכט מיט אים אַ פערטל שעה, פלעגט די פייערלאַכקייט ווערן איינגעשרומפּן און צעקנייטשט, און פלוצלונג פלעגט דערשיינען גאָר אַ פאַרביטערטער און קנאַישער גלות־איד; און

שמריהו גאָרעליק

זוען ער פלעגט אָנהויבן שיטן פעך און שוועבל, פלעגט ער אָנגעמען מיט דער האַנט זיין שיינע באָרד, צופּן און רייסן זי, און דאַן האָט ער באַקומען דעם אויסזען פון דעם אַמסטערדאַמער רב דעם קנאי דע סאַנטוס, דער דם שונא פון אוריאל אַקאָסטאַ. די שיין־תקופה זיינע איז געווען דער ציוניזם, וואָס מ׳קען אים פאַררעכענען אַלס איינעם פון זיינע אָנזאָגער. ער איז איינגעקריצט אין דער געשיכטע פונם ציוניזם אַלס דער גרינדער פון דער גרופּע סטודענטן „קדימה״ אין ווין אין יאָר 1886 און אַלס דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „זעלבסט עמאַנציפּאַציאָן״, אַלס הערצלס אַן אַרויסהעלפער און אַלס אַן אינטע־רעסאַנטע דערשיינונג אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. די שטיל־סטע און גליקלאַכסטע צייט פון זיין לעבן איז געוויס געווען אינם ברעג פון רעליגיע, וואו ער האָט אָפּגעשטעלט זיין אַנקער. וואָס עס האָט זיך געטראָפן צווישן די צוויי הויפּט סטאַנציעס פון זיין לעבן, ווי צום ביישפּיל זיין פאַרבינדונג מיט דער אידישיסטישער באַוועגונג, זיין גלות־פּאָזיטיוויזם און זיין גלויבן אין דער שאַפונג־מעגלאַכקייט אין גלות אויפן פעלד פון קולטור און געזעלשאַפטלאַכקייט, דאַרף מען צורעכענען צו די ווייטעקדיקסטע, ביטערסטע און איינזאַמסטע פאַזן פון זיין לעבן, וואָס איז פול געווען מיט יסורים און מיט נסיונות. די פּרוכט פון זיינע גייסטיקע וואַנדערונגען, די פּרוכט פון זיינע מיינונ־גען, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין שטענדיקן קאַמף מיט זיך אַליין, געפינען זיך אין די צוויי גרויסע בענד פון זיינע שריפטן, וואָס זיינען צונויפגענומען געוואָרן אין דייטש און וואָס זיינען פאַרעפנטלאַכט גע־וואָרן דורך די, וועלכע האָבן אַנערקענט זיינע פאַרדינסטן פאַרן נאַ־ציאָנאַלן געדאַנק און פאַר זיין דורשט צו פאַרשן אידישע פּראָבלעמען. אויף זיין אינערלאַכער בויגונג צו דעם עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישן אידנ־טום זאָגן עדות אַ צאָל פון זיינע ווערק, ווי „גאָטס פאָלק״, „צוליב דער אייביגקייט״ א.א.וו. די געשיכטלער פון דער אידישער פּרעסע קענען אָנרעכענען די היפּשע צאָל צייטונגען, וואָס ער האָט אַרויסגע־געבן אין אידיש און אין דייטש. פון אָטאָ דעם גאַנצן אויפטו דער־שיינט אַ איד, וועלכער ראַנגלט זיך שטענדיק מיט זיך אַליין, אַ איד אין אַ ירמיהו געשטאַלט. ניט אויף פליגלען פלעגט בירנבוים טראָגן די אמתן און די געדאַנקען, צו וועלכע ער האָט דערגרייכט, נייערט

ע ס י י ע ן

ווי אַ שווערע משא, און אַזוי האָט ער זיי דערטראָגן אויך צו זיינע צוהערער. אַמאָל פלעגט ער זען טיפער ווי אַנדערע, אָבער ניט מיטן כוח פון התגלות פון אַנטפּלעקונג, נאָר דורך גראָבן, נישטערן און זוכן מיטן שווייס פון זיין פּנים. דערפאַר האָט ער קיינמאָל ניט אָנגעצונדן דעם פייער פון התלהבות, און האָט קיינמאָל קיינעם ניט איבערצייגט אויפן אָרט מיט אַ פּלוצימדיקער איבעררעאַשונג פון זיין רייד־קראַפט. און ווי אַ רעדנער און דענקער האָט ער לאַנגזאַם און מיט שווערקייט — אמת, מיט איבערגעבנקייט און מיט אייפער אָבער דאָך שווער און פּאַמעלאַך — נאָר געוועקט אויפמערקזאַמקייט, נאָר געהאָלפן צו פאַר־טיפן און צו זוכן די פּראָבלעמע. און עס פלעגט טרעפן, אַז דער לייענער פלעגט נאָך זיצן פאַרטיפט אין דער פּראָבלעמע, וואָס בירנבוים האָט פאַר אים פאַנאַנדערגעוויקלט און דער לערער אַליין, בירנבוים, פלעגט שוין זיין ווייט פון דער פּראָבלעמע: ער האָט שוין געהאַט פאַר־וואָרפן די פּראָבלעמע. פילע האָבן געלערנט פון בירנבוימען צו פאַר־שטיין „טיפער" דעם ציוניזם, בשעת בירנבוים אַליין איז שוין געווען אויס ציוניסט. און אַזוי אויך ווען מען האָט געלערנט פון אים דעם ענין אויטאָנאָמיע, גלות־פּאָלקיזם, גלות־שאַפונג, דאָס רעכט פון אי־דיש צו זיין אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט בירנבוים אַליין געהאַט שוין לאַנג אָוועקגעוואָנדערט פון דעם, וואַנדערנדיק און מיטשלעפּנדיק מיט זיך זיין שווערן געדאַנקלאָכן פּאַק.

וויפיל סתירות זיינען דאָ אין דעם מענטשן און אין דעם לעבנס־גאַנג, וואָס טראָגט דעם נאָמען בירנבוים! ער איז געווען אַ פריידענ־קער און אַן אפיקורוס אין זיין יוגנט און מיטעלע יאָרן, און געהאַט האָט ער אַן אויסזען פון אַ רב, וואָס איז גרייט צו וואַרפן אין חרם אַריין. אַ הערלאַך פּנים און דאָך אַ כמורער, אַן אויסזען פון אַ מקונן, וואָס מ'גיט נאָר אַ קוק אויף אים, ווערט פאַרשטומט יעדער וויץ, שטאַרבט יעדער לייכטזין. געווען איינער פון די ראשי־המדברים אויף דער טשערנאָוויצער אידישיסטישער קאָנפערענץ און האָט גע־רעדט אַ שלעכטן אידיש. און זיין טראַגישסטע סתירה: זייענדיק לויט זיין גאַנצן מהות אַן אמתער און ערלאַכער פאַרשער, וואָס לעכצט נאָך אַ טיפער גייסטיקייט, נאָך אַ פולן תיקון פאַר זיין שטורעמדיקער נשמה און נאָך אַ תיקון פאַר זיין פאָלק — האָט ער גלייכצייטיק באַ־

דאַרפט אויך זאָרגן זיך, אַז דער נייער געדאַנק, דער נייער תיקון זאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער און זיין משפחה דאַרפן לעבן. דער נייער גע־דאַנק, דער נייער תיקון פלעגט אויפנעמען אים צוזאַמען כביכול מיטן בודזשעט פון זיין הויזגעזינד . . . אוי וויי! ווי באַשיידן עס איז גע־ווען אָט דער בודזשעט! און דאָך איז עס געווען די „באַשיידנקייט" פון אַן אייראָפּעאישן אידן, וואָס „מוז" וואוינען אין אַ דריי־צימערדיק הויז, נישקשה באַמעבלט, וואָס „מוז" שיקן זיינע קינדער אין העכערע שולן. און מחמת דער געדאַנק, דער תיקון האָט אים אָפּטמאָל ניט געקענט מפרנס זיין, האָט בירנבוים אָפט געליטן נויט, האָט געמוזט דערנערן זיך מיט איבערזעצונגען, מיט דעם נידעריקן געהאַלט פון ציי־טונג־ און זשורנאַל־שרייבער, דורך קליינע הכנסות פון לעקציעס. ער איז ניט געווען פאַררעכנט פאַר אַ פלאַמיקן רעדנער, און צו בירנבוימס אַ לעקציע פלעגט מען גיין מחמת דרך ארץ, צוליב דעם וואָס מען האָט אַנערקענט זיינע אַמאָליקע פאַרדינסטן, און נאָר זייער זעלטן ווילע מען האָט געוואָלט. ער איז געווען צו אויפגערעגט און צו כמורנע צו דערוואָרעמען: און מע̇ן מוז פאַרצייכענען און דערמאָנען דאָ צום גוטן: די ציוניסטן זיינען געווען די וואָס האָבן אָם אָפטנסטן אָפּגעגעבן כבוד צו בירנבוימס פערזענלאכקייט. אַ סך יאָרן נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאָט פאַרלאָזן די ציוניסטישע רייען און האָט זיך געהאָט פאַרבונדן מיט ווינציקער רעפּרעזענטאַטיווע און געשיכטלאכע באַוועגונגען, — אָדער ער האָט אַליין געפּרואווט צו באַשאַפן אַזעלכע באַוועגונגען — האָבן די ציוניסטן (אַחוץ געוויינלאַך די דייטשישע) נאָך געדענקט אים פאַר זיינע אַמאָליקע פאַרדינסטן, פאַר זיין געפינען זיך אין די ערשטע רייען פון דער אויפלעבונג־באַוועגונג. די ציוניסטן זיינען געווען די הויפּט־מחותנים ביים אַרויסגעבן זיינע שריפטן, און די ציוניסטן (און טאַקע נאָר זיי) פלעגן זאָרגן זיך און טאַקע טאָן עפּעס ממשותדיקס, ווען מען פלעגט דערהערן, אַז בירנבוימס מצב איז גע־וואָרן שווער און ביטער און אַז מען דאַרף עפּעס טאָן. צוליב דעם וואָס „מען האָט געדאַרפט עפּעס טאָן" זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן זיינע רייזע־לעקציעס, אריינרעכענענדיק זיין רייזע אין אַמעריקע. ער איז אַליין געווען דער טרעגער פון זיינע מיינונגען און ער אַליין האָט געקעמפט פאַר זיי, ער אַליין האָט געטראָגן אויף זיך זיינע דאגות און

נויטן — ניט נאָר די גייסטיקע. זיי זיינען געווען אָפּהענגיק אייגע פון די אַנדערע, אומצעטיילבאַר — און די וואָרעמקייט, דאָס אַנטייל־נעמען פונם מענטשלאַכן האַרץ איז צו אים געפלאָסן ניט לייכט, אי־בער דער כמורנעקייט זיינער, איבער דעם שווערן און מעלאַנכאָלישן איינדרוק פון זיין אויסזען, אינאיינעם מיט זיינע טענות און מיט זיין פאַרביטערונג האָבן אָפּגעשראָקן פילע און אָפּגעטריבן פון אים. וואָס אַנדערע פלעגן נעמען אויפן לייכטסטן אופן, אַזוי כלאחר יד, שפּילעוו־דיקערהייט, איז געווען פאַר בירנבוימען שווער, ביטער און חרפּהדיק. אַ מענטש וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן מתתיהו אחר — און ניט צופעליק האָט ער זיך אַזוי אַ נאָמען געגעבן, נאָר ווײַלע דער נאָמען סימבאָליזירט אַ ווירקלאַכן געמיט־צושטאַנד, אַן אמתע גייסטיקע אייגנשאַפט — אַזאַ מענטש וואָלט גאָרניט געדאַרפט וויסן פון נויט, וואָלט ניט באַדאַרפט זיין אָפּהענגיק פון אַנדערע אין מאַטעריעלן זין, ווי עס האָט „געפּאָדערט" שאָפּענהויער פון יעדן גייסטיקן מענטשן. לויט שאָפּענהויערן דאַרפן מענטשן פון גייסט זיין רייך, און וואָס רייי־כער, אַלץ בעסער, ווײַלע זיי דאַרפן זיין פריי, ווײַלע זיי טאָרן ניט זיין פאַרשקלאַפט, ווײַלע זיי טאָרן קיינעם ניט באַדינען. עס איז אי קאָמיש אי עס דערגייט צום האַרצן, ווען אַטאַ דער גרויסער פּעסימיסט גיט אַן עצה די מענטשן פון גייסט ניט נאָר זיי זאָלן אָפּהיטן דעם קרן, נאָר זיי זאָלן עס גלייכצייטיק אויך פאַרמערן, און דאָס איז זיין כלל: זייט רייך! איז דער אַבסאָלוטער באַפעל פון שאָפּענהויערן צו די דיכטער, דענקער, קינסטלער, כדי זיי זאָלן קענען פאַרהיטן זייער פריי־הייט. בירנבוים איז געווען פריי און טריי צו זיינע אידייען ביז איי־פער און גלייכצייטיק אויך זייער אָרעם און באַרויבט פון דער פעאי־קייט צו טראָגן זיין אָרעמקייט מיט ליבע און מיט ביטול, אַן דער פעאיקייט צו זיין אַ מסתפּק במועט. ער האָט זיך ניט געקענט דער־הויבן — און נאָר יחידי סגולה זיינען זיך מסוגל צו דערהויבן — צו דער תפילה, וואָס מען זאָגט אויף אָרעמקייט:

שיק מיר, גאָט, די מתנה פון אָרעמקייט,
זיי מיך מזכה מיט אָט דעם יאָך,
כדי איך זאָל דיך לויבן און דאַנקען
פאַר מיין כבוד און מיין גדולה.

שמריהו גאָרעליק

ווי דערהויבן איז די גדלות אין אַטאָ דער „מתנה פון אָרעמקייט"!

איך האָב געקענט דר. בירנבוים, איך האָב אים גוט געקענט — ניט נאָר זיינע שריפטן, נאָר אויך דעם מענטשן. איך פלעג זיך טרעפן מיט אים אָפט, אמת, ניט אין זיין גלאַנץ פעריאָדע אַלס מקורב צו דר. הערצלען און ניט אין זיינע שלווה־יאָרן, אַלס אַ פרומער איד אין דער לעצטער עפּאָכע פון זיין לעבן. איך האָב אים געקענט אין זיינע מיטעלע יאָרן, ווען ער האָט פאַרביטן די עסטראַדע פונם קאָנגרעס, וועלכע ער האָט שוין לאַנג ניט באַטראַכטן, מיט עפּעס אַן אַמט אין צפון בערלין אויף אַ רעפעראַט אין אידיש וועגן אידישן טעאַטער אָדער וועגן אידישער ליטעראַטור, בשעת די מאָנטיקדיקע און מיטוואָכדיקע אָוונטן אין יוסטי קאַפע־הויז אויף האַרדענבורג גאַס פלעגן זיין פאַר אים אַ מין אָפּרו נאָך דער שווערער אַרבעט צו איבערזעצן פרעמדע אַרטיקלען. זיינע אייגענע זאַכן פלעגט ער דעמאָלט פאַרעפנטלאָכן פון צייט צו צייט אין דעם זשורנאַל „אָסט אונד וועסט" פון לעאָ ווינץ. און ווידער די סתירה: צווישן דעם הערלאָכן געשטאַלט, צווישן דעם ירמיהו־פּנים און צווישן דעם נייעם געביט פון זיין טעטיקייט — דער נייער תיקון פאַר זיין זוכנדיקער נשמה. אין יענע צווישן־יאָרן האָב איך אים באַגעגנט אין ווילנע און אין קיעוו, ווען ער איז אַרומגעפאָרן אויף זיין לעקציע־טור איבער די שטעט פון אידישן תחום אין רוסלאַנד. ווי, דער „טור" איז געווען זייער ווייט פון אַ זיג־טור! צווישן דעם רוסלענדישן אידנטום איז בירנבוים געווען זייער ווייניק באַקאַנט. אין אַזעלכע פאַלן טראָגן די צוזאַמענקונפטן און די באַנקעטן אַ כאַראַקטער פון געקינסטלטקייט און פון צעטומלעניש. עס איז געווען שווער אָנצוּוואָרעמען די מענטשלאָכע הערצער, וועלכע, כאָטש זיי האָבן געהערט אַ סך לויב־געזאַנגען וועגן אים, זיינען דאָך בירנבוימס גייסטיקע און נשמהדיקע הערלאָכקייט ווי אויך אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, ניט אַריין אין זייערע הערצער. און ווידער זיינען עס געווען די ציוניסטן, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט צו אים, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז ער זאָל האָבן אַ וואַרעמע אַטמאָספערע, ווי אויך . . . אַ וואַרעמען מאַנטל. אין רוסלאַנד איז יענעם יאָר געווען אַ שווערער ווינטער, און בירנבוים איז געקומען פון בערלין אין אַ לייכטן פאַלטאָ.

עסייען

אין אַזאַ ווינטערדיקן טאָג בין איך אַרויסגעגאַנגען מיט אים איבער די גאַסן פון ווילנע, און אין פאַרנט פון אונדז האָט אַ פרוי געפירט אירס אַ אינגעלע פאַרן הענטל, און האָט אים אונטערגעאיילט מיט וואַרעמע ווערטער ער זאָל לויפן וואָס גיכער: „אַ, משהלע, סאַראַ ביטערע קעלט!" בירנבוים האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין מיטן גאַס אַן איבערראַשטער און אַן אויפגערעגטער. ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו מיר מיט אַ התלהבות וועגן פאָלק און וועגן פאָלק־שפּראַך. „אַ, משהלע, סאַראַ ביטערע קעלט!" — האָט ער איבערגעחזרט עטלאָכע מאָל און האָט מיט הייסע ווערטער דערוויזן מיר וויפיל האַרציקייט, שיינקייט און צאַרטקייט עס פאַרמאָגן אין זיך אָט די ווערטער. און אָט אָ די וואַרעמע ווערטער האָט ער גערעדט, שטייענדיק און פרירנדיק אין זיין בערלינער פאַלטאָ. עפּעס נשמהדיקס און וואַרעמדיקס האָט געטאָן אַ פלאַם אין יענער רגע פון מיר צו בירנבוימען, צו וועמען איך האָב ביז דאַן געהאַט נאָר געפילן פון פאַרערונג און דרך ארץ, אַזעלכע, וואָס יעדער איינער פילט צו אַ פּערזענלאַכקייט, וואָס איז פול מיט אינטערעסאַנטקייט, מיט פאַרדינסטן און מיט יסורים. אָבער איבערהויפּט האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אויף אַ לאַנגער צייט איין אָוונט אין דער זעלבער ווילנע אין יאָר 1911 צי 1912. מיר האָבן געשמועסט וועגן רעליגיעזע שטרעמונגען באַ אַ צאָל אַנטוישטע אידישע משכילים און וועגן די דראַמעס פון א. ווייטער, אין וועלכע אָט די שטרעמונגען האָבן געפונען זייער אויסדרוק. בירנבוים האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם. זיין שמועס האָט ביסלעכווייס אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון גייסטיקער אינטימיטעט. אַ צעפלאַמטער און גלייכצייטיק אויסגעטאָן פון גשמיות און אַנטפּלעקנדיק זיין נשמה, איז ער אַריבער אין זיין ריידן אויף דער טעמע פון דער אַנטוויקלונג צו דער רעליגיע, דער וועג, אויף וועלכן ער גרייט זיך צו פאַרנעמען. מ׳זאָל זיך ניט וואונדערן — האָט ער געזאָגט — אַז מ׳וועט אים אין איין שיינעם טאָג טרעפן פאַרדבקעט אין אַ תפלה, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין אין אַן אַלטן בית־מדרש אין גאַליציע. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג אויף זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט אַביסל שפּעטער. דער גייסטיקער ווידוי פון „אחר" אַ סך יאָרן פריער איידער ער האָט תשובה געטאָן.

שמריהו גאָרעליק

דעם אַלטן אָרטאָדאָקסישן בירנבוימען האָב איך געזען אין בער־לין נאָך דער וועלט־מלחמה מיט אַן 8־9 יאָר צוריק. די לאַנגע ווייסע באָרד האָט עדות געזאָגט אויפן היפּשן שטיק צייט, וואָס איז דורכגע־גאַנגען בינתים. ער האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין אַ קרייז פון רע־ליגיעזע סטודענטן. די יאַרמולקע איז יאָ און ניט געזעסן אויף זיין קאָפּ. זי האָט ניט געהאַט קיין רו. „מתתיהו אחר" איז נאָך ניט איינ־גאַנצן באַזיגט געוואָרן — האָב איך געטראַכט. און דאַן האָב איך מיט גרויס אינטערעס אָנגעהויבן איינצוקוקן זיך אין זיין פּנים: עס איז פאַרשוואונדן אַ סך פון זיין פאַרביטערונג און פון זיין פעדאַנטסט־ווע, און זייער אָרט האָט פאַרנומען אַ ווייכקייט. דער אַלטער קעמפער איז אַריינגעשוואומען אין די רואיקע וואַסערן פון דער אמונה. ער האָט זיך געוויס געשיידט איצט מיט דער וועלט אויך בשלום.

שמריהו גאָרעליק   וואַרשע, 1912

פערטער טייל

ליטעראַרישע זכרונות

ערשטער קאַפּיטל

דריי אַרטיקלען, און אַ נײַ לעבן הויבט זיך אָן.

אָפט, ווען איך קער זיך אום אין געדאַנק צו יענער צײַט, מיט פינף און דרײַסיק יאָר צוריק, ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם קאָנטאָר פולט און בין אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ רעדאַקציע, און איך טראַכט וועגן דעם, קומט מיר באַזונדער בולט פאַר דאָס וואָס מײַן ערשטער אַרטיקל אין דער ווילנער רוסישער צײַטונג „סיעווערא־זאַ־פּאַדני גאָלאָס" האָט געהייסן „אידן און דער ציוניזם". איך בין דע־מאָלט געווען אַ סאָציאַל דעמאָקראַט, הגם מיט אַ סך אינדיווידואַליס־טישע טענדענצן און מיט אַ צו שטאַרקער ליבע צו ליטעראַטור, — אַ ליבע וואָס מוז אָפּשוואַכן דעם אינטערעס צו פּאָליטיק. אין יענער צײַט האָב איך זיך געפילט ווי איינער, וואָס האָט ליב אַלע מענטשן, אַלע פעלקער, און וויל אַרומנעמען די גאַנצע וועלט. וועגן יעדן רו־סישן שרײַבער האָב איך גערעדט ניט אַנדערש ווי „אונזער" שרײַבער, אַ אידישן שריפטשטעלער האָב איך ניט אָנגעקוקט אין משך פון אַ רייע לאַנגע יאָרן. דער לייענער קען זיך שוין אַליין משער זײַן דעם אינהאַלט פון יענעם אַרטיקל. ער איז געווען קעגן ציוניזם. די אַר־גומענטן זײַנען געווען דיזעלבע, וואָס די קעגנער פון ציוניזם ברענגען נאָך איצט. אין משך פון דער לאַנגער צײַט זײַנען אַרגומענטן **קעגן** דעם ציוניזם ניט צוגעקומען, עס זײַנען יאָ צוגעקומען אַר־גומענטן **פאַר**. אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָך יענעם אַרטיקל בין איך געוואָרן אַ ציוניסט. זינט דאַן האָב איך שוין אָנגעשריבן אַזוי פיל באַגײַסטערטע אַרטיקלען פאַרן ציוניזם, אַז איך דאַרף ניט מורא האָבן דערציילן וועגן יענעם מערקווירדיקן ליטעראַרישן אָנהויב. מײַן

ש מ ר י ה ו ג אָ ר ע ל י ק

ערשטער אַרטיקל קעגן דעם ציוניזם איז געדרוקט געוואָרן אין 1901. געשען איז דאָס אַט ווי אַזוי:

דער סעקרעטאַר פון דער רוסישער טעגליכער צייטונג, קאָנסטאַנ־טין פּאַוולאָוויטש מאַרקאָוו, מיט וועמען איך בין געווען באַקאַנט פון דערוויילטנס, באַגעגנט מיך אויפן גאַס און זאָגט מיר:

— איר ווייסט דאָך, אין באַזעל קומט איצט פאָר אַ ציוניסטישער קאָנגרעס. אונזער צייטונג קען אַזאַ געשעעניש ניט פאַרשווייגן, אפשר וואָלט איר אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם? איך ווייס אַז אייער שטאַנדפונקט איז דער אייגענער ווי דער פון דער רעדאַקציע.

— איך האָב דאָך אָבער קיינמאָל ניט געשריבן פאַר קיין צייטונג, — ענטפער איך.

— פּראָוווט. דאָ סווידאַניאַ. — און ער איז אַוועק.

ער האָט געוואוסט, פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נאָך ניט געווען אַ פאַל אַז אַ רעדאַקציע זאָל זיך ווענדן צו אַ יונגן מענטשן, בעטן אים ער זאָל שרייבן אַן אַרטיקל, און דער יונגערמאַן זאָל ניט אַרויפשפּרינ־גען באַלד אויף אַ איזוואָזשטשיק און זיך אַוועקאײַלן אַהיים אָנשרייבן דעם אַרטיקל. איך געדיינק ניט צי האָב איך טאַקע גענומען אַ איז־וואָזטשיק, אָבער אַז איך בין געגאַנגען אַהיים שנעלער ווי געוויינליך איז זיכער. איך האָב אָנגעשריבן דעם אַרטיקל. אינגיכן איז ער אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטער מיין פולן נאָמען. אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אין מאַרקושעוויטשעס עקספּאָרט קאָנטאָר, וואו איך בין געווען אַ בוכהאַלטער, האָב איך געזען ווי מיין באַלעבאָס איז געזעסן איבערגעבויגן איבער דער צייטונג און געלייענט מיין פעליעטאָן.

— איך וואָלט אייך פונדעסטוועגן געראָטן, — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו מיר, פריינטליך, ווי שטענדיק, אָבער אַ ביסל אויך ווי באַזאָרגט, — אייער שטעלע ביי מיר ניט פאַרלאָזן.

גראָדע דאָס איז געווען מיין געדאַנק. מיט מיין באַלעבאָס בין איך שטענדיק געווען אין די פריינטליכסטע באַציאונגען, אָבער די בוכהאַלטעריע איז מיר נמאס און מאוס געוואָרן. דערצו האָט דער באַלאַנס קיינמאָל ניט געשטימט. אמת, נאָר אין דריי קאָפּיקעס, אָבער די געניטערע בוכהאַלטערס, ווען איך האָב זיי דערציילט וועגן

אַזאַ קליינעם ניט שטימען (וואָס איז דריי קאָפּיקעס? גאָרנישט. אַ נדבה פאַר אַן אָרימאַן.), זיינען זייערע פּנימער געוואָרן זייער ערנסט.

— ווען אייער באַלאַנס זאָל ניט שטימען אין צען טויזנט רובל וואָלט מען דעם טעות געקענט זייער לייכט געפינען, אָבער אין דריי קאָפּיקעס! זייער שלעכט, ליבער פריינט, איר וועט אָפּזיצן איבער דעם מער ווי דריי חדשים ביז איר וועט געפינען דעם טעות.

איך בין אָפּגעזעסן איבער די דריי קאָפּיקעס מער ווי ניין חדשים און איך האָב דעם טעות ניט געפונען. איך האָב אויסגעפונען אַז דער גאַנצער ענין בוכהאַלטעריע איז אַ טעות . . . פאַר מיר און געטראַכט: ווי ווערט מען פּטור פון דעם גאַנצן ענין. אַט דאָס ווילן פּטור ווערן פון דער בוכהאַלטעריע האָט מיר צוגעגעבן חשק איך זאָל אין צוויי נעכט אָנשרייבן צוויי גרויסע פעליעטאָנען מיטן נאָמען „מאַקס נאָרדאו אַלס פּאַראַדאָקסאַליסט". דאָס האָט שוין גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט ציוניזם. עס איז געווען אַן אויספירליכע און שאַרפע קריטיק איבער נאָרדאוס בוך „די ענטאַרטונג".

אין אַט דעם בוך האָט נאָרדאו, ווי באַקאַנט, צענויפגעפּאָרט זיין שטאַרקן ליטעראַרישן טאַלאַנט מיט זיינע ידיעות פון אַ דאָקטאָר, און פון אַט דעם זייער געפערליכן איינזייטיקן שטאַנדפּונקט, האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ משפּט איבער די באַדייטנדסטע פאַרשטייער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. עס איז געווען אַן אומגערעכט בוך. אַ קורצע צייט האָט עס געווירקט ווי אַ פּיקאַנטער פּאַראַדאָקס, אַ ליטעראַרישע סענסאַציע, עס האָט אָבער אויף שטענדיק איבערגעפירט נאָרדאוס רעפּוטאַציע אַלס שריפטשטעלער. „די ענטאַרטונג" האָט מען אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דעמאָלט אָבער זיינען נאָך געווען אַ סך חסידים פון דעם בוך, וואָס האָבן צוזאַמען מיט נאָרדאון געהאַלטן אַזוינע שרייבער ווי מעטערלינק, ווערלען, ניצשע, הויסמאַן און נאָך פילע אַנדערע פאַר קראַנקע, דעקאַדענטע מענטשן. ווי אַ היסטאָרישער מאַטעריאַליסט האָב איך, אייגנטליך, געדאַרפט האַלטן מיט נאָרדאוס חסידים אין דער פראַגע, ווייזט אויס אָבער, אַז אין מיין היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט אויך ניט געשטימט דער באַלאַנס. קען זיין אַז דאָרטן האָט זיך עס אויך געהאַנדלט נאָר וועגן גייסטיקע „דריי קאָפּיקעס", אָבער זיי זיינען געווען ווינציק און עס האָט ניט

געשטימט . . . די גייסטיקע וועלט, וואָס נאָרדאו האָט, פון זיין שטאַנדפּונקט אַלס דאָקטאָר, אָפּגעלייקנט, איז מיר גראָדע געווען זייער נאָענט און דערפאַר איז מיין קריטיק פון נאָרדאוס בוך געווען זייער אַ שאַרפע. אגב, איז מיין מיינונג וועגן נאָרדאון דעם פּאַראַדאָקסאַ־ליסט און ליטעראַטור אָפּשאַצער היינט דיזעלבע וואָס דעמאָלט. איך באַוואונדער און האָב ליב נאָרדאון דעם אידן, דעם ציוניסט.

מיינעביידע פעליעטאָנען וועגן נאָרדאוס בוך זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן, ווידער אונטער מיין פולן נאָמען. אַן אַנהויבער שרייבט ניט גערן אונטער אַ פסעוודאָנים. ווידער טרעף איך מיין באַלעבאָס אין קאַנטאָר איבערגעבויגן איבער דער צייטונג, לייענענדיק מיין פעליע־טאָן, און ווידער זאָגט ער מיר: — מ׳דאַרף זיך ניט איילן אויפגעבן אַ שטעלע. וואַרט נאָך אָפּ אַ ביסל . . . — איך האָב באַשלאָסן צו וואַרטן. אין רעדאַקציע איז נאָך געלעגן מיינער אַן אַרטיקל איבער אָקטאַוו מירבאָ׳ס אַ דראַמע, דוכט זיך, „די מאַכט פון גאָלד". דער אַרטיקל איז אויך באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן, און איך האָב נאָך אַלץ געוואַרט. איך בין געזעסן אויף אַ הויכן, שמאָלן שטול ביי אַ נאָך העכערן פולט און בין געוואָרן פאַרטיפט אין זוכן יענע פאַרשאַלטענע דריי קאָפּיקעס כדי צו קענען פאַרשליסן דעם באַלאַנס. די דריי קאָ־פּיקעס האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעפונען, דערפאַר אָבער האָט פּאַסירט אַן אַנדער זאַך. איין נאָכמיטיק שטעלט זיך אַריין אין קאַנטאָר אַ שליח פון דער רעדאַקציע, מיט אַ אוניפאָרם היטל, דער־לאַנגט מיר אַ בריוו פון דער רעדאַקציע און אַ קליין זעקעלע פול מיט זילבער געלט — האָנאָראַר פאַר די אַלע אַרטיקלען וואָס זיינען געווען געדרוקט ביז איצט. וויכטיקער נאָך פון דעם האָנאָראַר איז געווען דער בריוו. דער רעדאַקטאָר, ראַדין, בעט מיך למען השם מאָרגן אַריינגיין אין רעדאַקציע, ער האָט מיט מיר וויכטיקעס צו ריידן. איך ווייז מיין באַלעבאָס, מאַרקושעוויטשן, דעם בריוו. ער גראַטולירט מיך מיטן דערפאָלג, — אָבער מיין עצה וואָלט געווען, — זאָגט ער, — איר זאָלט לכל הפחות אַ האַלבן טאָג אַרבעטן אין ביוראָ. — וואָס פאַר אַ אינטערעס האָט געקענט האָבן אָט דער בעסטער פון אַלע באַ־לעבאָטים אין אַ בוכהאַלטער ביי וועמען דער באַלאַנס האָט קיינמאָל ניט געשטימט פאַרשטיי איך נאָך עד היום ניט. ניט אַנדערש אַז דער

עסייען

מאַרקושעוויטש איז פּשוט געווען אַ האַרציקער מענטש, און ער האָט ניט אַנדערש ווי געוואָלט מיך האַלטן ביי דער מער רעאַלער, זיכערער, סוחרישער וועלט. מיך האָט אָבער געצויגן אַהין, אויף דעם אונזי־כערן, ליידנספולן וועג פון ליטעראַטור.

אין דער רעדאַקציע, וואו איך האָב געמאַכט מיין ערשטן באַזוך, האָט מען מיך אויפגענומען זייער גוט. דער רעדאַקטאָר, ראַדין, אַ גלענצענדער זשורנאַליסט, אַ גייסטרייכער מענטש בכלל, און אַ לעב־יונג, האָט מיך באַגריסט מיט אימפּולסיווער פריינטלעכקייט. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל אויפגעבן מיין שטעלע אין קאַנטאָר און ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. — און איצט, — האָט ער געזאָגט, — קומט. איך וועל אייך פאָרשטעלן פאַר די מיט־גלידער פון דער רעדאַקציע, אייערע קומענדיקע קאָלעגן. — ער האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט מיר דורכגעגאַנגען צוויי גרויסע, פיין מעבלירטע, מיט דיקע טעפּיכער אויסגעבעטע זאַלן. ביי יעדן טיש זיינען מיר געבליבן שטיין אַ ווײַלע. וועגן די מענטשן וואָס זיינען געזעסן ביי די טישן, דאָס הייסט, וועגן די מיטגלידער פון דעם רעדאַקציע שטאָב, ווי בכלל וועגן אָט דער צייטונג, וועל איך נאָך ריידן באַזונדער. דער רעדאַקטאָר האָט מיך אויך צוגעפירט צו אַ גרופּע פון פיר מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָבן היציק דעבאַטירט וועגן עפּעס אַן ענין. אָט די גרופּע האָט מיך די גאַנצע צייט שטאַרק באַשעפטיקט, ווייל דריי פון זיי זיינען געווען אָפיצערן, אָנגעטאָן אין פאַראַדנער אוניפאָרם, און איינער אַ ציווילער באַאַמטער, אפנים פון אַ הויכן ראַנג, ווייל זיין ברוסט איז געווען באַצירט מיט אַ סך אָרדענס. די פענסטער פון דער רעדאַקציע זיינען אַרויסגעגאַנ־גען אויף דעם ברייטן פּלאַץ וואו דער קלויסטער איז געשטאַנען און וואו עס פלעגן געוויינליך פאָרקומען די מיליטערישע פאַראַדן. אויך יענעם פאַרמיטיק איז געווען אַ פאַראַד. דערפאַר זיינען עס די דיס־פּוטירנדיקע אָפיצערן געווען אין זייערע פאַראַדנע אוניפאָרמען. באַלד האָבן זיי זיך געזעגנט און, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, טרייסלענדיק מיט די הויכע עפּאָלעטן, זיינען זיי אַוועק צום פאַראַד. דער רעדאַק־טאָר האָט מיך צוגעפירט צום פענסטער איך זאָל זען ווי אָט די אָפי־צערן, נאָענטע פריינט און געלעגנטליכע מיטאַרבעטער פון דער ציי־

טונג, שטייען דאָרט אָן דער שפּיץ פון זייערע מיליטערישע אָפּטיילונ־גען . . .

אָט די אָפיצערן זיינען געווען ניט נאָר פריינט פון דער צייטונג, נאָר אויך אַקטיווע מיטגלידער פון דער רוסישער פרייהייטס באַוועגונג. אַז עס זיינען געווען אַזוינע מענטשן אין דער אַרמיי האָב איך געוואוסט פון דער געשיכטע פון דער רוסישער פרייהייטס באַוועגונג, אָבער זען זיי מיט די אייגענע אויגן, איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל, און דער איינדרוק איז געווען זייער אַ שטאַרקער. בכלל איז דער איינ־דרוק פון מיין ערשטן באַזוך אין דער רעדאַקציע געווען אַ שטאַרקער. מ׳האָט מיך דאָרט אויפגענומען פריינטליך און איך האָב געטראַכט אַז די אומזיכערע וועלט זעט אויס אין דער ווירקליכקייט אויס פיל שענער ווי יענע זיכערע, סטאַבילע וועלט אין דעם קאָנטאָר. נאָך דעמזעלבן טאָג האָב איך פאַרלאָזט דעם קאָנטאָר אויף שטענדיק. דער נייער בוכהאַלטער האָט מסתם געפּטרט אָנדערהאַלבן יאָר ביז ער האָט געפונען יענע דריי קאָפּיקעס און ענדליך אויסגעגליכן דעם באַלאַנס.

אין משך פון די עטליכע יאָר וואָס איך האָב מיטגעאַרבעט אין „סיעווערא־זאַפּאַדני גאָלאָס״ האָב איך אָפּגעדרוקט אַ סך אַרטיקלען און פעליעטאָנען. פון אָט דעם גאַנצן געדרוקטן מאַטעריאַל געדיינק איך כמעט גאָרניט חוץ די ערשטע דריי פעליעטאָנען, וועלכע איך האָב דערמאָנט אויבן, ווייל זיי זיינען עס געווען די וואָס האָבן פאַר מיר געעפנט די טיר צו דער וועלט פון ליטעראַטור, אַ וועלט, וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע אַנטוישונגען, געפעלט זי מיר דאָך אַמבעסטן . . .

צווייטער קאַפּיטל

ווילנע אין די יאָרן 1901־1904. — אַ פּאַרמיטיק אין אַ רוסישער רעדאַקציע. — דער „קלוב פאַר פערזאָנען פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס.״

איך האָב זיך גענומען שרייבן „ליטעראַרישע זכרונות״, מיטן טראָפּ אויף „ליטעראַרישע״, דאָס מיינט אַז איך וויל אויסמיידן אַלץ וואָס געהערט צום געביט פון ל ע ב נ ס דעראינערונגען. איך וויל

ע ס י י ע ן

דאריבער ניט ריידן וועגן די פילע שנוים אין מיין פערזענליכן לעבן, אויך ניט וועגן דעם זייער גרויסן, ביז גאָר אינטערעסאַנטן און פאַר מיר נייעם קרייז מענטשן, וואָס מיין מיטאַרבעטן אין דער צייטונג „סיעוועראָ־זאַפּאַדני גאָלאָס” האָט מיט זיך געבראַכט. די גרענעצן פון ליטעראַרישע און לעבנס דעראינערונגען לויפן אָבער אַזוי ענג צו־זאַמען, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגליך זיי אָפּטיילן, און איך קען זיך ניט העלפן, איך מוז דערציילן וועגן דעם. עס גנבענען זיך אַריין, ווי פון זיך אַליין, אַזעלכע דעראינערונגען וואָס זיינען, אמת, ניט קיין ליטעראַרישע, זיי זיינען אָבער אַ פּועל יוצא פון ליטעראַרישער טעטיג־קייט. יענע צייט און יענע מענטשן קומען מיר איצט אויס אומענדליך ווייט און אויך פרעמד, איך האָב זיי שוין לאַנג פאַרלאָזן, דאָך דערמאָן איך זיך אָן זיי מיט פאַרגניגן און אַמאָל אויך ניט אָן דאַנקבאַרקייט. מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַן אנגענעמע צייט. דאָס לעבן יענע פאָר יאָר איז געווען פאַרביק, רייך אין אינהאַלט און גייסט. די רייכ־קייט איז טיילווייז געקומען פון דעם וואָס ווילנע איז דעמאָלט געווען זייער אַ גרויסער קולטור צענטער, אַ רעזערוואואַר פון שטאַרקע איני־טעליגענטע כחות. לויט דעם דעמאָלדיקן פּאָליטישן מצב האָבן נאָך ניט געקענט זיין קיין פּאָליטישע ל י י ד נ ש אַ פ ט ן , עס זיינען אָבער געווען פּאָליטישע א י ד ע אַ ל ן און, ניט האָבנדיק קיין די־רעקטן אויסוועג, האָבן זיי געזוכט דעם אומדירעקטן וועג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם געשטייגערטן אינטערעס צו ליטעראַטור און צו אַלע אַנדערע געביטן פון קולטור לעבן.

חוץ דער נאַציאָנאַלער און בונדיסטישער אידישער אינטעליגענץ, חוץ דער אינטעלעקטועל שטאַרק אַנטוויקלטער אידישער אַרבעטער מאַסע, האָט ווילנע אויך געקענט אָנווייזן אויף דער הויכער קולטור און גייסטיקער ניוואָ פון דער פוילישער באַפעלקערונג, און צווישן דער גרויסער צאָל רוסישע באַאַמטע זיינען געווען ניט ווייניק, וואָס האָבן הינטער דעם אָפיציעלן שטייפן מונדיר פאַרבאָרגן אַ וואַרים האַרץ, וואָס האָט געשלאָגן פאַר אַלע הויכע אידייען און דער עיקר פאַר דער אידייע פון פּאָליטישער פרייהייט. אַזוי ווי קיין אָפן פּאָליטיש לעבן איז נאָך דאַן ניט מעגליך געווען און נאָר זייער אַ קליינע צאָל מענטשן האָבן געהאַט וועלכע עס איז באַציאונג אָדער זיך אַליין באַטייליקט

שמריהו גאָרעליק

אין אומלעגאַלער פּאָליטישער_טעטיקייט, איז ממילא אויסגעקומען אַז די שטאַרקע גרופּן פון די דריי פאַרשיידענע באַפעלקערונגען האָבן אויסגעדריקט זייערע האָפענונגען, שטימונגען און שטרעבונגען, אויף וויפיל זיי זיינען נוגע געווען דעם געזעלשאַפטליכן לעבן, אין די ערלויבטע קולטור ספערן, ווי ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק. דאָס טעאַטער איז אין ווילנע אַלע מאָל געשטאַנען אויף אַ ביז גאָר הויכער קינסטלערישער ניווא. פון דאָרטן זיינען אַרויסגעקומען און געווירקט אַזוינע געניאַלע שוישפּילער ווי קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ, אָרליעניעוו, סאַמאָילאָוו. ווען דער גרויסער טראַגיקער סאַמאָילאָוו האָט געשפּילט האַמלעט אָדער אוריאל אַקאָסטאַ האָבן די ווילנער טעאַטער באַזוכער געהאַט דעם העכסטן קינסטלערישן גענוס, זיי זיינען געווען ממש גליקליך. ווינטער, אין אַ ברענעדיקן פראָסט, שפּעט ביינאַכט, האָט דאָס טעאַטער פּובליקום געוואַרט נאָכן שפּילן ביז סאַמאָילאָוו, אַ וואונדערפולע געשטאַלט, וואָס האָט אַליין אויסגעזען ווי דער טרוימערישער, מעלאַנכאָלישער האַמלעט, איז אַרויס פון טעאַטער. מ׳האָט אים ממש אַריינגעטראָגן אין שליטן, מ׳האָט געגלעט און געקושט זיין פעלץ, מ׳איז נאָכגעלאָפן נאָכן שליטן און געשריען: לעבן זאָל סאַמאָילאָוו! מיר דאַנקען דיר! ספּאַסיבאָ! ספּאַסיבאָ! דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען די יוגנט און סתם ענטוזיאַסטישע טעאַטראַלן. די ערשטע, די באַדייטנדסטע פון דער טעאַטער וועלט זיינען געקומען שפּילן טעאַטער אין ווילנע. אויך די מוזיק ווירטואָזן מיט אַ וועלט נאָמען פלעגן, אויף זייער רייזע קיין פּעטערסבורג, זיך אָפּשטעלן אין ווילנע, וואו עס האָט געוואַרט אויף זיי אַ מוזיק ליבענדס און אַ מוזיק פ אַ ר ש ט י י ע נ ד ע ס פּובליקום.

היינט די ליטעראַטור! די גרויסע בוכהאַנדלונגען האָבן שוין אַכטונג געגעבן אַז אַלע נייע ליטעראַרישע אויסגאַבן זאָלן אָנקומען קיין ווילנע אַמשנעלסטן. די גייסטיגקייט פון אַ שטאָט דערקענט מען ניט נאָר לויט דער צאָל בוכהאַנדלונגען, נאָר אויך לויט דעם ווי די בוכהאַנדלונגען זעען אויס, וויפיל מענטשן שטייען ביי די פענסטער און באַטראַכטן די נייע ביכער. אין ווילנע איז מען לאַנג געשטאַנען ביי די פענסטער פון די בוכהאַנדלונגען, מ׳האָט באַטראַכט די ביכער, געקויפט זיי און געלייענט. די פּאָסט האָט יעדן חודש פונאַנדערגע־

טראָגן די דיקע, אינהאַלטרייכע זשורנאַלן ווי „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", „רוסקאַיאַ מיסל", „וועסטניק יעווראָפּי" און אַנדערע. אויף אָט די זשורנאַלן איז דערצויגן געוואָרן די רוסישע און אויך די אידישע אינ־טעליגענץ. פון דער נאַציאָנאַלער אידישער ווילנע רעד איך דאָ ניט, ווייל איך בין דעמאָלט געווען אָפּגעריסן פון איר. ווילנע איז געווען דורכגעוועבט מיט הויכער גייסטיגקייט און פיינער קולטור. אַ באַ־זונדער שטעמפּל פון אַ מין רואיקער, פאַרקלערטער איידלקייט איז אַלע מאָל געלעגן אויף ווילנע און, ווי מ'גיט איבער, האָט ווילנע נאָך באַהאַלטן אָט דעם כאַראַקטער עד היום, ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער מאַטעריעלער אָרימקייט און דערשלאָגנקייט. ביי דער ענדע פון ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז ווילנע געווען אַ יחיד במינה, אַ שטאָט צום באַוואונדערן און ליב האָבן.

אַ ליבעראַלע טעגליכע צייטונג אין אַזאַ שטאָט האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט זיין אויך אַ מין קולטור צענטער, און דער „סיעוועראָ זאַפּאַדני גאָלאָס" איז עס טאַקע, אין אַ געוויסער מאָס, געווען. דער אָפיציעלער אַרויסגעבער, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטליך צו דער רעגירונג, איז געווען דער אַלטער פענסיאָנירטער גענעראַל טשערקאַ־סאָוו. אין די אינערליכע ענינים פון דער רעדאַקציע האָט ער זיך געמישט זייער ווייניק, פאַר אים איז געווען גענוג וואָס ער און זיין פלימעניצע האָבן תמיד געהאַט צוויי פרייע בילעטן אין טעאַטער. ער האָט געוואוסט אַז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם וואָס גייט אַריין אין צייטונג איז דער צענזאָר, אַ רוסיפיצירטער דייטש, וואָס איז צו דער־זעלבער צייט אויך געווען אַ לערער אין גימנאַזיע. אָט דער צענזאָר, אַ גוטמוטיקער, אָבער שטענדיק עפּעס פאַרזאָרגט, האָט מיר איין מאָל געזאָגט אַז ער וואָלט וועלן אַלע אין דער צייטונג זאָלן שרייבן אַזוי ווי איך, דאָס הייסט, נאָר וועגן ליטעראַטור, דאַן וואָלט ער, אַלס צענ־זאָר, געהאַט ווייניקער אַרבעט און ער וואָלט געקענט אַלץ דורכלאָזן. איין מאָל האָט ער אָבער אויך מיינעם אַ גרויסן פעליעטאָן דורכגע־שטראָכן. עס איז אַרויס ערגעץ אַ בוך וועגן יעקאַטערינע דער גרויסער און איך האָב וועגן דעם בוך געשריבן. דער צענזאָר האָט מיך פאַר־בעטן צו זיך און מיט אַ וויינענדיקער שטימע געטענהט צו מיר: — טוט מיר אַ טובה, הויבט זיך ניט אָן מיט יעקאַטערינען.

שמריהו גאָרעליק.

מ׳קען מיינען אַז אַ ווילנער רוסישע צייטונג איז אין דער אמתן געווען אַ אידישע, דאָס הייסט, געשריבן פון אידישע אינטעליגענטן און זשורנאַליסטן. דאָס איז אַ טעות. אויך אידן האָבן געשריבן, און דער רעדאַקטאָר ראדין איז געווען אַ איד, אָבער דער גרעסטער טייל פון די מיטאַרבעטער זיינען געווען עכטע ניט אידן. צוויי פון דעם רעדאַקציע שטאַב, וועמעס אַרבעט איז געווען לייענען די טעג־ליכע פראַנצויזישע און ענגלישע צייטונגען זיינען גאָר געווען פון אַלטן רוסישן אַדל, איינער אַ פלעגמאַטישער באַראָן, אַ גרויסער פויליאַקע און ליבהאָבער פון זיסע זאַכן, און דער צווייטער אַ איין־האַנטיקער, דאַרער, פלינקער, עלעגאַנטער אַלטער, מיט אַ מאָנאָקל אין אויג. געווען איז ער אַ פּראָקוראָר, צוליב שלאָגן זיך אויף אַ דועל האָט ער פאַרלאָרן זיין שטעלע און אויך זיין לינקע האַנט. אַט די ביידע פאַרבאָרגענע רעאַקציאָנערן פלעגן באַלד ווי זיי האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט אַוועק־גיין פון רעדאַקציע. קיין אינערע שייכות צו דער צייטונג האָבן זיי ניט געהאַט. זיי פלעגן זיך העפליך געזעגענען און אַוועקגיין, בעת אַלע אַנדערע פלעגן נאָך בלייבן. אין רעדאַקציע איז געווען איינגע־פירט אַז נאָך דעם ווי דער לייט אַרטיקל איז אָנגעשריבן געוואָרן, די קאָרעספּאָנדענץ פון אַלע הויפּטשטעט פון דער וועלט איבערגעלייענט, דער פעליעטאָן און די טעאַטער רעצענזיע איז געווען אָפּגעשיקט אין דער דרוקעריי, האָט מען זיך פאַרזאַמלט אויף אַ שעה אָנדערהאַלבן ביים רעדאַקטאָר אין אַרבעטס צימער און מ׳האָט געפּלוידערט איבער פּאָליטיק און ליטעראַטור. מיכאַילאָווסקיס אַ נייער אַרטיקל; טשע־כאָווס אַ נייע דערציילונג, אין וועלכער מ׳האָט כלומרשט געזען סמנים פון אַ אָפּווייכן פון זיין פעסימיסטישן צוגאַנג צום לעבן בכלל און צום רוסישן לעבן בפרט; פּאַרלאַמענט וואַלן ערגעץ אין אַ אייראָפּע־אישער הויפּטשטאָט; בעבעלס אָדער אייגען ריכטערס אַ רעדע, דאָס אַלץ איז געווען מאַטעריאַל צום פּלוידערן, גאַנץ אָפט איז עס געוואָרן אַ דעבאַטע צווישן די סאָציאַל דעמאָקראַטן, נאַראָדניקעס און סתם ליבעראַלן, די ריכטונגען וואָס זיינען געווען פאַרטראַטן צווישן די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע. די דעבאַטן פלעגן גאַנץ אָפט אי־בערגעריסן ווערן פון אַ העפליכן קלאַפּן אין טיר. געסט. דער אַר־טיסט און „ערשטער ליבהאָבער" פון שטאָט טעאַטער, דאָבראָוואָלסקי,

עסייען

אַ הויכער, זייער שיינער מאַן, אין אַ צילינדער און עלעגאַנטן אַנצוג, איז געקומען אָפּשטאַטן אַ קורצן וויזיט; שטאַבס קאַפּיטאַן קלאַפּאָוו, איינער פון יענע דריי אָפּיצערן, וועלכע איך האָב געזען ביי מיין ערשטן באַזוך אין דער רעדאַקציע, אַן אָרטאָדאָקסישער סאָציאַל דעמאָקראַט און ליידנשאַפטליכער דיספּוטאַנט, האָט געבראַכט אַ לאַנגן אַרטיקל איבער דעם „סוביעקטיוויזם אין סאָציאָלאָגיע‟ (אונטער אַ פּסעוודאָנים, פאַרשטייט זיך) און דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ שטיקל דיסקוסיע און, דיסקוטירענדיק האָט ער געמאַכט מיט די הענט ווי אַ ישיבה בחור, וואָס האָט גאָרניט געשטימט מיט זיין מיליטערישן מונדיר. יעדן צווייטן אָדער דריטן טאָג פלעגט אויך אַריינקומען דער עלטסטער פאַבריק אינספּעקטאָר, ניט פון ווילנע אַליין, נאָר פון נאָך צוויי גובערניעס, דאָס מיינט זייער אַ הויכער באַאַמטער, סעראַפּים סטעפּאַנאָוויטש אקסיאנאָוו, אַ קאָנסטיטוציאָנאַליסט און מעסיקער ליבעראַל. ער איז געווען זייער אַ קלוגער און אַ געדולדיקער. מיט שמייכלענדיקע אויגן, דעם קאָפּ געבויגט אַ ביסל אָן אַ זייט, פלעגט ער אויסהערן די ראַדיקאַלע רייד, ווען דער רעדנער איז אָבער פאַרקראָכן שוין אין צו ווייטע דרכים, פלעגט ער לאַכנדיק אויסרופן: — עך, באַטינקאַ, איר זייט שוין פאַרקראָכן מי יודע וואו. האָט רחמנות אויף מיין אָפּיציעלן מונדיר. — די דעבאַטן ביים טיי טרינקען און רויכערן וואָלטן זיך געוויס געצויגן לייגנער ווי די צייט וואָס איז באַשטימט געוואָרן דערפאַר, ווען ניט דער שטענדיק מידער און געלאַנגווייליקט אויסזעענדער רעצענזענט מאַרק מיכאַילאָוויטש שאַט, וואָס האָט דערמאָנט אַז די גוטע באָרשטן און פּיראָגן וואַרטן אין דערהיים, שוין לאַנג צייט צו גיין עסן מיטיק. שאַט איז געווען זייער אַ אינטערעסאַנטער און אָריגינעלער מענטש. זיין אַ טעאַטער רעצענזענט אין ווילנע, וואו טעאַטער האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דעם גייסטיקן לעבן, איז געוויס געווען אַ בכבודיקע באַשעפטיקונג, און שאַט האָט זי דורכגעפירט מיט ערנסט, דאָך איז דאָס געווען פאַר אים אַ ירידה. ער איז געווען אַ מענטש פון גאַנץ גרויסער בילדונג, אפשר דער געבילדעטסטער מענטש אין דער רעדאַקציע. אַ גלענצענדער קאָפּ און גרויסער קענער פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן, האָט ער באַדאַרפט פאַרנעמען אַ פירנדיקע פּאָזיציע, ער האָט זי אָבער

ניט פאַרנומען, און דאָס איז געווען זיין אייגענע שולד. מאַרק מיך כאַילאָוויטש שאַט איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג פאַר פּאָליטישע טעטיגקייט. ער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין די אידעאַלן וואָס האָבן אים פריער באַגייסטערט און געטראָגן אַ ציניש באַציאונג צו אַלץ. מיט אַזאַ באַציאונג איז אין יענער צייט שווער געווען צו האָבן אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין אַ צייטונג. אַ באַהעמישע נאַטור האָט ער געהאַט, האָט ער זיך איבערגעגעבן דעם טעאַטער. שאַטס הויכע, אַ ביסל איינגעבויגענע פיגור איז געווען די באַקאַנטסטע דערשיינונג אין ווילנער טעאַטער לעבן. אַ מינוט איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן האָט מען אים געזען איילנדיק צו זיין פּלאַץ. דאָרטן פלעגט ער זיצן אויסערליך ווי געלאַנגווייליקט, אָבער אין דער אמתן האָט ער נאָכגעפאָלגט די האַנדלונג אויף דער בינע מיט גוואַלדיקן אינטערעס: סוף כל סוף איז דאָך דער טעאַטער געווען זיין איינציקעליידנשאַפט. אמת, זיינע רעצענזיעס זיינען געווען געשריבן אָן קינסטלערישער ליידנשאַפט (דער אמתער טעאַטער רעצענזענט, ווי אויך דער ליטעראַטור קריטיקער מוזן קודם אַליין זיין קינסטלער), אָבער זיי האָבן שטענדיק זיך אויסגעצייכנט מיט טיפן ערנסט. ווען ניט ווען, ביים אַרומריידן אַ וויכטיקע פּראָבלעם אין דער רעדאַקציע אָדער אין קלוב, האָט שאַט גענומען דאָס וואָרט, און די וואָס האָבן עס ניט געוואוסט אָדער וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן פלעגן זיך וואונדערן איבער זיין שטאַרקער אינטעלעקטואַליטעט, איבער זיין שאַרפער לאָגיק און רייכן וויסן.

דער „קלוב פאַר פערזאָנען פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס", אַ גרויסער צענטער פון דער רוסישער, פּוילישער און אַסימילירטער אידישער אינטעליגענץ, איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ מין המשך פון דער רעדאַקציע. אין די זייער שיינע, באַקוועמע קלוב צימערן, נאָכמער אין דעם גרויסן עס צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ ריזיקער בופעט, פלעגן פאַרגעזעצט ווערן די ניט פאַרענדיקטע דעבאַטן פון דער רעדאַקציע, ביי אַ גרעסערן עולם און ביז אין די שפּעטע נאַכט שטונדן. פון דעם גרויסן, שטאַרק באַלויכטענעם זאַל, וואו מ'האָט געשפּילט קאָרטן פלעגט דער אָדער יענער אַרויסגיין, בלייבן אַ ווײַלע שטיין, זיך צוהערן צו די דעבאַטן און ווידער אַוועקגיין צום קאָרטן טיש. צווישן

ע ס י י ע ן

די קלוב מיטגלידער זיינען אויך געווען צוויי פענסיאָנירטע גענעראַלן, פלעגן זיי אויך זיך צוהערן צו די דעבאַטן. זיי האָבן זיך צוגעהערט שווייגנדיק און, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, אַוועקגעגאַנגען.ביידע גענע־ראַלן זיינען געווען אויף פענסיע, זיי האָבן אָבער שטענדיק געטראָגן זייער אוניפאָרם. די אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אַרכיטעקטן, זשורנאַ־ליסטן און באַאַמטע, וואָס האָבן באַלאַנגט צום קלוב, ניט קוקנדיק אויף זייערע ליבעראַלע אָדער אַפילו ראַדיקאַלע פאָליטישע איבערצייגונגען, זיינען דאָך געווען אַ ביסל שטאָלץ דערמיט וואָס צום „ק ל ו ב פאַר פערזאָנען פון אינטעליגענטע פראָפעסיעס" האָבן אויך באַלאַנגט צוויי גענעראַלן.

ד ר י ט ע ר ק אַ פּ י ט ל

מיינונגס פאַרשידנהייטן און סכסוכים וועגן טשעכאָווס „דריי שוועסטער". — די ברידער אדעלהיים און אוריאל ד'אַקאָסטאַ. — טשעכאָווס טויט. — איך אַ דעלעגאַט צו זיין לויה.

וועגן טשעכאָוון האָב איך געשריבן זייער אָפט און זייער אַ סך. ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט האָב איך געשריבן וועגן אים, און אַ געלעגנהייט איז געווען זיין יעדע נייע דראַמע, אָדער אַפילו אַ נייע דערציילונג. ק י י ן אַנדערן רוסישן שרייבער האָב איך אַזוי ליב געהאַט ווי טשעכאָוון, צו קיינעם האָב איך זיך ניט געפילט אַזוי זעליש פאַרבונדן ווי צו אים. געווען אין רוסלאַנד גענוג גרויסע שריי־בער, וואָס האָבן שטאַרק געווירקט, פון וועלכע מ'האָט געלערנט, וועמען מ'האָט באַוואונדערט, אָבער אַ געפיל פון צערטליכער ליבע, אַן אמת מענטשליכע, אַזוי צו זאָגן, לירישע באַציאונג, האָט מען, ווי מיר שיינט, געקענט האָבן נאָר צו טשעכאָוון. מיט דאָסטאָיעווסקיס העלדן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי קענען רעדן אַזוי געניאַל, וואָלט איך אַפילו אַ טאָג ניט געוואָלט זיין צוזאַמען: שווערע, היסטערישע מענטשן. זיין, אַ שטייגער, אַ שכן פון די דריי ברידער קאַראַמאַזאָוו — אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן! אויסערגעוויינליך אינטערעסאַנטע

מענטשן, זייערע ווערטער האָבן באַרייכערט די מענטשהייט, אָבער באַ־היט גאָט פון לעבן מיט זיי צוזאַמען. נאָך ווייניקער קען מען דיינקען וועגן לעבן צוזאַמען מיט אַזעלכע גיהנומישע, דעמאָנישע פרויען ווי דאָסטאָיעווסקיס גרושענקאַס, נאַסטאַסיאַ פיליפּאָוונאַס. זעט איר, זיין אין שכנהשאַפט מיט טשעכאָווס „דריי שוועסטער" — מיטן גרעסטן פאַרגניגן.

— וואָס געפעלט אייך אַזוינס אין זיי? וואָס זעט איר אַזוינס באַזונדערס אין טשעכאָווס מענטשן — פלעגט מען מיך פון אַלע זייטן פרעגן מיט גרויס אומצופרידנקייט.

— איך זע אין זיי, — פלעג איך ענטפערן, — די איידלסטע, קולטורעלסטע, פיין פילנדסטע מענטשן. זייערע ליידן שטאַמען ניט דערפון וואָס אַלע שווערע, פאַרוויקלטע פּראָבלעמען זיינען נאָך ניט פאַרענטפערט. זייערע ליידן קומען דערפון וואָס די מענטשן אין רוסלאַנד, די מענטשן בכלל זיינען גראָב, האָבן ליב זיך קריגן, באַריידן איינער דעם צווייטן, שעצן ניט די פּערזענליכקייט פון דעם אַנדערן, זיינען אומרואיק און פאַרלעצנד. טשעכאָווס העלדן, מיט זייערע פיי־נע נשמות, געהערן אינגערליך צו גאָר אַן אַנדער קולטור פון אַ ווייטסטן איבערמאָרגן, אַ צוקונפט, אַ קולטור וואָס וועט אפשר גאָר קיינמאָל ניט קומען. זייער אַנטלויפן פון קאַמף איז ניט פּשוטע שוואַכקייט. אירינאַ, די יונגערע פון די דריי שוועסטער, די טעלעגראַפיסטין, קומט אַהיים אַ פאַרצאַרנטע, אין טרערן. וואָס איז? זי איז געווען נער־וועז, און זי האָט אַ ביסל צו שאַרף געענטפערט אַן עלטערער פרוי וואָס האָט געוואָלט שיקן אַ טעלעגראַמע. איר דוכט זיך אַז זי האָט דער פרוי גראָב געענטפערט און זי ליידט דערפון זייער שטאַרק, ווייל גראָבקייט איז, אין די אויגן פון טשעכאָווס מענטשן, די גרעסטע זינד. ווערשינין חלומט פון אַ צייט וואָס וועט קומען אַמאָל, אין צוויי דריי הונדערט יאָר אַרום. וואָלט ער נאָר געחלומט וועגן אַ קאָנסטיטוציע, אַ רעפּובליק, וואָלט אפשר די צייט ניט באַדאַרפט זיין אַזאַ ווייטע, אָבער ווערשינין חלומט וועגן אַ נייעם מענטשן. ער וויל ניט נאָר סאָציאַלע גערעכטיגקייט, נאָר גרויסע „העפליכקייט פון האַרצן". אַזוי איז אויך טשעכאָוו אַליין מיט זיין גאַנצער ליכטיקער פּערזענליכקייט. ער איז דער איידלסטער, אינגערליך פרייסטער, איי־

ראַפּעאישסטער פון אַלע רוסישע שרייבער. קיינער פון זיי האָט אַזוי ניט געליטן פון דער רוסישער גראָבקייט ווי ער. דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי זיינען הויכע בערג. שטענדיק קריכן, שטייגן, קאַראַבקען זיך אויף בערג איז זייער שווער. טשעכאָוו איז אָבער דאָס פרידליך, רואיק, שיין, און אויך אָפט מעלאַנכאָליש פעלד.

דאָס זיינען אומגעפער געווען מיינע ענטפערס צו די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, וואָס פלעגן מיך שטאַרק אַטאַקירן פאַר מיין צו שטאַרקער ליבע צו טשעכאָוון און זיינע העלדן. די צייט, ווען מ'האָט געהאַלטן גאָרקין פאַר אַ גרעסערן שרייבער ווי טשעכאָוון, איז שוין פאַרבייגעגאַנגען. אַלע האָבן שוין געוואוסט אַז טשעכאָוו איז אַ פיל, פיל באַדייטנדערער שרייבער ווי גאָרקי, אַז זיין קונסט איז פון די וואָס בלייבט, וואָס דויערט אפשר אייביגקייטן. פון געזעלשאַפטליכן, קעמפערישן שטאַנדפּונקט אָבער האָט מען געהאַלטן גאָרקין פאַר נוצליכער. בכלל האָט נאָך דאַן געהערשט די ריכטונג פון דער אַזוי גערופענער טענדענציעזער קונסט. אין מיטלפּונקט איז געשטאַנען די פּאָליטישע פרייהייט, די סאָציאַלע אידעאַלן. די קונסט האָט באַדאַרפט זיין די העלפערין, די דינערין. די פּאָליטישע פרייהייט און די סאָציאַלע אידעאַלן זיינען מיר אויך געווען זייער נאָענט. איך האָב אויך פאַרשטאַנען אַז מ'דאַרף האָבן אַ העלפערישע, דינענדע קונסט, אָבער נאָך העכער האָב איך געשאַצט די קונסט, וואָס געהערט צו אַ מין עולם של מעלה. עס זיינען דאָ וויכטיקע, פייערליכע, טראַגישע מאָמענטן וואָס הייגען ניט אָפּ פון דער אָדער יענער פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער סיסטעם. די קונסט פון אָט דעם עולם של מעלה איז די היטערן פון יענע וויכטיקסטע מאָמענטן. די קונסט רעדט אויך אין דעם נאָמען פון יענע צום לעבן ניט צוגעפּאַסטע מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך די קולטור פון וויטסטן איבערמאָרגן.

פאַר אַזוינע אָפּוויכונגען פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג אויף וועלכן די גרעסטע מערהייט איז געגאַנגען בין איך פאַררעכנט געוואָרן אין דער רעדאַקציע פאַר אַ ראָמאַנטיקער מיט שטאַרקע נייגונגען צו דער, אַזוי גערופענער, דעקאַדענטער ליטעראַטור. און פאַר דעקאַדענטן האָבן דעמאָלט געגאָלטן זייער אַ סך: וואָלינסקי, וועלכער האָט זיך דערלויבט (אגב דער ערשטער) צו קוקן אויף דאָסטאָיעווסקין ניט

פון שטאַנדפונקט רעאַקציאָנער־פּראָגרעסיוו; דעקאַדענט האָט מען גערופן מערעזשקאָווסקין און די גאַנצע גרופּע אַרום אים; דעקאַדענט זיינען געווען אַזוינע דיכטער ווי באַלמאָנט, בריוסאָוו און, פאַרשטייט זיך, אַלע מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל „וויעסי״.

די סכסוכים צווישן מיר און די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע זיינען געווען דורכאויס ליטעראַרישע, ניט קיין פּאָליטיש געזעלשאַפטליכע, ממילא זיינען זיי געווען ניט אַזוי ליידנשאַפטליך, פונדעסטוועגן האָבן זיי געשאַפן אַרום מיר אַ מין איזאָלירונג. באַזונדער בולט האָב איך דערפילט אָט די איזאָלירונג ביי אַ געלעגנהייט וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר פולשטענדיק נייטראַל, דוכט זיך אויף יענער זייט פון וועלכע עס איז מיינונגס פאַרשידנהייטן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַרשטעלונג פון אוריאל אַקאָסטאַ, וואָס די גאַסטראָלירנדע טרופּע פון די ברידער אדעלהיים האָבן געגעבן אין ווילנע. די ברידער אדעלהיים האָבן דערגרייכט זייערע גרויסע טעאַטראַלישע דערפאָלגן הויפּטזעכליך דורך זייער אַרטיסטישער טעכניק און ווירטואָזיטעט. דער יונגערער אדעלהיים, וועלכער האָט געשפּילט טראַגישע ראָלן, האָט פאַרמאָגט די קונסט צו רירן די הערצער פון די צוקוקער, דערביי אַליין בלייבן אינערליך קאַלט. זיין רייך מאָדולירטע שטימע האָט זיך געטראָגן איבערן טעאַטער, זיינע טראַגישע זשעסטן האָבן געווירקט אויפן עולם, ער אַליין איז ניט געווען גערירט כהו זה. ער און אויך דער עלטערער ברודער האָבן פאַרטראָטן יענע ריכטונג און שול פון דער שוישפּיל קונסט וואָס דריקט זיך אויס אין די ווערטער: מ ע ר ל ע ר נ ע ן א ו ן ו ו י י נ י ק ע ר פ י ל ן.

ווילנע האָט שוין געהאַט געזען אַ סך ווירקזאַמערע, שטאַרקערע ד׳אַקאָסטאַ פאַרשטעלונגען, אָבער אויך די אַדעלהיים פאַרשטעלונג האָט געהאַט אַ מעכטיקע ווירקונג. דער אָפיציעלער רעצענזענט שאט האָט געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער פאַרשטעלונג, איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן אי וועגן דעם שפּילן פון די ברידער אדעלהיים, אי וועגן אוריאל אַקאָסטאַ. איך האָב אַלע מאָל געהאַט אַ שוואַכקייט פאַר דעם אומגליקליכן קעמפער פאַר גייסטיקער פרייהייט, און אין דעם פעליעטאָן האָב איך, ווי עס ווייזט אויס, אויסגעדריקט מיין באַוואונדערונג פאַר אים אין אַ צו געפילפולער פאָרם. אויף

ע ס י י ע ן

מאָרגן, נאָכן דערשײַנען פון דעם פעליעטאָן, ווען איך בין געקומען אין רעדאַקציע, האָט באַלד אויסגעבראָכן אַ העפטיקע, לײַדנשאַפטליכע און אַ אומפאַרשטענדליך געררייצטע דיסקוסיע. מ׳האָט געהאַט צו מיר טענות אַז איך האָב איבערטריבן די באַדײַטונג פון דער פיגור, האַלטן אוריאל אַקאָסטאַן פאַר אַ קעמפער איז פשוט לעכערליך, ער איז אַ שוואַכלינג וואָס ענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. איך, פון מײַן זײַט, האָב מיט ניט ווייניקער געררייצקייט אים פאַרטיידיקט ווי אַ קעמפער און אַ העלד. ד׳אַקאָסטאָס גורל איז מיר דעמאָלט געווען באַקאַנט נאָר פון גוטשקאָווס דראַמע. איך האָב דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט אַז אין דער אמתן איז אוריאל ד׳אַקאָסטאַ געווען נאָך אַ גרעסערער העלד און קעמפער, אַז זײַן קאַמף האָט געדויערט ד ר ײ ס י ק י אָ ר, אַז פערצן יאָר האָט ער אָפּגעלעבט פאַרשטויסן און אויסגעמיטן פון אַלעמען, אַפילו פון זײַנע אייגענע ברידער, און צולעצט אַפילו פון זײַן מוטער. מיר איז דעמאָלט נאָך אויך ניט באַקאַנט געווען זײַן רירנדע אויטאָביאָגראַפיע אין וועלכער יעדער שורה איז אַן אָנקלאַגע און אַ געשריי פון ביטערסטער איינזאַמקייט. איך האָב נאָר געקענט גוטשקאָווס דראַמע און זי איז געווען פאַר מיר גענוג צו זען אין ד׳אַקאָסטאַן אַ גרויסן און אומגליקליכן קעמפער. אַלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע זײַנען געווען קעגן אַזאַ מין פאַרהערליכן פון אַ, נאָך זייער מיינונג נאָך, שוואַכן מענטשן, ווען איך האָב אומפאַרדינטערהייד געוואָלט מאַכן פאַר אַ העלד. איך האָב געהאַט דעם געפיל אַז דאָס רעכנט מען זיך אָפּ מיט מיר פאַר מײַן צו גרויסער ליבע צו טשעכאָוון.

און מײַן ליבע צו אים איז באמת געווען טיף און שטאַרק. ווי שטאַרק אָט די ליבע איז געווען האָב איך אַליין זיך ערשט דערוואוסט בעת עס איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע אַז אין באַדענווײַלער, שוואַרצוואַלד, איז געשטאָרבן אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו אין יוני 1904, אויפֿן פיר און פערציקסטן יאָר פון זײַן לעבן. דער רעדאַקציע סעקרעטאַר מאַרקאָוו און איך זײַנען געפאָרן אַלס דעלעגאַטן פון דער רעדאַקציע און פון דעם „קלוב פאַר פערזאָנען פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס“ צו דער לויה קיין מאָסקווע. מיר האָבן באַדאַרפט איבערנעכטיקן אין מאָסקווע און אינדערפרי, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע דעלעגאַציעס, זײַן ביים וואָקזאַל, וואו עס האָט געזאָלט אָנקומען פון

אויסלאַנד דער וואַגאָן מיט טשעכאָווס טויטן קערפּער. אַפּפאָרנדיק פון ווילנע האָב איך ניט פאַרגעסן לייען ביי אַ באַקאַנטן אַ שוואַרצן סורדוט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי פולשטענדיק איבעריק און ביז גאָר שטערנד. דערפאַר אָבער האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן אַז ווי אַ איד האָב איך קיין רעכט ניט אַפילו איבערצונעכטיקן אַ קורצע זומער נאַכט אין מאָסקווע. אָט דער געדאַנק איז מיר ערשט געקומען אויפן זינען אין דער רעדאַקציע פון דעם מאָנאַטליכן זשורנאַל „רוס־קאַיאַ מיסל״. טשעכאָוו איז דאָרט געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער, האָט דער זשורנאַל גענומען אויף זיך די אָרגאַניזירונג פון אַלע פייער־ליכקייטן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער לויה. צו דער רע־דאַקציע האָבן זיך געמוזט ווענדן אַלע דעלעגאַציעס וואָס זיינען גע־קומען פון אַ סך שטעט כדי צו וויסן וואו, ווי און ווען צו פאָרן. דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל, פּראָפעסאָר וויקטאָר גאָלצעוו, איז אַרויסגעקומען צו אונז אַ פאַרטרויערטער, אַ צעשטרייטער, ווי גאָרניט וויסנדיק, ניט פאַרשטייענדיק וואָס עס טוט זיך אַרום אים. איך האָב אים געמוזט דערציילן און פרעגן ביי אים אַן עצה וואו זאָל איך זיך אַהינטאָן די נאַכט. גאָלצעוו האָט צוגערופן עטליכע מיטאַרבעטער.

— נו, זעט, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — אָט קומט אַ איד פון ווילנע, אַ דעלעגאַט צו דער לויה פון אַ רוסישן שרייבער, און טאָר ניט, האָט ניט וואו איבערנעכטיקן אַ נאַכט. — איך קען אייך מער ניט פאַרלייגן, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — ווי אַז איר זאָלט די נאַכט אי־בערנעכטיקן, אָדער ריכטיקער, איבערזיצן טאַקע דאָ אין דער רעדאַק־ציע. חוץ דעם וועכטער איז דאָ קיינער ניטאָ. — ווי ער רעדט אַזוי איז אָנגעקומען דער „סטאָראָזש״, טראָגנדיק איןביידע הענט אַ סאַ־מאָוואַר. אַ גרויסער קאַצאַפּ מיט אַ רויט העמדל. דאָס רויטע העמדל האָט מיך ניט געשראָקן, כאָטש עס איז געווען זייער רויט, אָבער דער קאַצאַפּ האָט אויף מיר געמאַכט אַ מוראדיקן איינדרוק. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע ענליכקייט צום תליון אין „צאַר פיאָדאָר יאָהאַנאָוויטש״ אָדער „באָריס גאָדונאָוו״. ער איז אפשר געווען אַ גאַנץ גוטמוטיקער מענטש, אָבער פאָרט אַ קאַצאַפּ פון גוואַלדיקן וואוקס און משונהדיק ברייטע פּלייצעס. איך האָב באַשלאָסן ניט צו נעכטיקן אין דער רעדאַקציע. דערווייל איז דער צימער געוואָרן פול מיט דע־

לעגאַציעס, סטודענטן, קורסיסטקעס, אַלע אין קורצע פּיזשאַקלעך, העמדלעך, און איך, אין מיין לאַנגן, שוואַרצן סורדוט בין זיך אַליין אויסגעקומען זייער קאָמיש. אַפילו דער אַלטער, בכבודיקער פּראָפע־סאָר גאַלצעוו איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוזע.

עס איז געווען אַ שיינע יוני נאַכט און איך האָב זי פאַרבראַכט אויף די גאַסן פון מאָסקווע. תחילת האָבן מיר געפּלאַנעוועט צו זיצן ביי מאַרקאָוון אין זיין האָטעל צימער ביים סאַמאָוואַר ביז עס וועט אָנהויבן טאָגן. ניט קיין שלעכטער פּלאַן, אָבער צוועלף אַזייגער האָט דער שווייצאַר אָנגעקלאַפּט אין טיר, געבעטן מיין פּאַספּאָרט און טאַ־קע באַלד מיר געהייסן פאַרלאָזן דעם האָטעל. פאַרברייינגען אַ שלאָף־לאָזע נאַכט אויף די מאָסקווער גאַסן, נאָך אין אַ שוואַרצן סורדוט דערצו, איז געווען ניט אַזוי באַקוועם, אָבער איך בין ווי עס איז אי־בערגעקומען די נאַכט און גאַנץ פרי בין איך געווען דער ערשטער דע־לעגאַט ביים וואָקזאַל.

די לויה, פון וואָקזאַל ביז דעם בית עולם אויף נאָוואָדעוויטשי מאָנאַסטיר, האָט געדויערט פון אינדערפרי ביז שפּעט נאָכמיטיק. אויף יעדער גאַס זיינען צוגעשטאַנען נייע מאַסן מענטשן, וואָס זיינען נאָכ־געגאַנגען הינטער דער לאַנגער, לאַנגער, לעבעדיקער קייט, וואָס די סטודענטן און קורסיסטקעס האָבן געשלאָסן אַרום דער פּראָצעסיע. שווער צו שילדערן די פייערליכקייט און גערירטקייט פון עולם. לאַנג־זאַם, אומענדליך טרויעריק האָט געקלונגען דאָס געזאַנג „וועטשנאַיאַ פּאַמיאַט“ (אייביקעס געדיינקען), די זינגער האָבן דערביי אויך גע־וויינט. די סטודענטן און קורסיסטקעס האָבן געהאַלטן איינע די אַנ־דערע פאַר די הענט, אַזוי אַרום געשאַפן אַ לעבעדיקן צאַם, און געהיט די אָרדנונג. זייערע פּנימער האָבן אויסגעזען וואונדערבאַר. זייערע יונגע שטימען האָבן אויסגעדריקט דעם שמערץ מיט וועלכן זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען. — וויעטש־נאַ־יאַ פּאַמ־יאַט אַנטאָנו פּאַוולאָ־וויטשו, — האָט זיך געטראָגן אין דער לופט דער געזאַנג פון דעם אַלץ גרעסערן עולם. ביי דער רעדאַקציע פון „רוסקאַיאַ מיסל“ האָט די פּראָצעסיע זיך אָפּגעשטעלט, דערנאָך איז זי געבליבן שטיין ביים מאָסקווער קונסט טעאַטער. סטאַניסלאַווסקיס פּיינער, ווייסער קאָפּ האָט זיך אַרויסגעזען העכער איבער די קעפּ פון די פּילע טויזנטער

ש מ ר י ה ו   ג אָ ר ע ל י ק

איינטיילנעמער. אַלץ וואָס איז געווען באַדייטנד אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט זיך פאַרזאַמלט אָפּצוגעבן דעם לעצטן חוב דעם באַליבטן רוסישן שרייבער. גאָרקי און שאַליאַפּין, ביידע נאָך גאַנץ יונג, זיינען געגאַנגען צוזאַמען. אויפן בית עולם האָט דער טרויער אָנגענומען נאָך שטאַרקערע, ערגרייפנדיקערע פאָרמען. עס האָט זיך געהערט אַ שווער קלאָגן, טענהן, היסטערישע געשרייען. דאָס האָבן געשריען ניט די קרובים, נאָר טשעכאָווס לייענער.

דעמזעלבן אָוונט בין איך און מאַרקאָוו אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע. עס איז געווען אַן אומגלויבליך שיינער אָוונט, דאָס הייסט, אַן אומענדליך מעלאַנכאָלישער, אַזאַ, וואָס נאָר אין רוסלאַנד, דוכט מיר, האָט מען געקענט זען. אויף אַלץ און אויף אַלעמען איז געווען ווי אויסגעגאָסן אַ שטילע ביינקשאַפט, אַ זיסער, באַגליקנדער וויי. אַפילו אויפן וואָקזאַל האָט געפעלט דער געוויינליכער טומל, די מענטשן מיט זייערע טשעמאָדאַנעס האָבן זיך שטיל באַוועגט. גייענדיק מיט מאַרקאָוון צו אונזער וואַגאָן, נאָך פול מיט די איינדרוקן פון דעם טאָג, האָבן מיר דערזען ווי צוויי סטודענטן פירן אַן אַלטן מאַן וועלכער האָט זיך געוואקלט און געבורטשעט אומפאַרשטענדליכע ווערטער. דאָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „רוסקאַיאַ מיסל״, דער פּראָפעסאָר וויקטאָר גאָלצעוו. ער איז געווען שיכור. אויפן מאָלצייט נאָך דער לויה, ווי עס איז דער מנהג ביי קריסטן, האָט דער אַלטער טרויערנדיקער פּראָפעסאָר, טשעכאָווס פריינט, גענומען אַן איבעריקע כוסה, ניט וויסנדיק אַז אין זיין צעטומלטן, פאַרוויטיקטן קאָפּ וועט דער וויין היינט ווירקן שטאַרקער ווי געוויינליך. ער איז געווען שיכור פון וויין און פון ווייטיק, און די סטודענטן האָבן אים איצט אָפּגעפירט אויף זיין זומער וואוינונג הינטער מאָסקווע.

עסייען

פערטער קאַפּיטל

הערצלס טויט. — אַן אַרטיקל און זיינע פאָלגן. — איך בין אַ ציוניסט און ווייס נאָך ניט דערפון. — מיין אַרויסטריט פון דער רעדאַקציע. — אַ ציין דאָקטאָר מיט אַ דערלויבניש אַרויסצוגעבן אַ נייע ציימונג.

אין אַ חודש אַרום נאָך טשעכאָווס טויט, כמעט אין דעמזעלבן עלטער, אָבער אין אַ סך טראַגישערע אומשטענדן, איז געשטאָרבן דר. טהעאָדאָר הערצל. דאָס אידישע פאָלק האָט אַ ציטער געטאָן און איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם טיפסטן טרויער. דער טויט, ווען ער קומט אין די עלטערע יאָרן, נאָך אַ לאַנגן טעטיקן לעבן, איז אַ נאָרמאַלער אָפּשלוס, אָבער ווען ער קומט צום מענטשן אין מיטעלן עלטער, בעת יענער איז דער טרעגער פון אַ גראַנדיעזער, פאַנטאַסטישער אידייע, דער טויט, אינמיטן קאַמף פאַר אָט דער אידייע, איז אַ גוואַלדיקע אומגערעכטע נידערלאַגע, וואָס דער שיקזאַל גרייט צו. אָט די נידערלאַגע הייגגט אָבער איבער דעם העלד ווי אַ לויכטנדע קרוין, זי מאַכט אים ערשט פאַר דעם אמתן העלד, זי באַצייכנט און אונטערשטרייכט די באַדייטונג, דעם אינהאַלט פון זיין אַרבעט. די נידערלאַגע וואַרפט אויך אַ מאַרטירער שיין ניט נאָר אויף דעם פאַרשטאָרבענעם, נאָר אויך אויף די מאַסן וועלכע ער האָט אויפגעוועקט מיט זיין וויזיע, זי געטרייסט און זיי געגעבן האָפענונג אויף אַ נייער צוקונפט. אויף איין ברעג איז געשטאַנען דער וויזיאָנער, דער געניאַלער בוימייסטער פון אַ נייעם בנין, דער וועקער, דער רופער, און אויף דעם אַנדערן ברעג איז געשטאַנען דאָס גלות אידנטום און האָט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו אים, מיט דער האָפענונג אויף דער גאולה. פלוצלונג קומט דער טויט און רויבט אַוועק אומרחמנותדיק דעם טרייסט ברייגגער. וואָס פאַר אַ אומרעכט! וואָס פאַר אַ טראַגישער שיקזאַל! אַ חלום ווערט איבערגעריסן אינמיטן, אַ פאָלק וואָס וואַרט אויף ישועות בלייבט פאַרלאָזט, פאַריתומט.

דאָס זיינען געווען די געפילן וואָס איך, נעכטן נאָך אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון ציוניזם, האָב געהאַט בעת איך האָב געלייענט די

ידיעה פון הערצלס טויט. וואוהין זיינען אַהינגעקומען די אַלע אַר־גומענטן קעגן ציוניזם וואָס איך האָב געהאַט אַנגעווענדעט? לויט די טענות איז דער ציוניזם אין עצם אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, ווייל זי ווערט גענערט, געשפייזט פון דעם שלעכטן אין דער וועלט, דאָס הייסט, דער ציוניזם קען געדייען נאָר דאַן ווען עס קומען פאַר פּאָגראָ־מען דאָ און דאָרט. אַז מ׳וויל דן זיין לכף זכות קען מען העכסטנס זאָגן אַז דער גאַנצער ענין איז אַ חלום. און וואָס קען זיין נאָך קאָמ־פּראָמעטירנדער ווי דאָס, וואָס דער פּרעזידענט פון אַט דער באַוועגונג מאַכט וויזיטן דעם בלוטיקסטן שונא פון יעדער פרייהייט, דעם שונא אויך פון אידן, דעם מיניסטער פלעווע?

אַט די אַרגומענטן און ענליכע צו זיי האָבן עפּעס מיט אַמאָל פאַרלאָרן זייער ווירקונג, זיינען שוואַך געוואָרן. געוויסע געשעענישן, וואָס פלעגן באַנוצט ווערן ווי ראיות קעגן דעם ציוניזם האָבן, אונטער דעם גוואַלדיקן איינדרוק פון הערצלס טויט, באַקומען אַן אַנדער באַ־לייכטונג. דער אוגאַנדאַ עפּיזאָד, וואָס איז לויט הערצלס קעגנער גע־ווען ניט מער ווי קאָמיש, האָט געקראָגן זיין אמתן, טראַגישן כאַראַק־טער. הערצלס פאָרן צו פלעווען איז שוין גאָרניט געווען אַזאַ חטא, קען מען פאַרוואָרפן אַ פאַרטרעטער פון אַ פאָלק למאי ער האָט פאַר־האַנדלט מיטן שונא? די אַלע ראיות און פאַרוואורפן זיינען געוואָרן קליין, אפשר גאָר קליינליך. דער ט ו י ט ע ר הערצל איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ ז י ג ע ר. זיין נידערלאַגע האָט, אין דער אמתן, אים רייך גמאַכט פאַר ווייטע, ווייטע דורות. איז דער טראַגישער סוף ניט געווען דער פאַסיקסטער פאַר דעם העלד און גרויסן ראָמאַנ־טיקער הערצל? ווער וויל זיך דאָס פאָרשטעלן הערצלען אַלס אַלטן, קראַנקן מאַן מיט אָפּגעשוואַכטע גייסטיקע כחות?

דער גורל גרייט צו פאַר יעדן באַדייטנדן מענטשן דעם סוף וואָס פּאַסט נאָר אים אַליין. עס וואָלט קיינמאָל ניט געוואָרן אַזאַ נאַפּאָלעאָן קולט ווען ניט זיין סוף אויף דעם אינזל סט. העלענאַ. אָט דער טרוי־עריקער, מאַכטלאָזער סוף פון דעם וועלט באַהערשער האָט ווי געגעבן דעם לעצטן אינהאַלט, די לעצטע באַדייטונג און די לעצטע אמתע באַ־לויכטונג פון אַלע זיינע נצחונות. און אויך הערצל איז אויסגעוואַקסן, גרויס געוואָרן דורך זיין פּלוצלונגען, גרויזאַמען איבעררייסן ווערן

אינמיטן חלומען דעם שיינעם, פאַרכאַפנדיקן חלום . . . אַ רחמנות איז גאָר אויף יענע וואָס זיינען געבליבן שטיין אויף יענער זייט ברעג אָן אַ פירער, אָן דעם טרייסט ברייינגער און ווי פאַריתומט, אַ רחמנות אויף אידן. אויף אידן? און ווער ביסטו? גיי שטעל זיך אין דערזעלבער רייע און האָב אויך אויף זיך רחמנות . . . און מערקווירדיק, איך האָב אָנגעהויבן ווי רחמנות האָבן אויף זיך, איך האָב זיך אויך דערפילט ווי פאַריתומט און מיך האָט אַרומגענומען אַ טיפער טרויער — דר. הערצל איז געשטאָרבן. אָט די אַלע געפילן האָב איך אויסגעדריקט אין דעם אַרטיקל, דעם נעקראָלאָג וואָס איך האָב געשריבן וועגן הערצלס טויט.

דער רעדאַקטאָר, ראַדין, האָט דעם אַרטיקל גוטגעהייסן און אָפגעדרוקט. ער האָט געהאַט אַ קינסטלערישע נאַטור און, הגם ער אַליין איז געווען אַן אַסימילאַטאָר און אַ קעגנער פון ציוניזם, האָט ער אָבער שטענדיק געהאַט אַ אינטערעס פאַר אָפווייכונגען, אָפשפרונגען אָן אַ זייט, וואָס קומען ווי אַ פועל יוצא פון אַ שטאַרקן געפיל אויפשוואונג. וואָלט איך אָנגעשריבן אַ פראָ־ציוניסטישן אַרטיקל, באַגרינדעט אויף אַ שטודיום פון די פאַקטן, אויף אַ גרינטליכן אַנאַליז, אָדער אונטערן איינפלוס פון פרעמדע, וואָלט ער אים קיינמאָל ניט געדרוקט. דאָ איז אָבער געווען אַ פאַל ווען אַ מענטש האָט געשריבן ווייל ער איז געווען גערירט. דאָס האָט דער מ ע נ ט ש ראַדין רעספעקטירט, ניט קימערנדיק זיך וועגן דעם וואָס די איבעריקע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע וועלן זאָגן. אויב ער האָט יאָ אַ טראַכט געטאָן וועגן אַן אָפאָזיציע, האָט ער געהאַט נאָך אַן אורזאַך צו דרוקן דעם אַרטיקל, ווייל ער האָט ניט פיינט געהאַט אַ סענסאַציע פון צייט צו צייט, אַ שטיקל שטורעם, ניט קיין בייזן, שלעכטן סקאַנדאַל, אָבער פאָרט אַ סקאַנדאַל. און דער הערצל אַרטיקל איז געווען אַ שטיקל סענסאַציע.

שוין אויפן וועג צו דער רעדאַקציע האָב איך דערפילט די סענסאַציע. אויפן גאַס האָב איך באַגעגנט אייניקע ווייטע באַקאַנטע, וואָס זיינען געווען ציוניסטן. געוויינטליך פלעגן מיר זיך קוים גריסן, היינט אָבער האָבן זיי געשמייכלט צו מיר און די באַגריסונג איז געווען גאָר אַ פריינטליכע. דערפאַר אָבער האָבן די בונדיסטן און סאָציאַל

דעמאָקראַטן וואָס איך האָב אָנגעטראָפן מיך אָנגעקוקט ברוגז. ניט קיין גוטע סימנים! אין דער רעדאַקציע גופא האָט אויף מיר געוואַרט אַ קאַלטע באַגריסונג, וואָס איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ שטאַרקער אַטאַקע.

— מער האָט ניט געפעלט! אין „סיעווערא זאַפּאַדני גאָלאָס" אַן אמת ציוניסטישער אַרטיקל! מיט אַזאַ אַרטיקל קענט איר שוין זיך לאָזן קלייבן פאַר אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

א. דעווינישסקי, שפּעטער באַקאַנט אונטערן נאָמען א. ווייטער, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מענטשן וואָס איך האָב געקענט, דאַן נאָך ווייט פון דעם געדאַנק צו ווערן אַ אידישער שרייבער, ער איז געווען אַ בונדיסט און פון צייט צו צייט מיטגעאַרבעט אין דער צייטונג, רופט מיך אָפּ אַן אַ זייט און הויבט אָן ריידן מיט מיר ווי מיט אַ מענטשן וועמען עס האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק און ער אַליין ווייסט נאָך ניט דערפון.

— ליבער פריינט, —האָט ער אַ זאָג געטאָן, באַטראַכטנדיק מיך מיט רחמנות, — איר ווייסט אפנים ניט וואָס מיט אייך איז פאָרגעקומען. איר טראָגט אין זיך אַ קראַנקהייט און איר ווייסט אַפילו ניט ווי די קראַנקהייט הייסט, איר ווייסט בכלל ניט אַז איר זייט קראַנק. מילא דאָס וואָס איר לייענט מעטערלינקען און מערעזשקאָווסקין איז אין מיינע אויגן ניט אַזאַ חטא, איך לייען זיי אויך, אָבער ווערן אַ ציוניסט! מיין פריינט, איר זייט, איר זייט אַ ציוניסט. מ'קען ניט אָנשרייבן אַזאַ אַרטיקל ווי איר האָט היינט אָפּגעדרוקט ניט זייענדיק קיין ציוניסט. זאָגן אייך נביאות? מיט דער צייט וועט איר אַריבער אין דעם אַנדערן לאַגער, איר וועט האָבן אַנדערע אינטערעסן, אַנדערע באַקאַנטע, איך וועל פונדעסטוועגן שטענדיק צו אייך אַרויפקומען און מיר וועלן ווי פריער פלוידערן וועגן ליטעראַרישע ענינים.

דעמאָלט האָב איך ניט געוואָלט מסכים זיין מיט אָט דער נביאות און איך האָב שטאַרק פאַראיבל געהאַט אויף די קלאָגען וואָס האָבן אין זייערע געדאַנקען מיך שוין געזען ווי אַ קאָנגרעס דעלעגאַט. גערעכט איז פונדעסטוועגן געווען דעווינישסקי — איך בין שוין דאַן געווען אַ ציוניסט, הגם איך אַליין האָב עס נאָך ניט געוואוסט. די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור איז מיר ביז דאַן געווען ניט באַקאַנט, איך

עסייען

האָב ניט געלייענט ניט פינסקערן, ניט הערצלען. דער איינדרוק, דער איינפלוס פון יענע העברעאישע שרייבער וואָס איך האָב געלייענט אין מיין פריער יוגנט — מאפו, סמאָלענסקין, י״לג, קלמן שולמאַן — איז שוין לאַנג אַרויסגעשטויסן, אָפּגעמעקט געוואָרן דורך מעכטיקערע, ליטעראַרישע און גייסטיקע איינדרוקן. דעם העברעאיש וואָס איך האָב אַמאָל געקענט האָב איך שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן. אַנדערע שרייבער, אַנדערע ביכער האָבן פאַרמירט און געבילדעט מיין גייסטיק לעבן. איך האָב געפּרואווט און געוואָלט נאָכמאַכן פרעמדע, ניט אידישע העלדן, געוואָלט לעבן ווי זיי, דער אידישער ליטעראַטור האָב איך דאַן גאָרניט געהאַט צו פאַרדאַנקען, איך האָב בלויז געקראָגן איין מעכטיקן שטויס, און אין מיר איז געוואָרן אַן אויפרודערונג. איך בין אויפגערודערט געוואָרן ניט פון אַ פּאָגראָם, נאָר פון דעם טויט פון איין מענטשן, וואָס האָט געחלומט אַ גרויסן חלום, און איך האָב באַגריפן אַלץ וואָס איז נויטיק. אַז דער חלום איז אַ גרויסער, אַ פאַרכאַפּנדיקער האָב איך ערשט פאַרשטאַנען ריכטיק נאָך הערצלס טויט. דאָס קען קלינגען מאָדנע, אָבער פּונקט אַזוי איז דאָס געווען. איך האָב נאָך ניט געוואוסט וואָס אַזוינס באַדייט דער שקל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איך האָב שוין אָנגעשריבן אַ ציוניסטישן אַרטיקל. די וועגן פון געפיל זיינען קורצע און זיי ברענגען שנעלער צום ציל. נאָכדעם האָב איך שוין געלייענט אַ סך וועגן ציוניזם, זיך דערוואוסט דאַטן, נעמען, קיין אמתע נייעסן זיינען זיי אָבער פאַר מיר ניט געווען . . .

דאָס ווייטערע מיטאַרבעטן אין דער צייטונג איז פאַר מיר געוואָרן אַלץ שווערער. איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַוועקצוגיין פון דער צייטונג. גאָר אינגיכן איז דער געדאַנק פאַרווירקליכט געוואָרן. איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דער צייטונג אין דער בעסטער פריינטשאַפט מיטן רעדאַקטאָר ווי אויך מיט די איבעריקע מיטאַרבייטער.

אין ווילנע האָט זיך דאַן געפּלאַנעוועט אַ נייע טעגליכע צייטונג. א אידישער ציין דאָקטאָר, שלאָסבערג, האָט דורך פּראָטעקציע, אָדער סתם דורך מזל, געקראָגן אַן ערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ טעגליכע רוסישע צייטונג. אַזוי ווי זיין פּאַציענטן שטול איז מייסטנס געשטאַ־

שמריהו גאָרעליק

נען לײדיק, האָט ער צײַט געהאַט אַרומצוגײן אין ווילנע און זוכן בעלנים וואָס זאָלן פינאַנסירן אַזאַ צײַטונג. פּאָליטיש איז ער געווען אַ נײטראַלער מענטש, און אים האָט ניט אויסגעמאַכט וואָס פאַר אַ ריכטונג די צײַטונג זאָל האָבן, גראָדע איז ער געקומען אין פאַרבינדונג מיט נאַציאָנאַלע, אידישע און ציוניסטישע קרײַזן. איך האָב זיך דער־וואוסט וועגן דעם ענין פון עמנואל בעסקין, דעם טעאַטער רעצענ־זענט און ליטעראַטור קריטיקער פון דער רעכט־שטײענדיקער צײַטונג, „ווילענסקי וועסטניק״. באַגעגענדיק מיך אײן מאָל אין קלוב, דער־צײלט ער מיר אַז מ׳פּלאַנעוועט צו גרינדן אַ נײַע טעגליכע צײַטונג מיט אים, בעסקינען, אַלס רעדאַקטאָר, צי וואָלט איך געוואָלט ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. אים איז נמאס געוואָרן דער „ווילענ־סקי וועסטניק״ צוליב זײַן רעאַקציאָנערער פּראָגראַם און איך, ווי ער האָט געהערט, פיל זיך לעצטנס ניט גוט אין מײַן צײַטונג, איז דער שידוך אַ פּאַסיקער פון בײדע צדדים. איך האָב פּרינציפּיעל מסכים געווען און געוואַרט דער פּלאַן זאָל רעאַליזירט ווערן.

בײַ דער געלעגנהײט האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען דר. שמריהו לעווין, וועלכער האָט דאַן געלעבט און געווירקט אין ווילנע און איז געווען פאַררעכנט פאַר אײנעם פון די פּראָמי־נענטסטע מענטשן אין דעם נאַציאָנאַלן אידישן צענטער פון ווילנע. באַלד בין איך פּערזענליך באַקאַנט געוואָרן מיט אים, איך האָב זיך אויך באַקענט מיט דעם פּלאַן פון דער צײַטונג. דאָס האָט באַדאַרפט זײַן אַ טעגליכע צײַטונג אין רוסיש, וואָס זאָל אָבער זײַן געווידמעט די אידישע אינטערעסן. איך האָב זיך דערפרײט מיט דער פּערספּעק־טיווע, ווײַל דער פּראָצעס פון אינערליכן אַוועקגײן פון דער וועלט אין וועלכער איך האָב ביז איצט געלעבט האָט געמאַכט זײער אַ גרויסן פאָרשריט. איך האָב זיך געגרײט אָנהויבן אַ נײַ גײַסטיק לעבן, אָנ־קומען אין נײַע קרײַזן. מיט גרויס האָפענונג, מונטער און אָפּטימיס־טיש געשטימט האָב איך זיך געלאָזט אויף אָט דעם נײַעם וועג.

ע ס י י ע ן

פ י נ פ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

„נאָוואַיאַ זאַריאַ". — די „דיקטאַטור פון האַרצן". — אַלטע באַקאַנטע גייען אַוועק, נייע ווערן געשאַפן. — ווילנע דער אידישער קולטור צענטער. — די אָקטיאַבער טעג אין 1905. — אַן אָפענער בריוו צו מ. גאָרקי. — אַן אָפּשייד בריוו צו א. דעווינישסקי.

דער נאָמען פון דער נייער טעגליכער רוסישער צייטונג, געווידמעט די אידישע אינטערעסן, איז געווען „נאָוואַיאַ זאַריאַ". ווער עס האָט געגעבן דער צייטונג אָט דעם כמעט סלאַוויאַנאָפילישן נאָמען ווייס איך ניט עד היום. מסתמא איז דאָס געווען די פאַנטאַזיע פון דעם אָפיציעלן אַרויסגעבער, יענעם ציין דאָקטאָר שלאָסבערג, וואָס האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין שטאַרק אַנטוויקלטן געשמאַק. ער האָט שוין געהאַט דעם פאַרטיקן נאָמען און געבן אַן אַנדער נאָמען ווי, למשל, „יעווריעיסקי וועסטניק", אָדער „רוסקי יעווריי" איז מסתם ניט מעגליך געווען. אַזוי צי אַזוי, די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין. דער פאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען דער פריער דערמאָנטער עמנואל בעסקין, אַ טאַקטפולער בכבודיקער מענטש, מיט אַן אמתער נייגונג און אינטערעס צו ליטעראַרישע ענינים, אָבער צו דערזעלבער צייט זייער אַ בלייכער, גאָרניט זאָגנדיקער גייסט. ער איז געווען פלייסיק, פלינק אויף דער פען, אָבער אָן דעם מינדסטן טאַלאַנט, כאָטשבי האָבן אַמאָל אַן איינפאַל, זאָגן אַ האַלב אָריגינעל וואָרט. ער האָט אַ סך געלייענט, אָבער אומפּרוכטבאַר, דאָס הייסט, אין זכרון זיינען אים געבליבן ד י   ו ו ע ר ט ע ר . ער האָט געהאַט עטליכע העפטן אָנגעפילט מיט די שענסטע ציטאַטן, אָבער אַפילו די ציטאַטן האָט ער ניט פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן ריכטיק, ער האָט זיי אַריינגעבראָקט אין זיינע אַרטיקלען, אָבער דאָרטן זיינען זיי געווען די אינטערעסאַנטסטע שטעלן, די אַרטיקלען גופא האָבן ניט געטויגט. ציטאַטן האָבן נאָר דאַן אַ זין ווען מ'זאָגט אַליין אויך עפּעס, דאָס האָט ער אָבער ניט געקענט, ער איז נאָר געווען פלייסיק און פלינק. דער אַלגעמיינער ניט אידישער טייל פון דער צייטונג איז געלעגן אינגאַנצן

אויף אים. ער האָט אים געפירט אַנשטענדיק, אויף אַ אַנשטענדיקן קולטור ניוואָ. אין אידישע ענינים האָט ער זיך ניט געמישט. אים האָט געפעלט די פּאָזיטיווע שטעלונג דערצו. די אידישע אָפּטיילונג האָבן געפירט די וואָס זיינען געווען אָדער געוואָרן באַוואוסטע נאַציאָנאַלע אידן. דר. שמריהו לעווין, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דער אַנטשטייאונג פון דער צייטונג, דאָס הייסט, ער האָט פון זיינע פּריינט באַקומען דעם גרעסטן טייל געלט — און פאַר יענע צייטן איז עס געווען ניט קיין קליינע סומע — האָט אויך געשריבן גאַנץ אָפט, אָבער קיין צו שטאַרקן גייסטיקן אינטערעס צו דעם ענין האָט ער ניט געהאַט. סוף כל סוף איז די צייטונג ניט אַרויס פון דעם גדר פון אַ פּראָווינץ צייטונג. „נאָוואַיאַ זאַריאַ" האָט ניט געקענט פּרעטענדירן צו ווערן אַ פירנדיקע רוסיש־אידישע צייטונג און זיין מער ווי אַ טאָג בלאַט פאַר ווילנער און מינסקער אידן. קיין ליטעראַרישע און פּובליציסטישע כחות, די רוסיש־אידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, האָבן אַרום דער צייטונג זיך ניט גרופּירט. עס האָט אפשר געקענט ווערן דערפון עפּעס ערנסטעס, עס איז אָבער ניט געוואָרן. אידישע נאַציאָנאַלע קרייזן אין אַנדערע שטעט האָבן געוואוסט פון דער צייטונג, ווען ניט ווען געלייענט, אָבער זיי האָבן זיך מער אינטערעסירט אין דעם לאָקאַלן, ניט אין דעם אַלגעמיינעם. איך, ווי אַ״גר, האָב, פאַרשטייט זיך, געבערענט, איבערטריבן, געשריבן געפילפולע אַרטיקלען אָבער אין אַ קורצער צייט בין איך אויך אָפּגעקילט געוואָרן. איך האָב שוין באַטראַכט די צייטונג ווי אַ שפּרונג־ברעט צו עפּעס אַנדערש, וויכטיקערעס, אַ שפּרונג־ברעט פון וואַנען עס וועט מעגליך זיין אַרונטערצוטויכן אין דער ציוניסטישער וועלט. אויף ווי ווינציק די צייטונג האָט פאַרמאָגט אינערליכע טעמפּאָ און פאַרביגקייט קען מען זען דערפון וואָס אין מיין זכרון זיינען פאַרבליבן זייער ווייניק מענטשן פון דער רעדאַקציע. חוץ דעם רעדאַקטאָר, עמנואל בעסקין, געדיינק איך נאָר דעם דיכטער דימיטרי צענזאָר. ער איז געווען אַ זעלטן שיינער, הונדערט פּראָצענט אַריש אויסזעענדיקער יונגערמאַן, אַ סטודענט פון פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט און אַ דיכטער, געשריבן לידער אין רוסיש. די לידער האָט ער געדרוקט פון צייט צו צייט אין רוסישע וועכנטליכע זשורנאַלן און אין

די זונטיק נומערן פון די טעגליכע דעמאָקראַטישע צייטונגען. גוטע, פיין קלינגענדיקע לידער. עס האָט זיי, דוכט זיך, גאָרניט געפעלט מ׳זאָל דעם שרייבער קענען פאַררעכענען פאַר אַן אמתן דיכטער, אַ קליינינקייט אפשר, אָבער עס האָט געפעלט דער לעצטער קלאַנג, דאָס ווייניק־וויכטיקע, דער הויפּט אַראָמאַט האָט געפעלט, און דער גוטער, געזונטער, שטענדיק לאַכנדיקער מיטיאַ צענזאָר, „דאָבראַיאַ דושאַ“, די גוטע נשמה, ווי מ׳פלעגט אים רופן, איז געווען דער ליבלינג פון פרויען, ער איז אָבער פאָרט געבליבן נאָר אַ מיטלמעסיקער דיכטער.

די „נאָוואַיאַ זאַריאַ“ האָט בכלל ניט געקענט האָבן קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג. אַלע, חוץ דער באַוואוסטזיניקער, קאָנזעקווענט דיינקענדער אידישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, וואָס איז בנוגע די אינערליכע רוסישע ענינים ניט געווען אַזוי אָפּטימיסטיש, זיינען געווען באַרוישט פון דער פּאָליטישער פרילינג לופט. אין פּעטערבורג איז מיניסטער פון אינערן געווען דער קניאַז סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, דער פריערדיקער גענעראַל גובערנאַטאָר פון ווילנער אָקרוג און דער שעפער פון דער זייער קורצער תקופה, וואָס האָט געטראָגן די ביז גאָר מערקווירדיקע באַצייכענונג „די דיקטאַטור פון האַרצן“. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט האָפענונגען פון באַלדיקער פּאָליטישער פרייהייט. די פּרעסע האָט געקראָגן מער מעגליכקייטן צו ריידן אָפן, די ליבעראַלע עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ שטאַרקע פּאָליטישע טעטיגקייט, די פרייע פּראָפעסיעס האָבן זיך אַלץ ענגער אָרגאַניזירט אין מעכטיקע, איינפלוסרייכע פאַראיינען. אויף זאַכן, פאַר וועלכע מ׳פלעגט פריער שיקן קיין סיביר, האָט די רעגירונג איצט צוגעמאַכט די אויגן. די יוגנט, די סטודענטענשאַפט איז אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשכורט פון דעם וואָס דאַרף קומען. אין אַזאַ צייט ווערן ציוניסטישע צייטונגען ווייניק געלייענט, ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען ווערן שוואַך באַזוכט. די בייטראַלע, די זיך וואַקלענדיקע הויבן אָן צו טראַכטן אַז איצט, ווען עס ווערט אַזוי גוט און פריי, צוליב וואָס דאַרף מען אינגאַנצן דעם ציוניזם. צווישן אַלע אַנדערע סימנים לויט וועלכע מ׳קען דערקענען צי אַ באַוועגונג אָדער אַן אידייע האָט ערפאָלג איז אויך דאָ איין זייער אינטערעסאַנטער סימן — צו די פאַרזאַמלונגען פון אַ דערפאָלגרייכער, אין מאָדע קומנדיקער באַוועגונג לויפן שיינע

שמריהו גאָרעליק

פרויען און מיידלעך. גאָר די שענסטע פרויען זיינען דאַן געגאַנגען צו די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, ווייל די פּאַרטיי האָט געהאַט אַ ראָמאַנטישע פּאַרגאַנגענהייט. אין ווילנע איז עס געווען פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט. פאַר די ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען זיינען געבליבן די . . . באַשיידענע, שטילע, געטריייע, און זייער צאָל איז אויך ניט געווען באַזונדער גרויס. בקיצור, דער ציוניזם איז ניט געווען אין דער מאָדע אין יענעם קורצן פּעריאָד פון „אַט, וועט גאָר, גאָר גוט ווערן“, און ווערן אַ ציוניסט דוקא אין יענער צייט האָט מען געמוזט זיין אַ שטיקל בטלן. איך בין געווען אַזאַ בטלן. די ניט מאָדערנע אידייע האָט מיך מעכטיק געצויגן. ווען איך האָב זיך צוגעקוקט ווי קליינע, ציטעריקע נשמות זיינען איבערנאַכט געוואָרן פייערדיקע רעוואָלוציאָנערן, האָב איך געפילט אַ מין שטאָלץ דוקא צו זיין אַ ציוניסט, וואָס האָט געהייסן זיין „ראַקציאָנער“. מיין ניט מאָדערנעקייט איז מיר געפעלן געוואָרן, הגם איך האָב באַצאָלט דערפאַר מיט די סימפּאַטיעס פון די צאָלרייכע אידישע באַקאַנטע, זיי האָבן כמעט ווי אויפגעהערט מיך באַגריסן. פון די ניט אידישע בין איך פּאַמעליך, ביסלעכווייז, און ביז גאָר פריינטליך אַליין אַוועק. און וואוהין, וואוהין זיינען אַהינגעקומען די שיינע קורסיסטקעס און די שיינע גימנאַזיסטקעס, וואָס פלעגן קומען גאַנץ אָפט און בעטן מ׳זאָל פאַר זיי האַלטן אַ ליטעראַרישן פאָרטראַג? פאַרשוואונדן. ניטאָ. קיינע, קיינע קומט ניט מער.

פאַר איינעם וואָס איז אקאָרשט געוואָרן אַ ציוניסט, אַלזאָ פריש, באַגייסטערט, נייגיריק אין בעסטן זין, איז פונדעסטוועגן לייכט געווען צו געפינען אַ טרייסט. אַלטע באַקאַנטע זיינען טאַקע אַוועק, אָבער עס זיינען געקומען נייע, און צווישן זיי זיינען געווען כמעט אַלע פירער פון דעם רוסישן ציוניזם. דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט די פאַמיליעס י. ל. גאָלדבערג און שמריהו לעווין בין איך, אין אַ קורצער צייט, באַקאַנט געוואָרן מיט דער העכסטער ציוניסטישער פּראָמינענץ. אוסישקין, טשלענאָוו, כהן־בערנשטיין, וו. טיעמקין, א. אידעלסאָן, וו. זשאַבאָטינסקי, און דער גוטער, צו גוטער, שטענדיק צאַפּלדיקער, עקספּלאָזיווער און ווי אַ קינד שעמעוודיקער גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש ברוק. פאַר אַ ניט לאַנג געוואָרענעם נאַציאָנאַליסט און ציוניסט האָט אויך

עסייען

געמיינט זייער אַ סך דאָס אַריינקומען אין הויז פון שמעון דובנאָוו, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין ווילנע. ווי מ׳זעט איז די קאָמפּענסאַציע פאַר די אָפּגעפּאַלענע באַקאַנטע געווען אַ ביז גאַר רייכע. גראדע דאַן האָט ווילנע זיך געקליבן צו ווערן אַ שטאַרקער ציוניסטישער צענטער. אין ווילנע פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן וויכטיקע ציוניסטישע זיצונגען, און אַלע פלעגן קומען צו די זיצונגען. קענען אָט די אַלע מענטשן, וואָס זיינען אין מיינע אויגן געווען אַרומגענומען מיט אַ שטאַרקן ראָמאַנטישן, העראָאישן שימער, איז פאַר מיר געווען אַ פרייד, אַ גליק.

און אָט זיינען געקומען יענע היסטאָרישע אָקטאָבער טעג פון 1905, מיט דעם מעת לעתיקן פּאָליטישן פרייהייטס עקסטאַז און מיט די פּאָגראָמען גלייך נאָכדעם. די ציוניסטן האָבן שטענדיק, און אויך דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, געקוקט אויף פּאָגראָמען אַנדערש ווי די ניט ציוניסטן. די „נאָוואַיאַ זאַריאַ" האָט זיך געהאַלטן אַן דעם ציוניס־טישן קוק אויף די פּאָגראָמען. מער ווי אין אַלע אַנדערע ווילנער צייטונגען האָט אין „נאָוואַיאַ זאַריאַ" זיך אויסגעדריקט די אָפּשפּיגלונג פון יענע שווערע וואָכן. אין זכרון איז מיר פאַרבליבן דער אָפּענער בריוו צו מאַקסים גאָרקין וואָס איך האָב פאַרעפנטליכט אין דער „נאָוואַיאַ זאַריאַ". מיר, ווי אַ סך אַנדערע, האָט זיך אויסגעדוכט אַז גאָרקי, דער אידן פריינט, האָט זיך ניט גענוג געגומען צום האַרצן די אָקטיאַבער פּאָגראָמען און האָט אויף זיי ווייניק רעאַגירט. אין מיין אָפּע־נעם בריוו האָב איך אים דערמאָנט אַן זיין אייגענער רירנדיקער דער־ציילונג „קין און אַרטעם". קין איז יענער שוואַכער (דאָ איז קין אַ שוואַכער), שטילער אידישער באַסיאַק אין אָדעסער האַפן, וואָס האָט דעם גבור אַרטעם געראַטעוועט פון אונטערגאַנג, פון טויט. אַרטעם איז געווען אַלעמענס שרעק, ער האָט אַלעמען געשלאָגן און זיין מורא־דיקן כח האָט אויך קין ניט איין מאָל געפילט אויף זיינע פּלייצעס. אָבער איין מאָל האָבן אַלע באַסיאַקעס זיך צענויפגעקליבן, זיך אָנגע־נומען מיט מוט, אָפּגעוואַרט אַ פּאַסיקע שעה אין דער נאַכט און האָבן אַרטעמען געשלאָגן שיר ניט ביז צום טויט. ערגעץ הינטער אַ פּלויט איז אַרטעם געבליבן ליגן הילפלאָז, אָן כח, ניט קענענדיק באַוועגן אַ האַנט, אָדער אַ דריי טאָן דעם קאָפּ. ער וואָלט, פאַרשטייט זיך,

אונטערגעגאַנגען, ווען קין, דער אידישער באָסיאַק, קומט ניט אָן און גיט אים ניט קיין הילף. קין האָט אַרטעמען ווידער געשטעלט אויף די פיס, אים געמאַכט פאַר אַ מענטשן, ער האָט אים געבראַכט עסן, אים פאַרבונדן זיינע וואונדן, און אַזוי ווי אַרטעם איז ניט סתם אַ באָסיאַק, נאָר גאָרקיס אַ באָסיאַק, דאָס הייסט, אַ שטיקל ראָמאַנטישער העלד, קען ער אַזאַ טובה ניט פאַרגעסן. אַרטעם ווערט דער באַשיצער פון דעם קליינעם, שוואַכינקן קין. קין האָט איצטער מער פאַר קיינעם קיין מורא, ווייל הינטער אים שטייט דער מעכטיקער באַשיצער — אַרטעם. אַרטעמען ווערט אָבער נמאס דער עניין, די ד אַ נ ק ב אַ ר־ ק י י ט וו אָ ס ע ר א י ז ש ו ל ד י ק ד ע ם א י ד ן ל י ג ט א ו י ף א י ם וו י אַ ל אַ ס ט, ער וויל זיך פון איר באַפריי־ ען. ער פאַרטרייבט קינען פון זיינע אויגן. — גיי, שיץ זיך אַליין, — טענהט ער צו קינען. קין גייט אַוועק, אָבער אַוועקגייענדיק ווענדט ער זיך צו אַרטעמען און דערציילט אים אַז ער איז פאַרט געווען דער, וואָס האָט אים געבראַכט ברויט, וואַסער, רפואות, בעת ער איז געלעגן אַ שטאַרבנדיקער און קיינער האָט פון אים ניט געוואָלט וויסן. — געדיינקסט, אַרטעם? — טענהט קין, — קיינער איז ניט געווען, און איך בין געקומען. — אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק כראָפּען, אַ כראָפּען פון אַ גיבור. אַרטעם איז געשמאַק געשלאָפן . . . דאָס איז איינע פון גאָרקיס וואונדערבאַרסטע דערציי־ לונגען. אין מיין אָפענעם בריוו צו אים האָב איך געשילדערט זיין אייגענע דערציילונג און איר צוגעגעבן אַ סימבאָלישע באַדייטונג.

איך וויל דאָ דערמאָנען נאָך אַן אָפענעם בריוו וואָס איך האָב דאַן פאַרעפנטליכט אין „באָוואָיאַ זאַריאַ״. דער בריוו האָט געטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. דאָס איז געווען אַ געזעגענונג און אָפּשייד בריוו צום באַקאַנטן בונדיסט און מיין פריינט א. דעווינישסקי (א. ווייטער). בעת די בונדיסטן און די סאָציאַל דעמאָקראַטן האָבן זיך דערווייטערט פון מיר אינגאַנצן דערפאַר ווייל איך בין איבערגע־ גאַנגען צום ציוניזם, איז דעווינישסקי, אַ מענטש פון שטאַרקע קולטור־ רעלע און גייסטיקע אינטערעסן, מיר געבליבן געטריי, און אונזערע פריינטליכע באַציאונגען האָבן ניט אויפגעהערט. אין די אַקטיאַבער טעג איז אָבער דעווינישסקי געווען די צענטראַלסטע פיגור פון דעם

ווילנער פּאָליטישן לעבן. ביי די פּאַרטיי קעגנערשאַפטן וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט און ביי דעם איבערגעוויכט פון פּאָליטיק איבער אַלע אַנדערע ליטעראַרישע און קולטור פראַגן, איז געוואָרן אוממעג־ליך פאַר אונז אַנצוהאַלטן ווייטער די פריינטליכע באַציאונגען. האָב איך זיך געזעגנט מיט אים אין אַ לאַנגן אָפענעם בריוו. איך האָב אים, אגב, דערמאָנט אַ סצענע פון דעם אַמאָליקן רוסישן גייסטיקן לעבן: אַקסאַקאָוו, דער סלאַוויאַנאָפיל און אָגאַריאָוו, דער אייראָפּעאיש געשטימטער,ביידע הייסע פריינט, פילן אַז די קעגנערשאַפט פון זייערע איבערצייגונגען איז צו שטאַרק געוואָרן, באַגעגענען זיי זיך צום לעצטן מאָל, ניט כדי צו פירן פּאָלעמיק, נאָר ברידערליך, מיט טרערן אין די אויגן, נעמען זיי אָפּשייד איינער פון צווייטן.

אין דעמזעלבן אָוונט, נאָכדעם ווי דער בריוו איז פאַרעפענטליכט געוואָרן, האָבן מיר אין קלוב גענומען אפשייד איינער פונם אַנדערן. מיר האָבן זיך ברידערליך דערלאַנגט די הענט, זיך צעקושט, און מיר האָט זיך געדוכט אַז ניט נאָר אין מיינע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. מער האָבן מיר זיך ניט באַגעגנט אפזיכטליך, און ווען מ׳האָט צופעליק זיך געטראָפן האָט מען זיך ניט געגריסט. פרעמדע, פרעמדע מענטשן. מיר האָבן דאָן, פאַרשטייט זיך, ניט געאָנט אַז דער גורל וועט אונז — שוין ביידע ווי אידישע שרייבער — ווידער צוזאַמענ־ברייגגען.

מיר וועט נאָך ניט איין מאָל אויסקומען צו ריידן וועגן אָט דעם וואונדערבאַרן, טראַגישן מענטשן דעוויטישסקי — א. ווייטער.

זעקסטער קאַפּיטל

די וואָכנבלאַט „דאָס אידישע פאָלק". — באַקאַנטשאַפט מיט דר. י. לוריע. — „בריוו צו אַ פריינד". — אַ אידישער לייענער וואָס דערמאָנט זיך אָן עפּעס אין פינף און צוואַנ־ציק יאָר אַרום.

מיינע ליטעראַרישע זכרונות דערנעענטערן זיך צו דער צייט פון וועלכער עס הויבט זיך אָן מיין אַריינטרעטן אין דער משפחה פון די

שמריהו גאָרעליק

אידישע שרייבער. פון דער מיטאַרבעטערשאַפט אין „נאָוואַיאַ זאַריאַ" ביז דעם מאָמענט ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן מיט די וואונדער־באַרע אַלטע אידישע אותיות וויל איך נאָך דערמאָנען צוויי לייגגערע נסיעות, וואָס איך האָב געמאַכט, איינע זייער אַ טרויעריקע און די אַנדערע זייער אַן אנגענעמע. מיט דער טרויעריקער מיין איך דאָס אַרומפאָרן איבער איינקע שטעט וועלכע האָבן געליטן פון די אַקטאָ־בער פאָגראָמען און, צוזאַמען מיט אַנדערע וואָס זיינען אַרומגעפאָרן איבער אַנדערע שטעט, זאַמלען דעם פאָגראָם מאַטעריאַל פאַר לעאָן מאצקינען, וואָס האָט געשריבן אַ היסטאָרישׂ ווערק וועגן די פאָגראָ־מען. מאצקין האָט, ווי באַקאַנט, געשריבן דאָס ווערק אויפן אויפ־טראַג פון דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע. נאָכדעם ווי איך האָב געענדיקט די טרויעריקע נסיעה האָב איך אונטערגענומען אַ צווייטע נסיעה, אַ פריילעכע און אַ באַגליקנדע — די נסיעה קיין ארץ ישראל אָנהויב 1906.

איך וויל דאָ ניט דערציילן פיל וועגן אָט דער נסיעה. איך האָב דעמאָלט ניט געזען קיין סך, אָבער איך בין געווען אין ארץ ישראל, געזען און זיך געפילט גליקליך. אויף צוריקוועגס האָב איך זיך אָפּ־געשטעלט אין סאַלאָניקי. איך האָב דאָרט ניט געהאַט קיין איין באַקאַנטן, האָב איך עטליכע טעג געבלאָנזעט דורך די פרעמדע גאַסן, געזעסן אין די גראַמע קאַפעען פון דער שבתי צבי שטאָט. פון סאַ־לאָניקי בין איך געפאָרן מיט דער אייזנבאַן דורך בעלגראַד, בודאַפּעשט, וויען צוריק קיין ווילנע. אַ לאַנגע נסיעה, און זי האָט געדויערט נאָך לייגגער ווייל איך האָב אומעטום זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב ליב געהאַט צו שפּאַצירן איבער די גאַסן פון די פרעמדע שטעט, זיצן אין די קאַפעען, און איך האָב קיין מורא ניט געהאַט, וואָס איך בין אַ פרעמדער, האָב דאָרטן קיינעם. איצט, ווען אייראָפּע איז אַזוי אומ־פריינטליך, אומהיימליך, וואָלט מיר גאָרניט איינגעפאַלן זיך אָפּשטעלן אין אַ שטאָט, וואו איך זאָל ניט האָבן לכל הפחות אַ פּאָר באַקאַנטע.

זומער 1906 האָט אין ווילנע אָנגעהויבן דערשיינען די ציוניס־טישע וואָכנבלאַט „דאָס אידישע פאָלק" אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. לוריע. פון דעם ערשטן נומער אָן בין איך פאַררעכנט געוואָרן פאַר איינעם פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער. דאָ האָב איך אויך

אָנגעהויבן מיין ליטעראַרישע טעטיגקייט ווי אַ אידישער שרייבער. די מיטאַרבעטערשאַפט אין „דאָס אידישע פאָלק" באַטראַכט איך ווי איי־נע פון מיינע שענסטע ליטעראַרישע איבערלעבונגען, וועל איך זיך דערלויבן צו פאַרווײַלן אַ ביסל לייגער ביי דער צייט.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער רוסישער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין ווילנע אַ וועכנטליכע צייטשריפט אין אידיש, וואָס זאָל אויך זיין דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי האָט, פאַרשטייט זיך, קודם געטראַכט וועגן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן אָרגאַן, אידיש האָט נאָר באַדאַרפט זיין דער אינסטרומענט פאַר אָט דער פּראָפּאַגאַנדע. דער צענטראַל קאָ־מיטעט האָט געפירט פרהאַנדלונגען מיט דר. לוריע, וועלכער איז דע־מאָלט געווען איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן פון פּעטערבורגער „פריינד". לוריע האָט איינגעשטימט צו קומען קיין ווילנע און ווערן דער רעדאַקטאָר פון „דאָס אידישע פאָלק". דאָס האָט געפירט דערצו אַז „די כלה זאָל זיין צו שיין", דאָס מיינט אַז חוץ דעם וואָס די וואָכנבלאַט האָט פּראָפּאַגאַנדירט די ציוניסטישע אידייע מיט איבער־געבנהייט און מיט דער טיפסטער איבערצייגונג, איז זי אויך געוואָרן די בעסטע און שענסטע וואָכנבלאַט, וואָס איז ווען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אידיש. מיט אייניקע יאָר פריער איז שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע אַ נאַציאָנאַלע ציוניסטישע וואָכנבלאַט „דער יוד", אויך אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. לוריע. די נייע וואָכנבלאַט, „דאָס אידישע פאָלק", איז געבליבן געטריי דער טראַדי־ציע פון דער ערשטער וואָכנבלאַט און האָט זיך באַמיט די טראַדיציע נאָך פאַרטיפערן, די פאַראַנטוואָרטליכקייט נעמען נאָך ערנסטער. אַרום „דאָס אידישע פאָלק" האָבן זיך באַלד גרופּירט די בעסטע ליטע־ראַרישע כחות וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט דאַן פאַרמאָגט. אין „דאָס אידישע פאָלק" האָבן זיך געדרוקט זאַכן פון שלום עליכם, פּרץ, פרוג, שניאור, פּרץ הירשביין, דוד פרישמאַן, אנכי און אַנדערע. אויף דעם צווייטן טראָטואַר פון דער שיינער, מיט הויכע בוימער באַזעצטער פּאָגוליאַנקע גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען די רעדאַקציע און דר. לוריעס וואוינונג, איז געווען נאָך אַ רעדאַקציע פון אַ גאַנץ אַנדערער אידישער צייטונג, דער וועכנטליכער פּאַרטיי אָרגאַן פון די ציוניסטן־

ש מ ר י ה ו ג אָ ר ע ל י ק

סאָציאַליסטן — ס.ס. — „דער נייער וועג". דאָרטן האָט מען גע־שריבן לאַנגע עקאָנאָמישע, סאָציאָלאָגישע אַרטיקלען, מ'האָט זיך גע־חקרנט און באַוויזן אַז די בונדיסטן הויבן ניט אָן צו פאַרשטיין קאַרל מאַרקס, און פון דעם הויף וואו יענע רעדאַקציע האָט זיך געפונען פלעגן אַרויסגיין גאַנצע גרופּן פון שרעקליך ערנסטע, פאַרדאַגהטע מענטשן. אַן אויסערגעוויינליך שווערע לאַסט פון ערנסטקייט איז געווען אויסגעשפּרייט אויף די פּנימער פון לאַצקי־בערטאָלדי, ליט־וואַקאָוו, ש. ניגער און אַנדערע. אין פאַרגלייך מיט זיי האָבן די מיטאַרבעטער פון „דאָס אידישע פאָלק", וואָס פלעגן אויך אָפּט אַרויסגיין אין דערזעלבער צייט, אויסגעזען ווי לייכטע אינפאַנטעריע, באַלאָדן נאָר מיט אַלגעמיינעם ציוניזם און שיינער בעלעטריסטיק, בעת די מיטאַרבעטער פון „דער נייער וועג" האָבן געקענט פאַרגליכן ווערן צו שווערער אַרטילעריע. די אידישע שרייבער, אַפילו ניט ציוניסטן, ווען זיי האָבן געהאַט עפּעס אַ שיינע זאַך, האָבן זיי עס פונדעסטוועגן געבראַכט ניט צום „נייער וועג", נאָר אין „דאָס אידישע פאָלק". ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי דאָ זיך בעסער געפילט און, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ליטעראַרישע ענינים, איז דר. לוריע געווען די בעסערע גאַראַנטיע . . .

געווען אָבער ניט ווייניק ציוניסטן, און דוקא צווישן די פירנדי־קע, וואָס זיינען ניט געווען אַזוי צופרידן מיט דער וואָכנבלאַט. די סיבה — „די כלה איז צו שיין". זייער שטעלונג צו אידיש איז געווען אַ נעגאַטיווע, האָט זיי פאַרדראָסן וואָס די וואָכנבלאַט גיט אָפּ אַזוי פיל פּלאַץ פאַר שיינער ליטעראַטור און וואָס זי איז בכלל צו שיין, צו בכבודיק. זיי האָבן ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם אַז אַ בכבודיקער מענטש, אויב ער דאַרף טאָן עפּעס, אַפילו נאָר צייטווייליקס, וועט ער זיך באַמיען צו טאָן עס אויף אַ בכבודיקן אופן. אַ צעלט, אויפגע־שטעלט נאָר אויף אַ געוויסער צייט, נאָר צוליב אַ באַשטימטן צוועק, אַן פרעטענזיעס אויף אַ שטענדיקער דירה, וועט ביי אַ צעטומלטן, ביי אַ נאַכליהע, אַ ניט אַקוראַטנעם זיין שמוציק, אָן דעם קלענסטן סימן פון סטיל, אָן דער קלענסטער זאָרג פאַר באַקוועמליכקייט, ביי אַ קול־טור מענטשן, ווידער, וועט אין אַזאַ צעלט הערשן די גרעסטע זויבער־קייט, אַלץ וועט שטיין אויפן ריכטיקן אָרט, עס וועט געזאָרגט ווערן

ע ס י י ע ן

צו האָבן די פּאַסיקע מעבל, עס זאָל זיין אַן אַנגענעמע שפּיל פון פאַרבן און ליניעס. אמת, דר. לוריע האָט דעמאָלט ניט געהאַט די באַציאונג צו אידיש וואָס ער האָט איצט. בעסער געזאָגט, איצט האָט ער מסתמא גאָר קיין באַציאונג צו אָט דער פראַגע, וואָס איז פאַר אים שוין לאַנג פאַרענטפערט געוואָרן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט אַ פערטל יאָרהונדערט אין ארץ ישראל, אָבער דעמאָלט, אין 1906, האָט ער יאָ געהאַט אַ באַציאונג צו אידיש, פאַרשטייט זיך, ווייט, ווייט ניט אַזאָ ווי די היינטיקע אידישיסטן האָבן עס. בקיצור, עס איז גע־ווען אַ צעלט, אָבער דר. לוריע איז געווען דער באַלעבאָס, און עס האָט געהערשט די גרעסטע ליטעראַרישע זויבערקייט און אַנגענעמער ערנסט.

מיט דר. לוריע בין איך באַקאַנט געוואָרן ביי דר. שמריהו לעווין אין הויז, מיט וועמען ער איז געווען באַפריינדעט פון דער סטודענטן צייט. מיר האָבן אָפּט פאַרבראַכט צוזאַמען אין ריידן איבער ציוניס־טישע, אידישע, אַלגעמיינע און ליטעראַרישע ענינים. בעת אַ לייב־גערן שפּאַצירגאַנג האָט דר. לוריע מיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג איך זאָל ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „דאָס אידישע פאָלק״. דעם פאָרשלאַג האָב איך אָנגענומען מיט פרייד און האָב גלייך זיך געזעצט שרייבן דעם ערשטן אַרטיקל אין אידיש, דוכט זיך, וועגן הענריק איבסען, וואָס איז ניט לאַנג פאַר דעם געהאַט געשטאָרבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר פעלן ניט קיין ווערטער, באַגריפן, און אַז איך קען זיך אַפילו דערלויבן צו האָבן אַן אייגענעם טאָן אין דער שפּראַך אין וועלכער איך האָב ביז איצט ניט געשריבן.

„דאָס אידישע פאָלק״ איז פאַר מיר הויפּטזעכליך פאַרבונדן מיט דער דעראינערונג פון „די בריוו צו אַ פריינד״, וואָס איך האָב דאָרט פאַרעפנטליכט אין משך פון 1906־1908. עס זיינען געווען דרייצן בריוו. שפּעטער זיינען זיי אַרויס אין בוך פאָרם. בעת איך שרייב אָט די שורות האָב איך ניט ביי זיך ניט די נומערן פון „דאָס אידישע פאָלק״ און אויך ניט דאָס ביכל מיט די דרייצן בריוו. איך געדיינק ניט גענוי זייער אינהאַלט, איך געדיינק נאָר אַז איך האָב זיי געשריבן אין אַ צושטאַנד פון שטאַרקער באַגייסטערונג פאַרן ציוניזם און, הגם אין יענע יאָרן האָב איך אַ סך געלערנט אין חכמת עקאָנאָמיק און

סאָציאָלאָגיע, האָב איך אין מיינע בריוו גערעדט נאָר אין נאָמען פון געפיל. איך האָב געדיינקט דעם אויסדרוק פון אַ ביז גאָר קלוגן מענטשן אַז „דער קאָפּ איז דער נאַר פון האַרצן“, און איך האָב גענומען דעם דירעקטערן וועג, לכתחילה אַפּעלירט צו די הערצער און די נשמות פון די לייענער.

איך קען דאָ ניט מאריך זיין וועגן די גייסטיקע און זעלישע סיבות וואָס האָבן גורם געווען דערצו איך זאָל ווערן אַ ציוניסט אָן באַדינגונגען, אַזוי צו זאָגן, דאָס מיינט אַן אַלגעמיינער ציוניסט, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ פיל שטאַרקערן קלאַנג ווי איצט. אין די „בריוו צו אַ פריינד“, וואָס איך האָב געשריבן ווי פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער ציוניסטישער אידייע האָב איך זיך באַנוצט מיט אַנדערן מאַטעריאַל, פון אַנדערע גייסטיקע און זעלישע פּראָווינצן, ווי די אַנדערע שרייבער ציוניסטן און נאַציאָנאַליסטן. איך אַליין בין געקומען צום ציוניזם דורך אַנדערע וועגן. ניט דער „השלח“, ניט אחד העם, קיינער פון די אידישע שרייבער האָט מיר ניט געהאָלפן דערצו. סוף כל סוף איז עס אויך ניט וויכטיק ווי אַזוי מ׳איז געקומען, אַבי מ׳איז דאָ . . . אָבער די שפּורן פון די וועגן, די איינפלוסן, אַנדערע ווי די געוויינליך אָנגענומענע, האָבן געמוזט געפינען זייער אָפּשפּיגלונג אין מיינע „בריוו צו אַ פריינד“. עס האָבן, למשל, געווירקט אויף מיר די העלדן פון דער איטאַליענישער „ריסארגימענטאָ“ (די איטאַליענישע פאַראייניקונג אין איין פאָלק). אייניקע שטעלן פון הערצענס „ביליאָיע אי דומי“ זיינען גאַנץ אָפט געווען גענוג איך זאָל זיך זעצן שרייבן אַ פלאַמענדיקן „בריוו צו אַ פריינד“ און אַזוי אַרום פירן מיין ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. אַלץ וואָס איך האָב אין משך פון אַ סך יאָרן אָנגעזאַמלט וואַנדערענדיק איבער פרעמדע קולטור פעלדער האָב איך אויסגענוצט פאַר יענער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע וואָס איך האָב געפירט אין מיינע „בריוו צו אַ פריינד“. די „בריוו“ האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג, מ׳האָט זיי געלייענט. ווען מ׳פירט אַ גע ונד לעבן קען מען ניט קלייבן אַלץ וואָס מ׳האָט געשריבן, אויך ניט קיין בריוו פון לייענער וואָס מ׳האָט געקראָגן, איך געדיינק אָבער אַז עס זיינען געווען בריוו, אויך קאָלעקטיווע בריוו פון דאַנקבאַרער יוגנט און אַפילו בריוו פון אַמעריקע. איין בריוו געדיינקט זיך מיר זייער קלאָר. אויפן

בריוו זיינען געווען אַ ס ך אונטערשריפֿן, צווישן זיי האָט זיך, אונטער אַ פּאָר פֿרייַנטליכע ווערטער, געחתמעט איינע מיטן נאָמען מאַניאַ ווילבושעוויטש, פֿון וועלכער איך האָב אַמאָל געהאַט געהערט אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג. מ׳האָט מיר אויך געשריבן אַז דר. מאַגנעס, אַ ציוניסט און ראַביי אין ניו יאָרקער טעמפּל עמנואל, האָט אויף אַ פֿאָלקס פֿאַרזאַמלונג דערמאָנט מיינע „בריוו צו אַ פֿריינד“, און דערמאָנט ניט צום שלעכטן. דאָס איז אַלץ געווען אַנגענעם צו הערן און, אין שעהן פֿון ספֿקות, ווען עס האָט זיך געפֿרעגט צי דאָס שטיקל לעבן, וואָס מ׳שטופּט ווי עס איז דורך האָט אַ זין, האָב איך אויך געשעפּט אַ ביסל טרייסט פֿון די אָפּרופֿן אויף מיינע בריוו.

די פֿאָרם, אַזוי גוט ווי דער אינהאַלט, פֿון די „בריוו“ איז געווען אַ שטיקל נייעס און די קריטיקער, ניט ווויסנדיק אין וואָס פֿאַר אַ רובריק זיי אַריינצושטעלן, האָבן זיך אַרויסגעדרייט פֿון זייער אומבאַהאָלפֿענקייט מיט אָנקלעפּן אַ צעטעלע — סענטימענטאַל. אין זיין לעקסיקאָן פֿאַר דער אידישער ליטעראַטור האָט זלמן רייזען אַריינגעקלעפּט אַזאַ צעטעלע, פֿאַרשטייט זיך, מיט דעם ציל צו פֿאַרמינערן דעם ווערט. זיץ איך איצט דאָ אין רחובות, שרייב די ליטעראַרישע זכרונות, און ווי איך זיץ און באַטראַכט אַזוי אויך רייזענס צעטעלע, קלאַפּט מען אָן אין טיר און די פּאָסט ברענגט מיר אַ בריוו פֿון אַן אַנדער מושב, געשריבן פֿון מיינעם אַ איצטיקן און אַמאָליקן לייענער, אַ לייענער פֿון יענע „בריוו“. אָט דער לייענער וויל פֿון מיר גאָרנישט. אין זיין בריוו האָט ער ניט אַריינגעלייגט אויך עטליכע לידער מיט דער בקשה זיי צו דרוקן, ער ווייסט אַז איך בין ניט קיין רעדאַקטאָר און מסתמא איז ער שוין גאָרניט אַזוי יונג ער זאָל בכלל שרייבן שירים. קורץ, דער לייענער וויל גאָרניט און בעט גאָרניט, ער האָט זיך דערמאָנט אָן עפּעס וואָס האָט מיט אומגעפֿער אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק געווירקט אויף אים און ער דאַנקט מיר איצט דערפֿאַר. זיינע דאַנק ווערטער העלפֿן מיר קלאָרער מאַכן די סיבה פֿאַרוואָס די „בריוו צו אַ פֿריינד“ האָבן אין יענער צייט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג. ווי איך, געדיינקט אויך ניט דער לייענער גענוי דעם אינהאַלט פֿון יענע בריוו, אָבער . . .

„אבל, — שרייבט דער לייענער, — מרגיש עוד אני כעת את

השפעתך, בהרבה מובנים, בעיקר שנטעת בי, כמו מקוה אני באחרים, תרבות נפשית, הסתכלות מיוחדת להופעות ההוי, גושה רצינית לפרובלימות ציונות".

גענוג! איך בין צופרידן. אַ סענטימענטאַליטעט וואָס העלפט צו „תרבות נפשית" איז אפנים געווען גאָרניט פון אַזאַ שלעכטן סאָרט. איך בין ניט מחויב צו זיין אומגערעכט בנוגע צו זיך אַליין און איך נעם אָן דעם קאָמפּלימענט פון יענעם לייענער, וואָס וויל פון מיר גאָרנישט, נאָר וואָס האָט נאָך אַן הפסקה פון מער ווי פינף און צוואַנציק יאָר זיך דערמאָנט אָן עפּעס וואָס האָט אויף אים געווירקט. איך דאַנק אים און איך זע אַז אין אַ געוויסער מאָס בין איך אויך באַרעכטיקט זיך דערמאָנען אָן מיינע „בריוו צו אַ פריינד".

זיבעטער קאַפּיטל

באַקאַנטשאַפט מיט אידישע שרייבער. — אַ דראַמען פאַרפאַסער פון גאַליציע מיט אַן אומבאַקאַנטן נאָמען. — „דאָס אידישע פאָלק" לעבט איבער אַ מאַטעריעלן קריזיס און איך קלייב אַבאָנענטן. — דר. לוריע טראָגט זיך אַרום מיט נייע פּלענער. — אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַאַג. — מיסיקאָן, שווייץ.

ביז מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „דאָס אידישע פאָלק" בין איך זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענגעקומען מיט אידישע שרייבער, אויב מ'זאָל ניט רעכענען דעם קורצן אָפיציעלן באַזוך ביי אחד העם און ביאַליק, וואָס איך האָב געמאַכט אין אָדעס אָנהויב 1906, זייענדיק דאָרט אויף מיין וועג קיין ארץ ישראל. שלום עליכמען האָב איך געזען און געהערט אים לייענען אין ווילנע אין 1905. די פאָרלעזונג האָט ער געהאַלטן אין דעם פּריוואַטן הויז פון דעם יונגן באַנקיר בונימאָוויטש. (געווען אויך אַן אַלטער באַנקיר בונימאָוויטש, דעם יונגנס פאָטער.) אַ געקליבענער עולם איז געווען איינגעלאַדן צו דער פאָרלעזונג. שלום עליכם האָט דעם אָונט געטראָגן אַ רוסיש העמדל מיט אַ גאַרטל. ער איז געזעסן ביי אַ קליינעם קיילעכדיקן טישל און האָט געלייענט עט-

ליכע דערציילונגען. דער עולם האָט שטורמיש געלאַכט, האָט זיך פשוט געקאַטשעט פאַר געלעכטער, שלום עליכם אַליין האָט אָבער אַפילו קיין שמייכל ניט געטאָן, אַרום אים האָבן געשטורמט ימען פון געלעכטער, ער איז געבליבן ערנסט. נאָר אין איין ווינקל פון זיין מויל איז ווי געבליבן הייגען אַ האַלב איראָנישער און גוטמוטיקער שמייכל. אַ וואונדערבאַרער לייענער. איך האָב אים דאַן געזען, געהערט, אָבער גערעדט האָב איך מיט אים ניט.

בעת „דאָס אידישע פאָלק״ האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, האָט די רעדאַקציע ניט געדאַרפט וואַרטן אויף דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל וואָס די פּאָסט וועט ברענגען, עס זיינען געווען גענוג שרייבער, וואָס האָבן זייערע דערציילונגען, לידער און אַרטיקלען געבראַכט פּערזענ־ליך. ווילנע האָט אין אירע מויערן שוין געהאַט איינגעשלאָסן אַ גאַנ־צע גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָבן דורך זייערע געדרוקטע זאַכן שוין געהאַט אַ שטיקל נאָמען. זיי האָבן דאַן אַלע געשריבן העברעאיש און זייערע גייסטיקע שאַפונגען געדרוקט אין „הזמן״.

מיר איז איצט ניט קלאָר צי איז דאַן געווען אַ מין הפסקה אין „הזמן״, אָדער פּשוט די זאַטע יאָרן זיינען פאַראיבערגעגאַנגען און די ציימונג איז אָרימער געוואָרן, און אפשר האָט גאָר געווירקט אַ נייער גייסט, ניט דוקא דער האָנאָראַר, איך געדיינק נאָר אַז די ליטעראַרישע משפחה האָט אָנגעהויבן שרייבן אידיש און זיך דרוקן אין „דאָס אידי־שע פאָלק״. ז. שניאור האָט געדרוקט בילדער רייכע סצענעס פון גאָטס ווערקשטאָט, בעת ער איז געווען באַשעפטיקט מיט אַזאַ קליי־ניגקייט ווי באַשאַפן די וועלט. דער יונגער שניאור איז שוין דעמאָלט געווען דערזעלבער ווי דער שפּעטערדיקער, פיל עלטערער, דאָס הייסט, אַ מייסטער פון אַ פאַרבן רייכער שפּראַך. פון זיין יענער שאַפונגס ציים אין אידיש געדיינקט זיך מיר נאָך אַ שרעקליכע פּאָגראָם דער־ציילונג און אַן אומגלויבליך טרויעריק ליד מיטן נאָמען „אַ שטיין״. זעלטן ווען האָב איך געלייענט אַ ליד אין וועלכן די איינזאַמקייט פון אַ מענטשן זאָל באַקלאָגט ווערן מיט אַזאַ באַצווינגענדער קראַפט. פעך שוואַרצע מעלאַנכאָליע און טיפסטער טרויער האָט געוויינט פון אָט דעם ליד. ז. אנכי, שוין דאַן מיט אַ רב אבא פּנים, איז געקומען מיט זיינע דערציילונגען פונם לעבן פון די אידישע אינטעליגענטן און איינ־

טעליגענטקעס, וואָס האָבן געזוכט אַ תיקון פאַר זייערע צעבראָכענע נשמות. דאָס איז געווען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, דער דורכ־געפאַלענער רעוואָלוציע, און אַ כוואַליע פון אַנטוישונג און פעסימיזם האָט זיך דאַן אַריבערגעטראָגן איבער דער רוסישער און אידישער אינטעליגענץ. מ'האָט אַ סך גערעדט וועגן זעלבסטמאָרד, און ניט נאָר גערעדט, מ'איז אויך באַגאַנגען. אַ שרעקליכע זעלבסטמאָרד עפּידעמיע האָט פאַרניכטעט אַ סך פון דער האָפנונגסלאָזער אידישער יוגנט. בקיצור, דאָס זיינען געווען יענע העלדן, וואָס האָבן מיט עטליכע יאָר שפּעטער זיך אויסגעליטן און אויסגעטענהט אין בערגעל־סאָנס ראָמאַנען, אויף וויפיל שטומע העלדן קענען טענהן, ווייל אין בערגעלסאָנס ראָמאַנען רעדט מען זייער ווייניק, עס איז מער אַ זעלי־שע פאַנטאָמינע ווי אַריידן. אויך אנכי האָט געפּרואווט זיין דער דאָלמעטשער פון אָט די צעבראָכענע מענטשן. אַזוי ווי אנכי האָט שוין סיי ווי זיין שטילן בכבודיקן ווינקעלע אין דער אידישער ליטע־ראַטור אַ דאַנק זיין וואונדערבאַרער רב אבא געשטאַלט, מעג מען דער־פאַר זאָגן — און ער אַליין ווייסט עס מסתם אויך — אַז די שילדערונג פון יענער צעבראָכענער, האָפנונגסלאָזער אידישער אינטעליגענץ האָט זיך אים ווייניק איינגעגעבן. אַלע זיינע העלדן, אָט די אַלע וואַלטער־מאַנס, מאַניאַס און מינאַס האָבן געטענהט אַז זיי איז ניט גוט, אַז זיי זעען ניט קיין ציל אין לעבן, אַז די נשמה איז פּוסט, אָבער מיט זייער טענהן און קלאָגן האָבן זיי ניט געקענט וועקן ביים לייענער קיין שטאַרקע געפילן פון מיטלייד. אנכי האָט געקלאַפּט, געהאַמערט אין לייענערס האַרץ, אַנגעוויזן אַז אָט ליידן, שמאַכטן מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן, דעם לייענערס האַרץ האָט זיך אָבער ניט גע־קענט ריכטיק דערוואַרימען. פּרץ הירשביין, בלייך, מאַגער, פאַר־חלומט, האָט געבראַכט אין דער רעדאַקציע בלייכע, מיט לבנה שיין באַגלאַנצטע דראַמעס און פּאָעמעס. זיינע העלדן האָבן גערעדט שטיל, קוים וואָס מ'האָט געקענט הערן, אייגנטליך קען מען ניט זאָגן גערעדט, נאָר געוואונקען, אַזוי ווי ביי מעטערלינקן, מיט דעם חילוק וואָס ביי מעטערלינקן זיינען עס געווען פּרינצעסנס און ביי הירשביינען זין און טעכטער פון אידישע ישובניקעס. פאַרשטאַנען האָט מען ווייניק, אָבער דאָס איז געווען די יונגע אידישע ליטעראַטור, און „דאָס אידישע

פאָלק" איז ניט געווען ענגהאַרציק, אומגאַסטפריינדליך, זי האָט געעפנט פאַר זיי אירע טויערן. אייניקע האָבן אויף די זייטן פון „דאָס אידישע פאָלק" אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע קאַריערע, ווי למשל דוד איינהאָרן, וואָס האָט דאָרטן אָפגעדרוקט זיין ערשט אידיליש ליד. די יוגנט האָט פונדעסטוועגן ניט געמינערט דעם סאָלידן כאַראַקטער פון דר. לוריעס וואָכנבלאַט, עס זיינען געווען גענוג אַלטע, ערנסטע שרייבער.

אָט די אַלע שרייבער האָב איך גאַנץ אָפט געזען אין דער רעדאַקציע און איך בין מיט זיי באַקאַנט געוואָרן. זיי זיינען אַלע געווען יונג, אָבער שוין ניט אַזוי יונג אַז די הויפט שטריכן פון זייערע כאַראַקטערס זאָלן נאָך ניט זיין אויסקריסטאַליזירט, און זיי זיינען שוין דאַן געווען כמעט דיזעלבע ווי מ'קען זיי איצט. איין מאָל האָבן מיר אַלע צוזאַמען פאַרבראַכט אַן אָוונט אין דער רעדאַקציע, וואָס איז אויך געווען לוריעס וואוינונג. אנכי האָט דערציילט זיין רב אבא מיט פערפעקטער מייסטערשאַפט. מיר זיינען אַלע געווען גערירט און באמת באַגליקט. טשעמערינסקי — רב מרדכילע — האָט געזונגען, דעקלאַמירט, דערציילט אַנעקדאָטן און גערויכערט אָן אַן אויפהער. אַרום דעם אָרט וואו ער איז געזעסן איז באַלד אויסגעוואקסן אַ גאַנצער באַרג מיט שטיקלעך פון אויסגערויכערטע פאַפיראָסן, טייכלעך פון אויסגעגאָסענער טיי, קופקעלעך צעריסענער פאַפיר און צעבראָכענע שוועבעלעך. אַן אַפאָטהעאָז פון אומאָרדנונג, פון כאַאָס. רב מרדכילע איז געווען אַ צעכראַסטעטער איד, אַן אויסדרוקספולער טיפ פון אַ אידישן באַהעמער. פון די שריפטשטעלער מיט וועלכע איך בין דאַן באַקאַנט געוואָרן דערמאָנט זיך מיר נאָך בערשאַדסקי. ער האָט געשפילט אַ שטיקל ראָלע אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַ דאַנק זיינע ראָמאַנען אָדער ראָמאַן (איך האָב אים ניט געלייענט) אין וועלכן ער זאָל האָבן באַרירט מאָדערנע טעמעס. דאָס האָט מען מיר דערציילט וועגן אים. ווען איך האָב אַ פרעג געטאָן: ווי קען אַ מיטלמעסיקער מענטש שאַפן עפעס מער ווי מיטלמעסיקס, האָב איך אויף מיין פראַגע קיין ענטפער ניט געקראָגן. בערשאַדסקי איז געווען אַ קאָרעקטער מענטש, ניט אָן אויסערליכע מאַניערן, אָבער אַ טרוקענער און אָן פאַנטאַזיע. אַפילו די טויטליכע קראַנקהייט וואָס ער האָט אין

זיך געטראָגן און פון וועלכער ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן, האָט ניט באַפּרוכפּערט זיין אינערן וועזן און אים ניט צוגעגעבן קיין לירישע ווייכקייט. מיר דוכט ער האָט זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיט פּלענער פון אַ פאָלקס פאַרלאַג, אָבער אויך זיינע פּלענער זיינען געווען פאַרדאַרט, טרוקן. ער איז געווען פאַנטאַזיעלאָז ווי אַ . . . בונדיסט.

איך וויל דאָ נאָך דערמאָנען הלל צייטלינען. איך גלויב אַז אין „דאָס אידישע פאָלק" האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ערשטע זאַך אין אידיש. ער האָט דאַן אויך געלעבט אין ווילנע און איין פאַרמיטיק איז ער געקומען אין דער רעדאַקציע מיט אַן אַרטיקל וועגן דער פּראָבלעם פון שיינקייט אין תלמוד. אַ איד מיט אַ רויטליכער באָרד און מערקווירדיק בלויע אויגן, אַ ביז גאָר ניט פּאַסיקע בלויקייט. אַזאַ איינדרוק איז מיר געבליבן פון מיין ערשטער און לעצטער באַגעגעניש מיט אָט דעם חסיד און ניצשע קענער, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסער האַסער אין דער פּאָלעמיק. אגב, איז הלל צייטלין געווען דער איינציקער צווישן די אידישע שרייבער מיט וועמען איך בין עטליכע מאָל געשטאַנען אין אַ זייער שאַרפער פּאָלעמיק.

איך וויל דאָ פאַרצייכענען נאָך אַ מערקווירדיקן מאָמענט. דר. לוריע האָט מיר איבערגעגעבן אַ ביכל וואָס איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען אין רעדאַקציע איך זאָל עס איבערלייענען און אפשר עפּעס שרייבן וועגן דעם. דאָס ביכל איז אַ דראַמע, געדרוקט אין קראָקוי אָדער לעמבערג, דער נאָמען פון ביכל איז „פאַרטאָג", דער מחבר איז איינער א. ווייטער. ווער קען עס זיין? אַליין אַ קנאַפּער בקי אין דער אידישער ליטעראַטור, פרעג איך זיך נאָך ביי אַנדערע, גרעסערע קענער, קיינער ווייסט ניט פון אַזאַ נאָמען. איך זעץ זיך לייענען די דראַמע, גוט. דאָרטן קלינגען מאָטיוון וואָס רירן שטאַרק, מאַכן אַן איינדרוק. איך שרייב אַן אַ גרעסערן לויב אַרטיקל וועגן דער דראַמע און דעם אומבאַקאַנטן מחבר. ערשט אין אַ לייַנגערער צייט אַרום דערוויס איך זיך — א. ווייטער, דאָס איז דאָך מיין אַלטער גוטער פריינט, א. דעווינישסקי, מיט וועמען איך בין זיך פונאַנדערגעגאַנגען. די רירנדע סצענע פון אונזער צעשיידן זיך האָב איך דערמאָנט אין איינעם פון די פריקע קאַפּיטלעך.

ע ס י י ע ן

„דאָס אידישע פאָלק״ איז אין מאַטעריעלן הינזיכט געווען ניט קיין רייכע וואָכנשריפט. אמת, זי האָט געהאַט אַ געטרייען לייענער, אָבער זיין צאָל איז געווען ניט זייער גרויס, ווי בכלל די אידישע לייענער פון יענער צייט. דער סוף איז געווען דער נאַטירליכער אין אַזעלכע פאַלן — אַ דעפיציט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט דעם דעפיציט געדעקט, זי האָט אָבער געמאַכט אַ פאַרזאָרגטע מינע. איך בין צו דער וואָכנשריפט געווען צוגעבונדן מיטן גאַנצן האַרצן, האָב איך, פאָרנדיק צו מיינע קרובים אין אוקראַאינע, באַשלאָסן אויסנוצן די געלעגנהייט און פאַרגרעסערן די צאָל אַבאָנענטן. אין דריי שטעט, ווייניקסטנס, האָט זיך עס איינגעגעבן: אין מירגאָראָד, קרעמענטשוג און פּאָלטאַווע. בכלל זיינען די שטעט געווען שוואַכע צענטערס פון ציוניזם און נאָך שוואַכערע ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, פונדעסטוועגן האָב איך דאָרטן געשאַפן מער אַבאָנענטן ווי אין אַנדערע שטעט. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט קרעמענטשוג. ניט צוליב מיין פּראָפּאַגאַנדע, נאָר צוליב דער באַנק, „די געזעלשאַפט פון קעגנזייטיקן קרעדיט״, וואו דער הויפּט בוכהאַלטער איז געווען מיין שוועסטערקינד הלל הינדין. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט, אַן אנגעזעענער מענטש, און ער האָט זיך אַריינגעטאָן אין דעם ענין . . . פּערזענליך האָט ער צום ציוניזם געהאַט אַ קנאַפּע שייכות און נאָך ווייניקער צו דער אידישער ליטעראַטור, אָבער ער האָט מיר געוואָלט טאָן א טובה, האָט ער לעבן זיין הויפּט בוך אַוועקגעלייגט אויך דאָס אַבאָנענטן ביכל פון „דאָס אידישע פאָלק״, און אַלע קרעמענטשוגער אידן וואָס האָבן יענעם טאָג געהאַט צו טאָן מיט דער באַנק און מיט איר הויפּט בוכהאַלטער האָבן געמוזט ווערן אַבאָנענטן פון „דאָס אידישע פאָלק״. און זייער צאָל איז געווען גאָר ניט ווייניק . . .

אין די אויגן פון דעם צייטונגס אַדמיניסטראַטאָר, חיים קאצענעלסאָן, איז מיין פּרעסטיזש געשטיגן, אָבער די וואָכנשריפט האָט עס ניט געראַטעוועט. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע האָב איך נאָך אַלץ געקענט הערן די קלאַגן וועגן דעם דעפיציט, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעוויזן וואָס ווינציקער חשק צו דעקן דעם דעפיציט. די מאַטעריעלע לאַגע איז אָבער ניט געווען די איינ־

ציקע צרה. נאָך ערגער איז געווען דאָס וואָס דר. לוריע האָט געוואָלט פאַרענדיקן אַ קאַפּיטל אין זיין גייסטיקן לעבן און אָנהויבן אַ ניי קאַפּיטל, מיט אַ נייעם אינהאַלט. איך דערוויס זיך פון אים אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן אַריבערצופאָרן אויף שטענדיק קיין ארץ ישראל. עטליכע חדשים האָט ער נאָך געוואָלט פאַרברייינגען אין פּאַריז, אַזוי ווי זעגענען זיך מיט אייראָפּע, און דאַן אָנהויבן דאָס נייע, שטילע, פון פליכט ערפילט לעבן אין דעם לאַנד, פון וועלכן ער האָט געחלומט נאָך אין זיין פריסטער יוגנט. ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן רעספּעקט וואָס איך האָב געהאַט פאַר אַזאַ באַשלוס, האָב איך פונדעסטוועגן ניט געקענט זיין צופרידן מיט אים. דאָס האָט געמיינט פאַרלאָזן, אָפּברעכן אַ ווערק, אַ בכבודע טריבונע, אויפגעבן אַן אַרבעט וואָס איז געווען אַזוי פּרוכטבאַר.

אין האַאַג, וואו מיר זיינען ביידע געווען צום ציוניסטישן קאָנ־גרעס, האָב איך זיך געזעגנט מיט דר. לוריע. מיר האָט זיך געדוכט אַז אים איז געווען זייער לייכט צו פאַרלאָזן זיין פריערדיקע אַרבעט און זיין ווירקונג ווייל אַ ראָמאַנטישע האָפענונג האָט געוואונקען צו אים. עס קען זיין אַז דאָס האָט זיך מיר בלויז אַזוי געדוכט, מיר האָט דאָס אָבער אַ ביסל ווי געטאָן. דר. לוריע איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז און איך האָב אייניקע וואָכן פאַרבראַכט אין דער שווייץ, ביים פיערוואַלדשטעטערזעע, אין דעם וואונדערבאַרן שטילן דאָרף סיסקאָן, וואָס ליגט אויף דער אַקסנשטראַסע, צווישן ברונע און פליעלען.

שפּאַצירנדיק צווישן די שווייצאַרישע טאָלן, אָדער אָטעמענדיק די קאַלטע בערג לופט, האָב איך, פאַרשטייט זיך, געטראַכט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, איך האָב אָבער אויך געמוזט אָנהויבן טראַכטן וואָס וועל איך טאָן ווען איך וועל קומען צוריק קיין ווילנע. דער גורל צו זיין אַ אידישער שרייבער האָט אויפגעהערט זיך באַווייזן נאָר אין רעגנבויגן פאַרבן, מיט אַמאָל איז ווי געקומען צו מיר דער באַוואוסט־זיין אַז דער גורל איז אַ שווערער, פול מיט אומזיכערקייטן, איז ווייט פון צו זיין סטאַביל.

די וואָכנשריפט „דאָס אידישע פאָלק" איז נאָך אַרויסגעגאַנגען אַ געוויסע צייט אונטער דער רעדאַקציע פון ל. יאפע. איך האָב נאָך

עסייען

אָפּגעדרוקט דאָרט די לעצטע צוויי „בריוו צו אַ פריינד“, אָבער קיין אמת אינערליכע באַציאונג צו דער וואָכנשריפט האָב איך שוין מער ניט געהאַט. איך האָב אויך געפילט אַז זי וועט ניט האָבן קיין קיום. און אַזוי איז געווען. אינגיכן האָט זי אויפגעהערט צו דערשיינען.

אַכטער קאַפּיטל

מיטאַרבעטערשאַפט אין „הזמן“. — אַלטע פריינט באַגעגענען זיך ווידער און שמידן פּלענער. — „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן“. — דער אָפּקלאַנג וואָס די צייטשריפט רופט אַרויס. — די סיבות פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַלע מאָל, אין די הפסקות צווישן איין שטענדיקער ליטעראַרישער אַרבעט און דער צווייטער, צווישן איין ליטעראַרישן פּלאַן און דעם אַנדערן, אין דער, אַזוי צו זאָגן, „פרייער צייט“, האָב איך געשריבן פעליעטאָנען פאַרן „הזמן“, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע. אַזוי ווי די הפסקות זיינען זייער אָפט געווען גאַנץ לאַנגע, האָב איך אַ סך געשריבן אין „הזמן“. איך האָב אויך געמוזט דאָרטן שרייבן אַ סך מחמת אַנדערע סיבות. שרייבער האָבן געוויינליך ליב קריגן גוטע האָנאָראַרן — ווער האָט עס ניט ליב? — און ריידן אומגערן וועגן דעם ווען זיי באַקומען שלעכטע, אָבער וועגן די האָנאָראַרן פון „הזמן“ אין יענער צייט האָט מען באַדאַרפט ריידן פּשוט אויס ריין היסטאָרישע אורזאַכן.

ווען דער לייענער וועט זיך פאַרשטעלן דעם ערגסטן האָנאָראַר וואָס קען נאָר געמאָלט זיין און איך וועל זאָגן אַז דער האָנאָראַר אין „הזמן“ איז געווען נאָך ערגער, וועלן מיר דאַן קומען צום ריכטיקן. ביי אַזאַ לאַגע האָט מען געמוזט שרייבן אַ סך פעליעטאָנען. און יעדער פעליעטאָן האָט געמוזט זיין זייער אַ גרויסער. מ'האָט געצאָלט פון דער שורה . . . האָב איך געשריבן אין דער לייגנג . . . מיין מעטאָדע איז געווען אַזאַ: איין מאָל אין וואָך בין איך אַ גאַנצע נאַכט געזעסן ביים טיש און פאַרטיק געמאַכט עטליכע פעליעטאָנען. פאַר האַלבע

שמריהו גאָרעליק

נאַכט האָט דער קעלנער פון האָטעל, וואו איך האָב געוואוינט, אַרייג־געבראַכט אַ סאַמאָוואַר טיי און איין גלאָז נאָך דער צווייטער האָבן מיך אויפגעהאַלטן אין די וואַכע שטונדן ביז אינדערפרי. אַרום אַכט אַזייגער אינדערפרי, ווען ש. ציטראָן, דער רעדאַקציע מיטגליד פון „הזמן" און מיין שטענדיקער איבערזעצער, איז געגאַנגען אין רעדאַק־ציע, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. די פעליעטאָנען זיינען שוין געווען גרייט, האָב איך אים דורך דער טיר שפּאַלט דערלאַנגט די פעליעטאָנען און זיך געלייגט שלאָפן, אַ צופרידענער פון דעם באַוואוסטזיין אַז די גאַנצע וואָך בין איך פריי, איך קען לייענען און טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן. וועגן אַנדערע זאַכן, האָט געמיינט טראַכטן וועגן ליטעראַרישע פּלענער פאַר וועלכע עס וואָלט זיך גע־לוינט אַוועקגעבן צייט און ענערגיע. אין 1908 זיינען עס געווען פּלענער וועגן גרינדן אַן ערנסטן, אומפּאַרטייאישן, ליטעראַרישן זשור־נאַל, וואָס זאָל שטיין אויף דעמזעלבן גייסטיקן און קולטורעלן ניווא מיט וועלכן עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די בעסטע רוסישע און אויס־לענדישע זשורנאַלן. די אידישע וועכענטליכע פּאַרטיי זשורנאַלן אין יענער אומרואיקער צייט, ווען מ'איז געווען אַנטוישט און רק גע־ביינקט נאָך עפּעס אַנדערש, האָבן אָנגעהויבן ווערן צו לאַנגווייליק. איך האָב זיך משער געווען אַז עס מוז זיין אַ גרויסער קרייז פון לייענער וואָס וואַרטן אויף אַן אומפּאַרטייאישן זשורנאַל, וועלכער זאָל מיט פּאָליטיק זיך כלל ניט באַשעפטיקן און זאָל זיך אָפּגעבן בלויז מיט קולטור און ליטעראַטור. דער געדאַנק פון אַרויסגעבן אַזאַ זשורנאַל האָט מיך זייער באַשעפטיקט. אָט דער געדאַנק איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן ווען איין אָוונט, זייענדיק אין „קלוב פאַר פערזאָנען פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס", מיט וועלכן איך האָב מיינע אַלטע באַ־ציאונגען ניט אָפּגעבראָכן, האָב איך, נאָך אַן הפסקה פון עטליכע יאָר, ווידער באַגעגנט מיין אַלטן פריינט א. דעווינישסקי. איצט איז ער שוין אַרומגעגאַנגען אין דער אידישער וועלט אונטערן נאָמען א. ווייטער, אַזוי האָבן אים אַלע איצט גערופן. ער האָט ניט נאָר גע־ביטן זיין נאָמען, אויך אינערליך האָט ער זיך אַ סך געענדערט. די קולטורעלע און קינסטלערישע זייט פון זיין באַגאַבטער, טיפער נאַטור האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער די פראַגן פון פּאָליטיק. מערק־

ווירדיק איז געווען דאָס, וואָס א. ווייטער, זיצנדיק אין קראַקוי אָדער לעמבערג איז אויך געקומען צום געדאַנק וועגן דער נויטווענדיגקייט פון אַן אומפּאַרטייאישן, ליטעראַרישן זשורנאַל, נאָך אַ באַווייז אַז אַזאַ נויטווענדיגקייט איז באמת דאָ. מיר האָבןביידע אַרומגערעדט דעם ענין באריכות, און וואָס מער מיר האָבן גערעדט אַלץ מער האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דער מהות פון אַזאַ זשורנאַל.ביידן איז אויך קלאָר געוואָרן אַז דער זשורנאַל דאַרף זיין ניט קיין וועכנטליכער נאָר אַ חודשליכער. ניט קלאָר, נעבלהאַפט איז בלויז געווען די פינאַנציעלע זייט.

קיין מעצענאַט האָט זיך ניט געזען. פונדעסטוועגן האָבן מיר ביידע גענומען פירן אַ שטילע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אידייע פון אַזאַ זשורנאַל, וואָס זאָל זיין אַ זאַמלפונקט פאַר די, וואָס זיינען איבערזעטיקט מיט פּאַרטיי קאַמף און פּאַרטיי ליטעראַטור. אַ לאַנגער פעליעטאָן מיינער אין „הזמן“ האָט באַדאַרפט ווי צוגרייטן דעם באָדן פאַר דעם ענין, און מיינער אַ פּאָרטראַג, געהאַלטן אין רוסיש, וועגן דער יונגער אידישער ליטעראַטור, האָט צום ערשטן מאָל געפּרואווט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ געוויסן אידישן עולם, וואָס האָט ביז איצט קיינמאָל זיך ניט אינטערעסירט מיט אידישע ליטעראַרישע ענינים. דער עולם פון דעם קלוב פאַר וועמען איך האָב געהאַלטן דעם פּאָרטראג איז געווען אַ דורך און דורך אַסימילירטער. אַ אידיש בלאַט איז צו זיי אין הויז קיינמאָל ניט אַריינגעקומען, סיידן אפשר דער „וואָסכאָד“. עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען אַז די ערשטע אַבאָנענטן —קרוב צו הונדערט — זיינען געזאַמלט געוואָרן צווישן אָט די אַסימילירטע אידן. ווילנער דאָקטוירים, אינזשינירן, אַדוואָקאַטן, אַרכיטעקטן, גרעסערע סוחרים, וואָס האָבן מערסטנטייל גאָרניט געקענט לייענען קיין אידיש, האָבן זיך אַבאָנירט אויף דעם זשורנאַל, און דוקא אויף אַ גאַנץ יאָר. דאָס געלט פון די אַבאָנענטן איז געווען דער פינאַנציעלער פונדאַמענט. דער ענין האָט אָנגעהויבן אָננעמען אַ ממשותדיקן כאַראַקטער. די ערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַזאַ זשורנאַל און דער נאָמען — „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן“ — איז שוין אויך געווען. די שטימונג ביי א. ווייטערן און ביי מיר איז געווען אַ געהויבענע, און אין אַזאַ געהויבענער שטימונג קומען אויך

שמריהו גאָרעליק

אָפּט גוטע איינפאַלן, האָב איך פאָרגעשלאָגן א. ווייטערן מיר זאָלן צוציען אַ דריטן, ש. ניגערן, וועלכער איז דאַן געווען באַקאַנט דעם פּאַרטיי עולם מער דורך זיינע סאָציאָלאָגישע, עקאָנאָמישע און פּאָ־ליטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט אין דעם ס.ס. זשורנאַל „דער נייער וועג". אָט די אַרטיקלען האָבן מיך גראָדע ניט אינטערעסירט, איך האָב זיי אַפילו ניט געלייענט, דערפאַר אָבער זיינער אַן אַרטיקל אין דעמזעלבן „נייער וועג" וועגן שלום אַש'ס „משיחס צייטן" אונטערן נאָמען „די גלות טראַגעדיע" האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך האָב דערפילט אין ניגערן דעם ערנסטן קריטיקער פון דער אידישער ליטעראַטור. ש. ניגער האָט אונזער פאָרשלאַג אָנגענומען, און די זאַך איז געוואָרן אַלץ אינטערע־סאַנטער, אַפילו ניט אָן אַ געוויסן מאָמענט פון פּיקאַנטקייט: דריי מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, אַן ס.ס'אָוועץ, אַ בונדיסט און אַן אַלגעמיינער ציוניסט, וואָס זיינען אין 1905 געווען קעגנער גיבן אין 1908 אַרויס אינאיינעם אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. אינ־טערעסאַנט.

נאָך איידער דאָס ערשטע זייטל איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דרוק איז דער זשורנאַל שוין געווען פּאָפּולער. דער עולם, ניט וויסנדיק נאָך וואָס דער זשורנאַל וועט מיט זיך פאָרשטעלן, האָט שוין געהאַט פאַר אים סימפּאַטיע. קיין ספק אַז די אידייע איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ גליקליכן שטערן. גלייך פון אָנהויב האָט שוין אַלץ גע־גליקט. אַלע אידישע שרייבער, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען, האָבן אויף די איינלאַדונגען געענטפערט מיט צושטימנדיקע און באַגייס־טערטע בריוו. מער פון אַלעמען איז געווען באַגייסטערט שלום אַש, וואָס האָט דאַן פאַרבראַכט אין אַ אויסלענדישן קוראָרט. זיין „גאָט פון נקמה" איז שוין דאַן אויפגעפירט געוואָרן פון ריינהאַרדטן אין דייטשן טעאַטער און ער איז שוין דאַן געוואָרן אַ באַקאַנטע פיגור אין די אייראָפּעאישע ליטעראַרישע קרייזן. איין שטעלע אין אַש'ס בריוו געדיינקט זיך מיר זייער קלאָר. ער האָט צוגעזאָגט שרייבן אַ לאַנגן בריוו צו . . . גאַבריעללי ד'אַנונציאָ און אים בעטן ער זאָל מיטאַרבעטן אין אונזער זשורנאַל. פּרץ האָט באַלד צוגעשיקט זיין שיינעם און טיפן פראַגמענט „אין פּאַליש אויפן קייט". הירשביין

עסייען

האָט געבראַכט זיינע „וואַנדער טרוימען". דוד איינהאָרן האָט גע־בראַכט אַ בינטל לידער פול מיט צאַרטע שטימונגען און צניעותדיקן ליריזם. זיין ליד „שטילער, שטילער שאָקלען זיך די ווייסינקע בע־רעזקעלעך" מאַכט אים מיט אַמאָל באַקאַנט פאַרן דיכטער פון „שטילע געזאַנגען". ש. ניגער האָט צוגעגרייט זיין ערשטן גרונטלייגנדן אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ. אין דעם אַרטיקל האָט ער באַוויזן זיין גרויסן קענען פון דער אידישער ליטעראַטור און זיין שטאַרקן אַנאַלי־טישן טאַלאַנט. א. וויטער האָט געשריבן וועגן אַטאַ ווייניגערן און איך אַ גרויסן אַרטיקל וועגן קנוט האַמסונען. אַלע דריי רעדאַק־טאָרן צוזאַמען האָבן אָבער געאַרבעט אויף דעם פּראָגראַם אַרטיקל מיט וועלכן די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" האָבן זיך באַדאַרפט עפענען. אין איינקלאַנג מיט אונזער געהויבענער שטימונג און אונ־זער געפיל אַז דעם זשורנאַל איז באַשערט אַ שטאַרקער דערפאָלג, האָט אונזער מודעה אין אַלע אידישע צייטונגען וועגן זיין דערשיינען ניט געקענט זיין פּשוט אַ מודעה, נאָר איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דעם טאָן פון אַ וויכטיקער דעקלאַראַציע. מיר זיינען געווען ענטוזי־אַסטיש און מסתמא אַ ביסל אומבאַשיידן, אָבער אַפילו די אומבאַ־שיידנקייט האָט ניט געשאַדט, ווי געוויינליך, אדרבא, זי איז צונוץ געקומען. אַז מ'שמועסט גליק . . .

דער ערשטער נומער פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" איז דערשינען, און דער דערפאָלג איז געווען גרויס. איך וויל דאָ פאַר־צייכענען אייניקע מאָמענטן וואָס האָבן באַוויזן דעם דערפאָלג. צום ערשטן מאָל האָט מען אין די ליטעראַרישע אָפּטיילונגען פון די רוסישע טעגליכע צייטונגען געשריבן וועגן אַ אידישן זשורנאַל און צום ערשטן — און מסתם צום לעצטן — מאָל האָט עס פּאַסירט אַז צייטונגס און זשורנאַל אַגענטן און בוכהענדלער האָבן געמוזט צאָלן פאָראויס, אויב זיי האָבן געוואָלט האָבן דעם זשורנאַל. צו די אַגענטן וואָס האָבן באַשטעלט דעם זשורנאַל האָט מען געשיקט דעם זשורנאַל נאָר „פער נאָכנאַמע", זיי האָבן געמוזט אויסלייזן דאָס פּעקל איידער זיי האָבן עס געקראָגן. אַ וואַרשעווער בוכהאַנדלונג האָט באַשטעלט דריי הונדערט עקזעמפּליאַרן, און אויך אויף נאָכנאַמע. מיט די

נאָכנאָמע קוויטאַנציעס האָט מען באַצאָלט דעם דרוקער און דאָס געלט פון די איינצעלנע אַבאָנענטן איז געגאַנגען פאַר די שרייבער.

אין יענע צייטן, און פאַר אַ אידישן זשורנאַל זיינען דאָס געווען שיינע געלטער. די שרייבער האָבן אַפילו געקראָגן אַוואַנסן. ווען מ׳דערמאָנט זיך אָן די האָנאָראַרן וואָס דער „השלח״, למשל, האָט געצאָלט, זיינען די ד ר יי ה ו נ ד ע ר ט רובל, וואָס די „ליטע־ראַרישע מאַנאַטשריפטן״ האָבן באַצאָלט שלום אַשן פאַר זיין „שבתי צבי״, געדרוקט אין דריטן נומער, אַ גוואַלדיקער האָנאָראַר. קיין דירה געלט האָט מען ניט געדאַרפט צאָלן. די רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן״ איז געווען די קאַפע מ א ר ו נ ע ס, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. אין איין צימער האָט מען געשפּילט ביליאַרד און אין דעם אַנדערן צימער האָבן טאָג און נאַכט פאַרבראַכט די שאַך שפּילער. די געסט פוןביידע צימערן האָבן זיך ניט אָנגעקערט איינער מיטן צווייטן. צוויי באַזונדערע וועלטן. אין ביליאַרד האָבן, ערשטנס, געשפּילט גוים, טאָמער זיינען דאָרטן געווען אידן, זיינען עס געווען אַ ביסל אָרונטערגעקומענע, ניט קיין איינגע־געבענע, אָפט אַזוינע מיט וועמען טאַטע מאַמע האָבן נישט געקענט שטאָלצירן. אין דעם אַנגערויכערטן, שטענדיק פול באַזעצטן שאַך צימער האָט מען געזען פיינע פּנימער, פאַרטראַכטע שטערנס, און די שאַך שפּילער, מיט אויפגעהויבענע פינגער גרייט צו מאַכן אַ גאַנג, האָבן געזונגען און זיך געשאָקלט. אין אָט דעם שאַך צימער איז געווען די רעדאַקציע.

דער לייענער האָט מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף די העפטן פון די „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן״, און אין יעדן העפט האָט ער גע־פונען אינטערעסאַנטן און סאָלידן מאַטעריאַל. ה. ד. נאָמבערג האָט דאָרטן אָפּגעדרוקט זיין שענסטע דערציילונג „צווישן בערג״. ש. ניגער, מיט זיינע פיר מאָנומענטאַלע קריטישע אַרבעטן וועגן פּרץ, אַש, נאמבערג און רייזען, האָט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער אידישער קריטיק. אַ סך האָבן געהאַלטן אַז די קרוין פון ערשטן קריטיקער, וואָס האָט ביז דאַן באַצירט דעם קאָפּ פון בעל מחשבות דאַרף אַרויפגעזעצט ווערן אויף ניגערס קאָפּ. מער ווי איין קרוין איז ניט געווען.

עסייען

אָבער מער ווי פיר העפטן זיינען ניט דערשינען. פּאַסירט האָט עס ניט מחמת מאַטעריעלע שוועריגקייטן אַליין, הגם עס איז אָפט געווען גאַנץ שווער. די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" האָבן קיין פרייען קאַפּיטאַל ניט געהאַט, קיין מעצענאַטן אויך ניט און די מיטאַרבעטער האָט מען געצאָלט זייער גוט, צו גוט. אמת, קיין איינציקער עקזעמפּליאַר איז ניט געבליבן אומבאַצאָלט. די סיסטעם פון שיקן נאָר פער נאָכנאַמע איז דורכגעפירט געוואָרן ביזן סאַמע סוף. עס איז געווען ענג, שווער, אָבער ניט דאָ איז געלעגן די הויפּט סיבה פאַרוואָס מ'האָט אָפּגעשטעלט דעם זשורנאַל. די הויפּט סיבה איז געווען דוקא אויף דעם ריין גייסטיקן געביט. דריי מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן געקענט אַרויסגעבן אַן אומפּאָליטישן זשורנאַל, אָבער דריי מענטשן פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע און קונסט ריכטונגען האָבן עס ניט געקענט טאָן צו לאַנג. די פאַרשיידנקייט האָט זיך באַלד באַוויזן, דער עיקר צווישן מיר מיט ניגערן. ניגער, למשל, האָט שטאַרק געהאַלטן פון י. מ. וויסענבערגס גראָב נאַטוראַליסטישער דערציילונג „דער טאַטע און די בנים", וואָס איז געווען געדרוקט אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", בעת איך האָב זי ממש ניט געקענט לייענען. דער חילוק איז געווען זייער גרויס. חוץ דעם, איך האָב געחלומט פון אַ אידישן זשורנאַל, אָבער פון אַ אייראָפּעאישן כאַראַקטער, איך האָב געהאַט אַ אינטערעס פאַר אידישער ליטעראַטור, אָבער געלייענט האָב איך הויפּטזאַכליך די אייראָפּעאישע, ווייל די אידישע איז געווען צו אָרעם און גייסטיק האָב איך ניט געקענט אויסקומען מיט איר. ניגער, אָבער, איז געווען פאַרליבט אין דער אידישער ליטעראַטור, זי איז געוואָרן זיין לעבנס אינהאַלט. אין די ערשטע, אַזוי צו זאָגן, פריילינגס און באַגייסטערונג וואָכן האָט זיך דער חילוק ניט געמערקט אַזוי שטאַרק, באַלד איז ער אָבער געוואָרן זייער קענטיק. קיין סכסוכים צווישן די רעדאַקטאָרן זיינען, חלילה, ניט געווען, אפילו ניט קיין דיסקוסיעס. נאָך דעם דריטן ביכל בין איך אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ. דאָס אַרויסגעבן דעם פערטן און לעצטן נומער איז געלעגן אין א. וייטערס האַנט. ער האָט מיר געשריבן בריוו פון ווילנע,

אויסגעאַרבעט פלענער ווי צו ראַטעווען דעם זשורנאַל, אָבער מער ווי די פיר העפטן זיינען ניט דערשינען. זיי זיינען אָבער געווען גענוג צו באַצייכענען אַ געוויסע תקופה אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. ביי די אַרויסגעבער איז געבליבן אַ שיינע ליטעראַרישע דעראינערונג און ביי די לייענער אפשר נאָך מער ווי דאָס. פאַר ש. ניגערן האָבן די „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" באַדייט דער גרינט־ליכער אָנהויב פון זיין ערנסטער ליטעראַרישער קאַריערע.

היינט איז „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט, וואָס מ'קען געפינען נאָר אין די וויכטיקע ביבליאָטעקן.

ניינטער קאַפּיטל

ווידער מיטאַרבעטערשאַפט אין „הזמן". — אַ באַגעגעניש מיט אַ יאָמערפולער געשטאַלט. — סענטימענטאַלע רייזע איבער פּאָדאָליע.

ווען די „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" האָבן זיך אָפּגעשטעלט איז פאַר מיר ווידער געוואָרן אַקטועל די פראַגע: וואָס טוט מען? דאָס איז אָבער געווען ניט נאָר אַ מאַטעריעלע פראַגע, עס האָט אויך גע־מיינט זוכן אַ טריבונע פון וועלכער איך זאָל קענען אַרויסזאָגן מיינע אַ מיינונג. אין יענער צייט האָב איך נאָך געגלויבט אַז אַ שרייבער מ ו ז שרייבן. איך האָב נאָך ניט געוואוסט פון דער ברכה פון אַ לאַנגער, לאַנגער הפסקה, ווען אַליין שרייבט מען גאָרניט, דערפאַר לייענט מען אָבער דאָס בעסטע וואָס אַנדערע האָבן אַמאָל געשריבן. אָט דעם הויכן גענוס האָב איך זיך אויסגעלערנט צו האָבן מיט אַ סך, סך יאָרן שפּעטער, דעמאָלט אָבער איז מיר געווען קלאָר אַז דאָס גליק פון אַ שרייבער איז — שרייבן שטענדיק, אָן אויפהער. ביי אַזאַ אויפ־פאַסונג פון גליק האָב איך ווידער זיך געמוזט ווענדן צום „הזמן". איך האָב גענומען שרייבן מיינע פעליעטאָנען מיט דערזעלבער מע־טאָדע ווי איך האָב דערציילט אין אַ פריִקן קאַפּיטל.

ריידנדיק וועגן „הזמן", מוז איך דערמאָנען וועגן אַ באַגעגעניש מיט אַ מערקווירדיקן מענטשן, וואָס איז געווען מערקווירדיק און אינ־טערעסאַנט נאָר צוליב דעם גראַד פון זיין ירידה. שפּעט ביינאַכט

עסייען

פלעג איך גאַנץ אָפט אַרײַנגיין אין דער דרוקעריי נעמען די פרישע צײַטונג, אָקאָרשט אָפּגעדרוקט. כמעט אַלע מאָל אין דערזעלבער צײַט פלעג איך דאָרטן טרעפן אַ ברייטפּלייציקן מענטשן, מיט פֿאַר־לאָפּענע אויגן, אַ ניט פֿאַרקעמטער שוואַרצער באָרד, מיט אַן אַראָפּ־געררוקטער דורכגעלעכערטער היטל. דער מענטש איז געווען אין־גאַנצן אײַנגעוויקלט אין שמאַטעס. זײַנע שיך, דאָס איז גאָר געווען אַ שרעק. זיי זײַנען געווען צעריסן און אויך אײַנגעוויקלט אין שמאַטעס. דאָס זײַנען געווען שיך און קאַלאָשן, און איבער די קאַ־לאָשן נאָך עפּעס. אַ דיקע, צעריסענע, וואַלענע שאַל האָט אַרומגע־וויקלט זײַן האַלז. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער און די מאַסע שמאַטעס האָט אָט דעם אַרונטערגעקומענעם אידן באַדאַרפט שיצן פון קעלט. די געשפּענסטער געשטאַלט פלעגט נעמען עטליכע נומערן „הזמן“ און אַוועקגיין. אין ווילנע איז געווען גענוג ביטערע אָרימקייט און ניט אויף יעדן אָרימאַן האָט מען זיך נאָכגעפרעגט ווער ער איז. איין מאָל האָב איך אַ פרעג געטאָן ווער איז דאָס דער יאָמערפולער מענטש, וואָס איז מיט זײַן פּנים אַזוי ענליך צו . . . גאַמבעטאַן, ניט קוקנדיק אויף דעם באַרג אומגליק און אָרימקייט, איז די ענליכקייט צו גאַמבעטאַן געווען ממש אויפפאַלנד. — ווער איז ער, — האָב איך געפרעגט, און מ׳האָט מיר געענטפערט: — מיזח, אַ העברעאי־שער שרײַבער. — ניט קיין גוואַלדיקער שרײַבער, אָבער אַמאָל איז ער געווען גוט באַקאַנט. ווי איז ער דאָס אַזוי געפאַלן? ווער האָט עס אים אַזוי געלאָזט פאַלן, ווייס איך ניט. מ׳פאַלט, און דאָס אויפהאַלטן איז מערסטנטייל אומזיסט. זייענדיק איין מאָל אין ווילנע האָט שלום עליכם געמאַכט פון מיזחס וועגן אַן אָוונט, אָבער אַז דאָס האָט ווייניק געהאָלפן איז קלאָר. פאַר מיר איז מיזח געבליבן אין מײַן זכרון ווי אַ געשפּענסט פיגור אײַנגעוויקלט אין דלות און טיפסטער עלנטקייט. אַן אַרונטערגעקומענער שרײַבער, אַ בעטלער. די עטליכע נומערן „הזמן“ וואָס ער האָט גענומען אין דער דרוקעריי זײַנען מסתם געווען אַ נדבה.

דער האַרבסט פון 1908 איז ביי מיר פאַרבונדן מיט דעראינערונ־גען פון אַ לייַנגערער רייזע דורך שטעט און שטעטלעך אין פּאָדאָליע, וואו איך האָב געהאַלטן ליטעראַרישע פאָרטראַגן. דאָס איז געווען

שמריהו גאָרעליק

מיין ערשטער צוזאַמענקום מיטן אידישן לייענער, מיט דער אידישער יוגנט. אַ פּראָווינציעלע, פאַרשטייט זיך, אָבער אַ אידעאַליסטישע, אַ באַגייסטערטע יוגנט. פאָרן אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד איז געווען אינטערעסאַנט, באַזונדערס ווען די רייזע איז געווען אַ ווייטע. גענוג געווען אָפּפאָרן איין האַלבע שעה און מ'האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּלויבן פון דער רוסישער אייזנבאַן, די ברייטע ביינק אין די וואַגאָנען, וואו דער פּאַסאַזשיר האָט געקענט זיך איינאָרדנען גאַנץ באַקוועם. און אויף אַזאַ לאַנגער רייזע, ווי למשל, פון ווילנע ביז אָדעס, וויפיל האָט מען זיך געקענט אָנהערן און אָנזען. היינט די רייזע שכנים פון די אויבערשטע און אונטערשטע ביינק! מיינע שכנים זיינען דאָס רוב געווען גלחים. ווען נאָר איך האָב איינגעאָרדענט אַ ביסל מיינע זאַכן, זיך אָנגעהויבן פילן אַ ביסל היימיש און האָב געוואָרפן אַ בליק אויף דער אויבערשטער באַנק, האָב איך כמעט אַלע מאָל אַנטדעקט אַ גלח. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעשלאָפן פלעגט ער זיך איבערבויגן מיטן קאָפּ צו מיר און מיט אַ באַסאָווער שטימע אַ פרעג טאָן די באַקאַנטע פראַגע: וועלכע סטאַנציע זיינען מיר אָקאָרשט פאַרביי־געפאָרן און צי וועט מען אויף דער קומענדיקער סטאַנציע קריגן קיפּיאַטאָק. דאָס איז געווען די פאָרשטעלונג, אַזוי צו זאָגן. ענדיקן פלעגט זיך עס געוויינליך מיט לאַנגע געשפּרעכן וועגן רעליגיע, וועגן אידן, וועגן דעם תלמוד, און גאַנץ אָפט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער גלח האָט געהאַט זייער ליבעראַלע מיינונגען בנוגע די וויכ־טיקסטע פראַגן. אויך בעת מיין רייזע קיין קאַמענעץ פּאָדאָלסק איז מיין שכן פון דער אויבערשטער באַנק ווידער געווען אַ גלח, אַ יונגער מענטש, אַ באַהאַלטענער שוואַרץ מאהניק און אַ היציקער דיספּוטאַנט. אונזער וואַגאָן אָפּטיילונג איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קלוב. פּאַסאַזשירן פון אַנדערע אָפּטיילונגען, אויך עטליכע סטו־דענטן און קורסיסטקעס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער באַסאָווער שטימע פונם גלח וואָס האָט אויסגעקלונגען זיינע רעאַקציאָנערע געדאַנקען. זיי האָבן אים אַטאַקירט און דער גלח האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צוריקציען זיין קאָפּ, וואָס איז אַרונטערגע־האַנגען פון דער אויבערשטער באַנק. באַלד האָט מען דערהערט זיין געשמאַקן כראָפּען. ביים אָנקומען אויף אַ גרעסערער סטאַנציע, וואו

ע ס י י ע ן

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ צען פופצן מינוט, איז דער גלח אויסגעשטיגן. באַלד נאָך זיין אַרונטערגיין זיינען אַריינגעקומען צוויי זשאַנדאַרמען און האָבן זיך עטליכע מאָל דורכגעשפּאַצירט איבערן קאָרידאָר פון וואַגאָן, אַריינקוקנדיק אין די אָפּטיילונגען.

— ביי אייך קומען דאָ פּאָר פאַרזאַמלונגען? — האָט איינער פון זיי אַ פרעג געטאָן. די זשאַנדאַרמען האָבן געוואָרפן שטרענגע בליקן אויף אַלע זייטן, אויף די אויבערשטע און אונטערשטע בענק, און זיינען באַלד אַוועק.

די רייזע איז געווען אַ ביז גאָר סענטימענטאַלע. די אַלטע שטאָט קאַמענעץ פּאָדאָלסק, אַן אַמאָליקע טערקישע פעסטונג, ליגט זייער מאַלעריש. זייער פיל סעדער און גערטנער, אָבער קיין אייזנבאַן האָט זי נאָך ניט געהאַט און, הגם די הויפּט שטאָט פון אַ גרויסער גובערניע, איז איידער מ׳האָט געקענט צוקומען צו איר האָט מען געמוזט פריער אַרונטערגיין אויף אַ סטאַנציע מיט אַזאַ מוזיקאַלישן נאָמען ווי לאַרגאַ, דערנאָך ערשט פאָרן עטליכע שעה מיט אַ בעל עגלה אין שטאָט אַריין. אַ קילע סעפּטעמבער נאַכט. אין אַ רואיקן, כמעט לאַנגזאַמען טעמפּאָ איז מען דורכגעפאָרן די לעצטע נאַכט שעהן פאַרביי די אָפּגעקאָסעטע פעלדער. אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט מען פון ווייטן געקענט זען די שפּיצן פון די גרינע קלויסטערס, אַ ווײַלע שפּעטער האָט מען שוין געקענט דערקענען אַנדערע גרעסערע בנינים, ווי אויך די ווייסע גובערניע תפיסה. דערנעענטערנדיק זיך צו דער שטאָט האָב איך פון מיין פאַעטאָן געזען אַז אַ גרופּע מענטשן גייט אונז אַנטקעגן. אויסגלייכנדיק זיך מיט מיין פאַעטאָן, האָט די גרופּע זיך צעטיילט און מ׳האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די לאַנגזאַם זיך באַוועגנדע פאַעטאָנען. צוויי קעפּ, אידישע יונגע לייט, האָבן אַריינגעקוקט אין דעם פאַעטאָן אין וועלכן איך בין געזעסן און איינער האָט באַלד אויסגעשריען: — אַהער! אַהער! — אַן איבערפאַל? חלילה! דאָס זיינען געווען קאַמענעץ פּאָדאָלסקער יונגע ציוניסטן און פריינט פון דער אידישער ליטעראַטור. אין דער פריער מאָרגנשטונדע זיינען זיי אַרויס באַגעגענען, אָדער ריכטיקער, זוכן דעם אידישן שרייבער, וואָס מוז ערגעץ זיצן אין איינעם פון די פאַעטאָנען וואָס פאָרן פון לאַרגאַ קיין קאַמענעץ פּאָדאָלסק. פערזענליך האָבן

זיי אים ניט געקענט, אָבער זיי האָבן אפנים געהאַט זייער פאַרשטע־לונג ווי אַ שרייבער דאַרף אויסזען. האָבן זיי באַשלאָסן פשוט אַרייג־קוקן אין יעדן פּאַעטאָן ביז זיי וועלן אַנטדעקן דעם אומבאַקאַנטן. דער אויסרוף פון די צוויי יונגע לייט צו זייערע איבעריקע חברים — אַהער, אַהער! — האָט געהייסן: מיר האָבן געפונען דעם שרייבער. האָט מען אים, הייסט עס, געפונען און געבראַכט אים אין שטאָט אַריין.

און עס איז געווען אַ פיינע אנגענעמע שטאָט, מיט פיינע אנגענע־מע מענטשן. די צען טעג וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט זיינען שנעל פאַראיבער. איינלאַדונגען, שפּאַציר גאַנגען ביי דער שיין פון דער לבנה, גרופּן פאָטאָגראַפירונג ביי דער וואַנט פון דער אַמאָליקער טערקישער פעסטונג. אָ! ליבע אידישע פּראָווינץ פון אַמאָל מיט אירע סענטימענטאַליטעטן. איין מין סענטימענטאַליטעט איז געווען דאָס פונאַנדערשרייבן זיך, אויסגיסן דאָס האַרץ אויף דער אַנדערער זייט פון דער פאָטאָגראַפיע. די אַנדערע זייט פון דער פאָטאָגראַפיע וואָס איך האָב געקראָגן צום אנדיינקען איז געווען פאַרפלייצט מיט השתפכות הלב. וואָס האָט מען דאָרטן ניט געקענט לייענען? הערצלס „אויב איר ווילט איז דאָס ניט קיין לעגענדע״; אַ פּאַסיקע ציטאַטע פון פרוגס אַ ליד מיט אַ לאַנגן קאָמענטאַר דערצו; בקשות און אויפ־מונטערונגען צום שרייבער ער זאָל ווייטער שרייבן; אַ גימנאַזיסטקע בעט זיך מ׳זאָל זי ניט פאַרגעסן. — באַהאַלט וועגן מיר די דעראינגע־רונג ווי פון אַ נאַאיווער מיידל, אָבער אין דערזעלבער צייט ווי פון איינער וואָס קען לאַנג, לאַנג געדיינקען. — אין קאָמענעץ פּאָדאָלסק האָב איך אויך געזען אַ יונגן ביז גאָר באַלעזענעם אַנאַרכיסט, אַ גרויסער בקי אין אַלץ וואָס קראָפּאָטקין, באַקונין, שטירנער און דזשאהן מאקקאי האָבן געשריבן. ער האָט געהאַט זיין קליינע גרופּע און אויף אַלע אַנדערע פּאַרטייען האָט ער געקוקט פון אויבן אַרונטער. אָט דער אַנאַרכיסט האָט, אגב, זיך מודה געווען אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין אייזנבאַן, ער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַר־לאָזט די שטאָט, איז נאָך אַפילו קיינמאָל ניט געפאָרן צו דער באַן סטאַנציע לארגא.

פון קאָמענעץ פּאָדאָלסק בין איך געפאָרן — אַלץ מיט אַ בעל

ע ס י י ע ן

עגלה — איבער די שטעטלעך זוואניץ, דונאַיעווצי און אַנדערע. דונאַיעווצי האָט געהאַט אַ שם מיט איר גרויסער צאָל „השלח" אַבאָנענטן. דער האָטעל צימער, וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט איז באַלד געוואָרן פול מיט עלטערע און יונגע אידן. אויך דער . . . סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו האָט געוואָלט זען דעם שרייבער, סתם זען וואָס איז דאָס פאַר אַ סאָרט מענטש אָט דער, וואָס וויל דאָ האַלטן אַ פאָרטראַג וועגן אידישער ליטעראַטור. דער דונאַיעווצער פּריסטאַוו איז פונדעסטוועגן געווען אַ שטיקל זשענטלמען, ער האָט ניט, ווי אַנדערע פּריסטאַווס פון אַנדערע שטעטלעך, געבעטן (געהייסן) קומען צו אים, ער איז אַליין געקומען, דערפאַר אָבער האָב איך געמוזט אויסלייגן פאַר אים דעם אינהאַלט פון מיין פאָרטראַג. ווען ער האָט געזען אַז דאָרט איז ניטאָ גאָרניט פּאָליטישעס, האָט ער זיך העפליך געזעגנט און אָוועקגעגאַנגען, צוזאָגנדיק קומען צום פאָרטראַג. און דאַן ווידער אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, און פון דאָרטן, אין אַ גוטן, ברייטן פאַעטאָן, אַ מעת לעת רייזע ביז פּראָסקוראָוו. די רייזע געדיינק איך זייער גוט. עס איז געווען אַ וואונדערבאַרער, וואַרימער סעפּטעמבער טאָג. פון ביידע זייטן שאָסיי אַ געדיכטער וואַלד אין גאָלד און פּורפּור פון די וועלקנדע בלעטער. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן עטליכע אידישע שטעטלעך, צווישן זיי אויך יאַרמאָלינעץ, באַקאַנט צוליב די יאַרידן דאָרטן. דאָס שטעטל איז אָפּט דערמאָנט געוואָרן אין מענדעלע מוכר ספרים'ס דערציילונגען, טאַקע צוליב די יאַרידן. פּראָסקוראָוו, פאַרצייכנט אין דער אידישער געשיכטע ווי די שטאָט, וואו די פּעטליורא באַנדעס האָבן אויסגעהרגעט טויזנטער אידן, איז אין 1908 געווען אַ רייכע קרייז שטאָט, וואו עס האָט געבליט האַנדל.

שמריהו גאָרעליק

צענטער קאַפּיטל

נויטיקע קאָרעקטורן צוליב אַ נישט שטענדיק שטאַרקן זכרון. — באַגעגענישן מיט שלום עליכמן און ש. אַנסקין. — צווישן אָדעס און קיעוו. — אַן אַרטיקל פאַר דעם „השלח". — אַ בראָשורע ווערט אָנגעשריבן אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט.

עס איז ניט לייכט צו שרייבן זכרונות ווען מ׳האָט זיך ניט באַוואָרנט באַצייטנס מיט פירן טאָג־ביכער און צו באַהאַלטן אַלע בריוו, אָפּילו די אומוויכטיקסטע. דער זכרון פוילט זיך אַמאָל צו זיין אַ געטרייער בוכהאַלטער. ווען מ׳איז געצוואונגען זיך פאַרלאָזן נאָר אויף אים, ווען דער זכרון איז דער איינציקער קוואַל, מוזן ווען ניט ווען פאָרקומען פעלערן, וואָס איז נויטיק צו קאָרעגירן. איך זע, למשל, אַז איך האָב נאָך גאָרנישט דערמאָנט וועגן מיין באַקאַנטשאַפט און באַגעגעניש מיט שלום עליכמען און ש. אַנסקין.

מיט שלום עליכמען בין איך באַקענט געוואָרן אין 1907, ביים ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַאַג. ער איז געהאַט צוריקגעקומען פון זיין ערשטער רייזע קיין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן אים געשיקט אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס. איך קען זען שלום עליכמען אויף זיין דעלעגירטן פּלאַץ. פאַר אים, ווי פאַר יעדן דעלעגאַט, שרייב מכשירים. ער זיצט, הערט זיך צו ערנסט צו די רעדעס, וויכוחים, מאַכט נאָטיצן, ווי אייגנער וואָס קלייבט זיך אויך צו נעמען דאָס וואָרט, עמיצן ענטפערן. פליכטבאַוואוסט דערפילט ער זיין שליחות אַלס דעלעגאַט. אין זיין קראַוואַט שטעקט אַ פּערלנע שפּילקע, וואָס ער האָט געקראָגן במתנה אין אַמעריקע צוזאַמען מיט אַ גאָלדענער פּליס־פעדער. איך זע אים אַרומגיין אין די קאָנגרעס קולואַרן צווישן די פאַרשיידענע דעלעגאַטן גרופּן, אָבער דער איינדרוק איז אַז ער פילט זיך עפּעס ניט פריי, ווי געצוואונגען אין דער ראָלע אַלס דעלעגאַט. קען זיין אַז דער קאָנטראַסט צווישן דעם וואַרימען, באַגייסטערטן קבלת פנים אין אַמעריקע און דעם צו ווייניק באַמערקט ווערן דאָ אין האַאַג האָט גורם געווען צו שאַפן אַזאַ איינ־

עסייען

דרוק. איך גלויב אָבער אַז דער איינדרוק איז געווען אַ ריכטיקער — שלום עליכם האָט זיך געפּילט אַ ביסל פרעמד און צו אָפיציעל. אין עטוואָס מער ווי אַ יאָר אַרום האָב איך באַזוכט שלום עליכמען אין גענף, וואו ער האָט געוואוינט צייטווייליק. דאָס איז געווען נאָך זיין שווערער קראַנקהייט, ער איז נאָך געלעגן אין בעט, אָבער ער האָט שוין געקענט שרייבן. אין אַ ווינקעלע פון צימער זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט די ליענטעס מיט אויפשריפטן, אַרונטערגענומען פון די בלומען קראַנצן וואָס ער האָט געקראָגן בעת זיין ערשטער פאָרטראַג רייזע אין ליטע און פּוילן. מערקווירדיק, איך געדיינק גאָרניט פון דעם וואָס מיר האָבן ביידע אַמאָל גערעדט, אויך געדיינק איך ניט די געשפּרעכן פון די באַגעגענישן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, באַזונדערס אין מאָנטרע, אויף דער גענפער אָזערע. אינגאַנצן אַרויס פון זכרון. איך געדיינק יאָ אַ סך אַנדערע איינצלהייטן, ווי שלום עליכמס ווייסן אנצוג, זיינע געלע שיך, דעם צויבערהאַפטן שפּאַציר שטעקן, וואָס אַז מ׳האָט באַדאַרפט האָט מען אים געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ שטול, זיך אַוועקזעצן און אָפּרוען, קוקן אויף דעם וואונדערבאַרן דענט־דע־מידי, אָדער אין אַ שירם, ווען עס האָט אָנגעהויבן רעגענען. איך געדיינק אויך אַ מין מיקראָסקאָפּישע שרייב מאַשינקע, נאָר צו שרייבן אַדרעסן, וואָס האָט זיך געקענט באַהאַלטן אין אַ קאַמזויל קעשענע. איך געדיינק אויך דעם באַזונדערן פּאַפּיר און בלייפּענדלעך וואָס ער האָט גענוצט צום שרייבן, אַרויסקריגנדיק פיר אָדער פינף קאָפּיעס אויף אַ מאָל. איך געדיינק נאָך אַ סך איינצלהייטן, קלייניגקייטן, אָבער וועגן וואָס מ׳האָט גערעדט געדיינק איך ניט. אפשר דערפאַר ווייל מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן היימישע, איינפאַכע, באַלעבאַטישע זאַכן, אַזוי צו זאָגן. שלום עליכם איז ניט געווען קיין אַרויסזאָגער פון פּאַראַדאָקסאַלע, דאָס הייסט, אינטערעסאַנטע געדאַנקען, ער האָט ניט געוואָלט גלאַנצן *אין ריידן*. מ׳האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט דעם געפיל אַז מ׳זיצט פאַר איינעם פון די גרעסטע אידישע שרייבער און דעם געבענטשטן הומאָריסט, אָבער ער פון זיין זייט האָט עס מיט קיין זאַך ניט באַטאָנט. ער איז געווען גוט, איינפאַך, פריינטליך ביז גאָר, צוגערעדט מ׳זאָל טרינקען אַ גלאָז טיי, פונאַנדערגעפרעגט זיך וואָס מ׳מאַכט, ווי עס גייט יענעם,

און מ׳האָט אַלע מאָל געוואָלט קומען צו אים נאָכאַמאָל, אים באַגלייטן אויף זיין שפּאַציר גאַנג, זוכן מיט אים צוזאַמען אַ ניט צו הייסן פּלאַץ ביי דער געגנפער זעע, וואו ער זאָל קענען זיצן רואיק און שרייבן באַקוועם.

ש. אַנסקי האָט אין 1908 געוואוינט אין אַ ווילנער פאָרשטעטל אַנטאָקאָלי, אין אַ איין שטאָקיק הילצערן הויז. ווען מ׳איז אַרויפגעגאַנגען אויף די עטליכע הילצערנע טרעפּלעך האָט מען געהאַט דעם איינדרוק אַז מ׳גייט באַזוכן אַ פּאָליטישן פאַרשיקטן ערגעץ אין טאָמסקער אָדער אירקוטסקער גובערניע. די זייער באַשיידענע אָבער געשמאַקפולע וואוינונג, לאַווראָווס גרויסער פּאָרטרעט, אַרומגענומען מיט אַ קראַנץ לאָרבער בלעטער, און דער עיקר דער בעל הבית גופא, ש. אַנסקי, האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק. מ׳האָט פאַר זיך דערזען דעם רוסיש־אידישן אינטעליגענט אין דער שענסטער עפּאָכע פון דער רוסישער פריהייט באַוועגונג, דאָס הייסט, פון דער נאַראָדניקעס עפּאָכע, די נאַראָדאָוואָלצעס. ווען איך האָב אים באַזוכט צום ערשטן מאָל איז אַנסקי נאָך ניט געווען אַריינגעטאָן אין אידישע ענינים. ערשט מיט עטליכע יאָר שפּעטער האָט ער זיך גענומען קלייבן חסידישע ניגונים, פּרוכתן פון אַלטע בתי מדרשים, פּנקסן פון אַלטע אידישע קהילות וכדומה. בקיצור, עס איז נאָך ניט געווען דער אַנסקי, וואָס איז אינערליך גרייט געווען צו שרייבן דעם „דיבוק״. ער האָט נאָך צו שטאַרק געלעבט מיט די זכרונות פון די רוסישע נאַראָדניקעס, נאַראָדאָוואָלצעס, עס איז נאָך אַלץ געווען די וועלט פון מיכאַילאָווסקי, לאַווראָוו, פון „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״, און ער האָט נאָך אַלץ געבראַכט ציטאַטן פון גליעב אוספּענסקי. אמת, אַפילו דעמאָלט האָט זיך עס שוין ביי אים געפּאָרט מיט אַ געשמאַקן אַלט־מאָדישן אידיש, אויף וועלכן אויך זיין פריינט און חבר זשיטלאָווסקי איז אַזאַ בריה. אגב, עס איז געווען ניט נאָר דער געשמאַקער אידיש אַליין, נאָר אויך דער חסידישער ניגון, דעם רבינס ניגון. נאָך דער „דובינושקאַ״, נאָך דער „וואָלגאַ מאַטושקאַ״ און לידער פון דער פּאָליטישער קאַטאָרגע האָט ער זיך געקענט פאַרציען אין אַ פאַרדבקהטן „בים־באַם״ און אַ התלהבותדיקן „אי טאַטעניו״. איך מוז מודה זיין אַז אַט די צענויפמישונג איז מיר קיינמאָל ניט געווען צום האַרצן

און, אין אַזוינע פֿאַלן, פּלעג איך שנעל אַוועקגיין, ווי מ׳גייט שנעל אַוועק פֿון עפּעס סטיללאָזן, געשמאַקלאָזן. איך האָב אַנערקענט זיין איידעלע פּערזענליכקייט, איך האָב הנאה געהאַט באַטראַכטן זיין איידלען פּנים, אַ טיפּישער פּנים פֿון „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“, דאָס הייסט, אַ פּנים פֿון דעם שענסטן טיפּ פֿון אַ אַמאָליקן רוסישן אינטע־ליגענט און שרייבער, אָבער זיין וועלט איז מיר שוין לאַנג געווען פֿרעמד. זיין וועלט האָב איך געהאַלטן פֿאַר אַ באַגרענעצטער און נית איין מאָל האָב איך זיך איבערצייגט אין דעם אַז זי איז באַגרענעצט, איך האָב נאָר באַדאַרפֿט אַריבערגיין פֿון אַ פּאָליטישער אויף אַ לי־טעראַרישער טעמע. ער האָט געהערט צו דער עפּאָכע, וואָס האָט פֿון דער ליטעראַטור פֿריער פֿון אַלץ געפֿאָדערט טענדענץ און ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטאַנען ליטעראַטור נית ריכטיק. ער האָט נאָך געשטעקט אין די באַגריפֿן לויט וועלכע גאָגאָל און דאָסטאָיעווסקי זיינען רעאַקציאָנערן. דאָס הייסט, דער גאָגאָל פֿון „רעוויזאָר“ איז גוט, אָבער נית דער גאָגאָל פֿון „בריוו וועקסל מיט פֿריינט“. דאָס־זעלבע מכח דאָסטאָיעווסקין. עס פֿאַרשטייט זיך אַז, געטריי צו דער שיטה, איז נעקראַסאָוו אין זיינע אויגן געווען גרעסער ווי פּושקין. מיט איין וואָרט, פֿון פֿאַרשטיין ליטעראַטור ריכטיק איז ער געווען גאַנץ ווייט. בכלל איז ער געווען אַ טייערער מענטש, אין אייניקע היגזיכטן, לויט זיינע זעלישע קוואַליטעטן, אַ באַדייטנדער מענטש, אָבער ווי אַ שרייבער — אַ מיטלמעסיקער. זיינע דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן און געדרוקט אין רוסיש האָבן מיט ליטעראַטור ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן. אי וואָס, דער „דיבוק“? אויף דעם קען מען ענטפֿערן מיט דעם באַקאַנטן קינא ליד: „דאָס טרעפֿט נאָר איין מאָל, דאָס קומט נית ווידער“. אַ מיטלמעסיקער שרייבער קען אַמאָל אויך אָנשרייבן איין גוטע זאַך, ווער שמועסט ווען דער מיטל־מעסיקער שרייבער איז מ ע ר ווי נאָר אַ מיטלמעסיקער מענטש. חוץ דעם טאָר מען קיינמאָל נית פֿאַרגעסן דעם געניאַלן שותף וואָס אַנסקי האָט געהאַט אין דער „הבימה“. דעם „דיבוק“ קענען מיר דאָס רוב נית ווי לייענער, נאָר ווי אַ טעאַטער פּובליקום. די צאָל מענטשן וואָס האָבן דעם „דיבוק“ געלייענט איז מסתמא זייער קליין. מ׳דאַרף דעריבער געדיינקען אַז אין אונזער אורטייל וועגן דעם „דיבוק“ מישט

זיך שטענדיק אַריין אונזער אומפאַרגעסליכער איינדרוק פון אַ געניאַלער טעאַטער אויפפירונג.

נאָך איין מאָל אין מיין לעבן האָב איך באַגעגנט אַנסקין אין קיעוו, בעת דעם ביילים פראָצעס. דעמאָלט האָט ער שוין אויסגעזען זייער פאַרעלטערט, אינגאַנצן ווייס און אויך שוין אינגאַנצן איד. איך מיין, פון „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" איז שוין כמעט גאָרניט געבליבן, עס איז געווען נאָר דעם רבינס ניגון. דאָס איז שוין געווען דער אַנסקי, וואָס האָט פאָטאָגראַפירט אוראַלטע, הילצערנע בתי מדרשים. אייגנטליך איז דער נאַראָדניק אין אַנסקין געבליבן, אָבער עס איז שוין געווען דורך און דורך אידישע נאַראָדניטשעסטוואָ, אידישע פאָלקסטימליכקייט.

נאָכדעם ווי די „ליטעראַרישע מאַגנאַטשריפטן" האָבן זיך פאַרמאַכט און נאָך מיין ערשטער פאָרטראַג רייזע איבער די פאָדאָלישע שטעט און שטעטלעך, בין איך ביסלעכווייז געוואָרן אַ מין נאָמאַדער אידישער שרייבער. איך בין שוין ניט געזעסן אויף איין אָרט, אין ווילנע, ווי פריער, נאָר מיך האָט געטריבן אַרומפאָרן. גאַנץ אָפט בין איך געפאָרן קיין אָדעס און נאָך אָפטער קיין קיעוו.

מיר געדיינקט זיך אַ זומער אָוונט אין אָדעס. דאָס איז געווען אין 1909. מיר זיינען געזעסן אויף דער וועראַנדע פון אוסישקינס דאַטשע, אויף דער גרויסער פאָנטאַנקע, און איך האָב פאָרגעלייענט פאַר אוסישקינען און דר. קלויזנערן מיינעם אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען אַן אויספירליכע, שאַרפע קריטיק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איר דעמאָלטיקער סטאַדיע. פאַרענדיקט האָב איך יענעם אַרטיקל מיט אַ פאַרצווייפלטער ציטאַטע פון וועספיאַנסקיס „די חתונה". דער אַרטיקל איז אָנגענומען געוואָרן און איז אָפגעדרוקט געוואָרן אין „השלח" אונטערן נאָמען „רעיון גוסס". דער נאָמען איז געווען אומגערעכט און ניט ריכטיק, אָבער די קריטיק וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם אַרטיקל איז, דוכט מיר, געווען ריכטיק און אם פלאַץ.

די וועראַנדעס פון די ציוניסטישע דאַטשעס אויף דער גרויסער פאָנטאַנקע אין אָדעס האָבן בכלל מיך אייניקע מאָל אויפגעמונטערט צו אינטענסיווער ליטעראַרישער פראָדוקטיוויטעט. אויף איין ווע־

ראַנדע, וואָס האָט געהערט צו דער וואוינונג פון דר. סאפּיר בין איך, בײַ אַ קעראָסינענעם לאָמפּ, אָפּגעזעסן אַ גאַנצע זומערדיקע נאַכט און האָב אָנגעשריבן אַ בראָשורע „אויף וואָס דאַרף מען דאָס" פאַר דר. סאַפּירס פאָלקס ביבליאָטעק. דאָ האָט שוין געשטעקט אַ ביסל אַמביציע אויך, ווײַל דאָס איז געווען אַ ווענט זיך, און איך האָב געוואונען. ווען דר. סאַפּיר איז אַן אויסגעשלאָפענער אַרויסגעקומען אויף דער וועראַנדע עסן אָנבײַסן איז מײַן בראָשורע שוין געווען פאַרטיק. ער האָט מיר גלײַך דערלאַנגט דעם האָנאָראַר, פינף און צוואַנציק רובל, און מיר האָט עס געשײַנט ניט קליין, ווײַל דאָס איז דאָך געווען נאָר פאַר איין שלאָפלאָזער נאַכט, זומער אויף אַ שײנער דאַטשע. דער עיקר אָבער — איך האָב געוואונען דעם וועט.

ע ל פ ט ע ר ק אַ פּ י ט ל

קיעוו און דאָס גאַסטפרײַנדליכע הויז פון נחום סירקין. — צוזאַמענקום מיט אַ גרופּע ליבהאָבער פון אידישער ליטעראַטור. — באַקאַנטשאַפט מיט דוד בערגעלסאָן. — דער אַמאָליקער און דער איצטיקער בערגעלסאָן. — „דער אידישער אַלמאַנאַך". — פּרצופים ספרותיים.

אין 1909 און 1910 בין איך אָפט געווען אין קיעוו. געצויגן האָבן מיך אַהין פּערזענליכע ענינים, אָבער די וואַכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אָט דער אײנציקאַרטיקער שײנער שטאָט זײַנען שטאַרק אײַנגעקריצט געוואָרן אין מײַן זכרון ניט נאָר צוליב דעם פּערזענליכן אַליין, נאָר אויך צוליב די באַגעגענישן מיט אַלטע און נײַע באַקאַנטע, צו וועלכע איך האָב דערנאָך אַ געוויסע צײַט זיך געפילט זייער נאָענט. ווי באַקאַנט, האָט סתם אַ איד, אָן אַ געוויסן זכות, ניט געטאָרט וואוינען אין קיעוו, מ'איז געווען אָנגעוויזן אויף דער גאַסטפרײַנטשאַפט פון אַנדערע. איך האָב געוואוינט בײַ דעם באַקאַנטן ציוניסט און עסקן אינזשיניר נחום סירקין. זײַן הויז איז געווען דער צענטער פון דעם ציוניסטישן און גײַסטיקן לעבן אין

שמריהו גאָרעליק

קיעוו. סירקין און זיין סימפּאַטישע פרוי זיינען ביידע געווען די איי־דעאַלסטע טיפּן פון גאַסטגעבער: זיי זיינען שטענדיק געווען אין אַ גוטער, מ׳קען אַפילו זאָגן, פריילעכער שטימונג. די טיר פון זייער וואוינונג האָט זעלטן זיך צוגעמאַכט, שטענדיק פלעגט ווער קומען, אין דער אייגענער צייט אָבער האָט דאָרטן אויך געהערשט די גרעסטע אָרדנונג. עס איז געווען אַ ברייט, פאַרמעגליך הויז. דעם באַגאַבטן סירקין, באַגאַבט אַלס רעדנער, זשורנאַליסט און עסקן, איז מאַטעריעל זייער גוט געגאַנגען. ווען איך אַ הויז קאָנצענטרירן זיך אַזוינע אַנ־גענעמליכקייטן פון לעבן ווי יוגנט, אַנערקענונג, באַליבטקייט ביי מענטשן און פאַרמעגליכקייט, איז עס אַ גליקליך הויז, און וואוינען דאָרטן ווי אַ גאַסט האָט געמוזט זיין אַנגענעם. מיר איז דאָס אויך געווען זייער אנגענעם, פונדעסטוועגן פלעג איך גאַנץ אָפט פאַרלאָזן סירקינס הויז און דאָס פולסירנדע לעבן דאָרט כדי זיך צו באַגעגענען מיט אַ גרופּע אידישע יונגע לייט, וואָס האָבן געוואוינט אויף דער קיעווער פאָרשטאָט פּאָדאָל.

אָט די יונגע לייט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוואַלדיקער ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור און זיינען געווען פלייסיקע, אונ־דערמידליכע לייענער פון געדרוקטן וואָרט. אייניקע פון זיי האָבן געפּרואווט אַליין שרייבן, אָבער נאָך פאַרשעמט, באַשיידן. דער שטאָלץ פון דער גרופּע איז אָבער געווען דאָס, וואָס צווישן זיי געפינט זיך איינער, וואָס האָט מיט זיין ערשטן ביכל, אמת געדרוקט אויף זיינע אייגענע הוצאות, שוין אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק און ער גרייט זיך צו אַ סך ערנסטערע ליטעראַרישע מעשים. די גרופּע האָט אויף דעם מיטגליד ממש זיך געשוואָרן, זי איז געווען גליקליך צו זיין די איינציקע וויסערין פון דער גרויסער צאָל אָנגעשריבענע זייטן פון אַ נייעם גרויסן ראָמאַן, וואָס וועט מיט אַמאָל רייכער מאַכן די אידישע ליטעראַטור. זי האָט געקענט דעם ראָמאַן און שוין ווי אייגעלעבט זיך מיט די העלדן. אַ שיינער יונ־גערמאַן, אַ בלאָנדער, מיט אַ ווייכער באַריטאָן שטימע, וואָס האָט זיך געקליבן צו ווערן אַ שוישפּילער, פלעגט פאַרלייענען פאַר די חסידים פון דעם אויפגייענדיקן שטערן די שענסטע בלעטער פון דעם ראָמאַן.

אָט דער יונגער שטערן איז געווען דוד בערגעלסאָן. די ברידער

מייזיל, נגידישע זין פון אַ חסידישער פאַמיליע, האָבן געהערט צו די הויפּט אָנזאָגער און פאַרשפּרייטער פון דעם נייעם ליכט. דער עלטערער פון די ברידער, נחמן מייזיל, האָט זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיט דער אידישער ליטעראַטור, בעת די יונגערע זיינען געווען פלאַמנדיקע אנהייגער פון דער העברעאישער ליטעראַטור. זיי אַלעמען האָט אָבער פאַראייניקט די שטאַלצע התפּעלות פאַר בערגעלסאָנס טאַלאַנט.

ווי אַזוי איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אָט דער גרופּע יונגע לייט, ווי אַזוי איך האָב זיך באַקאַנט מיט זיי, געדיינק איך ניט מער. זיכער איז אַז נאָך איידער איך האָב זיי באַגעגנט האָב איך שוין געהאַט געלייענט בערגעלסאָנס ערשטן בוך „אַרום וואָקזאַל" און עס האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק, סיי מיט דער נייער ליטעראַרישער פאָרמע, סיי מיטן אינהאַלט. ווי אַן עלעגיע האָט געווירקט אויף מיר די שילדערונג פון אָט דעם שלימזל בינוש רובינשטיין, וואָס איז אַ צילברעט פאַר ליצנות מצד די פּוסטע, זעליש פאַרהאַרטעוועטע מענטשן, אָט די אַלע תבואה הענדלער אַרום וואָקזאַל. מיט ווייניק קינסטלערישע מיטלען ווערט אַ סך דערגרייכט, אָבער דאָס ווייניקע איז עכט, אמתדיק. אַזאַ זעליש פיינקייט, אַזאַ ליריזם האָב איך ביז דאַן נאָך ניט געהאַט באַגעגנט אין אונזער ליטעראַטור. ביים לייענען בערגעלסאָנען קומען אַרויף דעראינערונגען פון דעם וואָס מ'האָט געלייענט ביי האַמסונען, הערמאַן באַנגן, אָבער קיינמאָל, אויף קיין רגע, דער געדאַנק פון נאָכגעמאַכטן, אָדער אַפילו באַאיינפלוסטן. די שטילע ליידן פון בערגעלסאָנס מענטשן זיינען צו עכט מ'זאָל אַזוינס אַפילו צולאָזן. אַ וואונדערבאַר בוך. איך האַלט עס נאָך היינט פאַרן בעסטן און קינסטלעריש פולקאָמסטן פון אַלץ וואָס בערגעלסאָן האָט געשריבן. און בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן אַ סך שיינע זאַכן.

איז בערגעלסאָנען דעם שרייבער האָב איך שוין געקענט און פון אים שטאַרק געהאַלטן, געזען האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל ביי די נגידישע זין, ביי די מייזילס. דאָרטן האָבן אויף מיר געוואַרט די ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, די באַגייסטערטע יונגע לייט. זיי האָבן מיר דערציילט אַז איך בין ביי זיי דער ערשטער אידישער שרייבער מיט וועמען זיי זיינען פּערזענליך באַקאַנט געוואָרן.

שמריהו גאָרעליק

לכבוד דעם גאַסט האָט מען אויפן לאַנגן טיש אויסגעשפּרייט אַ פרישן ווייסן טישטוך, מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און איך האָב געמוזט ריידן. דוד בערגעלסאָן איז אויך געזעסן ביים טיש, שטיל, באַשיידן, ווי האַלב פאַרשעמט, ווי ניט זיכער ביי זיך. אמת, זיין בוך האָט אַרויסגערופן זייער אַ גוטע קריטיק, פונדעסטוועגן איז געווען שווער צו פאַרגעסן אַז קיין פאַרלאַג האָט ניט געוואָלט אַננעמען דאָס בוך און ער האָט עס געמוזט אַרויסגעבן אויף אייגענע הוצאות. די גאַנצע גרופּע, מיט דער צענטראַלער בערגעלסאָן פיגור, איז בכלל געווען פון דעם סימפּאַטישסטן סאָרט משכילישער פּראָווינץ יוגנט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס מ׳האָט געוואוינט אין קיעוו. מער פון אַלעמען האָט געמאַכט דעם סימפּאַטישן, פּראָווינץ־מעסיקן איינדרוק טאַקע דוד בערגעלסאָן אַליין. זיין ברייטער קינסטלערישער קראַוואַט, די קודלעס האָר — ניט קיין לאַנגע האָר, נאָר טאַקע קודלעס, — דאָס פאַרזיכטיקע, אומזיכערע אויפטרעטן און דער רעספּעקט פאַרן שרייבער פון דער גרויסער שטאָט, דאָס אַלץ האָט דערציילט פון פּראָווינץ. אַפילו זיין מאַטעריעלע אומאָפּהייניגקייט איז אויך געווען פּראָווינצ־מעסיק. ניט קיין באָהעמישע קינסטלערישע נאַטור, חלילה, נאָר אַ סאָלידער, אַ ביסל עלטערער בחור, וואָס האָט געקראָגן אַ חלק פון אַ פיינער ירושה, און אָט דער חלק געפינט זיך אין גוטע הענט פון אַן עלטערן ברודער אַ סוחר, איז בערגעלסאָן מאַטעריעל באַזאָרגט, ער דאַרף ניט שרייבן האַסטיק מחמת ער איז חלילה פאַרביטערט, נאָר רואיק, פּאַמעליך קען ער אויסדערציילן די ליידן פון זיינע העלדן, מאָלן זעלישע לאַנדשאַפטן. גאַנץ אָפט האָט בערגעלסאָן פאַרגעליי־ענט פאַר מיר פון זיינע געדיכטע באַשריבענע העפטן און איך בין ניט מיד געוואָרן הערנדיק, ווייל איך האָב זיינע העלדן ליב געהאָט. כמעט דעם גאַנצן כתב יד פונם ראָמאַן „נאָך אַלעמען" האָט ער פאַר מיר פאַרגעלייענט נאָך איידער ער איז דערשינען אין פאַרלאַג קלעצקין. ער האָט אויך פאַרגעלייענט פילע קאַפּיטלעך פון נייע זאַכן. אין יענער צייט איז בערגעלסאָן געווען פאַרנומען מיט שרייבן אַ גרויסן ראָמאַן, אין וועלכן די הויפּט ראָלע האָט געדאַרפט שפּילן אַ אידישער אינטע־ליגענט, אַן אויסגעוואַרצלטער, אַ באַדנלאָזער, אַ שטיל פאַרצווייפל־טער, אַ שיין־אומגליקליכער. ער וועט ניט ריידן אַזוי פיל ווי יאהאַן

נאגעל, למשל, אין האַמסונס „מיסטעריען״, אָבער זעליש געהערט ער צו דערזעלבער פאַמיליע, צו דער ראַסע פון די וואָס שטייען אַן אַ זייט, די פרעמדע צווישן מענטשן און אין לעבן. און אויסגעוואָרצלט איז ער ניט אין דעם זין פון ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, ווייל עס פעלט אים מער ווי נאָר אַ היים, אָדער אַ לאַנד. און, פונקט ווי ביי האַמסונען, קומט אויך בערגעלסאָנס העלד אין אַ אידישער פּראָווינץ שטאָט בלויז אויף אַ ווײַלע און בלייבט דאָרט, ניט וויסנדיק אייגנט־ליך פאַרוואָס און צוליב וואָס. די שטאָט, די שטעטלעך און די מענטשן ווערן באַשריבן, געמאָלט אין זונענאונטערגאַנג פאַרבן. דאָס זיינען אוקראַאינישע שטעטלעך, דאָס איז קליין און גרויס סעטרעניץ.

אין די ווינטער פאַרנאַכטן, ווען איך האָב אָפט פאַרבראַכט ביי בערגעלסאָנען אין שטוב, פלעגט אַמאָל קומען יענער שיינער בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געקליבן אַנצוקומען אין דראַמאַטישן טעאַ־טער. ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק גאַנצע זייטן פון בערגעל־סאָנס נאָך ניט פאַרענדיקטן ראָמאַן, און די גאָר שיינע שטעלן פלעגט ער רעציטירן. איין שטעלע געדיינקט זיך מיר זייער גוט ווייל נאָך זיין רעציטירן איז געבליבן אַן איינדרוק פון אַ באַגליקנדן אומעט.

שבת פאַר־נאַכט אין קליין סעטרעניץ, — האָט לאַנגזאַם, פאַר־טראַכט זיך צעגאָסן די שטימע פון דעם באַגאַבטן רעציטאַטאָר, און מיט אַמאָל איז אויפגעשטאַנען דאָס אוקראַאיניש שטעטל, מיט דער מעלאַנכאָלישער לעצטער שבת שעה, אויף וועלכער עס לויערט שוין די וואָך . . .

ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון פּאַדאָל צום צענטער פון שטאָט, צו מיינע ליבע פריינט און גאַסטגעבער די סירקינס און, ווי געוויינליך, דאָרטן געפונען אַ גאַנצע ציוניסטישע געזעלשאַפט און אויך שטודירנדע יוגנט, האָב איך זיי געזאָגט: אַ האַלבע שעה גאַנג פון אייך וואוינט אַ באַדייטנדער אידישער שרייבער, אַ נייער אייגנ־אַרטיקער טאַלאַנט, און איר ווייסט גאָרניט דערפון. דוד בערגעלסאָן הייסט דער שרייבער, און איר קענט אים גאָרניט.

אַ לאַנגע צייט האָב איך עס געהאַלטן פאַר אַ פאַרדינסט וואָס איך בין געווען איינער פון די ערשטע — דער ערשטער איז, דוכט מיר, געווען א. ווייטער, — וואָס האָט געהאַלפן באַקאַנט מאַכן בערגעלסאָנס

נאָמעןביים אידישן עולם. אַ געוויסע צייט שפּעטער, שוין זייענדיק אין בערלין, האָב איך אָפּגעדרוקט אין דער באַקאַנטער דייטש־אידי־שער מאָנאַטשריפט „אָסט און וועסט״ אַן אַרטיקל וועגן בערגעלסאָנען, איך האָב אויך געפּועלט אַז אין דעמזעלבן נומער זאָל געדרוקט ווערן בערגעלסאָנס אַ דערציילונג אין אַ דייטשער איבערזעצונג.

דאָס איז אַלץ וואָס איך קען און וויל דערציילן וועגן בערגעל־סאָנען אין מיינע זכרונות. איך האָב געקענט דעם בערגעלסאָן נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פון זיין ראָמאַן „נאָך אַלעמען״ און אויך דעם גאַנץ אַנדערן בערגעלסאָן, אַנדערש ווי אַ מענטש און שרייבער, נאָך דער מלחמה און רעוואָלוציע, ווען איך פלעג אים פון צייט צו צייט באַגעגענען אין בערלין, וואו ער האָט געוואוינט אין משך פון אַ סך יאָרן. איך ווייס וועלכע נייע זאַכן ער האָט אָנגעשריבן, אייניקע פון זיי האָב איך געלייענט, איך האָב אָבער שוין ניט געהאַט און ניט געקענט האָבן וועלכע ס׳ניט איז אינערליכע באַציאונג צו דעם נייעם פאַרענדערטן בערגעלסאָן, ווי אויך צו זיין פאַרענדערטן שאַפן. ווי געזאָגט, האָב איך אים ווען ניט ווען געטראָפן, קאָרעקט זיך באַגריסט, אָבער אייגנטליך קען איך אים ניט מער. איך קען און דערמאָן זיך וואַרעם נאָר אין דעם בערגעלסאָן פון אַמאָל, בעת ער איז נאָך געווען אומבאַקאַנט און האָט געשריבן זיינע שענסטע זאַכן, וואָס וועלן ב ל י י ב ן. זיי וועלן בלייבן דערפאַר ווייל זיי אנטהאַלטן די איידלסטע סובסטאַנץ, וואָס פאַרלירט קיינמאָל ניט איר ווערט — מענטשליכע ליידן, דאָס ליידן פון דער מענטשליכער נשמה.

אגב, מיין אָפטער צוזאַמענקומען אין קיעוו מיט דער בערגעלסאָן גרופּע האָט אויך געהאַט אייניקע ליטעראַרישע פאָלגן. עס איז אַרויס אונטער מיין רעדאַקציע אַ זאַמלבוך „דער אידישער אַלמאַנאַך״, מיט ווערטפולע זאַכן פון בערגעלסאָן, נסתר און אַנדערע. נחמן מייזילס ברידער, וואָס האָבן געהערט צו דעם העברעאישן טייל פון דער גרופּע האָבן אַרויסגעגעבן מיינע אַרטיקלען וועגן האַמסונען, סטרינדבערגן, ראַדענבאַכן און הייערסמאַנען אין אַ באַזונדער ביכל אונטערן נאָמען „פּרצופים ספרותיים״.

ע ס י י ע ן

צ ו ו ע ל פ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

בעל מחשבות רעדט אַ גאַנצע נאַכט. — לעווינסקי. — אליהו ליובאַרסקי און אַ ניט אויסגעפירטע רייזע קיין אַמעריקע. — אַדעסער באַגעגענישן: מ. ליליענבלום, לינעצקי, מענדעלע מוכר ספרים.

איך וואָלט ניט וועלן פאַרענדיקן מיינע דעראינערונגען וועגן די וואָכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קיעוו און ניט שילדערן מיין באַגעגעניש דאָרט מיט בעל מחשבותן (דר. עליאשעוו). דאָס איז געווען ניט די ערשטע באַגעגעניש, הגם אַלע פריערדיקע באַגעגענישן זיינען על פי רוב געווען פון אַ צופעליקן, פלוצליכן, אונערוואַרטעטן כאַראַקטער. מ׳גייט, למשל, אַריין אין בערלינער קאַפע „מאַנאָפּאָל" און מיט אַמאָל טרעפט מען דאָרטן בעל מחשבותן זיצן. ער פאָרט פ ו ן ערגעץ, אָדער ער פאָרט ערגעץ ו ו א ו ה י ן, בערלין איז נאָר אַ סטאַנציע אויף אַ טאָג, אָדער גאָר אויף אַ פּאָר שעה. באַגעגענט ער צופעליק אַ חבר אַ שרייבער צו וועמען ער האָט קיין שום אינערליכע באַציאונג, איז עס פאַר אים אַ גוטע געלעגנהייט פלוידערן אַ היפשע ווילע, אַ איינזייטיקער פלוידערן, ווארים, ווי אַלע גייסטרייכע פלוידערער, איז אויך בעל מחשבות אַ מאָנאָלאָגיסט, דאָס הייסט, ער אַליין רעדט און איר האָט דעם געפיל אַז איר ווערט אויסגענוצט ווי אַן אָביעקט וואָס דאַרף צוהערן. ער שיט פאַר אייך אויס קליינע, גייסטיקע פאַרמעגנס, ניט ווייל ער רעכנט אייך באַזונדערס ראוי זיי צו שעצן, עס איז גענוג אַז איר הערט. פּרוּאווט אַוועקגיין, אַן אַנדערער, נאָך מער צופעליק באַקאַנטער, און אַפילו ניט קיין קאָלעגע שרייבער וועט פאַרנעמען אייער אָרט, דער מאָנאָלאָגיסט וועט אַלץ איינס ווייטער פירן זיין רייכן מאָנאָלאָג. אָדער, איך גיי אויף די טרעפּ צו מיין צימער אין ווילנער האָטעל און טרעף אין קאָרידאָר בעל מחשבותן אין דער באַגלייטונג פון זיין יונגער, אויסערגעוויינליך שיינער פרוי. זיי זיינען טאַקע אָקאָרשט געקומען פון וואָקזאַל. אין אַ קורצער ווילע אַרום זיצן מיר שוין אין ווילנער זומער קלוב ביים מיטיק טיש. בעל מחשבות נעמט אַרויס פון קעשענע אַ בייכיקע

פלאַש מיט אמתן בענעדיקטינער ליקער, מ׳עסט, מ׳טרינקט און עס פליסט אַ ווערטער שטראָם פון דעם מאָנאָלאָגיסט. און ווידער האָט איר דעם געפיל אַז איר זייט ניט מער ווי דער אָביעקט פון צוהערן.

אין קיעוו איז די באַגעגעניש געווען אַ ווייניקער צופעליקע. בעל מחשבות האָט דאַן געוואוינט אין ריגע, וואו ער האָט רעדאַגירט אַ טעגליכע אידישע צייטונג. קיין קיעוו איז ער איינגעלאַדן געוואָרן קומען האַלטן אַ פאָרטראַג איבער אידישער ליטעראַטור. פאַר זיין טעמע האָט ער אויסגעקליבן: מענדעלע. עס זיינען דאָ אַ סך מענטשן, וואָס זיינען גלענצענדע רעדנער אין אַ קליינעם קרייז, ווען עס קומט זיי אָבער אויס צו שטיין אויף אַ טריבונע פאַר אַ גרויסן עולם זיינען זיי הילפלאָז, שטום. בעל מחשבות איז געווען איינער פון זיי. זיין פאָרטראַג האָט ער געלייענט פון מאַנוסקריפּט. די טעמע: מענדעלע, האָט ניט געקענט ווירקן סענסאַציאָנעל, אָנציענד, פונדעסטוועגן איז געקומען אַ גרויסער עולם, פּשוט אויס דרך ארץ צום באַקאַנטן קריטיקער. נאָך דעם פאָרטראַג האָט אַ קליינער עולם פון כלל טוער, ציוניסטן און מענטשן וואָס האָבן אַ שייכות צו ליטעראַטור, ווי געוויינליך, זיך פאַרזאַמלט אין אַ קאַפע, און ערשט פון דאָרטן איז מען אַוועק צום אינזשיניר נחום סירקין, וואו בעל מחשבות האָט באַדאַרפט איבערנעכטיקן. איך האָב אויך געוואוינט ביי סירקינען.

פון א י ב ע ר נ ע כ ט י ק ן, דורכשלאָפן די נאַכט איז געוואָרן אַ ד ו ר כ ר י י ד ן די נאַכט. נאָך צוועלף אַזייגער האָט מען געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און מיר זאַלבעפערט, סירקין, זיין פרוי, בעל מחשבות און איך, זיינען געזעסן אין דעם געמיטליכן עסצימער און האָבן פאַרבראַכט. באַלד אָבער איז דאָס פאַרברייגגען באַשטאַנען אין זיצן און הערן בעל מחשבותן ריידן. דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן אַלץ נייע שעהן, דער סאַמאָוואַר איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן, אונזערע פּנימער האָבן, פון ניט שלאָפן און אָנשטריינגונג, אָנגענומען אַ מין ערד קאָליר, און בעל מחשבות האָט אַלץ גערעדט. עס איז געווען זייער ניט געמיטליך, ממש אומהיימליך צו הערן ווי בעל מחשבות האָט דערציילט וועגן זיינע פּערזענליכע, אינטימע ענינים, וועגן זיין פאַמיליען לעבן. דאָס איז ניט געווען קיין ציניזם, נאָר עפּעס ווי איינער וואָלט זיך דערווייטערט פון זיך אַליין און רעדט

עסייען

וועגן זיך ווי ער וואָלט גערעדט וועגן עמיצן אַנדערש. ניט בעל מחשבות, נאָר עפּעס אַן אַנדער מענטש האָט אַזאַ שיינע פרוי אין וועלכער מענער מוזן זיך פאַרליבן און, בעת אָט די פריילעכע, געזונטע מענער רינגלען זי אַרום, באַשיטן זי מיט קאָמפּלימענטן, גייט אָט דער אַנדערער, איר מאַן, וואָס איז קראַנק און אַלט, הגם נאָך ניט קיין פער־ציק, שלעפּט זיך נאָך, שלעפּט זיין האַלב פאַראַליזירטן פוס . . .

עס איז שוין לאַנג טאָג געוואָרן, די גאַסן האָבן שוין אָנגעהויבן ווערן באַלעבט, און מיר זיינען נאָך אַלץ געזעסן, מיד און צעבראָכן, ניט אַזוי פון דעם ניט שלאָפן ווי פון דעם צוהערן. אַכט אַזייגער האָט בעל מחשבות באַדאַרפט אָפּפאָרן צוריק קיין ריגע, און ביז האַלב אַכט האָט ער גערעדט. איך האָב אים געבראַכט צום וואָקזאַל. אין דעם ברייטן פאַעטאָן איז ער געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף אַ קישעלע מיט צוגעמאַכטע אויגן. איך האָב געקוקט אויף זיין געעלטערטן, פאַר־וועלקטן פּנים. אַ העכסט טרויעריקער אַנבליק.

די שטאָט אָדעס, די אָדעסער לופט, דער ים און די שיינע דער־אינערונגען פון דער יוגנט ווען איך האָב געלעבט דאָרט אַ שטיקל צייט, האָבן מיך שטענדיק געצויגן אַהין. אָן וועלכן ניט איז גרונד, אָדער צוליב עפּעס אַן אויסגעטראַכטן ענין, צי סתם עפּעס אַ אילוזיע, האָב איך אין אַ פרימאָרגן געקענט איינפּאַקן מיין טשעמאָדאַן און זיך דורכפאָרן קיין אָדעס. אודאי וואָלט געווען גלייכער זיך אָנפרעגן מיט אַ בריוו ביי ביאַליקן צי דער פאַרלאַג „מוריה" וואָלט אַ בעלן געווען אַרויסצוגעבן מיינעם אַ בוך, אָבער דער הימל אין אָדעס איז אַזוי בלוי, די מענטשן דאָרט, ניט קוקנדיק אויף די ספּעציפישע אָדעסער חסרונות, זיינען עפּעס פרייער ווי אין אַנדערע שטעט, באַשליס איך ניט שרייבן, נאָר אַליין „צופאָרן", הגם דער צופאָרן מיט דער באַן דויערט כמעט צוויי טעג. מיין אַרטיקל וועגן דעם מאַלער לעוויטאַן, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „השלח" האָט אויך געקענט אָנקומען דורך פּאָסט, אָבער איך ברענג אים בעסער פערזענליך, ווייל איך וויל זיין אין אָדעס. ווען ניט ווען פלעגן די רייזן קיין אָדעס זיין פאַרבונדן מיט ערנסטערע ליטעראַרישע פּלענער. איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק וועגן אַ ליטעראַרישער אונטערנעמונג אין אידיש און האָב געוואָלט פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג דורך אַ ביסל גוט

באַצאָלטע אַנאָנסן. איך האָב מיט דער אַדעסער סוחרישער וועלט ניט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען, דערפאַר אָבער האָט דער גוטער לעווינסקי זיי יאָ געהאַט, און וויבאַלד אַ גוטער, הייסט עס אַז לע־ווינסקי קען אַ בקשה ניט אָפּזאָגן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין אַ ביז גאַר וואָרימען אַדעסער נאָכמיטיק האָט לעווינסקי, אַ ביז גאַר פאַרנומענער מענטש, זיך אויפגעזעצט אויף אַ איזוואָזטשיק און איז געפאָרן צו עטליכע באַקאַנטע סוחרים קריגן ביי זיי אַנאָנסן. ער האָט זיי טאַקע געקראָגן אויך, און וואָס נאָך, ער האָט אַפילו געקראָגן ביי זיי דאָס געלט באַצאָלט פאָראויס, פאַר די נאָך ניט געדרוקטע אַנאָנסן. אַלע האָבן געוואוסט אַז לעווינסקי אַליין האָט ליב טאָן אַ טובה, דער עיקר חברים שרייבער, האָט שוין קיינער ניט געוואַגט אים אָפּזאָגן. פון דער ליטעראַרישער אונטערנעמונג איז ליידער גאָרניט געוואָרן און לעווינסקי האָט געקראָגן צוריק דאָס געלט פאַר די באַ־צאָלטע אַנאָנסן.

איין מאָל האָט מיינע אַן אַדעסער רייזע זיך שיר ניט געענדיקט מיט נאָך אַ וויטערער רייזע אַזש קיין אַמעריקע. אויב דאָס האָט ניט פּאַסירט איז עס געווען נאָר דערפאַר וואָס איך האָב אינערליך ניט געפילט זיך צוגעגרייט צו פאָרן אין יענעם לאַנד. איך באַגעגן אין אַדעס אברהם אליהו ליובאַרסקין, דעם באַקאַנטן פאַרטרעטער פון דער וויסאָצקי טיי און נאָך מער באַקאַנטער פיגור צווישן די חובבי ציון קרייזן. ער איז אויך געווען באַקאַנט ווי אחד העמס אַן איבער־געגעבענער פריינט. ליובאַרסקי, אָדער אברהם אליהו, ווי זיינע ציוני־סטישע פריינט פלעגן אים רופן, איז געווען אַ הויכער, פולער איד, מיט אַ כריפּלען, אַפּאָפּלעקסישן לאַכן, וואָס מ׳קען אָפט הערן ביי מענטשן וואָס האָבן ליב גוט אָפּעסן און אַנדערע ניט שלעכטע זאַכן. אַ העכערער סאָרט וואָיאַזשאָר פון אַ וועלט באַרימטער פירמע, דאָס הייסט, אַז ער שטעלט זיך אָפּ אין די בעסטע האָטעלן, עסט די בעסטע עסנס, און מיט שוין עלטערע אויגן קוקט ער וואו קען מען נאָך נאַשן אַ ביסל עולם הזה. פונדעסטוועגן איז ער געווען ניט ווי אַלע וואָ־יאַזשאָרן, אַפילו פון העכערן סאָרט, ער איז געווען מער ווי דאָס, אַ וואָיאַזשאָר מיט אַ נשמה יתירה. שרייבער האָט ער ליב געהאַט מיט אַן אמתער ליבע, צו אייניקע האָט זיין געטריישאַפט גאָרניט געהאַט

קיין גרענעצן. דערצו איז ער געווען אַ וואַרימער ציוניסט און געהאַט אַ ברייטע, אָפענע האַנט. באַגעגן איך אים אין אָדעס, נאָכדעם ווי איך האָב אים שוין געהאַט געזען אַ פּאָר מאָל אין ווילנע, און ער זאָגט מיר אַז די אַמעריקאַנער ציוניסטן — ליובאַרסקיס שטענדיקער וואוין אָרט איז געווען ניו יאָרק — זוכן אַ נייעם רעדאַקטאָר פאַר דער ניו יאָרקער וואָכנבלאַט „דאָס אידישע פאָלק", אפשר וואָלט איך געוואָלט איבערנעמען די רעדאַקציע און פאָרן קיין אַמעריקע. דער פאָרשלאָג איז געווען רייך אין פּערספּעקטיוון און עס איז אוממעגליך געווען זיך אָפּזאָגן, האָב איך געזאָגט „יאָ", מיט דער האָפענונג אַז פון דעם וועט גאָרניט אַרויסקומען, ווייל מיין האַרץ האָט קיינמאָל ניט געצויגן קיין אַמעריקע און דעמאָלט אודאי ניט. איך האָב געמיינט, אַז די פאַרהאַנדלונגען וועלן זיך ציען און ציען, דערווייל וועט מען זיך קענען מישב זיין און זאָגן „ניין". ליובאַרסקי איז אָבער געווען אַ געשעפטסמענטש, גרעסערע געשעפטן האָט ער דורכגעפירט טעלעגראַפיש, האָט ער אויך דעם ליטעראַרישן ענין אָפּגעפטערט אויפן שנעלסטן אופן. איך האָב אַפילו נאָך ניט געהאַט זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק פון פאָרן, און שוין איז געקומען אַ טעלעגראַפישער ענטפער פון דאָקטאָר מאַגנעסן אַז די ניו יאָרקער ציוניסטן זיינען מסכים און ליובאַרסקי זאָל אויסלייגן פון זיין קעשענע אויף הוצאות הדרך פאַר מיר.

איך בין געווען נידערשלאָגן פון אָט דער שנעלקייט. איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט אָדעסער און קיעווער באַקאַנטע, האָב געפּאַקט די זאַכן, גענומען אַ גובערנאַטאָרסקען, אויסלענדישן פּאַס און בין געפאָרן . . . אָבער נאָר ביז . . . ווילנע. אין ווילנע איז מיר קלאָר געוואָרן אַז איך פאָר ניט פאַר אַמעריקע און פון דעם גאַנצן ענין איז גאָרניט געוואָרן.

אין אָדעס האָב איך בייגעוואוינט אַ באַנקעט, וואָס ליובארסקיס אָדעסער פריינט האָבן פאַר אים געמאַכט פאַר זיין אָפּפאָרן, און צום ערשטן און לעצטן מאָל האָב איך דאָרטן געזען איינעם פון די ציוניס־טישע קלאַסיקער, משה לייב ליליענבלום. ווען מ׳זעט צום ערשטן מאָל אַ מענטשן, וואָס קלייבט זיך שוין אָט אָט פאַרלאָזן די וועלט, איז פּונקט ווי מ׳וואָלט אַ גאַנץ יאָר געשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט

שמריהו גאָרעליק

ערשט בעת פון דעם יאָר זיינען געבליבן אינגאַנצן די לעצטע צוויי דעצעמבער טעג . . . געוועזן אַ פרילינג, זומער, האַרבסט, מ׳האָט עס אָבער ניט געזען, און אַט זיצט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע דער אַל־טער, אַלטער ליליענבלום מיט זיינע לעצטע עטליכע דעצעמבער טעג. איך האָב געקוקט אויף זיין פּנים, אַ פּאַטריאַרכאַליש געזיכט, אָבער אָן ווייכקייט, אַ מתנגדישער פּנים, און איך האָב געטראַכט אַז ער איז זייער ענליך אויף דעם רוסישן שרייבער סאַלטיקאָוו שטשעדרין.

אויף יענע רייזעס קיין אָדעס, אין 1090־1911, האָב איך אָפּט זיך אָנגעשטויסן אויף פּערזענליכקייטן, וואָס איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט אַז מיר וועט אַמאָל אויסקומען זיי באַגעגענען. אַזוי, למשל, גיי איך איין פּאַרמיטיק אַריין אין דעם פאַרלאַג „מוריה״ און טרעף דאָרט אַ קליינטשיקן אידן, מיט אַ קליינער ווייסער באָרד, זייער ציכטיק אָנגעטאָן, און דער איד שיט פעך און שוועבל אויף עמיצן אין אַ געשמאַקן וואָלינער אידיש. אַזוי ציכטיק, אַזוי אַלט, און אַזוי פאַרביטערט. דאָס איז געווען לינעצקי. אייגנטליך האָט ער ניט געהאַט קיין אורזאַך צו זיין פאַרביטערט. זיין „פּוילישער אינגל״ איז אַריין אין אונזער קלאַסישער ליטעראַטור. די ליטעראַטור היסטאָריקער שטעלן זיך אָפּ אויף אים, ריידן אַ סך וועגן אים, שווין אפשר צופיל, און גיבן אים אָפּ כבוד, פונדעסטוועגן — פעך און שוועבל אין אַ געשמאַקן וואָלינער אידיש. וואָס איז? מענדעלע! מענדעלע קריגט מער כבוד. אַז מענדעלע האָט דעם גרעסערן כבוד כשר פאַרדינט איז זיין קלענערן ליטעראַרישן ברודער לינעצקי ניט איינגעפאַלן.

אין אָדעס האָב איך אויך געזען מענדעלען, און גראָדע ווען ער איז געווען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג. ער איז אָקאָרשט גע־האָט געקומען פון זיין גרויסער נסיעה איבער פּוילן און ליטע. די וואַרימקייט, די ליבע, מיט וועלכער דער אידישער לייענער האָט אים אומעטום באַגעגנט, האָט דעם כמורנעם זיידן געמאַכט ווייך, ביז גאָר סענטימענטאַל. גערירט, טיף גערירט, האָט ער וועגן דעם דערציילט און מיר — ביאַליק, ראַווניצקי, פּרץ הירשביין און איך — האָבן יענעם שבת אינדערפרי אים אויסגעהערט און מיר האָבן זיך געפרייט וואָס דער זיידע איז אַ ביסל ווייכער געוואָרן, איז געווען גערירט.

אינהאַלט:

שמריהו גאָרעליק — 3
דער נביא — 7
רעליגיע און סאָציאַליזם — 15
שפינאָזאַ און מאַרקס — 20
טשעפּע מיך ניט — 25
ריידנדיקע און שווייגנדיקע פעלקער — 32
דער מענטש אין 1950 — 39
אַ לויב געזאַנג דער העפליכקייט — 47
דער געזאַלצענער הערינג — 52
די משוגע געוואָרענע מוראַשקע — 57
אַן שאָפּענהויערן איז ניט אויסצוקומען — 62
רחובותער אידיליעס — 68
די קונסט אַלט צו זיין — 76
די פילאָזאָפיע און עסטעטיק פון אַ גלאָז טיי — 82
מ'דאַרף אויך קענען פאַרגעסן — 88
זאָרגן איבער שיילאָק — 95
די העלדן און קרבנות פון פּאָלעמיק — 103
פאַרגעסן און מ'לייענט אים ניט מער — 109
דאָס שענסטע בוך איבער נאַפּאָלעאָן — 114
די ביאָגראַפיע פון יעקב וואַסערמאַן — 129
פינף זייבען עס געווען — 135
ביאַליק דער עסייאיסט — 142
מאַקס בראָד אַלס היינע ביאָגראַף — 153
פירער פון אייראָפּע — 161
איז געטהע געווען גליקליך? — 168
איבער דעם וועזן פון פּלאַגיאַטאָר און פּלאַגיאַט — 174
דער ראָמאַן פון אידישער איניציאַטיווע — 180
פירדוסי — 189
היינריך היינע — 194
אידישעס ביי מאַרסעל פּרוסט — 200
יעקב וואַסערמאַן — 207
הערמאַן באהר — 214
מיגועל דע אונאַמונאַ — 218
סטעפאַן געאָרגע — 225
אַרטור שניצלער — 229
וואַלטער ראַטהענאו — 234
ישראל זאַנגוויל — 242
געאָרג בראַנדעס — 249
שלום עליכם — 256
בעל מחשבות — 261
דר. נתן בירנבוים — 265
ליטעראַרישע זכרונות — 275־350